STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05477

OYF DER VOGSHOL

Ephraim Auerbach

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים אויערבאַך / אויף דער וואָגשאָל

אפרים אויערבאַך

אויף דער וואָגשאָל

באַנד 2

ליטעראַטור־דאַטעס, פּראָזאַיקער, עסייסטן, זכרונות

פאַרלאַג י.ל. פּרץ ישראל

תל־אביב תשל"ה — 1975

EFRAIM AUERBACH
OF DER VOGSHOL
I. L. Peretz Publishing house
Tel Aviv, 31 Alembi St.

אפרים אויערבאַך
אויף דער וואָגשאָל
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב אלנבי 31

Copyright 1975 by

CHANA AUERBACH

הגבור האלמוני 52
יד אליהו — תל־אביב

Printed in Israel

נדפס בישראל

דפוס „ראש פינה", רח' ראש פינה 19, תל־אביב



אפרים אויערבאַך

1973 — 1892

ה

100 יאָר יידישע ליטעראַטור

דער אָנהייב פון דער נייער יידישער ליטעראַטור רעכענען מיר פונעם יאָר, ווען מענדעלע מוכר ספרים האָט אָנגעהויבן צו דרוקן זיין „קליין מענטשעלע" אינעם „קול מבשר". האָב איך מסתמא אַ ביסל פאַרשפּעטיקט מיטן פּרווו אַ שמועס צו טאָן וועגן דער דאָזיקער היסטאָרישער דאַטע — די הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור. נאָר דאָס יאָר האָט מיך פאַרשלונגען די יידישע מדינה, — מיט אירע פריידיקע דערשיינונגען און טיף־ווייטיקדיקע פּראָבלעמען, — און איך האָב אין זיך נישט געפונען דאָס געמיט זיך צו פאַרטראַכטן איבערן צוויי מאָל יובל פון אונדזער ליטעראַטור, בפרט דעם אָנהייב אירן, מענדעלען.

דאָס שטעטל איז געווען די קינסטלערישע סביבה פון אונדזער ליטעראַטור. ביי איר סאַמע אָנהייב, און אַפילו אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, איר העכסטן אויפשטייג, איז נאָך אַלץ דאָס שטעטל געבליבן דער ווירקעוודיקער, קינסטלערישער כוח אין אונדזער ליטעראַטור. אוודאי, דער באַגריף שטעטל איז אַ געאָגראַפיש־עקאָנאָמישער, קליין אין פאַרנעם, אין דער באַפעלקערונג, אין די פרנסות. דער באַגריף שטעטל איז ביי אונדז אָבער אַ סך אַן אויסגעברייטערטער און, דער עיקר, אַ פאַרטיפטער. דער יידישער מענטש אין שטעטל האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין אייגענער סביבה. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אַ מין גייסטיקער אינדזל, וואָס האָט איינגעשטעלט אַ לעבנס־שטייגער, אַ לחלוטין אַנדערשדיקן ווי דער לעבנסשטייגער פון דער גוייִשער וועלט. דאָס שטעטל האָט געהאַט אייגענע מאָראַלישע סטאַנדאַרטן, אַפילו עסטעטישע ווערטן, וואָס לגמרי אַנדערש זענען זיי געווען פון דער מאָראַל און דער עסטעטיק ביים נישט־יידישן רוב. ווייל איך נישט צוריקגיין אַזוי ווייט ווי שלמה עטינגערס „סערקעלע" און אַנדערע ווערק פאַר מענדעלען. מיר האָבן אָנגענומען, אַז דער אָנהייב פון דער נייער יידישער ליטעראַטור איז מענדעלע. און זיין אָנהייב איז געווען „דאָס קליינע מענטשעלע", וואָס ער האָט געדרוקט אין המשכים אין „קול מבשר".

מענדעלע איז פאַר מיר אַ גרויס רעטעניש, וואָס יאָרן האָב איך געפּרוּווט געפינען אַן ענטפער אויף דעם. אַז מיר לייענען מענדעלע, קומט ביי אונדז אויס, אַז ער איז אַ מין טאָפּעלטע פּערזענלעכקייט. אַ קינסטלערישע סתירה איז דאָ אין אים, ממש אַ תהום פון איין מענדעלען צום אַנדערן.

מענדעלע איז געווען אַ גרויסער ליריקער, בעת ער האָט באַשריבן די נאַטור. ער איז געווען דער ערשטער ליריקער אין אונדזער ליטעראַ-טור, וואָס איז שייך נאַטור. ווער געדענקט נישט ווי ער באַשרייבט, בעת ער פאָרט אין וואַלד, מיט דער בויד זיינער, — דיביימער, דאָס פייגל-געזאַנג, אַפילו דעם דינעם וואַלד אַראָמאַט. דער עיקר, וואָס איר פילט דאָס אייגענע געזאַנג זיינס. די גאַנצע נשמה זיינע זינגט אינעם יחידות מיטן וואַלד, מיטן פערד, וואָס שלעפּט די בויד מיט די ספרים, מיט די קלענסטע באַשעפענישן, וואָס פילן אַן גאָטס וועלט. און ליריש-פילאָזאָ-פישע געדאַנקען זינגט ער אַרויס פון די כמעט ריטמישע שורות. אין דעם נאַטור-ליריזם מענדעלעס איז דאָ אַ גוטסקייט, אַ ליבשאַפט, וואָס פאַנגט אייך ממש.

דער אייגענער מענדעלע, אַז ער באַשרייבט דעם ידישן מענטש, איז ער שוין גאָר אַן אַנדערער. ער איז נישט סתם אַ שטראָפער, אַ מוכיח. ביאַליק, אין זיין „שחיטה-שטאָט", איז אויך אַ מוכיח, — אפשר דער שאַרפסטער שטראָפער אין אונדזער ליטעראַטור. אָבער אַפילו אין דעם ביטערניש ביאַליקס, וואָס יידן האָבן זיך געלאָזט אויסהרגענען, ווי די שאָף, איז אויך דאָ אהבת ישראל. אַז ער טענהט זיך אויס, ווי די זון האָט גע-שיינט און דער קוילער האָט געקוילעט, איז אין דעם דאָ איבערפלייצנ-דיקע ליבשאַפט צו יידן. און, אַז ער זאָגט: ווער קען באַצאָלן פאַר איין אומגעבראַכט יידיש קינד? דערשפּירן מיר אין אים דאָס גרויסע, ליבנ-דיקע יידישע האַרץ. שוין אָפּגערעדט פונעם קליינעם ליד: „אונטער די גרינינקע ביימעלעך", וואָס איז קלאַסיש אין דער פּאָעזיע אונדזערער מיט דער ליבשאַפט צום ידישן קינד.

און מענדעלע? ראשית, אפילו דער אופן ווי ער האָט אָנגערופן זיינע שטעטלעך. שלום עליכם האָט אויך געגעבן זיינע שטעטלעך אויסגע-טראַכטע נעמען, ווי יעהופּעץ, קאַסרילעווקע, בויבעריק. אָבער אינעם

קלאַנג אַליין פון די נעמען איז געווען ליבשאַפט. אַנדערש קלינגט מענדעלעס טונעיאַדעווקע, — הערט זיך איין אינעם וואָרט, וואָס אין מיטן איז דאָ דער קלאַנג יאַדע — צו געבן אַן אַנצוהערעניש אויף יאַדען. היינט קאַבצאַנסק, גלופסק, האָט נישט גלופסק דעם נאָכקלאַנג פון רוסישן „גלופאַ״, — וואָס מיינט נאַריש? און דער טייך — גנילאָ־פּאַטעווקע, צעפוילעניש. וועל איך נישט דערגיין צו אברהם קריבס עקסטרעמקייט און זאָגן, אַז מענדעלע איז געווען אַ שונא ישראל. אָבער אַ פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם איז ביי מיר דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור. ווי איז מעגלעך, אַז דער דינער ליריקער פון דער נאַטור זאָל זיין אַזאַ בייזער אין באַשרייבן דעם יידישן מענטש? זאָל קיינער קיין טעות נישט האָבן, אַז איך וויל אָפּפרעגן מענדעלעס גרויסע קינסט־לערישקייט. ער איז געווען דער ערשטער גרויסער קינסטלער אין אונ־דזער ליטעראַטור. דער סטיל זיינער, דער אופן ווי ער דערציילט אַ מעשה, ווי ער מאָלט מענטשן, — נישט נאָר אַ גאָט־געבענטשטער קינסטלער איז מענדעלע, נאָר אויך אַ באַוווסטזיניקער. ער האָט גע־שליפן יעדעס וואָרט. ער האָט באַוווסטזיניק געוואָלט שאַפן אַ דערהויבענע יידישע ליטעראַטור. און דאָס איז איינע פון גאָר הויכע מדרגות, בפרט פאַר יענער צייט, — הונדערט יאָר.

דאָ איז ווידער ביי מיר אַ רעטעניש: אויב אַ שרייבער איז קינסט־לעריש אָפּגעהיט, ווי מענדעלע איז געווען; אויב ביי אים איז רעכט איבערצושרייבן אַ מאַנוסקריפּט עטלעכע מאָל, כדי צו דערגרייכן די העכסטע מאָס פון פּערפעקטקייט — הייסט עס דאָך, אַז ער האָט ליב די שפּראַך פון זיין פאָלק; פון וואַנען, אויב אַזוי, נעמט זיך, וואָס דעם יידישן מענטש זעט ער דורכאויס נעגאַטיוו? וועט מען מיר זאָגן: השכלה. מענדעלע איז נאָך געווען דער עיקר דער משכיל, וואָס האָט זיך געשטעלט אַ קינסטלערישן ציל אויסצובעסערן דאָס יידישע לעבן? איז קודם דאַרפן מיר וויסן, אַז בדרך כלל איז די השכלה־ליטעראַטור נישט געווען קיין קינסטלערישע. סמאָלענסקינס „קבורת חמור״ שטייט ריין קינסטלעריש אויף אַ נידעריקער מדרגה. דער קינסטלער, אַז ער שטעלט זיך אַפילו אַ ציל אויפצורייסן די פאַלשקייטן אין דער סביבה זיינער, ווערט באַוועלטיקט פונעם דראַנג צו מאָלן מענטשן דערהויבענע,

מאָראַליש־ריינע. פאַרקערט, די דערהויבענע, מאָראַליש־ריינע מענטשן מאַלט ער, כדי צו ווייזן אויפן היפּוך פון איין טיפּ צום אַנדערן.

און ווידער דער קינסטלער דאַרף פאַרשטיין די מענטשן, וואָס ער מאַלט: פאַרוואָס זענען זיי אַזוי פאַרדאָרבן? אפשר איז שולדיק אין דעם דאָס אָרימע לעבן זייערס? אפשר האָט די שטענדיקע וואַכיקייט קעגן די געפאַרן, וואָס לויערן אויף זיי, אויסגעשמידט זייער כאַראַק־טער? און דער ייד פונעם רוסישן שטעטל פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, האָט דאָך געלעבט אין שטענדיקן פּחד. און כאַראַקטעריסטיש איז: — מענדעלע האָט געשריבן „די קליאַטשע”, — האָט ער פאַרשטאַנען די טראַגעדיע פונעם געטריבן איז דאָך מענטש, געפלאָגטן יידישן פאָלק. נאָר „די קליאַ־טשע” איז אַלעגאָריע, ווייל קיין לעבעדיקע מענטשן זענען נישטאָ, נאָר סימבאָלן. און נאָכאַמאָל פרעגט זיך: מענדעלע, דער גרויסער ליריקער פון דער נאַטור, וווּ איז זיין ליריזם בנוגע דעם יידישן מענטש? פאַר־וואָס איז ממש קיין שפּור נישטאָ דערפון אין זיין „קליין מענטשעלע”, אין זיין „פישקע דער קרומער”, אין זיין „טאַקסע” און אין די אַנדערע ווערק?

מכוח „פישקע דער קרומער” איז כדאַי דרך אגב צו זאָגן, אַז אַ מעשה פון בעטלערס האָבן מיר געהאַט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ סך פריער, פאַר מענדעלעס ווערק; ר׳ נחמן בראַצלאַווערס „מעשה בחז׳ בעטלערס”. ביי מיר איז קיין ספק נישט אַז מענדעלע האָט גע־לייענט די מעשה פון די זיבן בעטלערס, אַפילו אַז זיין „פישקע דער קרומער” איז געשריבן פון דער אייגענער דערפאַרונג זייגער. וואָס פאַר אַ מהלך עס איז צווישן די צוויי בעטלער־מעשיות. ר׳ נחמנס מעשה איז נישט נאָר הויכע פאָעזיע, נאָר אין די בעטלערס גיט ער אַריין דעם פולן יידישן טרויער. די יידישע בענקשאַפט נאָך גאולה. פלי פון דער יידישער מחשבה און פאַנטאַזיע איז דאָ אין דער „מעשה בחז׳ בעטלערס”. די בעטלערס אין מענדעלעס „פישקע דער קרומער” זענען דעגענערירטע מענטשן. דאָס גאַנצע שלעכטס פון דער וועלט איז אין זיי דאָ. זיי זענען אַפילו נישט טראַגיש אינעם מצב זייערן, וואָס זיי זענען אַזוי נידעריק געפאַלן — צו בעטלען. און מענדעלע האָט זייער גוט געוווּסט פונעם פאָלקס־אויסדרוק: דער אייבערשטער זאָל

מיך אויסהיטן נישט איבערצוקומען אויף בעטל־ברויט. און אוודאי האָט ער געוווּסט, ווי טיף אין דער יידישער פסיכיק ס׳איז אַריינגעדרונגען דער תלמודישער זאָג: פּשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות, — אַ בהמה אין מאַרק זאָלסטו אָפּשינדן, אבי נישט אָנצוקומען צו מענטשן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צום רעטעניש פון דער טאָפּעלטער מענדעלע פּערזענלעכקייט. מיר דאַכט זיך, אַז אַ שטיקל ענטפער האָב איך געפונען. מענדעלע איז געבוירן געוואָרן אינעם אָרעמען, ווייסרוסישן שטעטל קאַפּוליע, וואָס פון דאָרט וואַקסט מסתמא אַרויס דער זאָג „אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש״. איז דאָ נישט מיין עובדא צו דערציילן מענדעלעס ביאָגראַפיע, נאָר איין פּרט, וואָס פריער האָב איך שוין אויף אים אָנגעוווּנקען. ער איז פרי געבליבן אַ יתום און כאָטש ער איז געווען אַן עילוי, איז אים דאָך שווער געווען אין דער פריער יוגנט זיך מפרנס צו זיין אינעם אָרעמען שטעטל קאַפּוליע. אַז איך האָב פריער דערמאָנט „פישקע דער קרומער״, האָב איך געזאָגט, אַז ער האָט דערציילט פון זיין אייגענער דערפאַרונג. ער האָט צופעליק אָנגעטראָפן אויף אַ בעטלער, אברהם דער קרומער האָט ער געהייסן, און יענער האָט אים איינגערעדט זיך אַרויסצולאָזן מיט אַ חברה בעטלער פון קאַפּוליע קיין אוקראַינע, אָדער ווי ביי מענדעלען הייסט עס — וואָלין. איז דער צוקונפטיקער בויער פון דער נייער יידישער און העברעישער ליטעראַטור, שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, צו אַכצן יאָר געוואָרן אַ בעטלער. און פאַרגעסן דאַרפן מיר נישט, אַז ער האָט שוין דעמאָלט געשריבן העברעישע שירים, איז שוין געווען אָנגעלייענט אין דער דעמאָלטדיקער משכילישער ליטעראַטור, האָט ליב געהאַט צו לערנען תנ״ך און איז בכלל געווען אַ סענסיטיווער בחור. מיט דער חברה בעטלערס האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער שטעט און שטעטלעך, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן קיין קאַמענעץ וואָס איז געווען די קרייז־שטאָט פון פּאָדאָליע. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיטן פּאָטער פון דער השכלה אין אוקראַינע, אברהם בער גאָטלאָבער, און עס איז קיין ספק נישט, אַז יענער האָט אויף אים געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. בקיצור, דער יונגער שלום יעקב איז אַריינגעפאַלן אין דער געבענטשטער אוקראַינע, וואָס איז פאַר אים געווען אַן אַנטפּלעקונג. דער וועג זיינער איז געווען: פון

קאַמענעץ קיין באַרדיטשעוו, דערנאָך זשיטאָמיר און צום סוף אָדעס, וווּ ער האָט שוין אויסגעלעבט די יאָרן זיינע. אין אוקראַינע, הייסט עס, האָט ער שוין דאָס קליינע שטעטל נישט געקענט, נאָר די גרעסערע שטאָט. אין געדעכעניש זיינעם איז אים געבליבן דאָס שטעטל קאַפּוליע, מיט דער מוראדיקער אָרעמקייט, וואָס ער האָט דאָרט געליטן אין די יונגע יאָרן זיינע.

מעגן מיר טראַכטן, אַז די פאַרביטערטקייט לגבי די שטעטלשע ייִדן איז ביי אים געווען אַ מין פּסיכישער פּראָטעסט קעגן דער ביטערער יוגנט זיינער. דער גרויסער ליריקער, ביים באַשרייבן די נאַטור, האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם יוגנטלעכן קאַשמאַרנעם לעבן זיינעם. שלום עליכם איז טאַקע יונגער געווען פון מענדעלען, אָבער געדענקען דאַרפן מיר, אַז דעם שרייבערישן וועג זיינעם האָט מענדעלע ערשט געפונען אין דער עלטער פון 36 יאָר. דעמאָלט האָט שוין שלום עליכם געשטעלט זיינע ערשטע שרייבערישע טריט. געווען איז שוין דעמאָלט אַ מרדכי ספּעקטאָר און אַנדערע. זייער שטעטל איז גאָר אַן אַנדערס. בעת מענדעלע איז, אין זיין איבערוואַנדער פון דער ליטע קיין אוקראַינע, געוואָרן פולער און גאַנצער אין זיין ליריזם בנוגע דער נאַטור, איז ער בנוגע דעם ייִדישן מענטשן צעבראָכן געוואָרן. ערשט, אַז ער איז געקומען שוין אויף דער עלטער, צו „שלמה ר׳ חיימס״, האָט זיך ביי אים דערוועקט דאָס טראָפּעלע ליבשאַפט צום ייִדישן מענטשן. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אַן אַנדער שרייבער פון דער ליטע, אברהם מאפו, וואָס האָט געלעבט פאַרן מענדעלען, אַז ער האָט געשריבן פונעם סביבהדיקן לעבן, איז עס געווען „עיט צבוע״, — פאַלשע מענטשן, ממש רשעים. אָבער אַפילו ביי מפו׳ן אין „עיט צבוע״ זענען דאָ פּשוטע ייִדן, פאָלקס־מענטשן, וואָס זענען סימפּאַטיש. נאָר דער עיקר, אַז ער האָט געוואָלט אויסלעבן די הויך־פּאָעטישע, מענטש־ליבנדיקע שטימונגען זיינע, האָט ער אָנגעשריבן די ראָמאַנען „אהבת ציון״ און „אשמת שומרון״, — ממש אידיליעס פון די תנ״כישע צייטן אינעם לעבן פון אונדזער פאָלק. דאָס איז אָבער געווען נאָר דרך אגב. וואָס ס׳איז וויכטיק צו באַטאָנען, איז דער מערקווירדיקער פאַקט, אַז אין אונדזער ליטעראַטור איז נישטאָ קיין גאַנץ ווערק פונעם ליטווישן שטעטל. אוודאי

האָבן מיר ביי אברהם רייזענען אַ סך קורצע דערציילונגען פונעם שטעטלשן לעבן. אָבער אַ פּול קינסטלעריש ווערק, וואָס דאָס שטעטל אַליין זאָל זיין דער העלד, ווי שלום עליכמס „קאַסרילעווקע", שלום אַשס און איטשע מאיר ווייסענבערגס „דאָס שטעטל", איז פון דער ליטע נישטאָ. ערשט אין די דרייסיקער יאָרן פונעם היינטיקן יאָרהונדערט האָט משה קולבאַק אָנגעשריבן זיין „רייסן", וואָס איז אַ פּאָעטיש ווערק פון גאָר הויכן ווערט.

מענדעלע, וואָס פאַרן „קליין מענטשעלע" האָט ער געשריבן בדחנישע שירים, האָט אין די שפּעט־באַוווסטזיניקע שרייבערישע יאָרן זיינע שווער געהאָרעוועט אויף דער שפּראַך־און סטיל־פּולקייט פון זיינע ווערק. צו יעדער נייער אויפלאַגע פון זיינע ווערק האָט ער זיי ווידער באַאַרבעט, כמעט ווי איבערגעשריבן. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, אַז נישט אויפן תוכן האָט ער געאַרבעט, נאָר אויפן סטיל. די מענטשן זענען געבליבן די אייגענע אין אַלע נייע באַאַרבעטונגען. בנוגע די מענטשן איז ער געבליבן פאַרגליווערט.

אַ סך זכרונות זענען אונדז געבליבן וועגן מענדעלען, בפרט פון זיינע יאָרן אין אָדעס. אַרום אים האָבן זיך געזאַמלט די „חכמי אָדעס", אָבער דורך אַלע זכרונות גייט דורך איין רויטער פאָדעם: פאַר מענדעלען האָט מען דרך ארץ, אָבער קיין ליבשאַפט פילט מען נישט אין די זכרונות וועגן אים. ער איז געווען אַ ייד אַ חכם, אָבער נישט קיין באַהאַרצטער. די שטוב זיינע איז געווען אַ קאַלטע. אין די גאָר יונגע יאָרן מיינע — זעכצן יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען און אַ שרייבערישדערציטערטער — בין איך צוויי מאָל געווען אין זיין שטוב. געבליבן איז מיר אין זכרון דאָס הויכע, שטרענג־למדנישע געשטאַלט זיינס, מיטן אַרונטערקוק צום יונגן, דערשראָקענעם בחורל. אין דער וואַרעם־זוניקער אָדעס, אָנהויב זומער, האָט מענדעלעס שטוב מיך דורכגענומען מיט איר קעלט. און אַ מוראדיקע קמצנות. דאָס גלאָז טיי אויפן טיש האָט געוואָרנט: ריר מיך נישט אָן.

די ירושה מענדעלעס, פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער ליטעראַטור, איז אַ גרויסע. נאָר איר ווערט איז דער עיקר אין שפּראַך, אין סטיל. אין דער באַשרייבונג פון דער נאַטור.

פעברואַר, 1965

100 יאָר יידישע פּרעסע אין אַמעריקע

מיר ריכטן איצטער אָפּ דעם הונדערט־יאָריקן יובל פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע. פון די הונדערט יאָר זינט די ערשטע יידישע צייטונג האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין אַמעריקע, איז מיר באַשערט צו זיין 55 יאָר אַ טייל פון דער גרויסער צייטונגס־שרייבערישער משפּחה. איך זאָג בכיוון „צייטונגס־שרייבערישער משפּחה", וואָרעם די שרייבערישע חברותה אין אונדזערע צייטונגען איז בפירוש אַ משפּחה, — סיי מיט דער צונויפגעלעבטקייט צווישן זיך און סיי מיט דער אָפטער צעטיילטקייט, אַפילו צעקריגטקייט, ווי עס טרעפט זיך אין אַ משפּחה.

קיין שום פּרעסע אין דער וועלט האָט נישט דורכגעפירט אַזאַ פאָלקס־שליחות, ווי די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע. אַפילו די יידישע פּרעסע אין פּוילן איז נישט געווען אַזאַ טיף אַריינגעוואַקסענע אין פּוילן, ווי אונדזער פּרעסע אין אַמעריקע איז דאָס געווען דאָ אין לאַנד. געמאָלן האָט מען שוין די פאַרלוירנקייט פון דער יידישער אימיגראַנטישער מאַסע אין די זיבעציקער, אַכציקער און ניינציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט; דעם שקלאַפּערישן שטייגער פון דער אַרבעט; ווי פאַרטאָג איז מען געגאַנגען צו דער אַרבעט מיט דער ניי־מאַשין אויף דער פּלייצע, און פאַרנאַכט איז מען געקומען אַהיים מיט עטלעכע „באַנדלעך", אַז דאָס ווייב מיט די קינדער זאָלן צוהעלפן אַרבעטן. דאַרפן מיר זיך אויסמאָלן וואָס פאַרן אָפּערעיטאָר, קאָטער, בעיסטער און פּרעסער עס האָט געמיינט, אַז פאַר אַ סענט האָט ער געקויפט אַ יידישע צייטונג און ער האָט אין איר געלייענט אויף דעם אייגענעם לשון זיינעם מעשׂות פון דעם היימישן שטעטל, שוין אָפּגערעדט פון די מעשׂות, וואָס האָבן אים דערציילט ווי שווער ער האָרעוועט און ווי ווייניק ער פאַרדינט.

איינשטעלן וועל איך די רעפּוטאַציע מיינע און זאָגן, אַז אַפילו די

פיל־פֿאַרשריגענע מעשות פונעם באָרדער מיט דער מיסטער האָבן אויך דורכגעפירט אַ שליחות, וואָס ערשט איצטער, אַז מיר קוקן צוריק אַ זעכציק־זיבעציק יאָר, זעען מיר ווי זיי האָבן אַ ביסל פֿאַרלייכטערט דאָס געמיט פון דעם האַרעפּאַשנעם אימיגראַנט; ווי זיי האָבן אים אַריבער־געטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט, אַ ליכטיקערע, אַפילו אַז זי איז געווען אַ ביליק־שונדישע.

און וואָס, וועט מען פרעגן, איז געווען מיט די אַנדערע אימיגראַנ־טישע גרופּעס, ווי די אירלענדישע, דייטשע, פּוילישע, און אַפילו די סקאַנדינאַווישע? מיר זענען אַלע געווען אימיגראַנטן, און מיר געדענ־קען, אַז דער יידישער אימיגראַנט האָט אין אַ הייסן זומערדיקן אויפ־דערנאַכט אַרונטערגעשיקט אַ ייִנגעלע זײַנס צו קויפן אַ קענדל ביר, און דערמיט איז ער שוין אָפּגעקומען דעם „טרינקערישן" דראַנג זײַנעם. די אַנדערע אימיגראַנטישע גרופּעס האָבן אָנגעפילט די סאַלונען, און ביי די קופּלעס ביר, אַפילו ביי אַ פלעשל וויסקי, האָבן זיי אויסגעטרויערט די ביטערע אימיגראַנטישע דאָליע זייערע.

דער עיקר אָבער איז געווען, וואָס דורך דער יידישער צייטונג האָט זיך דער אימיגראַנט פאַרבונדן מיט דעם היימישלעכן שטעטל, מיט די יידן אין דער אַלטער היים, מיטן פול־אָנגעזאַמלטן אוצר פון יידישער פאָלקישקייט, וואָס האָט אים דערהויבן איבער די עינויים קשים פונעם אימיגראַנטישן לעבן. נאָך אַן אַנדער שליחות האָט דאָ די יידישע פּרעסע דורכגעפירט: צו דערנענטערן אַמעריקע צו די יידן אין די קליינע שטעטלעך, וואָס זענען געווען דער אומאויסשפּלעכער קוואַל פאַרן אי־מיגראַנטישן שטראָם קיין אַמעריקע.

עטלעכע שטיבער אָפּגערוקט פון אונדזער שטוב. אויף דער פעיטער־באָרגער גאַס, אין מיין היימשטאָט בעלץ, איז געווען אַ ייד, וואָס בעת איך האָב אים דערקענט, איז ער געווען אויסגעבויגן אין דרייען, האָט גע־טראָגן אַ רויט בערדל, און ער פלעגט זיצן אין דרויסן פאַר דער אַלטער מאַמעס שטוב, אָנגעשפּאַרט אויף אַ גרויסן שטעקן. אָט דער ייד האָט גאָר נאָענטע קרובים אין ניו יאָרק; זיי פלעגן אים שיקן אויסשניטן פון די יידישע צייטונגען, — דער עיקר פעליעטאָנען, וואָס האָבן אָפּגעלאַכט פון ניקאָלאַיקען, דעם לעצטן רוסישן צאַר.

אַט דער ייד האָט אַלע מאָל געהאַט אַרום זיך אַ רעדל יידן, און ער האָט פאַר זיי געלייענט דאָס שטיקל יידישע צייטונג, וואָס איז אים די טעג אָנגעקומען. יידן, אונטער ניקאָלאַיען, איז געווען שווער און ביטער דאָס לעבן, און די יידיש־אַמעריקאַנישע צייטונג האָט זיי „געקילט דאָס האַרץ"; זיי האָבן געלאַכט, און דער חלום פון דער פרייער אַמעריקע האָט זיי גאָר אַ סך אויפגעהייטערט.

דאָס זענען אַלץ לייכטערע מאָמענטן. עס זענען אָבער אויך געווען גאָר ערנסטע מאָמענטן, וואָס די אימיגראַנטיש־יידישע מאַסע איז געווען אין זיי פאַרוויקלט. געווען זענען שטרייקן, אַ פאַרעקשנט געראַנגל פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. און דער גאָר גרויסער רוב פון דער יידישער פרעסע האָט דעם יידישן אַרבעטער געמוטיקט און אים געהאָלפן געווינען אַ לייכטער שטיקל ברויט.

אוודאי, מען וועט מיר זאָגן, אַז נישט אַלע יידישע צייטונגען זענען געווען גרייט צו העלפן דעם יידישן אַרבעטער. אָבער אין די 55 יאָר, וואָס איך בין אין אַמעריקע, האָב איך, דאַכט זיך מיר, קיין מאָל נישט געזען קיין יידישע צייטונג, וואָס זאָל אַרויסקומען קעגן אַרבעטער בעת זיי סטרייקן, אָדער גאָר אַפילו נישט העלפן דער יוניאָן צו געווינען דעם סטרייק.

די גרעסטע שליחות פון דער יידישער פרעסע אין אַמעריקע איז די פאָלקישע אחריות, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען. זינט איך קען די יידישע פרעסע אין אַמעריקע, פירט זי אָן קאַמפּאַניעס, — פאַר ארץ־ישראל, פאַר יידן אין אייראָפּע, פאַר צדקה־אַנשטאַלטן דאָ אין לאַנד, פאַר חינוך, — פאַר וואָס נישט? נישט איין מאָל האָב איך געהערט פון לייענערס, אַז זיי האָבן מורא צו נעמען אַ יידישע צייטונג אין דער האַנט אַריין, ווייל די יידישע צייטונג איז שטענדיק פול מיט „אַפּילס". אָבער די געלט־זאַמלונגען פאַר כלערליי צוועקן זענען בלויז איין אַספּעקט פון דער שליחות, וואָס די יידישע פרעסע האָט גענומען אויף זיך. נאָך אַן אַנדערער אַספּעקט איז דאָ: דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער. דורך די כלערליי אַפּילס צו די לייענערס האָט די יידישע פרעסע געהאָלפן אויפצושטעלן שפּיטאָלן, צענטערס, חינוך־אינסטיטוציעס מכל המינים. אָבער פון אַ נאָך גרעסערן באַטייט איז די השפּעה פון דער יידישער פרעסע אויף

דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין אַמעריקע, — אויף דער יידישער און אַפילו אויך אויף דער נישט-יידישער. דערלויבן וועל איך זיך אָפּצוגייגן אַ ביסל אין אַ זייט, כדי אָנצוווייזן אויף אַ היסטאָריש-מערקווירדיקער דערשיינונג אין שייכות מיט דער יידישער פרעסע אין אַמעריקע.

אין די גאָר ערשטע יאָרן פון דער יידישער אימיגראַנטישקייט האָבן די אייבערשטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג געשאַפן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג ביי יידן, — די דאָזיקע שיכטן זענען געווען די דייטשע יידן, וועלכע זענען געווען אי לענגער אין אַמעריקע און אי זיי זענען געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה עקאָנאָמיש. אין אונדזערע יאָרן, — בפירוש אונטער דעם איינפלוס פון דער יידישער פרעסע, — האָט זיך דאָס געזעלשאַפטלעכע יידישע פנים אין גאַנצן געענדערט. וואָס האַסטיקער דאָס יידישע לעבן האָט דאָ פּולסירט, אַלץ אַ גרעסערע דעה האָבן די פשוטע יידן, די אָרעמערע יידן, די פאָלקס-מענטשן, געהאַט אין אויסשמידן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג.

נאַציאָנאַל-פּאָליטיש האָט די יידישע פרעסע גאָר אַ סך געווירקט. און אַז מען וועט שרייבן די געשיכטע פון אונדזער פרעסע דאָ אין לאַנד, וועט מען מוזן אָנווייזן אויף אַ צאָל מאָמענטן אין דער היינטצייטיקער געשיכטע אונדזערער, וואָס די ווירקונג פון דער פרעסע אויף זיי איז געווען ממש אַן אַנטשיידנדיקע און אַפילו אַ היסטאָרישע. פאַרצייכענען וועט מען דאַרפן די געשעענישן, וואָס האָבן אַ קערעווע געטאָן דאָס ראָד פון אונדזער געשיכטע, און די יידישע פרעסע איז געווען די געבענטשטע האַנט, וואָס האָט דאָס ראָד געקערעוועט. די פּראָטעסטן קעגן דעם צאַרישן רוסלאַנד, נאָך די פּאָגראָמען ביים אָנהייב פון דעם היינטיקן יאָרהונדערט, האָבן נישט סתם אויפגערודערט די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד, נאָר זיי האָבן אויך געוועקט דאָס געוויסן פון דעם אַמעריקאַנישן פאָלק בכלל, און זיי האָבן אַפילו אויף אַן אומאויפקלערלעכן אופן אונטערגעגראָבן די זיילן פון דעם רעאַקציאָנערישן צאַריזם. בכיוון זאָג איך „אויף אַן אומאויפקלערלעכן אופן", וואָרעם מיר קענען דאָ נישט אָנווייזן אויף קאָנקרעטע פאַקטן. אָבער מיר ווייסן פון דער געשיכטע אין דער וועלט בכלל, אַז אייזערנע רעזשימען האָבן זיך צעוואַקלט פון אַזעלכע „אומאויפקלערלעכע" געשעענישן.

יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע

(אירע גרונט־שטריכן און אַנטוויקלונגען)

מיט דער יידישער ליטעראַטור איז געשען דער נס פונעם תהלימדיקן געזאַנג: אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה. די בויער פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע האָבן זיך פון סאַמע אָנהייב־אָן באַצויגן מיט ביטול צו דער ליטעראַטור אויף יידיש, ווי בכלל צום יידישן וואָרט. באַלד ווי די ערשטע כוואַליע פונעם גרויסן יידישן אימיגראַציע־שטראָם האָט זיך דערשלאָגן צום נייעם ברעג, האָט מען אָנגעזאָגט אונטערגאַנג — פון יידיש, יידישער פרעסע; שוין אָפגערעדט פון דער קינסטלערישער לי־טעראַטור. אַז מיר קוקן אויף צוריק, אויף די איבער אַכציק יאָר פון דער גרויסער יידישער איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע, מאַלן מיר זיך אויס ווי אַ קינד ווערט געבוירן אין אַ שטוב און, ווי נאָר עס לאָזט אַרויס דאָס ערשטע פריידיקע געשריי פון לעבן, שטייט אַ שוואַרץ געשטאַלט איבערן קינד און קראַקעט מיט אַ קאַלטן, ווינטערדיקן קול: טויט... טויט... עס וועט שטאַרבן... נאָר דאָס עופהלע וויינט־אויס די געזונטע לונגען, וואַקסט־אונטער און הויבט אָן זינגען, דערוואַקסט צו רייפער אחריות אין לעבן דאָס שוואַרצע געשטאַלט ווערט ווינטערדיקער, קעלטער, דאָס קול זיינס פראַסטיקער: טויט... טויט... עס וועט שטאַרבן...

דער גורל-אָנזאָגער פון טויט האָט באַגלייט די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פונעם ערשטן טאָג, ווי זי האָט געשטעלט אירע קינדע־רישע טריט. ס׳איז געווען אַ טעם דערביי: די פריערדיקע יידישע תר־שבים אין לאַנד זענען אידעיש געווען יידישע אונטערגענגער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אין אַמעריקע רייסט זיך איבער דער פאָדעם פון דער יידישער געשיכטע. אויף דער נייער ערד וועט אים קיינער נישט שפינען ווייטער, קיינער דאַרף אים נישט שפינען. נישט, חלילה, וואָס זיי האָבן געוואָלט פאַרלייקענען זייער יידישקייט. פאַרקערט: זיי האָבן

אויפגעשטעלט שיינע געבעט־הייזער, וואָס זאָלן זיין אַ כבוד פאַרן אלוקי ישראל; זיי האָבן בפירוש געטאָן ייִדישע צדקה; זיי האָבן זיך פּאָליטיש איינגעשטעלט פאַר ייִדן אין רוסלאַנד און רומעניע. די געבעט־הייזער זענען אָבער געווען מער צו אַקצענטירן די פרייהייט פון אַמעריקע, ווי צו קומען צום אייגענעם, וואַרעמען ייִדישן גאָט. וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין אייגענעם טעמפּל, האָבן זיי געטראַכט, וואָלט עס געהייסן אַז זיי פעלשן אין דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע וואָס גאַראַנטירט רעליגיעזע פרייהייט. די צדקה ווידער, איז געווען הומאַניסטיש — אויך אין גייסט פון אַמעריקע.

די ייִדישע מאַסן־אימיגראַציע פון די סוף־זיבעציקער און אָנהייב אַכציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, האָט צוגעשטראָמט צום אַמעריקאַנער ברעג מיט אַזאַ ברויזנדיקן ייִדישן כח, אַז די פריערדיקע ייִדישע תושבים פון לאַנד האָבן דערשפּירט ווי די ייִדישע געשיכטע — וואָס זיי האָבן זיך מיט איר שוין געהאַט אָפּגערעכנט און זי משלח־געווען — גייט אויף זיי און וועט זיי נאָך, באַהיט זאָל מען זיין, אַריינשלעפּן אין איר געווירבל. מיט דער מאַסן־אימיגראַציע איז געקומען דאָס ייִדישע לשון און דער דאָרשט נאָכן ייִדישן וואָרט. דעם ייִדישן אימיגראַנט האָבן זיי געלערנט אַ סך גוטע מידות, אָבער דער ציל זייערער איז געווען — איבערצוררייסן דעם ייִדיש־געשיכטלעכן פאָדעם דאָ אין לאַנד. עסט זיך אָן ייִדעלעך, כאַפּט זיך צו צו דער אַמעריקאַנער פרייהייט און צום סיר הבשר — וועט איר זיך שוין ממילא אַרויסשלאָגן די נאַרישקייטן פון קאָפּ, ווי שפּראַך, פּרעסע, ליטעראַטור. איר וועט זיך אַרומקוקן, אַז אידייען, וואָס איר האָט מיטגעבראַכט פון יענער זייט ים, זענען דאָ אָן איבעריקער באַלאַסט און די שווערסטע איז — ייִדישער המשך, געשיכטלעך־ייִדיש באַוווסטזיין. וואָס ווייניקער איר וועט זיך וואַרפן אין די אויגן מיט אייער ייִדישקייט, אַלץ אָנגעלייגטער וועט איר דאָ זיין, אַלץ מער וועט אייך די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע צוטוליען צו זיך און אייך דערלאַנגען דעם קוש פון טויט...

רעדט זיך דאָ נישט, צי דער באַגריף פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע — וואָס יענע ייִדישע תושבים אין אַמעריקע האָבן געהאַט — איז געווען אַ ריכטיקער, צי זיי האָבן גאָרנישט געקוקט אויף אַמע־

מעריקע מיט זייערע אייגענע קרומע אויגן. דער עיקר איז דער קלימאַט, וואָס אין אים איז די יידיש־ליטעראַטור אויפגעקומען. אַ קלימאַט פון ביטול; פון אָנהייב־אָן מיט אַן אָנזאָג אויף סוף׳; פון פריליגדיקן אויפבלי מיט נביאות אויף ווינטערדיקער פאַרפרוירנקייט. די יידישע ליטעראַטור איז געקומען מיט געשיכטלעכן המשך, בעת די נביאי־השקר האָבן אָנגעזאָגט געשיכטלעכן אונטערגאַנג. די יידישע ליטע־ראַטור האָט זיך פרום אַוועקגעזעצט ביים שפינראָד פון אונדזער טויזנט־יאָריקער געשיכטע, אויסצושפינען נייע פעדים און זיי אַריינ־צוועבן אין דעם אַלטן געוועב.

.2

אָבער נישט נאָר די איינגעפונדעוועטע יידישע תושבים האָבן די יידישע ליטעראַטור מבטל געווען. דער ביטול האָט אויף איר געפּוקט אויך פון אינעווייניק, פון די האַלבע און פערטל אינטעליגענטן, וואָס דער אימיגראַציע־שטראָם האָט זיי פאַרטראָגן קיין אַמעריקע. זייער ביטול האָט אַרויסגעשלאָגן פון אַנדערע קוואַלן — פון קאָסמאָפּאָליטי־שע, סאָציאַליסטישע, אָדער אַנאַרכיסטישע. אַליין האָבן זיי געשריבן יידיש, גערעדט יידיש, געהאַלטן דרשות אויף יידיש; אָבער געטאָן האָבן זיי עס, ווי גרויסע מפונקים, וואָס מוזן נעבעך ריידן צום „פּראָס־טן נאַראָד” זיין לשון, בכדי אים אויסצולערנען די טייערע קאָסמאָפּאָ־ליטישע מידות פון נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג. דאָס יידישע לשון איז געווען אַ געצייג אין זייערע הענט, ווי דאָס גראַבאייזן אין פויערס הענט, אויסצוגראָבן פאַרטריקנטע, אָדער דורכגעפוילטע וואָרצלען. איינ־איינעם מיטן פאַראַכט צום יידישן לשון איז ביי זיי געגאַנגען דער פאַראַכט צו יידישן לעבנס-שטייגער, צו יידישער טראַדיציע, צו יידיש־געשיכטלעכן המשך. יידיש האָבן זיי אָנגעווענדט בכדי צו צעוואָרפן דעם פעסטן, אַלט־יידישן בנין, בכדי אַריינצופירן דערנאָך דאָס יידישע פאָלק אין די קאָסמאָפּאָלישע געצעלטן.

אין דעם ביטערן געראַנגל פון די אימיגראַנטישע מאַסן פאַר עקאָנאָמישן קיום; אין דעם כאַאָטישן אידעישן געראַנגל, וואָס האָט געברויזט אין די געדיכטע קוואַרטאַלן, האָט דער „פּראָסטער נאַראָד”

מיט תמימות געטראָגן דאָס יידישע וואָרט. נישט קיין באַוווסטזיניקע ליבשאַפט האָט דער ייד געהאַט צו זיין לשון, נאָר אַ געזונטן, אינ־סטינקטיוון צובונד. ער האָט אַפילו אָנגעהויבן צו שאַפן אַ ספּעציפישן אַמעריקאַנער יידיש, ווי דאָס פאָלק האָט געשאַפן אַ פּוילישן יידיש, אַ ליטווישן, אַן אוקראַיניש־בעסאַראַבישן. דאָס „באַיטשיקל" און די „נעקסט־דאָריקע" זענען בפירוש געווען שפּראַכלעכע יידישע שאַפונ־גען. דאָס „קרימטשיזל" האָט געהאַט אַ יידישן טעם און דער „איך גלייך אים" איז געשטאַנען אויפן שייד־וועג צווישן „ער געפעלט מיר" און „איך האָב אים ליב". דער ייד האָט, מיט זיין געזונטן שפּראַכלעכן חוש, דערשפּירט, אַז אין זיין שפּראַך־אוצר האָט ער נישט דעם ניואַנס „באַדערן". האָט ער אים אַריינגענומען און אים צוגעגעבן אַלע זיבן יידישע חנ'ען.

נאָר נישט מיט קיין שפּראַך־פאָרשונג פאַרנעם איך זיך דאָ, נאָר מיט דער ליטעראַטור אויף יידיש אין אַמעריקע, וואָס אין די ענגע ראַמען וועל איך נאָר קענען געבן אירע גרונט־שטריכן, אַפילן נישט דערמאָנען אירע וויכטיקע שעפער. עס איז וויכטיק געווען זיך אָפּצו־קערן אַביסל פון וועג, בכדי אַרויסצוברענגען דעם היסטאָרישן אמת, אַז דאָס יידישע לשון — וואָס די אימיגראַנטישע מאַסן האָבן זיך אין דעם געקלאַמערט — האָט געפורעמט דאָס געשטאַלט פון אַמעריקאַנער יידנטום, אידעען פון קיום זענען אַרויסגעוואָקסן פון די אימיגראַנטישע טיפענישן, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט אויף יידיש. געשיכטלעכער יידישער המשך האָט זיך אויסגעוועבט אויף די וועב־שטולן פון דעם יידישן וואָרט. און די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אויסגעוואָרעמט אין דער צעשויבערטער אימיגראַנטישער נעסט.

צי וואָלט, אָן דעם יידישן לשון, דאָס אַמעריקאַנער יידנטום גע־קאָנט ווערן אַזאַ גרויסער געשיכטלעכער כח אינעם גורל פון אונדזער פאָלק דורך די לעצטע אַנטשיידנדיקע יאָרן, איז אַ ספק. אַ ספק איז, צי די הילפס־אַרבעט פאַרן אייראָפּעישן יידנטום, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָלט פאַרמאָגט אין זיך דעם כח צו דערגרייכן אַזאַ פאַרנעם, אָן דעם יידישן לשון. עס איז אויך אַ ספק, צי פּאָליטיש וואָלט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום געקאָנט אויפטאָן אַזויפיל סיי פאַר יידישע

רעכט אין אייראָפּע און סיי פאַר ארץ־ישראל, ווען טיף אין אונדזער לעבן וואָלטן נישט געשלאָגן די פרישע פאָלקס־קוואַלן פון דעם יידישן לשון. היסטאָרישע פּראָצעסן דאַרף מען נישט זען אין זייער באַלדיקער אויסווירקונג, נאָר אַריינדרינגען אין זיי טיפער. איז כאָטש אין דער באַלדיקייט פון אונדזער לעבן, אין דער איצטיקייט, קוקט־אויס ווי דאָס יידישע לשון פאַרנויגט זיך פאַרן גורל און גייט אַרונטער פון דער היסטאָרישער בינע, דאַרפן מיר אָבער אַ קוק־טאָן אויף צוריק, בכדי צו זען ווי אָן דעם יידישן לשון וואָלט קיין פאָלקס־לעבן נישט געווען אין אַמעריקע. ממילא וואָלט שוין נישט געווען די סענסיטיווקייט נישט צו יידישע צרות, טייזנטער מיילן ווייט פונדאַנעט, נישט צו יידישע האָפענונגען אויפן שטח פון ארץ ישראל און נישט צו אידעען בכלל.

.3

פון די אימיגראַנטישע טיפענישן איז די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע אויסגעוואַקסן. די פּיאָנערן אירע, אין די אַכציקער יאָרן, זענען פריער קיין שרייבער נישט געווען. זיי האָבן נישט מיטגעבראַכט מיט זיך די פּאַרטיקע שרייבערישע פען, ווי אַ מנחם מענדל דאַליצקי, וועמען יהודה לייב גאָרדאָן האָט איבערגעגעבן זיין פען און אים גע־קריינט פאַר זיין נאָכקומער אין דער העברעיִשע פּאָעזיע. די שרייבער־פּיאָנערן אונדזערע האָבן קיין קינסטלערישע ירושה נישט מיטגעבראַכט מיט זיך, נאָך דעם רייכן פאָלקס־שעפערישן אוצר וואָס דורות יידיש לעבן האָט אין זיי אָנגעזאַמלט. אימיגראַנטן זענען זיי געווען, אין דעם אימיגראַנטישן געווירבל זענען זיי אַריינגעפאַלן, דעם אימיגראַנטישן גורל האָבן זיי געטיילט — מיטן שוויצשאַפּ, מיט דער פּעדלעריי, מיט די ענגע וווינונגען, מיט די באָרדערס און די מיסעסעס, מיט דער אי־מיגראַנטישער פאַרשעמטקייט, מענטש־דערנידעריקטקייט און יידישער עקשנות פאַר מענטש־דערהויבונג. אַז דער שעפערישער קוואַל האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצורייסן פון די פאַרבאָרגענישן אין זיי, איז דער ערשטער מאָטיוו פון זייער שרייבן געווען — מענטש־דערהויבונג. אַז מיר זאָלן נעמען פאַר אַ מוסטער די סאָציאַלע מאָטיוון אין דער וועלט־ליטעראַטור און אַוועקשטעלן קעגן זיי די מאָטיוון פון אונדזערע

פיאָנערן־שרייבער אין אַמעריקע, וועלן מיר זעען ווי אַנדערש זיי זענען אין זייער סאַמע תוך. דער סאָציאַלער מאָטיוו אין דער וועלט־ליטעראַטור איז אין זיין גרויסן רוב דער פּראָטעסט קעגן עקאָנאָמישער אונטער־געיאָכטקייט, דער פּאַטאָס פון לעבן, דער סאָציאַלער מאָטיוו ביי אונדזערע פיאָנערן־שרייבער האָט טאַקע אין זיך דעם פּראָטעסט קעגן עקאָנאָמי־שער אונטעריאָכטקייט, אָבער עס קומט נאָך צו דערצו דאָס צעוווּנדיקטע געשריי פונעם דערנידעריקטן מענטשן, דאָס רייסן זיך צו מענטש־דער־הויבונג. אַז מאָריס ראָזנפעלד האָט אין זיינע סאָציאַלע לידער געוויינט אויפן ביטערן גורל זיינעם, איז אין דעם געוויין געווען דאָס אייביקע יידישע געשריי פונעם עם קדוש לה׳, וואָס טאָר נישט זיין דערנידע־ריקט. נישט צו עקאָנאָמישער באַפרייונג אַליין האָט דער פּאָעט־פיאָנער זיך געריסן, אויך צו דערהויבונג פונעם מענטש, וואָס איז אַזוי הייליק אינעם תמצית פון אונדזער עטיק. אומבאַוווּסט פאַר אים אַליין האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן דאָס סאָציאַלע געשריי פון די נביאים, דער פּאַטאָס זיינער איז געווען — דער דערנידעריקטער מענטש, נישט דער עקספּלואַטירטער קלאַס. עדלשטאַט און באָווישאָווער, וואָס זענען געווען וויניקער פאַרוואָרצלט אין יידישקייט ווי ראָזנפעלד, האָבן אויך „צו־געזינדיקט” מיט נביאישן פּאַטאָס, אַפילו אַז זיי האָבן זייערע לידער צוגעשניטן נאָכן שטרענגן מוסטער פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם.

די דערציילער פון יענער צייט — רעאַליסטיש, כמעט נאַטוראַ־ליסטיש — האָבן די פאַרשעמטקייט פונעם יידישן מענטש אַרויסגע־בראַכט נאָך שאַרפער. דער עיקר׳דיקער מאָטיוו זייערער איז געווען די חרפה, וואָס די יידישע באַסעס דערנידעריקן דעם יידישן אַרבעטער. די דאָזיקע חרפה האָט איבערגעלעבט דער יידישער אַרבעטער אינעם שוויצשאָפּ. דער יידישער פאָלקס־מענטש, וואָס געקומען איז ער על־פּי־רוב פונעם קליינעם שטעטל, ווו דער אָרעמסטער בעל־מלאָכה האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ טייל פונעם גאַנצן קהל און אַמאָל, אין שולעכל, האָט ער אפילו געקאָנט אַ קלאַפּ־טאָן אַ שולחן און מעכב־הקריאה זיין. סאָציאַל איז אין שטעטל געווען אַ וויטער מהלך צווישן רייך און אָרעם, אָבער אינעם גבול פון יידישקייט האָבן זיי זיך אַ סך מאָל דערנענטערט. מיר דאַרפן נאָך געדענקען, אַז אין די אַכציקער יאָרן

פונעם פאַריקן יאָרהונדערט איז יידישע גבירישאַפט אין שטעטל גע־וואַקסן נישט פון דער יידישער אָרעמשאַפט, נאָר פון דער דאָרפיש־פויערישער; און דער בעל־מלאכה, דער טרעגער, דער בעל־עגלה, דער אָרעמער קרעמער האָט נישט געהאַט מיטן גביר אַזאַ דירעקטן עקאָ־נאָמישן קאָנטאַקט, אַז ער זאָל פילן ווי ער, דער גביר, צאַפּט פון אים דאָס בלוט, דערנידעריקט אים, נעמט־צו ביי אים די ייד־ווערדע. ערשט אין אַמעריקע האָט דער יידישער אימיגראַנט דערזעען ווי אַ ייד, אַן אייגענער ברודער — וואָס איז אַליין געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק אַזאַ אימיגראַנט ווי ער — מאַכט אים פאַר זיינעם אַ קנעכט. און ווער איז געווען דער פאַרקנעכטער? גאָר אָפט האָט אים דער אימיגראַנט געקאָנט פון שטעטל, ווו געווען איז ער נישט פון די גע־הויבענע יידן, נישט פון די גרויסע יחסנים — אַ שניידער אַליין געווען, אַ שוסטער, אַ בעל־עגלה. אָפט איז דער געקריוודעטער, דער פאַרפינס־טערטער אימיגראַנט, גאָר געווען אַ בעל־הבתישער ייד פון דער היים, אַ שטיקל בן־תורה, און דאָ האָט אים דער עם־הארץ דערנידעריקט, אָרויסגעצאַפּט פון אים דעם שוויס, בכדי רייך צו ווערן. אָט דער מאָטיוו איז דער עיקר־דיקער אין דער דערציילערישער ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע. דער סאָציאַלער געראַנגל איז געווען, אין תוך זיינעם, אַ מש־פּחהדיק מחלוקת. כאָטש אויסערלעך האָט עס געהאַט אַלע סימנים פון סאָציאַלן געראַנגל בכלל. און ווידער לייענען מיר אַרויס ביי די פּיאָנערן ־ דערציילער דעם פּראָטעסט קעגן מענטש ־ דערנידעריקטקייט און די בענקשאַפט נאָך מענטש־דערהויבונג. דער פּיאָנער־דערציילער, ווי דער פּיאָנער־פּאָעט, האָט אין זיך בפירוש געוואָרעמט די יידישע עטיק, וואָס אַ סך מאָל האָט ער פון איר נישט געוווּסט און געמיינט, אַז ער שרייבט אַזוי דערפאַר וואָס ער איז אַ סאָציאַליסט.

די ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע איז געווען אַ תכלית־ליטעראַטור, זי האָט געדאַרפט דעם יידישן אימיגראַנט אויסמענטשלען, אים מונטערן צו קלאַסן־קאַמף, פאַר אים מאָלן דאָס ליכטיקע בילד פון דער צו־קונפטיקער געזעלשאַפט — דער סאָציאַליסטישער. זי האָט אויך פאַר־מאָגט אין זיך אַ היפּשן מאָס חוזק איבער דער יידישער אמונה, וואָרעם איר נאַיִווע אמונה איז געווען, אַז דער גלויביקער ייד איז נישט מסוגל

צו קלאַסן־קאַמף. פאַרמעל האָט זיך די פּיאָנערן־ליטעראַטור נישט אָפּגעגעבן מיט קינסטלערישע ווערטן — דער תכלית איז ביי איר געווען דער עיקר. דער שרייבער האָט זיך גענומען צו דער פען אָן דער מינדעסטער קינסטלערישער צוגרייטונג, די טרייב־קראַפט אין אים איז געווען דאָס סאָציאַלע שליחות. איז די ליטעראַטור פון יענער צייט אַ מיניאַטורע — אַ קליינע דערציילונג, אַ ליד. די גרעסערע נאָוועלע, אָדער ראָמאַן, וואָס האָט זיך געדרוקט נאָר אין דער טאָג־צייטונג, איז געווען אינעם שמר־סטיל, ווייט פון רעאַליזם, פול מיט אויסטערלישע עפּיזאָדן, פאַנטאַסטיש־רייצנדיק, אומגלויבלעך־נירוואַניש.

אָבער אינעם יערן פון יענער עפּאָכע האָט זיך די הייוון אָפּגעזעצט און געבליבן איז לויטערער ווייַן, וואָס נאָך היינט טרינקען מיר אים מיט גרויס הנאה. אַ ליטעראַטור פון תכלית איז זי געווען, אָבער ביי אַ סך פון די שרייבער איז דורכן תכלית דורכגעדרונגען דאָס קינסט־לערישע בלוט זייערס. אויב מיר קענען יענע עפּאָכע פון דער פּובלי־ציסטיק און די זכרונות, לעבן מיר זיך אָבער אין איר אַריין אַז מיר לייענען אירע לידער און אירע דערציילונגען. די פּיאָנערן־שרייבער, וואָס האָבן זיך קיין קינסטלערישע צילן נישט געשטעלט, האָבן זיך אינטויִטיוו, אפשר קעגן אייגענעם ווילן, דערשלאָגן צו קינסטלערישן אויסדרוק.

.4

די יידישע ליטעראַטור פון דער פּיאָנערן־עפּאָכע איז געווען אַמע־ריקאַניש אַ סך פריער ווי די אַמעריקאַנער ליטעראַטור — אַמעריקאַניש אין דעם זין פון רעאַליזם, פון סביבה, פון שאַפּ, פון אידעיִשער ציל־באַוווּסטקייט. אוודאי איז אין דער אַמעריקע פון די פּיאָנערן־שרייבער נישטאָ דאָס רחבות פונעם לאַנד, די פּרעריי און די גרויס־אינדוסטריע, אָבער די ענגע יידיש־עמיגראַנטישע וועלט איז אין איר פול. איר אידעע איז געווען קאָסמאָפּאָליטיזם, אָבער אין קינסטלערישן תוך האָט זי גאָר דורכגעפירט אַן אַנדער שליחות: די אייניקייט פונעם יידישן פאָלק. סיי אין דער פּאָעזיע און סיי אין דער פּראָזע האָט די ליטעראַטור פון יענער צייט צונויפגעבונדן יידן פון מזרח־אייראָפּע מיט יידן פון אַמע־

ריקע; דער ייִדישער מענטש אין איר איז נאָך געווען סיי עמאָציאָנעל און סיי פסיכיש אַריינגעוואָקסן אין שטעטל, ער האָט געפּורעמט אַ נייע שטעטלשע ווירקלעכקייט, וואָס האָט כלל נישט איבערגעריסן די פּעדעם מיט דער ווירקלעכקייט פונעם אַלטן שטעטל.

די תכלית־ליטעראַטור, וואָס האָט זיך קיין קינסטלערישע צילן נישט געשטעלט, האָט אויפגעאַקערט דאָס פעלד פאַר די נאָכקומערס, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ליטעראַטור איז פאַר זיך אַליין אַ תכלית. בעת די פּרי־אימיגראַנטישע שרייבער האָבן קיין ליטעראַטור־באַוווסט־זיין נישט געהאַט, נאָר אַ דראַנג צו אויסדרוק, זענען די נאָכקומערס זייערע שוין געווען דורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין פון ייִדיש־שרייבעריש שליחות אויפצובויען אַ גרויסן ליטעראַטור־בנין. זיי האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויפן קינסטלערישן וואָרט, די אידעע האָבן זיי מבטל געווען. די אידעע, האָבן זיי געהאַלטן, מאַכט מוטנע דעם ריינעם קוואַל. דאָס וואָרט אַליין איז דער קינסטלערישער תכלית, דאָס וואָרט אַליין איז אָנגעלאָדן מיט אידעע. איז כאָטש זיי האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון די פאָרגייערס זייערע, די פּיאָנערן־שרייבער פון די אַכציקער יאָרן, זיי צונישט־געמאַכט — ליטעראַטור־שרייבער זענען זיי, נישט קיין קינסטלער — איז אָבער קיין ספק נישט, אַז זיי האָבן אַ סך ביי זיי געלערנט. זיי, די נאָכקומערס נאָך די פּיאָנערן, האָבן זיך טאַקע געווענדט צו דער וועלט־ליטעראַטור — דער עיקר צו דער רוסישער און דייטשער — נאָך פּאָעטישע און דערציילערישע פאָרמען, אָבער זיי וואָלטן נישט געקענט צוקומען צום מער־ראַפינירטן אויסדרוק, ווען די פּיאָנערן וואָלטן פריער נישט קינסטלעריש צעאַקערט דאָס פעלד.

אין קינסטלערישן תכלית זענען זיי דערגאַנגען צום עקסטרעם, אַקוראַט ווי די פּיאָנערן אין אידעיִשן תכלית. זיי האָבן, אין דער פּאָעזיע געזוכט נישט נאָר בילדלעכקייט פון וואָרט, נאָר אויך דעם שאָטן פון וואָרט. שטימונג האָבן זיי געוואָלט איבערגעבן אין אַ פאָרעם, וווּ ריטם און וואָרט זאָלן זיין צונויפגעזונגען, דעם יחיד־פּאָעט האָבן זיי געוואָלט דערהויבן — מיטן קינסטלערישן קאַפּריז זיינעם, מיט די אומקלאָרקייטן אין זיך, מיטן ציללאָזיקייט סיי פון זיין טרויער און סיי פון זיין פרייד. אין זייער קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע האָבן זיי

דאָס יידישע וואָרט איבערגעשאַפן, אַרויסגעדריקט דערפון די דינסטע ניואַנסן, אַרויסגעשעפּט פונעם פאָלקס־קוואַל פרישע לויטערקייטן, אַנט־פּלעקט אינעם לשון אַזאַ רייכקייט און בויגעוודיקייט, וואָס האָט ממש געבלענדט. בעת פּרץ האָט זיך נאָך געקענט קלאָגן, אַז „אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען, ווען איך וואָלט פאַר גוים גויִיש זינגען", האָבן די פּאָעטן אין ניו־יאָרק, אינעם ערשטן צענדליק פון איצטיקן יאָר־הונדערט, נישט געקלאָגט, נאָר טריומפירט איבערן יידישן וואָרט. ווי דאָס לייִם אין די הענט פונעם טעפּער איז דאָס יידישע וואָרט געוואָרן אין זייערע הענט.

אין דער פּראָזע איז דער גאַנג געווען דער אייגענער, כאָטש אַביסל אויף אַן אַנדער אופן. די דערציילער פון דעם פּיאָנערן־פּעריאָד זענען צום מענטשן צוגעגאַנגען מיט אַ מין מאָס פון כּלל. דער מענטש זייערער האָט פאַרמאָגט אייגענע שטריכן, אָבער געצילט זענען זיי געווען צו צייכענען דורך זיי דעם כּלל, אַז פון איין מענטש זאָלט איר קענען אָפּלערנען הונדערטער אַזעלכע ווי ער. די דערציילונג איז דער־פאַר נישט געווען, אין איר תּוך, דער איינציקער מענטש, וואָס איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע, אפילו אַז סאָציאַל איז ער מיט זיי אין איין סביבה. די דערציילער, וואָס זענען אויפגעקומען נאָך די פּיאָנערן, האָבן שוין געפּרוווט דערגרונטעווען דאָס באַזונדערע אינעם מענטשן, צוקומען צום פּסיכישן מעכאַניזם זיינעם, אַרויספירן אים פונעם כּלל־לישן תּחום און אַריינפירן אין דעם יחידישן. מיטן אויסגעאיידלטן וואָרט־געצייג איז זיי געגאַנגען דער עיקר אין איבערגעבן די ניואַנסן פון מענטש־איבערלעבונג, אַ סך מאָל פּסיכאָלאָגישן פלאַנטער און גאָר אָפּט אומ־דערוואַרטע ווענדונגען, וואָס דער פריערדיקער שרייבער, דער שרייבער פון דער פּיאָנערן־צייט, וואָלט זיך נישט פאַרגונען, אַפילו אַז זיי וואָלטן אים איינגעפאַלן. די פּראָזע האָט זיך אויך פאַרמאָסטן אויף גרעסערע נאָוועלעס, וואָס האָבן ווייט נישט אָנגעשלאָגן, פּשוט דערפאַר וואָס דעם טראָפּ האָבן זיי געשטעלט אויפן אויסדרוק, אויפן וואָרט, נישט אויף דער אידעע. לאַבאָראַטאָריש־קינסטלעריש האָבן זיי אָבער אויפגעטאָן זייער אַ סך — זיי האָבן אויפגעאַקערט דאָס פעלד פאַר דער שפּעטער־דיקער גרויסער נאָוועלע.

5.

פון די ביידע היפוכ'דיקע ריכטונגען איז אַרויסגעוואַקסן דער סינטעז פון פולער שעפערישער רײפקייט. דער אייגענער דור שרייבער, וואָס האָט צום אָנהויב רעוואָלטירט קעגן דער אידעע און דעם אויבנאָן האָט ער אָפּגעגעבן דער קינסטלערישקייט, איז דערגאַנגען דערגאַנגען צו דער האַר־מאָניע פון ביידע תכליתים. אין דער וועלט־ליטעראַטור האָט דער גערונגל פאַר האַרמאָניע צווישן אידעע און קינסטלערישקייט געדויערט צענד־ליקער יאָרן ; די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז ממש קפיצת־הדרכ'דיק דורכגעגאַנגען דעם דאָזיקן פּראָצעס.

פאַר צוויי היסטאָרישע געשעענישן איז די יידישע ליטעראַטור, פון די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן, געשטאַנען : פאַר דער סאָוויעטיש־קאָמוניסטישער און דער יידיש־גאולה'דיקער. די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, וואָס איז נישט געבליבן לאָקאַליזירט אין רוסלאַנד, נאָר איז מאַנעריש אַריינגעדרונגען אין אַלע לענדער פון דער וועלט, האָט מיט איר סטיכישן גאַנג געמוזט פאַרכאַפּן די פאַנטאַזיע פונעם שעפערישן יידישן מענטשן. דער קאָמוניזם האָט, פיגוראַטיוו, אָנגעכאַפּט דעם יידישן שרייבער ביים לאַץ און ביי אים געמאָנט אַן ענטפער : נעמסט מיך אָן, צי דו וואַרפסט מיך אָפּ ? דער יידישער שרייבער איז אָדער געקומען דירעקט פונעם לאַנד, ווו דער קאָמוניזם איז אויפגעשטאַנען מיט אַזאַ וועלט־באַהערשע־רישן פּאַטאָס, אָדער פון די פעריפעריע־לענדער. דערצו נאָך איז דאָס רוסישע יידנטום דעמאָלט געווען געזונט און פריש און אַ נייער שטראָם יידיש־שעפערישקייט האָט פון דאָרטן אַ פלייץ געטאָן. צום ערשטן מאָל האָבן זיך אין דער יידישער דערציילונג צעטראָגן דאָס געזאַנג פון אויפבוי, פון ליבשאַפט צו אַ לאַנד, פון צונויפגעבונדקייט מיטן גורל פון אַ לאַנד. עס איז געווען ניי, עס איז געווען פריש, ריין־שרייבעריש האָט עס געמונטערט.

מוז איך מודה זיין, אַז איך און אַזעלכע ווי איך, וואָס זענען פון אָנהויב אָן געווען אידעיִש אַנטי־קאָמוניסטיש, זענען אויך קינסטלעריש באַווירקט געוואָרן פון דעם נייעם פולס, אימפּעטיקן ריטם אין דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור פון די ערשטע יאָרן. מיר זענען אײ־

דעמאַלאָגיש געווען קעגנער פונעם סאָוויעטיזם, אָבער שרייבעריש האָבן מיר מקנא־געווען די שרייבער אין מאָסקווע, מינסק, קיעוו און כאַרקאָוו די ליבשאַפט זייערע צו אַ לאַנד, די קינסטלערישע פרייד זייערע, די פולע מחותנימשאַפט אויף דער גרויס־היסטאָרישער חתונה.

דער יידיש־גאולה׳דיקער מאָטיוו איז געווען דער אָפקלאַנג פון דער „מלוכה אונטערוועגנס״, וואָס האָט זיך צעשאַלט נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. איך זאָג „דער אָפקלאַנג״ און איך מיין אַז עס איז נויטיק קלאָר צו מאַכן פאַרוואָס דער גאולה־מאָטיוו, בנוגע ארץ־ישראל, איז צו דער יידישער ליטעראַטור דערגאַנגען נאָר ווי אַן אָפקלאַנג. עמאָציאָ־נעל און פסיכיש האָט דער יידיש־שרייבער קיינמאָל נישט איבערגעריסן זיין צונויפבונד מיט ארץ־ישראל, אָבער די פּאָליטישע אידעע פון ארץ־ישראל — דער ציוניזם און אפילו דער חלוציזם — האָט אים קינסטלע־ריש נישט גערעגט. אַ סך סיבות האָבן גורם געווען דערצו, די עיקרדיקע איז געווען דעם שרייבערס אַריינגעוואָקסענקייט אין דער יידישער דאָיִקייט. דאָ האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיטן פרומען יידן, דעם חרד, וואָס משיחיזם איז ביי אים קיינמאָל נישט געווען קיין פּאָליטישע אידעע, נאָר אַן אמונה און אַן איבערלעבונג. די „מלוכה אונטערוועגס״ פון די אָנהויב צוואַנציקער האָט אָבער שעפעריש געווירקט אויף דער יידישער ליטעראַטור דורך אַן אומוועג, וואָס איז פאַר אים אַליין געווען פאַרהוילן. די באַהאַלטענע יידיש־געשיכטלעכע קאַנאַלן האָבן אַריינגעפלייצט אין דער ליטעראַטור אַ דערפרישנדיקע לויטערקייט.

אונטער דער ווירקונג פון דער „מלוכה אונטערוועגנס״ האָט זיך דער יידישער שרייבער געווענדעט — נישט מיטן פנים, נאָר מיט זיין טיף־קינסטלערישן באַוווסטזיין — צו יידיש־היסטאָרישע קוואַלן, צו פאָלקס־קוואַלן, צום רוחניות דיקן תמצית פון יידישקייט. דער אָפקלאַנג האָט ביי אים געמאַכט נישט ווייניקער ווי דער דירעקטער קלאַנג פונעם קאָמוניזם. איז כאָטש ער האָט אויף אים נישט געענטפערט אידעאָ־לאָגיש־פּאָליטיש, האָט ער אָבער קינסטלעריש געפונען אין אים אַ תיקון. עס איז בפירוש געווען דער היסטאָרישער רוף פון דער „מלוכה אונ־טערוועגנס״, וואָס האָט געבראַכט דעם יידישן שרייבער צו גרויס־נאַ־ציאָנאַלער פּערספּעקטיוו, צו נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, צו יידיש־קינסטלע־

רישער אומרו, צו יידישקייט אינעם ברייט-נאַציאָנאַלן פאַרנעם. דערפון זענען אַרויסגעוואַקסן די גרויסע ווערק, וואָס האָבן עלעמענטיש-מענטש־לעכע מאָטיוון אַרויסגעגראָבן פון היסטאָרישע יידישע געשטאַלטן. דערפון איז אַרויסגעוואַקסן די גרויסע נאָוועלע, אפילו דאָס ליריש-פּאַרטיפטע יידישע ליד.

פאָרמאַליסטיש האָט דער סאָוויעטיזם געווירקט אויף דער יידישער ליטעראַטור — נייע פאָרמען, ריטעם, אפילו בילד און געזאַנגיקייט. טיפער אָבער — אין דער איבערלעבונג, אין דער פאַרטיפונג, אין דעם צוריקקער צו תוכיק־יידישע אידעען — האָט ארץ־ישראל געהאַט די אַנטשיידנ־דיקע ווירקונג אויף אונדזער ליטעראטור. אַפילו די שרייבער, וואָס אידעאָלאָגיש האָט זיך אין זיי דער סאָוויעטיזם אָפּגערופן מער סענסי־טיוו ווי ארץ-ישראל, האָבן אויך געשעפּט זייער נאַציאָנאַל-קינסטלערישן פאַטאָס פון דעם היסטאָריש־יידישן גאַנג צו מלוכה׳שאַפט אין ארץ־ישראל.

אַלע דריי פאַזן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע זענען אַריינגעפּרעסט אין בערך אַן אַכט צענדליק יאָר — אַ קליינער שטח צייט פאַר אַ ליטעראַטור צו דערגיין פון איר אָנהויב ביז צו איר הויכ־פונקט. בפרט נאָך אַז דער אָנהויב איז געווען אין אַ כאַאָטיש-אימיגראַנ־טישער סביבה, אין פּראָצעס פון איבערפלאַנצן פון איין וועלט-טייל אין אַן אַנדערער. אַז מיר קוקן צוריק אויף די יאָרן, איז די שפע פון יידישער שעפערישקייט פאַר אונדז אַ נס און אַ רעטעניש. אין עלנט, אין אי־זאָלירטקייט פון די ברייטע יידישע שטראָמען, אין שטענדיקן אָנזאָג פון אונטערגאַנג, האָט די יידישע ליטעראַטור אַרויסגעשטעלט דעם הע־ראָישן ווידערשטאַנד פון שעפערישקייט. פונוואַנעט האָט זיך צו איר גענומען דער אומבאַגרייפלעכער כוח? דעם כוח האָט די יידישע לי־טעראַטור געשעפּט פונעם אייביקן יידישן קוואַל, וואָס איז בייגעשטאַנען אונדזער פאָלק אין דער גאַנצער לענג פונעם גלות. דאָס איז דאָס באַוווּסטזיין און די אידעע פון איין יידיש פאָלק איבער דער גאָרער וועלט. דער יידישער שרייבער אין אַמעריקע האָט די גאַנצע צייט געהאַט די איבערלעבונג אַז ער שפּאַרט־אָן ווייט איבער די גרענעצן פון לאַנד, אַז ער בויט אַ שעפערישן בנין פאַרן גאַנצן פאָלק, אין

אַלע לענדער פון זיין צעשפרייטקייט. דער יידישער שרייבער האָט אויך געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז ער איז אַ טייל פון דער יידישער שעפערישקייט איבער אַ שטח פון טויזנטער יאָרן. ער איז נישט אי־זאָלירט, ער איז פאַרבונדן מיט דורות יידישע שעפער, ער טראָגט אַריין זיין גייסטיקן אוצר אין דעם גרויסן גייסטיקן אַנזאַמל פון אונדזער פאָלק.

פופציק יאָר יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע

דעם שטויס צו דער אַרבעט איבער פופציק יאָר יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט מיר געגעבן דער פופציק־יאָריקער יובל פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד, די פופציק יאָר „יידישער קעמפער" און די ערשט־אָפּגעגאַנגענע פייערונג פון דריי הונדערט יאָר זינט די פאַרוואָרלאָזטע 23 יידן האָבן באַטראָטן די ערד פון ניי־אַמסטערדאַם. בנוגע דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם „יידישן קעמפער" איז זייער שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אפשר נישט געווען קיין דירעקטע, אָבער זייער ווירקונג איז געווען אַ סך אַ טיפערע, ווי מיר מאָלן זיך אויס. ווי יעדע רעוואָלוציאָנערע דערשיינונג, איז די אידעע פונעם אַרבעטער־ציוניזם אַריינגעדרונגען אינעם באַוווסטזיין פון די מער סענסיטיווע, שעפערישע מענטשן, אפילו אַז זיי זענען דירעקט נישט געווען פאַרבונדן מיט איר. רעוואָלוציאָנערע אידעען האָבן אַ טבע צו ווירקן, ווי אַ פריש ווינטל אין אַ הייס־שטיקנדיקן טאָג. אַ פעטער האָב איך געהאַט, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר אַ ווינטל, — אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווי נאָר דאָס ווינטל וועט אַ בלאָז־טאָן אויף אים, וועט ער באַלד כאַפּן אַ פאַרקילונג. אין סאַמע מיטן תמוז, אַז ער האָט דערפילט דעם מינדסטן בלאָז פון אַ ווינטל, האָט ער באַלד פאַרמאַכט אַלע פענצטער. אָבער דער אייגענער פעטער מיינער איז געזעסן אין שטוב מיט די פאַרמאַכטע פענצטער און שטאַרק הנאה געהאַט: „פעטער מענדל, פונוואַנעט ווייסט איר אַז סע איז אַ מחיה'דיק ווינטל, אַז איר האַלט פאַרמאַכט די פענצטער?" „שוטה איינער", האָט ער זיך געבייזערט, „מיינסט, אַז צו וויסן וואָס אַ מחיה'דיק ווינטל איז דאַרף אַ מענטש עפענען די פענצטער און דאָס ווינטל זאָל אויף אים בלאָזן? דער שכל איז, אַז דו זאָלסט וויסן ווי פריש און שמעקעדיק דאָס ווינטל

איז, נאָר דו זאָלסט קיין פאַרקילונג נישט כאַפּן״... דערנאָך האָט ער זיך פאַרטראַכט און זיך ווייטער אָנגערופן: „דער שכל פון אַ ווינטל איז, אַז סע זאָל אַריין אפילו דורך פאַרמאַכטע פענצטער״...

מיט פופציק יאָר צוריק, ווען דער אַרבעטער־ציוניזם איז געקומען, האָט די ידישע גאַס פאַרמאַכט אַלע פענצטער אירע, אַז קיין פריש אידעיִש ווינטל זאָל, חלילה, נישט אַ וויי־טאָן אויף איר. נאָר דאָס פרישקייט פונעם געדאַנק איז אַריינגעדרונגען אפילו דורך די פאַרמאַכטע פענצטער. פאַרשטייט זיך, אַז מיר רעדן פון די ראַדיקאַלע אידעען, ווי דער סאָציאַליזם און דער אַנאַרכיזם, וואָס האָבן דאַמאָלס געשאַלטער־וועט אין אימיגראַנטישן לעבן אונדזערן. דער ציוניזם אַליין איז געווען גענוג טריף, בפרט נאָך דער אַרבעטער־ציוניזם. דעם כלל־ציוניזם האָט דאָס ראַדיקאַלעכץ געקאָנט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט: ווייס איך וואָס, בעל־הביתלעך, קליינע בורזשועלעך... אָבער דער אַרבעטער־ציוניזם איז דאָך געקומען צו זיי אין שטוב אַריין ממש. ער האָט דאָך אויך גערעדט פון סאָציאַליזם, נאָר אַזאַ סאָציאַליזם, וואָס האָט די שאַלטער און וואַלטער פונעם דאַמאָלסדיקן גענאָסישן געזינדל אַריינגעוואָרפן אין אַ פחד. עס איז געווען מיין פעטער מענדלס פריש ווינטל, זיי האָבן אויך געציטערט, אַז זייער אידעע זאָל נישט כאַפּן קיין פאַרקילונג. נאָר די סענסיטיווערע מענטשן, די שעפערישע, האָבן דאָס רעוואָלוציאָנערע ווינטל דערשפּירט אפילו דורך די פאַרמאַכטע פענצטער, און נאָכמער, זיי האָבן אויך דערשפּירט אַז דאָס ווינטל איז אַ מחיה׳דיקס. אַזוי זעען מיר, אַז מאָריס ראָזנפעלד האָט זיך שוין פאַרגונען צו שרייבן דאָס ליד „מיטן וואַנ־דערשטאָק אין דער האַנט״, אָדער „אויפן ברזעם פונעם ים״. ער האָט זיך דערוועגט צו באַזינגען אונדזערע ימים טובים, כאָטש דער דאַמל־טיקער ראַדיקאַליזם האָט געמיינט, אַז סע איז אַ הייליקע מצווה זיי צו פאַרשווועכן. אָפּגערעדט פון יהואש און פינסקין, וואָס זענען בכלל נישט געגאַנגען אין שפּאַן פונעם ראַדיקאַליזם אויף דער ידישער גאַס. מיר געפינען שפורן פונעם אַרבעטער־ציוניסטישן געדאַנק אפילו ביי אַזעלכע שרייבער, וואָס האָבן גאָר אַליין נישט חושד געווען, אַז זיי האָבן געעפנט אַ פאָרטעטשקע, אַ שפּרונקעלע, פאַרן פרישן אידעיִשן ווינטל, וואָס דער אַרבעטער־ציוניזם האָט געבראַכט.

עס איז נישט געווען קיין געשיכטלעכער קאַפּריז, וואָס דער אַנהויב פון דער נייער, הויך־קינסטלערישער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן אַנהויב פונעם אַרבעטער־ציוניזם. אין איין צייט כמעט איז צייטיק געוואָרן דער רעוואָלט קעגן דעם איינגעשטעלטן אַנטינאַציאָנאַלן סאָציאַליזם ביים ראַדיקאַלן יידישן עולם אין אַמעריקע, און דער רעוואָלט קעגן דעם מעכאַנישן, פאָרמאַליסטישן, באַדינערישן גאַנג אין דער ליטעראַטור, די יונגע פּאָעטן און דערציילערס, וואָס זענען אויפגעשטאַנען קעגן די דאַמאָלסדיקע שרייבערישע לייבן, האָבן זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, אַז באַווירקט זענען זיי פון די פרישע אידעיִשע ווינטלעך, וואָס דער אַרבעטער־ציוניזם האָט געבראַכט. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז די יידישע גאַס ברויזט מיט רעוואָלוציע, וואָס האָט אין זיי אַליין אויפגעוועקט אַ רעוואָלוציאָנער־קינסטלערישן ברויז. היינט אָבער, אַז מיר קוקן צוריק אויף יענער צייט און שאַצן זי אָפּ פון אַ היסטאָרישער דיסטאַנץ, זעען מיר ווי דער ציוניסטישער און אַנטי־קינסטלערישער ראַדיקאַליזם האָט זיי געהאַלטן, צוגעדעמפּט. אַז מיר זאָלן נעמען דעם תמצית פונעם אַרבעטער־ציוניזם, ביי זיין אויפקום דאָ אין לאַנד, און דעם תמצית פון דער אויפגייענדיקער נייער יידישער ליטעראַטור, וועלן מיר זעען ווי זיי זענען איינס, ווי זיי קוואַלן אַרויס פון איין ריינעם, דערפרישנדיקן קוואַל. דער תמצית פונעם אַרבעטער־ציוניזם איז געווען צו באַפרייען דאָס יידישע לעבן פון די פּענטעס, וואָס די סאָציאַליסטישע דאָגמאַטיקער האָבן אויף דעם אָנגעטאָן. דער ציוניסטישער סאָציאַליזם האָט דעם סאָציאַליזם אַריינגעהויכט אַ יידישע נשמה און דערמיט אַליין האָט ער אים געמאַכט יידיש־אייגענער, אַז ער זאָל נישט זיין קיין איבערגעפּלאַנצטע פרעמדע פלאַנץ אויף אונדזער באָדן. דער תמצית פון דער נייער יידישער ליטעראַטור איז געווען: שאַפן אַ נאַציאָנאַלע יידישע קונסט, וואָס זאָל נישט האָבן קיין צוטשע־פּענישן פון אידעען, וואָס אויף אונדזער ערד זענען זיי נישט געוואַקסן. דערפאַר זעען מיר, ווי אַזאַ ראַפינירטער פּאָעט, ווי מאַני לייב, האָט געשריבן פאָלקישע מאָטיוון און האָט דאָס פּאָעטישע יידישע לשון באַפרייט פונעם דאַמאָלסדיקן זשורנאַליסטישן זשאַרגאָן.

און וואָס איז שייך די פייערונגען פון דריי הונדערט יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע, וואָס אונדז, — דעם יידיש־שעפערישן סעקטאָר, — האָט מען צוגעטיילט אַזאַ זייטיק אָרט אויף זיי, ווי אַן אָרעמאַנסקען קרוב אויף אַ נגידישער חתונה, איז די טרייב־קראַפט צו דער אַרבעט איבער פיפציק יאָר יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע געווען פון אַן אַנדער מין. קודם, אויף די פייערונגען האָט מען זיך דער עיקר׳שט באַרימט מיטן יידישן צושטייער צום אויפבוי פון אַמעריקע און אפילו צו דער אַמעריקאַנער קולטור. פונעם אַנהייב־אָן האָב איך אין דעם געזען אַ פאַרקריפּלונג פון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג אין דער וועלט. מיר, אין אונדזער לאַנגער וואַנדער־געשיכטע, אינעם אַריבערוואַרף פון איין לאַנד אין אַנדערן, האָבן געשיכטע געמאָסטן נישט מיט דער מאָס פון אונדזער צושטייער צו דער געשיכטע פון די לענדער, נאָר צו אונדזער אייגענער געשיכטע.

וואָס האָט, למשל, דאָס בבל־יידנטום צוגעטראָגן צו אונדזער גייסטיקן אוצר? דעם תּלמוד, די אמוראָים און די גאונים. וואָס האָט דאָס שפּאַנישע יידנטום צוגעטראָגן? די „גאָלדענע עפּאָכע" פון הויכער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע און פאַרטיפטע טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע ווערק. דאָס בלאָט יידישע געשיכטע אין פראַנקרייך מעסטן מיר מיט אַ רש"י, מיט אַ רבינו תם. דאָס קאַפּיטל יידישע געשיכטע אין דייטשלאַנד מעסטן מיר די ישיבות אין וואָרמס און אין שפּייער, מיט די פּייטנים. אין איטאַליע, ווידער, מיט אַ שד"ל און אפילו מיט אַ „שמואל־בוך" און אַ „פּאַריס און וויענאַ", — צוויי יידישע ביכער, וואָס זענען פון די ערשטע אין דער יידיש־ליטעראַטור. די פייערונגען פון דריי הונדערט יידיש לעבן אין אַמעריקע האָבן בלי ספק נישט געקאָנט און נישט געטאָרט אויסמיידן דעם יידישן צושטייער צו אַמעריקע. זיי האָבן אָבער בשום אופן נישט געטאָרט אָפּקומען דורכאויס דערמיט. אונדזער אייגענע געשיכטלעכע מאָס האָבן מיר נישט געטאָרט אַזוי אַפּאָלאָגעטיש באַהאַלטן אונטער דער פּאָלע. דערפאַר איז אויסגעקומען, אַז דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום וואָס האָט זיך אָנגעהויבן איינצוואָרצלען דאָ אין לאַנד אין די אַכציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט מען כמעט ווי פאַרשוויגן און, פאַרשטייט זיך, אַז פאַרשוויגן האָט מען אויך די יידישע ליטעראַטור.

אַז איך האָב זיך אָבער, ווי אַ סך פון אונדז, אָפּגעגעבן אַ היסטאָרישן דין וחשבון וועגן דעם צושטייער פונעם אַמעריקאַנער יידנטום צו אונ־דזער געשיכטע פון צוויי טויזנט יאָר גלות, האָב איך געזען, אַז אָן דער אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע וואָלט דער צושטייער געווען כמעט ווי נול. אַ יידיש לעבן אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט, ווען דער גרויסער אימיגראַציע־שטראָם האָט זיך, אין די אַכציקער יאָרן, אָנגעהויבן פון רוסלאַנד. אָט־די אימיגראַציע האָט נישט נאָר אין כמות, אין צאָלן, פאַרמערט דעם ישוב אונדזערן דאָ אין לאַנד, נאָר אין איכות, — אין היסטאָרישע ווערטן, — האָט די אימיגראַציע געשטעלט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אויף די פיס. ווי וואָלט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אויסגעזען נאָר מיט דער ספּרדישער אימיגראַציע, פון דריי הונדערט יאָר צוריק, און דערנאָך מיט דער דייטש־יידישער אימיגראַ־ציע? וואָס פאַר אַ גייסטיקע ווערטן וואָלט דאָס קאַפּיטל אַמעריקע אַריינגעשריבן אין אונדזער געשיכטע, ווען נאָר יענע צוויי אימיגראַציעס וואָלטן געבליבן דער רוקנביין פונעם היגן יידנטום? און נישט נאָר גייסטיקע ווערטן, אויך נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעך וואָלט דאָס אַמערי־קאַנער יידנטום נישט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער גע־שיכטע. ביים אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יידן אין אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די הילפס־אַרבעט פאַר די מלחמה־געליטענע, זענען טאַקע אַ פעליקס וואָרבורג און אַ דזשיקאָב שיף, אַ לואיס מאַרשאַל און אַ פעליקס פראַנקפורטער געשטאַנען בראש פון דער אַרבעט, אָבער דער טרייבנדיקער כוח איז געווען די מזרח־איי־ראָפּעיִשע יידישע מאַסע, וואָס אין איר נאָמען האָבן די דייטשע יידן געהאַנדלט. נאָכמער, די אָפּיציעלע, די אָרגאַניזירטע הילפס־אַרבעט, איז טאַקע געלעגן אין די הענט פון דייטשע יידן, אָבער אין אַ פיל־גרעסער מאָס איז געווען די הילף, וואָס יידן האָבן פּריוואַט געשיקט צו זייערע קרובים אין די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע, בעסאַראַביע. די לאַנדסמאַנשאַפטן־הילף, וואָס איז געשטאַנען מחוץ פונעם דזשאָינט, איז אפשר געווען פון אַ סך אַ גרעסערן פאַרנעם, ווי די הילף פונעם דזשאָינט. סע איז געווען אַ נאַטירלעכער פּראָצעס, — ווילנער אין אַמעריקע האָבן געהאָט אַ נענטערע, אַן אינטימערע, פאַר־

בינדונג מיט די געליטענע אין ווילנע, ווי סע האָבן געקאַנט האָבן יידן, וואָס האָבן ווילנע נישט געטראָגן אין זייערע הערצער. דערצו נאָך איז דער אופן פון דער הילף געווען פון אַן אַנדער מין: זי האָט פאַרמאָגט אין זיך נאָנטשאַפט, קרובה׳שאַפט, אינטימקייט. בעת די אָפּי־ציעלע, אָרגאַניזירטע הילף האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון צדקה, — אַפילו אַז זי האָט זיך אויסגעדריקט אין בויערישע פּראָיעקטן, ווי צו־ריקשטעלן אַ חרוב־געוואָרענעם מרחץ, אַ בית המדרש, אָדער איינאָר־דענען אַ ביבליאָטעק. די יחידישע הילף פון אַמעריקאַנער קרובים און לאַנדסמאַנשאַפטן, האָט דורך דער הילף צונויפגעבונדן יידן מיט יידן, שטעטל אין פּוילן, אָדער ליטע, מיט לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע, — און לאַנדסמאַנשאַפט איז אין יענע יאָרן אויך געווען ווי שטעטל.

נאָר וויכטיקער איז די פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע אויסגעוואָקסנקייט און דערוואַקסנקייט פונעם אַמעריקאַנעם יידנטום, וואָס איז דוראויס אַ רע־זולטאַט פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן סעקטאָר אין אונדזער לעבן. איך וויל, חלילה, נישט זאָגן, אַז אַ לואיס מאַרשאַל, אָדער אַ פעליקס וואָרבורג זענען נישט געווען קיין דערוואַקסענע יידן, אינעם זין וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין זיך דעם דראַנג צו אַנטוויקלען אַ פּאָליטישע אַרבעט לטובת די יידן אין מזרח־אייראָפּע. אַ חוץ וואָס זייער אַרבעט איז אַן אָפּן בוך און יעדער איינער פון אונדז ווייסט ווי איבערגעגעבן זיי זענען געווען דער קאָנסטרוקטיווער הילף און דער פּאָליטישער, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו שטיין מיט זיי אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט און זען דאָס יידישע פּיירל, וואָס האָט געברענט אין זייערע אויגן. לואיס מאַרשאַל, געדענק איך, ווען ער איז צוריקגעקומען פון אייראָפּע און איך האָב געהאַט מיט אים אַ שמועס, האָט דעם גרויען לייבנקאָפּ זיינעם אויפגעהויבן מיט אַ מין שטאָלץ און מיט אַ ברייטן שמייכל מיר געזאָגט: „איר ווייסט, איך האָב זיך אויסגעלערנט יידיש. היט זיך, ווי איר גיט־איבער דעם שמועס מיט מיר, איך וועל אים לייענען"... פאַרוואָס האָב איך אים געפרעגט, האָט ער זיך אויסגעלערנט יידיש? ער האָט זיך פאַרטראַכט, דערנאָך האָבן זיך אים ביי די אויגנ־ווינקלען צעכוואַליעט קלוגע קנייטשלעך און דאָס טיף־ברוסטיקע קול זיינס איז געוואָרן נאָך טיפער און ברוסטיקער: „איך וויל פאַרשטיין

ייִדן, איך וויל מיט ייִדן זיין צונויפגעבונדן... נישט נאָר זיי געבן, נאָר אויך ביי זיי נעמען"... אין די עטלעכע ווערטער מאַרשאַלס איז געלעגן דער פולער היסטאָרישער אמת וואָס דאָס מזרח־איראָפּעיִשע ייִדנטום, דאָס ייִדיש־רעדנדיקע, דאָס ייִדיש־אומרויִקע און ייִדיש־שעפערישע, האָט דורכגעפירט אין אַמעריקע. אַ סך פון אונדז געדענקען אַוודאי די צעברויזטע צייט פון פראָפּאַגאַנדירן פאַרן ערשטן ייִדישן קאָנגרעס און דעם קאָנגרעס אַליין, אין פילאַדעלפיע. אַרויסגעוואַקסן איז די אידייע פון אונדזערע ייִדן און, ווי יונג איך בין נאָך דעמאָלס געווען, געדענק איך ווי שווער סע איז געווען דאָס געראַנגל צווישן אונדזערע ייִדן און די אָפּיציעלע פאַרזאָרגערס, וואָס געקומען זענען זיי געוויינטלעך פון אויבן, פונעם אָפּטאון. אַרויסגעגאַנגען איז דעמאָלס דאָס וואָכנבלאַט „ייִדישער קאָנגרעס", וואָס די רעדאַקטאָרן זיינע זענען געווען ד"ר נחמן סירקין און פנחס רוטנבערג. וואָס אַ יאָר ווייטער, אַלץ מער און מער זענען מיר, ווי דאָס אָרעמע בלעטל האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיע ווירקונג אויפן וווּקס פון דער קאָנגרעס־אידעע און האָט באַוויזן די יאָהודיסטישע קרייזן, — קעגן זייער אייגענעם ווילן, — צוצושטיין צו דער קאָנגרעס־באַוועגונג. די וואָכנצייטונג איז געווען אָרעם אין פינאַנציעלע מיטלען, אָבער רייך אין ייִדישער באַגייסטערונג, אין דעם פאָלקישן פלאַם, וואָס דאָס מזרח־איראָפּעיִשע ייִדנטום האָט אָנגעצונדן אין אונדזער ישוב. פונעם ייִדישן קאָנגרעס איז אַרויסגעוואַקסן די פּאָליטישע אַרבעט פונעם אַמעריקאַנער ייִדנטום און געשטויסן צו דער פּאָליטישער אַרבעט האָט בפירוש דער מזרח־איראָפּעיִשער סעקטאָר.

אַז מיט יאָרן שפּעטער וועט מען שרייבן די געשיכטע פונעם פּאָליטישן געראַנגל, וואָס אַמעריקאַנער ייִדן האָבן געפירט פאַר ארץ־ישראל און פאַרן אויפשטעל פון דער ייִדישער מדינה, וועט דער ציוניזם אָן ספק פאַרנעמען דעם אויבנאָן, אָבער דער היסטאָריקער מיט אַ חוש אַריינצודרינגען טיפער אין היסטאָרישע פּראָצעסן, וועט זען, אַז דער גרעסטער כוח, און דער אַנטשיידנדיקסטער, אינעם דאָזיקן געראַנגל, איז געווען דאָס מזרח־איראָפּעיִשע ייִדנטום. דער ציוניזם וואָלט נישט געקאָנט מאָנען מיט אַזאַ פאָלקייט, מיט אַזאַ קרעפטיקייט, ווען ער וואָלט נישט געהאַט הינטער זיך די אויפגעברויזטע ייִדישע מאַסע. געשען איז,

אַז דער געדיכט־אימיגראַנטישער יידישער עולם, וואָס אין אונדזער צייט איז פון אים שוין אַרויסגעוואַקסן דער צווייטער און דריטער דור, — אַט דער עולם איז פּאָליטיש געווען אַ סך רייפער, ווי דער עולם יחסנים פון די פריערדיקע יאָרן. אפשר וואָלט ריכטיקער געווען צו זאָגן, אַז ער איז געווען פּאָליטיש סענסיטיווער און נאַציאָנאַל־עקשנותדיקער פון די גאַנצע און האַלבע „מעי־פלאָוערניקעס" אונדזערע. און גראָד דער צום אָנהייב דערנידעריקטער מזרח־אייראָפּעיִשער, אימיגראַנטישער עולם האָט געפורעמט דאָס פּנים פונעם אַמעריקאַנער יידנטום.

האָב איך פריער געזאָגט, אַז די נישט־לאַנג אָפּגעגאַנגענע פייערונגען פון דריי הונדערט יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע זענען אויך געווען דער שטויס זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַרבעט פון פּופּציק יאָר יידישע ליטעראַטור. די פייערונגען האָבן די יידישע ליטעראַטור געקריוודעט, אויף זיי איז נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן די גרויס־קינסטלערישע שעפערישקייט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער אימיגראַנטישער געדיכטעניש. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַוועקצושטעלן די יידישע ליטעראַטור פאַר איינער פון די וויכטיקע אויפטוען פון יידן אויף דער אַמעריקאַנער ערד. אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו אָבער, ווי מיר שרייבן געשיכטע פאַר זיך, נישט לעיני כל הגויים, נישט אַפּאָלאָגעטיש־באַרימעריש פאַר דער גויִישער וועלט: נאַט, זעט וואָס יידן האָבן אויפגעטאָן פאַר אַמעריקע, — אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו פון אונדזער אייגענער געשיכטע — וועט די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פאַרנעמען דעם אויבנאָן. זי וועט זיין אונדזער היינטצייטיקע „גאָלדענע עפּאָכע", אפשר נאָך גרעסער און גאָלדענער ווי די שפּאַנישע. וואָרעם, ווי איך האָב פריער געזאָגט, אונדזער געשיכטע שרייבן מיר מיט דער מאָס פון גייסט, מיט דער מאָס פון שעפערישער ענערגיע און קדושה און שעפערישע ענערגיע, יידישע קדושה, פאַרמאָגט די ליטעראַטור אונדזערע.

די יונגע

מיט אַזעלכע דאַטעס, ווי אַ ליטעראַטור־עפּאָכע, איז מען קיין מאָל נישט זיכער סיי בנוגע דעם אָנהייב אירן און סיי בנוגע דעם סוף אירן. ביי מיר קומט אויס, אַז אין 1966 איז געוואָרן זעכציק יאָר זינט דעם אָנהייב פון די „יונגע" אין דער ידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע. פון וואַנעט נעם איך עס? דערפון, וואָס אין 1907 האָט שוין אַ גרופּע אָנהייבערס אַרויסגעגעבן די דינע העפטלעך יוגנט און, ווי איז נישט שייך, אַז כאָטש אַ יאָר פריער האָבן זיי זיך געגרייט דערצו? בפרט נאָך, אַז מאַני לייב, זישאַ לאַנדוי און ראובן אייזלאַנד האָבן שוין געהאַט געדרוקט לידער פריער. נעמען מיר אָן, אַז סע איז איצטער זעכציק יאָר פון דער רעוואָלוציאָניזירנדיקער גרופּע אין אונדזער ליטעראַטור. גיכער זענען מיר זיך טועה אויף אַ יאָר צוריקוועגס, איידער אויף אַ יאָר פאָרויס.

דער נאָמען „יונגע" איז לכתחילה געווען אַ מין אָפּשפּעטערישער און גענומען האָט ער זיך פון די דינע העפטלעך יוגנט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן. דערנאָך אָבער האָט זיך דער נאָמען אַזוי צונויפגעזונגען מיט זייער געמיט, אַז זיי האָבן פון זיך אַליין נישט געטראַכט אַנדערש, ווי אין די טערמינען פון „יונגע". און ווידער, איידער מיר רעדן פון זייער אויפטו און דערגרייכונגען זייערע, איז נייטיק אָוועקצושטעלן קלאָר וועמען מיר מיינען מיטן באַגריף „יונגע". אַז מיר זאָלן רעדן סתם פון דער יונגער ידישער ליטעראַטור, וואָלט די פּעריפעריע געווען אַ סך אַ ברייטערע. אָבער, אַז מיר רעדן פון די „יונגע", ווערט די פּעריפעריע שוין אַן ענגערע. אין די דינע העפטלעך יוגנט האָבן זיך געדרוקט פּאָעטן און דערציילערס, וואָס האָבן דערנאָך קיין שייכות נישט געהאַט מיט די „יונגע". דער אמת איז, אַז אַזעלכע פּאָעטן, ווי יוסף ראָלניק, משה לייב האַלפּערן און י. י. שוואַרץ, האָבן די „יונגע" נישט אַריינגעציילט אין זייער גרופּע. אַפילו דוד איגנאַטאָוו, וואָס איז געווען דער פאַרהאַוועטער טוער

פון דער נייער ליטעראַטור און זיינע זאַמלביכער שריפטן זענען געווען דער ערשטער גרויסער פּאַרנעם פון דער נייער, אויפגייענדיקער ליטע־ראַטור אין אַמעריקע, — אַפילו ער איז ביי די „יונגע" נישטאָ אינעם חשבון זייערן. הייסט עס, אַז מיר אַליין דאַרפן באַשטימען אַ מאָס פאַר די „יונגע" און צו דער אייגענער צייט אויך האַלטן זייער אייגענעם חשבון.

ליטעראַטור־שיטות, ווייסן מיר, הייבן זיך אָן, ווי פרילינגשטראָמען, וואָס טראָגן מיט זיך אַלצדינג, וואָס פאַלט אַריין אין זייער ברויזיקן שטראָם. דערנאָך ערשט הייבט זיך אָן די אויסלייטערונג. די שרייבערישע פּערזענלעכקייט דערהייבט זיך איבער דער ליטעראַטור־שיטה און טרעט אויס פאַר זיך אָן אייגענעם וועג. אָבער פון די שרייבערישע פּערזענלעכ־קייטן, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון די „יונגע", וועלן מיר רעדן שפּע־טער. דערווייל האַלטן מיר ביים אָנהייב פון דער ליטעראַטור־גרופּע און מיר דאַרפן אַ קוק טאָן אויף דער ליטעראַטור פון יענער צייט, וואָס קעגן איר האָבן די „יונגע" רעוואָלטירט. געווען אין דעמאָלסט דער אויסגאַנג פון דער „שטורעם־ און דראַנג"־עפּאָכע אין דער יידישער ליטעראַטור. דער סאָציאַלער מאָטיוו איז געווען דער עיקר סיי אין דער פּאָעזיע און סיי אין דער פּראָזע. קעמפערייש איז די ליטעראַטור געווען און, אַז מיר קוקן איצטער צוריק אויף יענער צייט, זעען מיר, ווי גרויס זי איז געווען.

אַוודאי, נאָך אונדזערע היינטיקע באַגריפן פון פּאָעזיע איז דוד עדל־שטאַט געווען אומבאַהאָלפן אַפילו באַוווּסטזיניקער איז נישט דערגאַנגען צו דער הויכער מדרגה פון מייסטערשאַפט, וואָס די פּאָעטן פון די שפּע־טערדיקע יאָרן זענען צו איר דערגאַנגען. און וואָס איז נוגע דער פּראָזע, איז זי געשטאַנען נאָך אויף אַ סך אַ נידעריקערער קינסטלערישער מדרגה, ווי די פּאָעזיע. וואָרעם די פּאָעזיע האָט כאָטש געהאַט סאָציאַלן פּאַטאָס. בעת די פּראָזע איז סתם געווען וואכעדיק און נודנע. ווידער דער אַפּעריי־טאָר און אָבער דער פעדלער. דער פלי פונעם געדאַנק און די מחשבה פונעם אימאַזש זענען נאָך נישט געווען בנמצא אין דער יידישער ליטע־ראַטור פון אַמעריקע.

אָבער אין דער פּאָעזיע איז שוין געווען מאָריס ראָזנפעלד, וואָס איז נאָך היינט איינער פון די גרויסע פּאָעטן אין יידיש. אין דער פּראָזע איז

שוין געווען א. ז. ליבין, וואָס האָט מיט דינע שטריכעלעך געמאָלט דאָס דאַמאָלסטיקע ידישע לעבן אין ניו־יאָרק און די דורכויס סאָציאַלע פּאָעטן האָבן אויך פאַרמאָגט אַ הויך־פּאָעטישן פּאַטאָס.

כדי מיר זאָלן קענען פאַרשטיין דעם מצב פון דער ידישער ליטע־ראַטור אין די אָנהייב אַכציקער יאָרן פונעם פריערדיקן יאָרהונדערט ביזן ערשטן צענדליק יאָרן פונעם היינטיקן יאָרהונדערט, דאַרפן מיר פּרווון צו פאַרשטיין דעם מצב פון דער ידישער אימיגראַנטישער מאַסע אין יענעם צייטאָפּשניט. קודם דאַרפן מיר נעמען די אימיגראַנטישע מאַסע אינעם ליכט פון אַמעריקע בכלל. כאָטש די ידישע אימיגראַציע איז געווען כמעט אַ פולער איינס פאר זיך, וואָס האָט נישט נאָר געהאַט אייגענע טראַדיציעס, נאָר אפילו אַן אייגענע עקאָנאָמיק, ווי זי וואָלט געווען אַ טעריטאָריע, איז זי אָבער פאַרט געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון די געשעענישן אינעם לאַנד. דער ידישער אימיגראַנט פון מזרח־אייראָפּע איז דאָ אַריינגעפאַלן אין אַן אייגענער וועלט, ווו דער אַרבעטס־געבער איז לרוב געווען אַ ייד, דער אַרבעטער, די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור איז געווען אַ ידישע.

אין אַמעריקע איז דעמאָלט געווען די עפּאָכע פון „רעקאָנסטרוק־ציע", — די יאָרן נאָכן טראַגישן בירגערקריג. אַמעריקע האָט געדאַרפט האָבן מיליאָנען אַרבעטסהענט פאַר דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. זענען די אימיגראַנטן געקומען פון אַלע עקן וועלט און דער אינדוסטריע־לער מאָגן האָט זיי איינגעשלונגען. די ידישע אינדוסטריעלע אַנטוויק־לונג איז, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען אויף אַן אַנדער ליניע: שניידעריי, שוסטעריי און אַנדערע קליינע אינדוסטריעס, נישט קיין שטאָל, אייזנבאַ־נען, שיפסבוי, ווי סע איז געווען דער פיבערדיקער בוי פון אַמעריקע. סע איז אָבער געווען אַ פּיאָנעריש־ידישער אינדוסטריעלער וווקס. אין דער גרויסער אַמעריקע זענען די אינדוסטריע־אונטערנעמערס געווען די אַנגלאָ־זאַקסן, וואָס האָבן זייער ייחוס געצויגן פון דער מעיפלאַוער, לכל הפחות אַ טייל פון זיי. די ידישע „מעיפלאַוערניקעס" זענען געווען די דייטשישע ידן, וואָס זענען געקומען אין לאַנד אַריין נאָך 1848 און אויך דער איבערלייב פון די שפּאַנישע ידן, וואָס דער רוב זייערער האָט זיך שוין דעמאָלסט געהאַט אַסימילירט.

די יידישע אימיגראַנטן זענען פאַרשלונגען געוואָרן פון דער וואַקסנ־דיקער יידישער אינדוסטריע, — די נאָדל־שעפּער. דאָ זעען מיר, ווי די יידישע אימיגראַנטישע מאַסע איז געגאַנגען אויפן אייגענעם אַנטוויקלונג־וועג, ווי די אַמעריקאַנישע בכלל. דער פאַרגלייך גייט אָבער נאָך ווייטער: די סאָציאַל־פּראָטעסטלערישע ברוּיזענישן אין די טיפסטע טיפענישן פון די אַרבעטער. קיין אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך אין אַמעריקע נישט געווען, אָבער ספּאָנטאַנע אויסבראָכן זענען געווען. דער טראַגישער שטרייק אין שיקאַגאָ, וואָס אויסגעלאָזט האָט ער זיך מיט מאָרד און פייער און דער מוראדיקער פינאַל זיינער איז געווען די תּליות פאַר אַנאַרכיסטן, האָט זיך אָנגעצונדן אין 1882. דער נצחון איבער די אַרבעטער איז געווען אַ פולער, אָבער דאָס פייער פון פּראָטעסט האָט געטליעט אין דער שטיל, ביז סע האָט זיך יאָרן שפּעטער צעפלאַקערט און האָט אָנגעצונדן דעם דויערנדיקן פלאַם פון יוניאָניזם. אין דער יידישער אימיגראַנטישער סביבה האָט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל געהאַט אַ טיפן אָפּקלאַנג און מיר הערן אים אין לידער פון יענע־צייטיקע פּאָעטן. אָבער געווען איז אויך דער באַזונדערער יידישער מאָמענט.

יעדער אינדוסטריע, וואָס הייבט זיך ערשט אָן צו אַנטוויקלען, שטייט בכלל אויף אַ זייער נידעריקער מדרגה בנוגע די אַרבעטס־באַדינגונגען. בפרט נאָך אַזאַ אינדוסטריע, וואָס האָט נישט נאָר געדאַרפט בויען די פאַבריקן און שאַפן די פּראָדוציר־מעטאָדן, נאָר זי האָט אויך געדאַרפט שאַפן דעם אָפּנעם פאַר דער פּראָדוקציע אירער. פאַרטיקע קליידער, פאַר־טיקע שיך, פאַרטיקע מאַנטלען, — אַמעריקע האָט זיך ערשט געדאַרפט לערנען צו ווערן דער גרויסער אָפּנעמער פון דער יידישער פּראָדוקציע. דער יידישער אַרבעטער איז דערפאַר געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה אין די אַרבעטס־באַדינגונגען. מיר, וואָס האָבן יענע עפּאָכע נישט דורכגעלעבט, ווייסן וועגן איר פון דער ליטעראַטור, וואָס די סאָ־ציאַלע שרייבערס האָבן דאַמאָלסט געשאַפן. מיר ווייסן, אַז דער אָפּערייר טאָר האָט געדאַרפט יעדער פרימאָרגן טראָגן די ניי־מאַשין אויף די פּלייצעס און זי ברענגען אין שאַפּ אַריין. דאָס אייגענע ביים אַהיימגיין, נאָכן אָפּאַרבעטן צוועלף און פערצן שעה. מיר ווייסן, ווי אַרבעטער האָבן דערצו נאָך גענומען „היימאַרבעט‟, כדי דאָס ווייב מיט די אַ ביסל־אונטערגע־

וואַקסענע קינדער זאָלן צוהעלפן אין דער ביטערער פּרנסה.

דער יידישער מאָמענט איז געווען, וואָס אַ סך זענען געקומען פון רוסלאַנד, ווו די פריע רעוואָלוציאָנערע ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן. אַוודאַי, דער איבערוועגנדיקער רוב אימיגראַנטן האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין רוסלאַנד. געווען זענען זיי פּשוטע פאָלקסמענטשן, וואָס האָבן אינעם ווייטן, איבערלאַנד־און־ימיקן לאַנד געזוכט אַ מקום־מקלט סיי פון די רדיפות און סיי פון דער נויט. אָבער סוף־כל־סוף — שרייבערס זענען דאָך געוואָרן די מער אינטעליגענטערע מענטשן און זיי האָבן שוין גראָד יאָ געהאַט אַ באַגריף פון די רעוואָלוציאָנערע ברוזיענישן אין רוסלאַנד. אַ סך זענען טאַקע אַנטלאָפן, זיך געראַטעוועט פון טורמע, אָדער גאָר סיביר. איז דאָ, אין דער פרייער אַמעריקע, האָבן זיי, די אינטעליגענטערע אימיגראַנטן, געפונען די מעגלעכקייט אַרויסצושרייען זייער סאָציאַלן פּראָטעסט און קיין מורא נישט האָבן פאַר רדיפות מצד דער מאַכט.

און, ווי שוין פריער געזאָגט, איז געווען וואָס צו שרייען, וואָס צו שטורעמען. דער ייד אינעם קליינעם שטעטל האָט געלעבט אָרעמער, ווי דער אַרבעטער אין ניו־יאָרק, אָבער אַפילו אַז ער איז געווען „פאַרקויפט צו דער פּרנסה״, איז ער אָבער אינעווייניק אין זיך געווען פריי. דאָ, אין „גאָלדענעם לאַנד״, איז ער צום ערשטן מאָל געוואָרן ממש פאַרקויפט צום באַלעבאָס, וואָס פאַר אים האָט ער געאַרבעט. אַוודאַי, געקומען קיין אַמעריקע זענען אויך שניידערס און שוסטערס, וואָס האָבן אין דער היים געאַרבעט ביי „מייסטערס״ און האָבן ביי זיי קיין האַניק נישט געלעקט, אָבער זייער צאָל איז געווען קליין לגבי די הונדערטער טויזנטער, וואָס אָדער זיי האָבן גאָר קיין מלאכה נישט געהאַט, אָדער זיי זענען געווען קליינע באַלעבאַטימלעך פון ווערקשטאַטן און „אויסגעריסן״ זענען זיי געוואָרן פאַר זיך אַליין, אָן דער אייבערהערשאַפט פון אַנדערע.

גאָר אַ באַזונדערער מאָמענט אין דעם סאָציאַלן פּאַטאָס פון די שרייבערס־פּיאָנערן איז געווען דער נביאישער, וואָס זיי אַליין האָבן אפשר נישט אָנגעהויבן צו וויסן פון אים. זיי זענען געקומען פון דער יידישער געדיכטעניש, ווו דער נביאישער פּסוק האָט ממש אַרומגעשפּאַצירט איבער די געסלעך. ווי ווייניק זיי האָבן נישט געלערנט, זענען זיי אָבער געווען

דורכגעדרונגען מיט די סאָציאַלע מאָנונגען פון די נביאים. פונעם חומש איז דאָך אָפּגערעדט, — וואָסער יידיש קינד האָט קיין חומש נישט געלערנט? איז דאָס חומש אויך פול מיט אָנזאָגעכצן נישט צו באַרויבן דעם יתום און די אַלמנה, צו שאַנעווען דעם פרעמדן, „וואָרעם אַ פרעמדער ביסטו געווען אינעם לאַנד מצרים". די תנכישע סאָציאַלע מאָנונגען האָבן זיך אָפּגערופן, אומבאַוווסט פאַר זיי אַליין, אין די לידער און די דערציילונגען פון די שרייבערס־פּיאָנערן.

אַפילו דוד עדלשטאַט, וואָס איז געוואַקסן אין אַ נישט־יידישער סביבה, האָט אויך פאַרמאָגט אַ תנכישן ווידערקלאַנג אין זיינע לידער. אויף וויפל מיר זענען באַקאַנט די סאָציאַלע לידער ביי אַנדערע פעלקער, ווייס איך, אַז יענע זענען סאָציאַל־באַוווסטזיניק אָבער נישט סאָציאַל אין געמיט, נישט אינטים־יחידיש, דאָס מיינט, אַז די פּאָעטן זענען דערגאַנגען צום סאָציאַלן פּראָטעסט נישט דורכויס פונעם געמיט־צושטאַנד, נאָר פונעם שכל־הישר. אין עדלשטאַטס לידער, מיט אַלע זייערע פּאָעטישע חסרונות, שפּירט איר דאָס שטורמישע, ממש צעוויטיקטע געמיט פונעם פּאָעט. פון די אַנדערע איז אָפּגערעדט, — פשוט דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען בעסערע פּאָעטן.

נעמען מיר ווידער אַ מאָל מאָריס ראָזנפעלדן: ער, אַז ער האָט געשריבן פון דער נאָדל, האָט איר ממש געפילט, ווי זי שטעכט אים אין די פינגער. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אין די לידער, וואָס ער האָט געשריבן, בעת ער איז נאָך געווען אַ שאָפּ־אַרבעטער. און, וואָס איז שייך די אַנדערע פּאָעטן פון יענער צייט, איז אַוודאי אמת, אַז זיי זענען נישט געווען געבענטשט מיט אַזוי פיל טאַלאַנט, ווי מאָריס ראָזנפעלד, אָבער זיי האָבן דערפילט אַן אַנדער שליחות, וואָס מיר ווייסן נאָך נישט, צי איז עס נישט קיין העכערס, ווי ריינע פּאָעזיע. דאָס שליחות זייערס איז געווען אַרויסצורווינען דעם כללס נויט, נאָך ביזן היינטיקן טאָג, אַז איר לייענט זייערע פּאַטאָספולע סאָציאַלע לידער, לעבט איר זיי איבער. איר גיט טאַקע אַ שמייכל אויפן פּרימיטיווון, נאַיוון אופן פון זייער אויסדרוק, אָבער איר ווערט דורכגענומען פון דער אמתדיקייט זייערער. און אַפילו אין דעם זענען זיי געווען יידישדיק. האָט איר אַ מאָל געהערט, ווי אַ יידישע פרוי באַקלאָגט אַן אומגליק, וואָס האָט איר, לא עליכם, געטראָפן? אַ האַרץ פול

מיט רייד האָט זי. אַ מויל פול מיט טענות. אין נוסח פון תנכישע באַוויי־נערינס זענען זיי. עפּעס דערפון האָבן פאַרמאָגט די סאָציאַלע פּאָעטן פון דער גרויסער יידישער אימיגראַציע.

די פּאָעזיע פון די פּאָעטן־פּיאָנערן אין אַמעריקע איז פון איין זייט געווען אַ קלאָגערישע און פון דער צווייטער זייט — אַ רעוואָלוציאָנערע. דאָס קלאָגליד איז נישט ניי ביי אונדז. מיר האָבן אַ פּאָעטישע קלאָג־טראַדיציע. אָפּגערעדט פון די קינות אויפן חורבן בית־המקדש, וואָס זענען געשריבן אין אַ הויך־פּאָעטישן סטיל, האָבן מיר קלאָגלידער נעב־טערע צו אונדזער צייט: די פּיוטים, למשל, וואָס דער גרויסער רוב זייע־רער איז די אייביקע פאָלקסקלאָג אונדזערע אויף בלבולים, גירושים און פּאַרטיליקונגען. אַפילו דער אל מלא רחמים, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון גזירת ת״ח ות״ט, איז אויך אַ מין קלאָגליד. היינט דער פאָלקלאָר אונדזערער, וואָס איז פול מיט קלאָג־לידער, אינעם פאָלקסליד האָט דער אָרעמאַן באַוויינט זיין ביטערע דאָליע. דער האָרעפּאַשנער מילי־נער האָט געקלאָגט וואָס „די רעדער דרייען זיך, די יאָרן גייען זיך״. אַז טאָמער האָט זיך געמאַכט אַ שריפה אין שטעטל, איז באַלד געווען אַ ליד. וואָס קינד־און־קייט האָבן עס געזונגען. ביי אונדז אין שטאָט, געדענק איך, האָט אַ גאָרדאָוואַי דערשאָסן איינעם משה באַלטער, איז כאָטש קיין צו כשרער בחור איז ער נישט געווען, האָט אָבער די שטאָט אין עטלעכע טעג אַרום געזונגען וועגן אים אַ ליד.

די קלאָגלידער זענען ביי די פּאָעטן־פּיאָנערן געווען אין נוסח פון איכה, פון פּיוט און דעם פאָלקסליד. ניי איז דאָס אַרבעטער־רעוואָלוציאָ־נערע ליד, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַ מין אויסלייז, ניי איז אויך דער צונויפבונד פונעם פּאָעט מיטן גורל פונעם אַרבעטער. אַז דוד עדלשטאַט זינגט:

> איך וואָלט געוואָלט, אָ, פאָלק דיין רויטן זעגל
> נאָך מאַכן רויטער מיט מיין האַרצנס בלוט, —

איז אין דעם דאָ אי נביאישער פּאַטאָס, אי רעוואָלוציאָנערער אויפברויז. אַוודאי, היינטיקע צייטן פרעגט איר: וואָס איז עס פאַר אַ „רויטער זעגל״? אָבער מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז עדלשטאַט האָט נישט געהאַט די מינדסטע פּאָעטישע טראַדיציע אין יידיש. אָבער איר שטעלט זיך אָפּ

אויפן רוף „אַ פאָלק״. ביים פּאָעט איז פאָלק און אַרבעטער געווען איינס. פאַרשטייט זיך, אַז גענומען האָט ער עס פון רוסישן „ראַבאָטשי נאַראָד״, אָבער פאַרט איז דער זינען אַן אַנדערער. אין רוסיש איז נייטיק צוצו־שטעלן דאָס וואָרט „ראַבאָטשי״, בעת ביי עדלשטאַטן איז סתם פאָלק שוין געווען אַרבעטער.

יוסף באָוושאָווער, וואָס איז אַ סך לירישער אין זיינע לידער, ווי די אַנדערע, האָט דאָס יחידישע אַרויסגעבראַכט בילדלעכער, כאָטש נישט אַזוי קרעפטיק, ווי עדלשטאַט. ברענגען וועל איך דאָ איינס פון זיינע לי־דער, וואָס איז נאָך היינט פריש, — מיט דער נאַיווקייט אַפילו:

צעטראָג, אָ, ווינט, אויף דיינע פליגל
די הייסע ווערטער פון מיין פען,
וואָס זעגען שוואַרץ, ווי זשאַר, פון אויבן,
דאָך אונטן קען מען פייער זען.
און ווו דו הערסט אַ האַרץ נאָר שלאָגן,
אויב שלעכט, פאַרדאָרבן, אָדער פיין,
טאָ ברענג אַהין די פלאַמען־ווערטער
און בלאָז זיי טיף אין האַרץ אַריין.
און אויב דאָס בלוט איז דאָרט פאַרפרוירן,
טאָ וועק עס, ווי דו וועקסט דעם ים,
און מאַך עס זידן, מאַך עס קאָכן,
און וועק דאָרט אויף דעם פרייהייטספלאַם.

די פּאָר מוסטערן, דינען מיר, ווי דער הינטערגרונט, כדי אויסצווועבן אויף אים דעם אויפקום פון די „יונגע״.

פריער האָב איך דרך־אַגבדיק געזאָגט, אַז די מערסטע סאָציאַלע פּאָעטן זענען געקומען פון רוסלאַנד, אָבער דער אמת איז, אז טאַקע אַלע זענען זיי געבוירן און געוואַקסן אין רוסלאַנד. עדלשטאַט האָט געשריבן רוסישע לידער. דאָס אייגענע באָוושאָווער, באַבאַד און אַנדערע. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פונעם פריער־דיקן יאָרהונדערט איז די יידישע אימיגראַציע געגאַנגען כמעט דורכויס פון רוסלאַנד און געשטאַנען איז זי פון איין זייט אונטערן צייכן פון די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן און פון דער צווייטער זייט זענען די יידיש־רוסישע אימיגראַנטישע אינטעליגענטן געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דער רוסיש־רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע פון יענער צייט. דער

דאָזיקער פּרט איז זייער אַ וויכטיקער און, מיר דאַכט זיך, אַז סע איז כדאַי צו מאַכן אַ גרינטלעכע שטודיע וועגן דעם.

אין יענער עפּאָכע איז מאָריס ווינטשעװסקי אויך געווען אַן אָנגע־זעענער סאָציאַליסטישער פּאָעט, אָבער זיין אָפּשטאַם און טראַדיציע זענען פון גאָר אַן אַנדער מין. ער איז קיין מאָל קיין שאָפּ־אַרבעטער נישט געווען און צו דער ליטעראַטור איז ער געקומען דורכן אומוועג פון העברעיִש, פון לייכטן פעליעטאָן, וואָס ער האָט געשריבן אונטערן נאָמען הנ״ץ.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז מאָריס ראָזנפעלד, דער ארי שבחבורה. ראָזנפעלד האָט אַ סך דערציילערישע לידער, וואָס דערהייבן אים איבער דער גאַנצער פּלעיאַדע. אַחוץ דעם האָט ראָזנפעלד אַפילו אין יענער צייט נישט געהאַלטן פאַר קיין עבירה צו שרייבן נאַציאָנאַלע לידער, וואָס ביי די אַנדערע איז אָן ספק געווען אַ גרויסער חטא. אַזוי ווי ראָזנפעלדן האָב איך נאָך פאַרכאַפּט, — פּאַקטיש גאַנצע אַכט יאָר אים געטראָפן כמעט טאָג־נאָך־טאָג, וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף דער דאָזיקער גרויס־פּאָעטי־שער טראַגישער פיגור באַזונדער. דאָ וויל איך אָנווייזן נאָך אויף איין פּרט.

גאָר אַ סך פון די סאָציאַליע פּאָעטן זענען געשטאָרבן זייער יונג. עדלשטאַט איז געשטאָרבן צו 26 יאָר. באָװשאָווער האָט טאַקע געלעבט 43 יאָר, אָבער 15 יאָר פון זיין לעבן איז ער געווען איזאָלירט פון דער וועלט אין אַ הויז פאַר גייסטיק קראַנקע. געשריבן האָט ער, הייסט עס, נישט מער ווי ביז דער עלטער פון 28 יאָר. נחום באַבאַד איז געשטאָרבן צו 31 יאָר. חיים אַלעקסאַנדראָוו האָט שוין אַריינגעלעבט ביז פערציק, אָבער נייטן לעמפּערט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל סטויבץ, איז געגאַנגען פון דער וועלט צו 24 יאָר. אַלע זענען זיי געשטאָרבן פון טובערקולאָז, וואָס אָפּגעשפּאָרט האָבן זיי די קראַנקייט אין די „שוויצ־פאַבריקן״. אין די לידער זייערע רעדן זיי פון דער „פּראָלעטאַרישער קרענק״, נאָר קיין ספק נישט, אַז דער טובערקולאָז האָט אַ סך געווירקט אויף זייער פּאָעזיע. מיר וויסן, אַז דער טובערקולאָזער מענטש איז סענ־סיטיווער און אַפילו ליידנשאַפטלעכער, ווי דער מענטש, וואָס ליידט נישט פון דער דאָזיקער קרענק. די אַנגעגליטע סאָציאַלע לידער פון יענער פּלעיאַדע פּאָעטן זענען דערפאַר אַזוי קרענקלעך־פּאָעטיש. באָװשאָווער,

וואָס איז אַרונטער פון זינען צו 28 יאָר, האָט פון טובערקולאָז נישט גע־ליטן, זענען די לידער זיינע דערפאַר געצוימטער, לירישער.

אַרומנעמען ראָזנפעלדן, אין זיין גאַנצן פאַרנעם, אין זיין פילקאָליריי־קייט, איז נישט מעגלעך אין אַ קאָנדענסירטן עסיי. ער לאָקט מיך אָבער פאָרט. וויל איך פּרוּוון זיך אָפּשטעלן אויף זיין ליריזם. צו אילוסטרירן ראָזנפעלדס בילדלעכקייט איז גענוג צו ברענגען איין שורה פון זיינס אַ ליד, וואָס געשריבן האָט ער עס אין סאַמע בלי פון זיין רעוואָלוציאָנער־אַרבעטאַרישער פאָעטישער עפּאָכע. דאָס ליד איז וועגן אַ גאַסנפרוי, וואָס דאַמאָלסט איז געווען אַ מאָדע זי צו באַזינגען און אַפילו דערהייבן, הייבט זיך אָן דאָס ליד:

כ׳צערייס דאָס ווייסע העמד פון דער לבנה־נאַכט...

מיר וועלן דורכמישן די גאַנצע סאָציאַלע פּאָעזיע פון יענער צייט, וועלן מיר אַזאַ שורה נישט געפינען. און פאַר אַ פּאָעט הייַנט, וואָלט אויך אַזאַ בילדלעכקייט געווען אַ גרויסע דערגרייכונג.

ראָזנפעלד, האָב איך פריער געזאָגט, איז געווען אַ טראַגישע פיגור. אין אַ ליד, וואָס ער רופט „פעדער־שקלאַפעריי״, רעדט ער אַרויס דעם טראַגיזם זיינעם, וואָס ער איז אַוועק פון דער פאַבריק־אַרבעט און זיך פאַרקויפט צו שרייבעריי. אין איינעם ליד דאָ אַזאַ סטראָפע:

א מאָל האָב איך די וועלט באַקליידט
באַמאַנטלט און באַיאַקעט,
אַצינד בין איך אַליין באַנייט
און לאָז דעם עולם נאַקעט.

און פריער זאָגט ער:

איך וויין אויף יעדער טראָפן טינט...

מיר האָבן געקאָנט ראָזנפעלדן נאָר פון זיין קריגערישקייט, אָבער נישט פון זיינע טיף־טראַגישע איבערלעבונגען, ער איז ממש געווען אַ קעניג אין די יאָרן פון זיין פולן בלי. אַחוץ וואָס ער איז געווען דער פּאָעט־איבער־פּאָעטן, איז ער נאָך געווען אַ גרויסער קינסטלער ביים פאָרלייענען זיינע אייגענע לידער. נאָך אין מיינע יאָרן איז געווען איינגעפירט, אַז צו יעדער פאַרזאַמלונג האָט געמוזט זיין „אַ קראַפט״, וואָס געמיינט האָט עס אָדער אַ זינגער, אָדער אַ פאָרלייענער. אין די פריערדיקע יאָרן איז די „קראַפט״ געווען אַ פּאָעט, וואָס האָט דעקלאַמירט זיינע אייגענע לידער. מאָריס ראָזנפעלדן האָט מען ממש צעריסן אויף שטיקער און אין יענער

צייט האָט ער געשריבן אַ ליד „צו מיין עלנט", וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

> אָ, עלנט, דו נאַר ביסט דער איינער,
> וואָס ליבט מיך פון דער ערשטער שעה.

דער פּאָעט האָט פאַרויסגעפילט, ווי דער עלנט רוקט זיך אָן אויף אים. און אפשר איז ער געווען עלנט, אַפילו אַז ער האָט פּאָעטיש געקעניגט?

יידישע שרייבערס האָבן קיין באַלאַדעס נישט געשריבן, אָבער ביי ראָזנפעלדן געפינען מיר באַלאַדעס, וואָס זענען צווישן די בעסטע לידער זיינע. „אויפן בוזעם פון ים" איז אין תוך באַלאַדיסטישע פּאָעזיע. אַזוי „די טבילה" און אַוודאי איז „די כלה פון די בערג" איינע פון די שענסטע באַלאַדעס אין אונדזער פּאָעזיע. מאָריס ראָזנפעלד איז געשטאָרבן צו 62 יאָר, אָבער זינט איך האָב אים געקענט, — צו זיינע 54 יאָר, — איז ער שוין געווען אַן אַלטער ייד. אַוודאי האָבן אים ווײ געטאָן די בייזע אַרטיק־לען וועגן אים פון די „יונגע", אָבער מער, אַ סך מער, האָט אים געפּייניקט דער טרויעריקער אמת, וואָס ער שרייבט נישט קיין לידער, וואָס די שכינה האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן.

די לעצטע יאָרן האָט ער געדרוקט לידער אין אַמעריקאַנער, וואָס איז געווען אַ וואָכנבלאַט פונעם מאָרגן־זשורנאַל. די רעדאַקציע פונעם מאָרגן־זשורנאַל איז געווען אויפן פערטן גאָרן און, אַז ער האָט געבראַכט אַ ליד, אַן איבערגעשריבנס פון די אַלטע לידער, האָט ער זיך פריער אָפּגע־שטעלט אויפן צווייטן גאָרן, ווו די טעלעפאָן־צענטראַלע איז געווען און די טעלעפאָניסטקע איז געווען אַ מיידל, וואָס האָט געהייסן פייגעלע. זי האָט געקענט יידיש און אַן אַנדער מיידל איז דאָרט געווען, וואָס איז אַ טעלעגראַפיסטקע אין דער טעלעגראַף־ביוראָ. האָבן שוין ביידע מיידלעך געוווּסט, אַז ווען ראָזנפעלד קומט אַרויף, איז נישט סתם אַזוי: ער וויל זיי לייענען זיין ליד, אָדער לידער. האָט ער פאַר די צוויי מיידלעך געלייענט די איבערגעשריבענע לידער און מיט אַ טרויעריקן שמייכל געזאָגט:

— אָ, וואָס זאָגט איר? מאָריס ראָזנפעלד קען נאָך שרייבן לידער...

אַז זיי האָבן אים געזאָגט, אַוודאי קען ער, ווער פרעגט עס אָפּ? איז ער אַרויפגעפאָרן מיטן ליפט אויפן פערטן גאָרן מיטן איינרעדעניש, אַז אָנגעשריבן האָט ער אַ נײ ליד.

אין איינעם אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט האָב איך ראָזנפעלדן געטראָפן אין קראָטאָנאַ־פּאַרק, — ווו די יונגע יידישע פּאָעזיע האָט זיך אויסגעצייטיקט, — און געגאַנגען איז ער מיט די קרענקלעכע אויגן פאַרויס צו די רויטע ביימערקרוינען און אַנגעשפּאַרט אויפן סוקעוואַטן שטעקן. בין איך צוגעקומען צו אים און געפרעגט:

— וואָס הערט זיך עפּעס, מיסטער ראָזנפעלד?

אַזוי ווי איך בין נישט געווען פון די „יונגע", האָט ער מיך דערקענט. זיי, די „באַמערס" האָט ער נישט דערקענט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, מיך אָנגעקוקט מיט טיפן צער אין די אויגן און מיטן שטעקן אַ שאַר געטאָן אַ הויפן בלעטער, וואָס זענען אַרונטערגעפאַלן:

— וואָס איז ראָזנפעלד איצטער? אַ רויטער בלאַט, וואָס פאַלט אַרונטער און דער מיסטקערער פאַרקערט אים...

דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך צו פיל אַרויסגערעדט, האָט ער מוסיף געווען:

— אַזוי, מיין יונגער פריינד, איז מיט אַלע מענטשן...

סע איז נישט געווען קיין דירעקטאָר איבערגאַנג פון דער תכלית־ליטעראַטור צו דער ריין־קינסטלערישער. די אייגענע פּאָעטן, וואָס האָבן אין 1907־1906 אָנגעהויבן צו עקספּערימענטירן סיי אין דער פּאָעזיע, סיי אין דער פּראָזע, האָבן פריער געדרוקט לידער תכליתדיקע, אויפן סאַמע סקאַרבאָוון אופן. דערציילט מאַני לייב, אַז ביים סאַמע אָנהייב איז זישאַ לאַנדוי געקומען צו אים מיט אַזעלכע טענות: וואָס ווילט איר שרייבן? געדיכטע? מיטן וואָרט „געדיכטע" האָט לאַנדוי אויסגעדריקט דעם ביטול זיינעם צו דער פּאָעזיע פון די סאָציאַלע פּאָעטן. און ראובן אייזלאַנד דערציילט, אַז ביז זיי, די „יונגע", האָט די פּאָעזיע געהאַט דעם „ריח פון טשאַלנט און מקווה". איז מכח לאַנדוין, ווי ער האָט גערעדט פון דער סאָציאַלער פּאָעזיע, קענען מיר נאָך פאַרשטיין, אַז אים איז געווען דערווידער דער אופן לידעריי פון יענער צייט. וואָס איז שייך אָבער אייזלאַנדס „טשאָלנט און מקווה", איז דער זאָג זיינער אָן דעם מינדסטן יסוד, ווארעם וואָס די סאָציאַלע פּאָעטן האָט געפעלט, איז געווען אַ קאַפּעלע ריח פון טשאָלנט און דאָס ביסעלע מקווה־וואַסער. פאַרשטייט זיך, אַז די ביידע

באַגריפן זענען נישט טאָקע געמיינט ממשותדיק, — טשאַלנט און מקווה, — נאָר זיי זענען סימבאָלישע.

איז וואָס איז געווען דער ערשטער פּאָעטישער איינשטעל פון די „יונגע״? דאָס ליד פאַר זיך אַליין איז אַ יש. דאָס ליד דאַרף נישט האָבן קיין תכלית. נישט אויסצולייזן די וועלט איז דאָס שליחות, נאָר אויסצו־לייזן דאָס ליד. דערפאַר דאַרף דאָס ליד דער עיקר זיין זינגעוודיק. דער ריטעם דאַרף אַריינפירן אין דער שטימונג פונעם ליד. דאָס וואָרט דאַרף זיין בילדעריש, אָבער נישט מיט עפּעמערישער בילדלעכקייט, — אַ לופּ־טיקע בילדלעכקייט, וואָס איז אַ שיין געוויקס, וואָס אַז די גיסט אויף דעם אַ בלאָז צעפליט זיך עס און גאָרנישט בלייבט דערפון.

דער עיקר אָבער האָבן די „יונגע״ געוואָלט דערהייבן דאָס וואָרט צו דער הייך פון פּשוטקייט. וואָס מיינט אָבער פּשוטקייט, בנוגע דעם קינסט־לערישן וואָרט? דאָ זענען שוין נישטאָ קיין זיכערע פּרוּווּשטיינער. וואָס ביי איינעם קען זיין די סאַמע פּשטות, איז ביי אַן אַנדערן קאָמפּליצירט. אַוודאי קענען מיר האָבן אַן אומקלאָרע מאָס, אָבער אָנווענדן מוזן מיר זי פאַר יעדער שרייבער אויף אַ באַזונדערן אופן. למשל, אַז ביי איינעם איז דער סטיל אַ ביסל אַ געדרייטער, דערפאַר וואָס דאָס איז נאַטירלעך פאַר זיין פּערזענלעכקייט, קענען מיר ביי אים נישט מאָנען קיין דירעקטן אופן פון אויסדרוק. אָבער, מיר קענען יאָ ביי אים מאָנען, אַז אינעם גאַנג פון סטיל זאָל ער נישט מיט אַ מאָל אַריינפאַלן אין פּרימיטיווער פאָלקסטימ־לעכקייט.

מיר וועלן טאָקע נעמען די דריי אויסגעשפּראָכענע פּאָעטן פון די „יונגע״: מאַני לייב, משה לייב האַלפּערן און זישאָ לאַנדוי. איז כדאַי צו באַמאָלן די דריי פּאָעטן, וואָס זייער אויסערלעכער אויסזען האָט געהאַט גאָר אַ גרויס שייכות צום ליד זייערן. מאַני לייב איז געווען שלאַנק, ריטמיש אין זיינע באַוועגונגען, די גרינע אויגן האָבן ביי אים געלויכטן מיט גע־זאַנג און די טונקעלע הויט אויפן לענגלעך־געטאָקטן פּנים האָט צוגע־שפּילט צו די גרינע אויגן. מאַני לייב האָט אין זיינע לידער אַ סך מאָל פאַרגלייכונגען מיט אַ הירש. ער האָט זיך אַליין ווייניק געמאָלן, נאָר דער הירש, אין די פאַרשיידענע סיטואַציעס אין די לידער זיינע, איז געווען

ער אַליין. דער פּאַטישער אמת וועגן זיך האָט זיך אַרויסגעוויזן פון זיך אַליין.

משה לייב האַלפּערן איז געווען פּונקט דער היפוך פון מאַני לייבן. ער אַליין האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז אַ וואָלף, אָבער געווען איז עס אַ פּאַטישע גוזמא. ער האָט געוואָלט שאַפן פון זיך דאָס וואָלפישע גע־שטאַלט, אָבער אין דער אמתן איז ער געווען מילד, אַ סך מאָל אַפילו סענ־טימענטאַל. די הייך פוןביידע האָב איך נישט געמאָסטן, אָבער דער איינ־דרוק ביי מיר איז, אַז משה לייב איז געווען נידעריקער פון מאַני לייבן, כאָטש אויך ער איז געווען דין־געשטאַלטיק. דער משה לייב, וואָס האָט געוואָלט אַריין אין דער פּאָעזיע מיט די „גראָבע רייד״, איז געווען אַן אויסגעפּוצטער, געטראָגן אַפילו אַ טיכעלע אין דער אייבערשטער קעשע־נע פונעם רעקל. מאַני לייב, זעט איר, וואָס אין ליד איז ער געווען אַזוי אויסגעפּוצט, איז קיין מאָל נישט געווען קיין אויסגעפּוצטער אין לעבן. פון וואַנעט נעמט זיך אָט די סתירה? אפשר וועלן מיר זי געפינען אין די וייטערדיקע באַטראַכטונגען אונדזערע.

זישאַ לאַנדוי איז אין די יונגע יאָרן געווען דער „קראַסאַוויעץ״ פון דער חברה אויפקומענדיקע פּאָעטן. אַליין האָב איך אים אין יענע יאָרן נישט געקענט. נאָר דערציילט האָט מען מיר פון זיין שלאַנקקייט, פון די טיף־בלויע אויגן זיינע און דעם קינדישן שמייכל. אַז איך האָב אים דערקענט, — סוף זומער 1915, — איז ער שוין געווען היפּש אויסגעפּילט, אָבער דער קאָפּ איז נאָך אַלץ געווען בלאָנד און די אויגן האָבן נאָך אַלץ אַ כוואַליע געטאָן מיט זייער בלויקייט און דער שמייכל איז נאָך אַלץ געווען קינדיש, אַפילו אַ ביסל אַ פאַרשעמטער.

האָבן מיר די דריי פּאָעטן אין זייער אויסזען און, ווי מיר דאַכט זיך, איז מאַני לייב געווען דער איינציקער, וואָס זיין געשטאַלט האָט האַרמאָנירט מיט די לידער זיינע. משה לייבס גרויע אויגן האָבן זיך טאַקע אַ מאָל געטאָן אַ צינד־אָן מיט שטאָלענעם פלאַם, אָבער ער איז אַלץ נישט געווען דער וואָלף, וואָס ער האָט אויף זיך עדות געזאָגט. נישט איין מאָל האָב איך געזען משה לייבן אַ געבראָכענעם, — גאָר אין גאַנצן אַן אַנדערן, ווי אין די לידער. אָפט האָב איך אים געזען אַ פּאַטיש־סענטימענטאַלן, אַ היפּוכדיקן פון די לידער זיינע.

וואָס איז שייך זישאַ לאַנדוי, איז ער געווען קאַפּריזנע אין זיינע לידער און איר האָט אים קיין מאָל נישט געקענט כאַפּן ביי דער האַנט: דאָס איז זישאַ לאַנדוי. דאָס איז דערפאַר, וואָס ער איז געווען דער מער ציל־באַוווסטזיניקער צווישן די דריי. זישאַ איז געווען דער מאָ־נער צווישן די „יונגע". דעם אַנשטעל האָט ער געמאַכט, אַז ער ווייסט גאָרנישט, אַז ער האָט כמעט גאָרנישט געלייענט, אָבער געווען איז ער אַ גרויסער קענער פון פּאָעזיע. לידער האָט ער געדענקט אויף אויסנ־ווייניק און פאַרקאָכט איז ער געווען אין דער ענגלישער פּאָעזיע, דער עיקר אין דער ענגלישער באַלאַדע. דאָס אליין איז אַ מערקווערדיקע דערשיינונג: אַ יידיש בחורל, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון רביים אין פוילן און זיין יעדער באַוועגונג, זיין מאַך מיט דער האַנט, זיין פאַרבייגן דעם קאָפּ ביים לייענען אַ ליד איז געווען רבייִש, — אָט דער זישאַ האָט געשפּירט דעם טעם פון דער ענגלישער באַלאַדע כמעש אויף דער צונג. גיי ווייס און פאַרשטיי די גייסטיקע גלגולים אין אַ מענטשן.

מיר וועלן אָבער זינדיקן קעגן דעם פּאָעטישן אמת, אַז מיר וועלן זיך האַלטן נאָר אין די ראַמען, ווי די סאַרוועס פון די „יונגע" האָבן געוואָלט. מיר זענען שוין איצטער אַרויס פון דער ענגער ראָם, דער־מיט וואָס מיר האָבן משה לייבן צוגעהעפט צו די „יונגע". ווייזט אויס, אַז משה לייב, וואָס האָט אָוועקגעשפּאַנט פון די „יונגע" מיט ריזנ־טריט, איז פאַרט אין אונדזער באַוווסטזיין געבליבן צונויפגעבונדן מיט זיי. דאָ איז נאָך וויכטיק צו דערמאָנען, אַז כאָטש מאַני לייב און זישאַ לאַנדוי זענען דערגאַנגען צום לייענער אין די מעבר־לימיקע לענדער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אָבער משה לייבס השפּעה אויף דער יונגער פּאָעזיע פון דער אַנדערער זייט ים, דער עיקר אין פוילן, געווען אָן אַן ערך גרעסער ווי פון די אַנדערע.

איז מיט וואָס טאָרן מיר נישט זינדיקן קעגן דעם פּאָעטישן אַמת? דערמיט, וואָס מיר וועלן פון דער ראָם אַרויסנעמען אַזעלכע פּאָעטן, ווי י. י. שוואַרץ און יוסף ראָלניק. פון ראָלניקן רעדן מיר ווייטער, אָבער דאָ דאַרפן מיר זאָגן, אַז אין דער פּאָעזיע איז ער יונג, כאָטש ער איז נישט נאָכגעגאַנגען נאָך די פאַרשריפטן פון די פּאַטענטירטע

„יונגע". דער מאַטיוו זיינער איז געווען ניי און דער אופן פון זיין אַרויסברענגען דעם מאַטיוו, איז אוודאי געווען ניי. די קריטיק האָט ראַלניקן פאַרגעוואָרפן זיין אַרעמקייט, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ רייי־זעניש. אָבער די קריטיק האָט נישט דערזען, אַז ראַלניקס אָרעמ־שאַפט איז פול מיט רייכקייט פון אויסדרוק. און דאָס, איז דאָך סוף־כל־סוף דער סאַמע אַנטשיידנדיקסטער מאָמענט אין פּאָעזיע.

דער אַנדערער, ווידער, — י. י. שוואַרץ, — האָט פון סאַמע אָנהייב אָן פאַרמאָגט אַ מאַלערישע רחבות אין זיינע לידער. ער האָט דאָס ליד זיינס נישט אַרויסגעצווונגען, נאָר באַשריבן, ווי געזאָגט וואָלט איך אינעם היימיש־גוטן יידיש. זיין באַשרייבערישקייט איז אים דער־נאָך בייגעשטאַנען אין דער גרויסער עפּישער פּאָעמע זיינער, קענ־טאַקי, וואָס איז געווען די ערשטע דערציילערישע פּאָעמע, פון אַזאַ פאַרנעם, — אַ גאַנץ בוך, — אין אונדזער ליטעראַטור.

מכח יוסף אָפּאַטאָשן איז אַזוי: אָנגעהויבן האָט ער מיט די „יונגע", — זיין פערד־גנב און אַנדערע דערציילונגען האָבן זיך גע־דרוקט אין די זאַמלונגען זייערע, — אָבער ער אַליין האָט זיך דערנאָך נישט געוואָלט צורעכענען צו זיי. דערפאַר איז אייזיק ראַבאַי געווען אַ יונגער כל ימיו, כאָטש ער איז דערנאָך אַוועקגעגאַנגען אויף אַן אַנדערן דרך. ראַבאַי איז געווען, דאַכט זיך מיר, דער איינציקער דער־ציילער, וואָס האָט אין דער פּראָזע געשאַפן דעם נוסח פון די „יונגע". אמת, איגנאַטאָוו האָט אָנגעשטעלט אַ געהויבענעם טאָן אין זיין ערשטן ראָמאַן, פּיבי, וואָס אָנגעהויבן האָט ער אים מיטן אימפּעטיקן אויסרוף: „איך האָב ליב שלאַנגען"... אין תוך אָבער איז דער ליריזם זיינער גע־ווען אַ דרויסנדיקער. ראַבאַי האָט קיין אָנשטעל נישט געמאַכט, ער האָט געשריבן פשוט, אָבער דער ליריזם האָט אַרויסגעצווונגען פון יעדער שורה, — סיי אין הער גאָלדנבאַרג, סיי אין געקומען אַ ייד קיין אַמע־ריקע, סיי אַפילו אינעם ראָמאַן פון די לעצטע יאָרן זיינע, וואָס איז וועגן די קאַנטאָניסטן.

איינס פון מאַני לייבס ערשטע לידער איז וועגן פשטות, אָבער אין דער אמתן איז דאָס ליד גאָרנישט אַזוי פשוט:

אפרים אויערבאך

קום, פשטות קלאָרע, מיט דיין בלאַנקן מעסער,
שנייד אויף דעם שוואַרצן פלאָנטער פון מיין זעל;
מיין וועלט פון אונטער טונקעלע און שווערע שלעסער
זאָל אויפשטראַלן פאַר מיר, ווי זונען פאַר מיין שוועל.
און וואָס אין טיפער פינצטערניש פון מיינע אויגן
איז בלינד, פאַרבלענדט געווען, פאַרהוילט און פרעמד,
זאָל ווערן קלאָר פאַר מיר, ווי ליכט פון רעגן־בויגן,
און ווי דאָס ווייסע לייוונט פון מיין העמד.

און די לעצטע שורה פונעם ליד:

און מיין וואָרט, געלייטערט דורך מיין ליד.

איז אפשר דאָס וואָרט אינעם ליד פשטותדיק, אָבער דער מאָטיוו איז אַ קאָמפּליצירטער. מאַני לייב האָט געוואָלט פשטות, אָבער נאָר אין די פאָלק־נוסחדיקע באַלאַדעס איז ער געווען דער גרויסער מייסטער פון פשטות.

אינעם ליד „איך בין דער וויינריב דער ווילדער", וואָס איז איינס פון די דערוועגסטע ליבעלידער אין אונדזער פּאָעזיע, לייענט זיך די צווייטע סטראָפע אַזוי:

אויף דיינע דילן זיך לייגן,
הויכן אין שאָרך פון דיין קלייד,
בלייכן זיך אין דיינע אויגן,
טרויערן פון דיינע רייד.

איז ווידער, נאָר אַ ביסל אַנדערש, מיטן ענין פשטות: דער מאָטיוו איז דאָ שוין אַ פשטותדיקער, נאָר די ווערטער, אָדער אימאַזשן, זענען קאָמפּליצירט. וואָס מיינט „הויכן אין שאָרך פון דיין קלייד"? אפשר מיינט דער פּאָעט אָטעמען? אָבער ווי אָטעמט מען אינעם שאָרך פון אַ קלייד און וואָס מיינט „בלייכן זיך אין דיינע אויגן"? ווי אַזוי בלייכט מען זיך? נאָר אַפילו, אַז די אימאַזשן אינעם ליד זענען נישט די פולע פשטות, וואָס מאַני לייב האָט צו איר געוואָלט דערגרייכן, איז אָבער דאָ אינעם ליד אַ באַהאַלטענער כוח, וואָס געוועלטיקט איבער די ווערטער.

כאָטש די „יונגע" האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן די תכלית־פּאָעטן,

האָבן זיי דאָך ביי זיי איבערגענומען די טראַדיציע פון שרייבן לידער וועגן פּאָעטן. מאַני לייב שרייבט אין אַ ליד:

אַך, פּאָעטן, זינגער ווי די פייגל פרייע,
באַגייסטערט און בלייך און מיט אונדזער ליד,
מיר האָבן געזונגען פון שיינקייטן נייע,
ווי די בעטלערס הפקר אויף אַ יאַריד.

אָבער די „שיינקייטן נייע" זיינען ביי אים און די אַנדערע נישט געווען הפקר, ווי די בעטלערס אויף אַ יאַריד. מאַני לייב איז ביסלעכ־וויַיז דערגאַנגען צו די פּאָלקישע מאָטיוון. ער האָט פון סאַמע אָנהייב געשפּירט, אַז צו מייסטערשאַפט וועט ער דערגיין אין די מעשהלעך און אין דער באַלאַדע. סע איז אָבער דער גורל פון אַ סך פּאָעטן, אַז זיי זאָלן צום אָנהייב נישט געפינען דאָס סאַמע תוכיקע אין זיך, כאָטש זיי שפּירן עס און וויסן דערפון אַפילו באַוווּסטזיניק.

ערשט, אַז מאַני לייב האָט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די קאַפּריז־נע לידער, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ סך חן, אָבער נישט קיין פּאָעטישן תמצית, האָט ער געפונען די דערציילונגס־פאָרעם אינעם ליד. נעמט, למשל, דאָס מעשהלע „הינטער כעלעם" און הייבט אָן לייענען די ערשטע פיר שורות און אויף אייך וועט אַ ווײַ טאָן דאָס פשטות. וואָס מאַני לייב האָט פון דעם געזונגען אין אַ ליד, אָבער זיך נישט דער־זונגען דערצו. דאָס מעשהלע הייבט זיך אָן:

הינטער כעלעם מיטן וועג
בין איך אויף מיין פערד געלאָפן
צו דעם לאַנד פון אַלטע טעג,
וווּ די אַלטע וווּנדער שלאָפן.

ניי, פריש איז דער אופן פונעם דערציילן. דאָס בילד פון די „אַלטע טעג" איז דערפינדעריש. שורות־ברילִיאַנטלעך זענען צעשאָטן איבערן מעשהלע. „אויגן — פולע טייכן שלאָף", דער פּאָעט פליט מיט וווּנדער, וואָס ער פאַנטאַזירט־אויס הינטער כעלעם, און דער עיקר, דאָס מע־שהלע איז געשריבן אַזוי פשוט, אַז ממש סע דערציילט זיך אַליין.

אַוודאי, מאַני לייב איז נישט געבליבן ביי דער פּאָלקישער באַלאַ־דע. אין די יאָרן פון זיין פּאָעטישן וווּקס איז ער געוואָרן דער מייסטער

פון סאָנעטן, וואָס זענען יחידיש־טראַגיש און נאַציאָנאַל פּאַרטיפּט. איך יישוב זיך שטאַרק וואָס פֿאַר אַ סאָנעט צו ברענגען דאָ. טראָג איך זיך טעג און נעכט אַרום אָנגעלאָדן מיט די פופציק סאָנעטן מאַני לייבס, וואָס זענען דערשינען נאָכן טויט זיינעם. טייער זענען מיר די נאַציאָנאַלע סאָנעטן, וואָס מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אַ ביסל אים אַרויפגעפירט אויפן דרך זיי צו שרייבן. געווען איז עס ביי אַ היימישן באַנקעט לכבוד יוסף ראָלניקס זיבעציק יאָר, האָט מען, פאַרשטייט זיך, גערעדט. מיינע עטלעכע ווערטער האָב איך אַרויסגעזאָגט מיט טענות: פאַר וואָס האָבן מיר נישט קיין ידישע פּאָעזיע? איז דאָ נישט וויכטיק איבערצוגעבן מיינע טענות — נישט וועגן זיך שרייב איך, — נאָר ווי מאַני לייב האָט רעאַגירט אויף זיי. ער האָט געפּרוווט צום אָנהייב לייקענען אַז סע איז דאָ יידישע פּאָעזיע, דערנאָך האָט ער געוואָלט וויסן מער, אָבער ביי אַ באַנקעט איז נישט דאָס אָרט צו רעדן פון אַזעלכע תוכיקע ענינים. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער מיר צוגעשיקט אַ בריוול: איך בעט דיך, קלער מיר אויף, וואָס איז יידישע פּאָעזיע. דער סאָנעט, וואָס איך ברענג דאָ, איז נאָענט צו אַ מין ענטפער:

איך קום פון שטאַמען צוויי — די עלטער־זיידעס מיינע,
זיי האָבן ווי צוויי שטראָמען אין איין טייך
צונויפגעגאָסן זיך, און זיך צעריסן גלייך
אויף שטראָמען צוויי, אין העק פון יידישער אוקריינע.

איין שטראָם פון פּראָסטע יידן האָט די קינדער זיינע
געהאָדעוועט אויף מערק מיט גויים — פריד צו אייך!
דער צווייטער — ווי די ריינע תורת־אמת רייך —
אויף ספרים און קאַפּאָטעס אַטלאָסענע פיינע.

איז וועלכן ייחוס זיינעם זאָל איך איבערגעבן
צו מיינע קינדס־קינדער? — אַז ווען די שטראָמען צוויי
האָט גאָט צעטיילט, בין איך געבליבן צווישן זיי

אויף וויסטער טריקעניש פון ניט־פאַרוואָרצלט לעבן; —
אַז פרעמד בין איך פון מערק, ווי פון דער תורה,
און וויסטע טריקעניש אַליין איז מיין מסורה.

די „וויסטע טריקעניש” איז, פאַרשטייט זיך, פּאָעטישע גוזמאַ,

אָבער סע איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אויף די עלטערע יאָרן האָט מאַני לייב אויסגעזונגען אַזוי לויטער, און מייסטערפול, די יידישע בענקשאַפט זיינע.

משה לייב האַלפּערן האָט אויך געווענדט די ערשטע פּאָעטישע שורות זיינע צום פויגל, נאָר משה לייבס פויגל איז גאָר אַן אַנדערער, ווי מאַני לייבס. אַ ווילדער פויגל איז עס, אַ צעשטורעמטער, אָבער אַ טיף־טרויעריקער. דאָס ליד האָבן דעקלאַמאַטאָרס צעהרגעט מיט זייער ווולגאַרן אופן פון אויסשפּילן דעם גאַסן־פּויקער. אָבער אַז איר לייענט היינט דאָס ליד, אין דעם שטילן אָטעם פון דער סוף־זומערדיקער נאַכט, ווערט איר ממש דורכגענומען פון ציטער:

זינגט דער פויגל פריי און פריילעך
ציטערט אויף זיין טראָן דער מלך,
ציטערן איז ניט כדאי,
זינג איך ווי דער פויגל פריי,
און געשווינד,
ווי דער ווינט,
טאַנץ איך הפקר, טאַנץ איך בלינד,
גאַס אַריין און גאַס אַרויס!
בין איך קראַנק און אַלט און גראָ,
ווען מען אַרט עס — האַ־האַ־האַ!
פּאַר אַ קופּער־גראָשן בלויז
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום —
דזשין, דזשין, בום־בום־בום,
דזשין, דזשין, בום!

דאָס איז איין מין פויגל ביי משה לייבן, דער צעוואָיעטער, דער משה־לייבישער, וואָס אַלע האָבן אים אַזוי נאָכגעפויגלט סיי אין דער פּאָעזיע און סיי אויף דער בינע. סע איז אָבער דאָ אַן אַנדער מין פויגל ביי משה לייבן, אַ לירישער פויגל, וואָלט איך געזאָגט:

ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל אין וואַלדגראָז
ווײנט אין מיר אַלץ, וואָס איז קראַנק און שטאַרבט,
מיין לעבן איז אַ וווּנד, וואָס מען זעט ניט,
אַ וווּנד אין דער וועלט אַריינגעקאַרבט.

„די אַריינגעקאַרבטע וווּנד אין דער וועלט" איז משה לייבס שטיל

געשריי, נישט דאָס ראַשיקע, וואָס ער אַליין האָט זיך דערמיט געוואָלט פאַרשטעלן און איינגערעדט דעם לייענער, אַז דאָס איז ער, משה לייב. אַז משה לייב וויל ווערן כראַברע, דערגייט ער אַ מאָל צו אומנייטיקער לעסטערונג. זאָג איך „אומנייטיקער", וואָרעם איך קען פאַרשטיין, אַז אַ פּאָעט זאָל לעסטערן, נישט לשם שקאָצישקייט, נאָר אים טוט דאָס לעסטערן וויי. אַזוי האָט משה לייב אַ ליד „כל־נדרי", וואָס איז סתם געבומען און אויסגעפּאַטשקעט כל־נדרי, וואָס איז ביי ייִדן איינע פון די הייליקסטע תפילות, סיי אין וואָרט און סיי אין ניגון. לייענט אומיסטן די ערשטע סטראָפע:

דער אַלטער קלאָון פון קאַראַכאַמבאַ
פלעגט אַריינבראָקן ציבעלעס אין דער קאַווע.
מיר איז אומעטיק, — דערצייל איך מיר דאָס
מיט דעם ניגון „כל־נדרי" אין דער פינצטער.

דאָס איז דער משה לייב, וואָס אים איז באַפאַלן דער חוזק און ער האָט נישט געוווּסט די גרענעץ, דעם אָפּשטעל.

פרעג איך נישט אָפּ אַלע משה לייבס „שקאָצישע" לידער. פאַראַן ביי אים אַזעלכע לידער, וואָס אָטעמען אויף אייך ממש מיט פייער. **אַזאַ ליד איז „מאָנומענט געטע", וואָס בעת ער האָט עס געשריבן, האָט** ער נאָך נישט געוווּסט וואָס פון דער דייטשער „קולטור און פּאָעזיע" וועט ווערן, אָבער איר שפּירט אינעם ליד אַ שפּאָטישקייט און אַפילו פאַראַכטונג צום דייטשטום. נאָר לידער זענען דאָ ביי אים, וואָס איר טראַכט, אַז ער האָט פּשוט אויסגעטראַכט בלבולים אויף ייִדן. אַזאַ ליד איז, למשל, „זלאָטשעוו, מיין היים", משה לייב האָט זיך דערשראָקן, אַז טאָמער וועט ער ווערן סענטימענטאַל, האָט ער זיך צעוואָיעט און אין אײנעם מיטן בענקשאַפט נאָך דער היים, —

ווי דאָס לעבן אין פרילינג וואַכט־אויף אין מיר
מיין אָרעם ביסל בענקשאַפט צו דיר,
מיין היים, מיין זלאָטשעוו...

גיט ער זיך אַ כאַפּ, און די צווייטע סטראָפע ווערט שוין סתם אין דער וועלט אַריין שקאָציש:

נאָר אַז איך דערמאָן זיך פאַרבענקטערהייט
אין דעם נגיד ראַפּאָפּאָרט, ווי ער גייט

מיט זיין גראָבן בויך אין שול אַריין,
און אין שאַיע הילעלס, דעם פרומאַק,
וואָס וואָלט, ווי אַ חזיר אין אַ זאַק,
פאַרקויפט אַפילו די זון מיט איר שיין —

ווייטער ציטירן איז נישט נייטיק, נאָר עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז דער פּאָעט איז דאָ געשטראָפן געוואָרן פון זיין אייגענער צעפּלאַשעטקייט. קודם, פאַר אַזאַ פּאָעט ווי משה לייב, פּאַסט נישט דער באַנאַלער באַגריף, אַז אַ נגיד מוז האָבן אַ גראָבן בויך. אַפילו, לאָמיר זאָגן, אַז דער נגיד אין זלאָטשעוו האָט יאָ געהאַט אַ גראָבן בויך, דאַרף זיך אַ פּאָעט אויסהיטן אים צו באַשרייבן פּינקטלעך, כדי נישט צו ווערן באַנאַל. צווייטנס, וואָס הייסט דער „פרומאַק" וואָלט פאַרקויפט די זון, ווי אַ חזיר אין אַ זאַק? וואָס פאַר אַ מיני חזירים זענען געווען אין משה לייבס זלאָטשעוו, אַז מע האָט זיי געקענט אַריינלייגן אין אַ זאַק? אָבער אַפילו אין די גראָטעסקע לידער זיינע, וואָס אַ סך מאָל זענען זיי געוואָרן לעסטערלידער, פאַרמאָגט אויך משה לייב אַ גרויסע מאָס פון פּאָעטישער פאַנטאַזיע. נאָר אַ מאָל דאַכט זיך אייך, אַז דאָס איז די פאַנטאַזיע פון אַ שטעטלשן בעל־גוזמא, וואָס דערציילט מעשיות, וואָס קיינער גלייבט זיי נישט.

אַז משה לייב ווענדט אָן די פאַנטאַזיע זיינע אויף געמיט־און שטימונג־לידער, איז ער איינער פון אונדזערע טיפסטע פּאָעטן. אינעם ליד „צו די רויטע יידעלעך" צעשפּילט משה לייב דעם פאַנטאַזיע־פלי זיינעם אויף טיף־איבערגעלעבטער שטימונג און אַרויסגעוואַקסן איז אַ געזאַנג, וואָס איר זינגט עס נאָך מיט אייער אייגענעם ניגון, אָבער דער ניגון איז אַלץ משה לייבס. ער רעדט צום יינגעלע זיינעם און זאָגט אים, אַז צו די רויטע יידעלעך רייט נישט אַ יינגעלע אַליין אויף זיין הילצערנעם פערדל. די מאַמע וועט מיט אים מיטרייטן —

אין מיט אַ בערשטעלע, ווייס און קליין
אים וואַשן די ציינדלעך, און מיט טוי
די אייגעלעך, וואָס זענען בלוי.

משה לייב האָט געשריבן גרעסערע פּאָעמעס, ווי „דע לאַ העסטער", „אַ נאַכט", „זרחי" און אַנדערע. די פּאָעמעס זענען אַ קאַפּיטל פאַר זיך. משה לייב האָט געשריבן מיט אימפּעט. ער האָט אַזוי אימפּעטיק געשריבן,

אַז ער האָט אַפילו די סינטאַקסישע צייכנס נישט געמאַכט. מיר מעגן אויך זיין מסופק, צי ער האָט אַן אַרבעט זיינע דערטראַכט ביזן סוף. ער האָט דערשפּירט דעם תּוכן און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים מיטן „הונ־גער פון אַ וואָלף". דערפאַר זענען ביי אים דאָ אומגעריכטע ווענדונגען אַפילו אין די קלענערע לידער, בפרט שוין אין די גרעסערע פּאָעמעס, וואָס געוויינטלעך דאַרף דער פּאָעט זיי דורכטראַכטן. נאָר אַן אינעווייניק־סטער כּוח האָט געפירט מיט דער האַנט זיינער און דער אימפּעט אַליין האָט אים געפירט. זענען די פּאָעמעס זיינע כאַאָטיש, אָבער דאָך שאַפט זיך אַ גאַנצקייט, — אַ משה לייבישע גאַנצקייט. —

„אַ נאַכט". — וואָס אַנגעשריבן אָט די פּאָעמע האָט ער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דער שטימונג פון די פּאָגראָמען אין אוקראַי־נע — איז פול מיט קאָשמאַר, אָבער דער פּאָעט לייטערט דעם קאָשמאַר מיט די שטורמישע שורות. ער אַליין זעט זיך שוין טויט, אָבער אַפילו אינעם טויט־צושטאַנד זיינעם קען ער זען ווילדע סצענעס, וואָס זענען פול מיט קינסטלערישער פאַנטאַזיע, אָבער זיי זענען אומהיימלעך. אַן אומ־היימלעכקייט, וואָס שרעקט מיט פוסטקייט.

> רופט אַ קול מיין נאָמען אויס,
> שפּרינגען פון דער ערד אַרויס
> זיבן ווייבער, נאַקעט הויל
> און מיט פּנימער ווי קויל.

און משה לייב וועבט אַזוי ווייטער דעם קאָשמאַר פון די זיבן וויי־בער: זיי רייסן ביי אים אַרויס דאָס האַרץ און צעטיילן עס אויף זיבן טייל און, וואָס זיי טוען נישט אָפּ מיטן האַרץ זיינעם! מאָנען מיר נישט קיין קלאָרקייט, קיין מיין, אָבער סתם קאָשמאַר איז פּשוט אומהיימלעך, אַן דעם מינדסטן לויטערן ציטער. קינסטלערישע פאַנטאַזיע, טראַכט איר, דאַרף אויך זיין געצוימט.

זישאַ לאַנדוי, וואָס איז געווען דער מאָנער ביי די חברים־פּאָעטן, איז געווען דער שפּילעוודיקסטער ביי די „יונגע". ער האָט פאַרשטאַנען בילד־לעכקייט מער אַפילו ווי מאַני לייב. ער האָט אין „דאָס ליד פון וויסן צי־געלע" אַזעלכע שורות:

אויף דער וואַגשאַל

איך טראָג פון ווערטער דיינע
די מילד־פּאַרהויכטע ווייט,
איך טראָג פון פעלדער גרינע
דאָס ציטערדיקע זייד.

איז דאַכט זיך די „מילד־פּאַרהויכטע ווייט" פון די דינע ווערטער אַן אַבסטראַקטער אימאַזש, אָבער מ׳זעט פּאַר זיך פּאָרט די ווייט פון די ווערטער, — איר הערט זי אַפילו. איר הייבט אויך אָן צו פאַרשטיין, פּאַר וואָס לאַנדוי האָט זיך אַזוי ביטער געקרימט אויף די פּאָעטן־פּיאַנערן. ער האָט געוואָלט אַזאַ דינע פּאָעזיע, ווי ער אַליין האָט געשריבן.

דער מעטאָד פון שרייבן איז ביי אים געווען איבערחזרונג פון ווערטער. דורכן קלאַנג האָט ער געוואָלט איבערגעבן די שטימונג און אַפילו דעם תוכן פונעם ליד:

אָ, וויג מיך, וויג מיך, וויג,
אָ, וויג מיך שעה נאָך שעה,
דו מיין ניטדאָיִק גליק,
ווי לאַנג איך בין נאָך דאָ׳

פילט איר נישט, ווי איר אַליין ווערט פאַרוויגט? דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב געלייענט דאָס ליד, האָב איך, נישט באַוווּסט פאַר זיך אַליין, אָנגעהויבן צו וויגן דעם גוף. צו דער אייגענער צייט איז אין זישאָס ליד געווען אַ מין דינער ציניזם, וואָס נעמט זיך פון פּאָעטישער איבערגעזעטיקטקייט. אַזוי דאָס ליד „מיין טעסטאַמענט", וואָס פון איין זייט האָט עס אַזעלכע שורות, ווי:

דאָס וואָרט ביי גאָט איז אַן אלמנה,
אַ כלה איז דאָס וואָרט אין ליד.

אָדער:

ס׳האָט גאָט באַשאַפן אַלע ווערטער
און איבער זיי הערשט דער פּאָעט,
ער איז רעגירער און באַשערטער,
ער פירט זיי צו דעם חופּה־בעט.

און פון דער אַנדערער זייט צעזינגט ער זיך איבער „געררוזשטע ליפּן" און קומט צו דער מסקנא, אַז „ליפּן נישט געקושטע" זענען „ווי אויגן אָפענע ביים מת"... אין תוך איז דאָ אַ גרויסע שייכות צווישן זישאָן

און משה לייבן, כאָטש זיי זענען ווייט אין דער פאָרעם אין אינעם אויס־דרוק, כרחוק מיזרח ממערב. בײדע שרייבן געבענטשטע לידער, אָבער להכעיסדיקע. פריער האָב איך אָנגעוויזן אויף משה לייבס להכעיס און דאָ איז זישאָ דער אייגענער, נאָר עלעגאַנטער. אין תוך איז ער אַ ראָמאַנטיקער בנוגע פרויען און זאָגט, אַז זיין „בלוט איז מיט בענקשאַפט אָנגעצונדן", אָבער ער טוט זיך אַליין להכעיס און שרייבט:

מיט וויפל טרויער קוקן פרויען־אויגן.
אויף זייערע רייציקע און רונדע גלידער
אַ פוילער נעפל שטענדיק איז פאַרצויגן...

נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן האָט זישאָ געשריבן דאָס ליד „פאַר אונדזער חרוב ידיש לעבן", וואָס איז ווי אַ קלאָגליד אויפן חורבן פונעם מזרח־אייראָפּעישן ידנטום. אַ מין פאָרויסגעפיל איז ביי אים געווען, אַז אויף ידן קומט אַ קאַטאַסטראָפע:

איך וויין אויף אונדזער מאַמע־ווילנע,
אויף קאָלאָמעע און אויף בראָד.
אויף וואַרשע, קאָוונע, קאַליש, לעמבערג,
אויף גרויסע און אויף קליינע שטעט,
וואָס ס'איז דער שונא שוין באַפאַלן,
וואָס שפּעטער נאָך באַפאַלן וועט.

זישאָ לאַנדוי, וואָס האָט אַזוי קאָקעטירט מיט הפקרדיקע לידער, איז געווען, דאַכט זיך, דער ערשטער אין אונדזער פּאָעזיע, וואָס האָט באַזונגען דעם בעל־שם־טוב, די סטריקאָווער רביצן און בכלל דאָס שטעטלשע ידישע לעבן. אינעם ליד איז דער עיקר ביי אים געווען די שורה און אָפט האָט געטראָפן, אַז ער איז אַריינגעקומען אין רעדאַקציע, האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי מיין אַרבעטסטיש און אַ בליק געטאָן מיט די בלויע אויגן: „האָסט אין דיין ליד געהאַט צוויי גוטע שורות, טאַקע שיינע שורות", האָט מיך צום אָנהייב אַ ביסל פאַרדראָסן: „מער ווי צוויי שורות, זישאָ, קענסטו מיר שוין נישט געבן?" ער האָט אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ אויף דער זייט, ווי בשעת ער האָט געלייענט אַ ליד־ און געזאָגט: „וואָס זשע, צוויי שורות איז דיר ווייניק? עפּעס וואַלגערן זיך גוטע שורות אין לידער?"

נאָר זישאָן איז, ווייזט אויס, ענג געוואָרן אינעם קליינעם ליד, איז אַחוץ וואָס ער האָט מייסטערדיק איבערגעטראָגן אַ גרויסע צאָל ענגלישע

באַלאַדעס אין יידיש, האָט ער נאָך אָנגעשריבן אַ מין סאַטירע־שפּיל, „עס איז גאָרנישט נישט געשען", וואָס פאַרמאָגט אַ סך פאַנטאַזיע, מיטן הינ־טערגרונט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

אַ נאָכגייער פון די „יונגע" איז געווען אברהם משה דילאָן. אויף זיך אַליין האָט דילאָן געזאָגט:

> מיך האָט נאָך ביז איצט קיינער ניט פאַרשטאַנען
> און קיינער וועט מיר קיין מאָל ניט פאַרשטיין.
> אַזוי וועל איך אוועק מיט צער פון דאַנען —
> אַזוי וועל איך אין צער און פּיין פאַרגיין.

זיינע לידער זענען געווען אַ מין ווילדער אויסבראָך, וואָס געדויערט האָט ער נאָר אויף עטלעכע שורות. די גרויסע מעלה פון די „יונגע" איז געווען, וואָס זיי האָבן געטראָגן אַחריות נישט נאָר פאַרן אייגענעם וואָרט, נאָר אויך פאַרן וואָרט פון אַנדערע, וואָס זענען קינסטלעריש געווען נאָענט צו זיי. אַברהם משה דילאָן איז געווען אַן אומאָרגאַניזירטער מענטש און געוווסט האָבן מאַני לייב און זישאַ לאַנדוי, אַז קיינער וועט זיך אויף אים נישט אומקוקן און אַרויסגעבן אַ בוך זיינס, האָבן זיי דאָס בוך אַרויסגע־געבן, אי דאָס נאָך אין אַזאַ לוקסוס, וואָס ביזן היינטיקן טאָג איז עס אַ צי־רונג אין דער ביכער־שאַפע. דאָס גאַנצע בוך איז געשריבן מיט דער האַנט און אויסגעצירט מיט וויניעטקעס. דער צייכענער זוני מאָוד האָט דאָס בוך אויסגעפּוצט און אברהם משה דילאָן איז געראַטעוועט פון פאַרגעסנ־קייט.

ראובן אייזלאַנד שרייבט אין זיינע זכרונות:

„מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו קלייבן ווערטער. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו פאַרוואַרפן ווערטער. מיר האָבן געטייט און געמאַכט לעבעדיק ווערטער. מיר זענען דערגאַנגען דעם סוד ווי אַזוי אָפּצוהיטן די אידיאָמאַטישקייט פון יידיש, אָדער געבן אונדזער שפּראַך אַ שיין פון אידיאָמאַטישקייט און דערביי נישט דאַרפן באַנוצן קיין פאַרטיקע אידיאָ־מען, וואָס זענען ווי קלישעען און דערלאָזן נישט צו פּערזענלעכן אויס־דרוק, נאָר פאַרטושן אים, ווי די נאָכשלעפּעניש פון אַ פּסוק אין דער העברעיִשער מליצה". איז אייזלאַנד אַוודאי גערעכט, — די „יונגע" האָבן זיך „אויסגעלערנט צו קלייבן ווערטער", — אָבער פון קלייבן ווערטער

אַליין קומט קיין ליד נישט אַרויס. די ווערטער מאָנען נאָך אָנגעפילט צו ווערן מיט טיפער מענטש־איבערלעבונג. דאָ שטעלן מיר זיך אָפּ, כדי זיך אַליין אַ פרעג צו טאָן: וואָס איז אַזוינס טיפע מענטש־איבערלעבונג? האָבן מיר אַ מאָס פאַר אַן איבערלעבונג, אַז מיר זאָלן קענען זאָגן: די איז אַ טיפע איבערלעבונג און די איז נישט קיין טיפע? ניין, מיר האָבן נישט אַזאַ מאָס, וואָרעם וואָס ביי איינעם קען זיין פיינלעך־טיף, אָדער פריידיק־טיף, קען ביים אַנדערן נאָר אַ שוועב טאָן אויבנאויפיק, די מאָס איז פאַר יעדער איינעם באַזונדער. ביים פּאָעט קענען מיר דערפילן די מענטש־איבערלעבונג נישט נאָר אינעם צונויפגעזאָנג פון די שורות, נישט נאָר אינעם וואָרט אַפילו, נאָר אויך אינעם נישט־דערזאָגטן, אין דער צווישן־ווערטערדיקייט. און דאָס מיינט נישט, חלילה, אַז דאָס ליד דאַרף זיין אומפאַרשטענדלעך. פאַרקערט, ביים אמתן פּאָעט, וואָס קלאָרער דאָס ליד איז, אַלץ מער גייט אייך נאָך דאָס נישט דערזאָגטע, דער דין־פּאָע־טישער הויך צווישן די ווערטער.

אַזוי ווי מיר האָבן גענומען פאַר אַ מוסטער די דריי פּאָעטן, — מאַני לייב, משה לייב זישאָ לאַנדוי, — וועלן מיר אַ קוק טאָן, ווי גרויס זיי זענען געווען אינעם „קלייבן ווערטער“, אין „אַוועקוואַרפן ווערטער“ און סתם באַנייען ווערטער. נעמט, למשל, לאַנדוי. אין זיין בוך, וואָס איז דער־שינען נאָכן אַוועקגיין זיינעם פון דער וועלט, לייענט זיך דאָס ערשטע ליד אַזוי: „אוי וועק מיך נישט, לאָז רויִק אויף דער סאָפע ליגן, / מיט קאַלטע הענט דאָס מידע אויג פאַרשטעלט. / און אויף די בלייכע ליפּן זאָל זיך וויגן, / מיין קעניגרייך איז נישט פון דיזער וועלט“. איז דאָך זישאָ לאַנ־דוי געווען דער ערשטער „קלייבער פון ווערטער“ און ער האָט נאָך אין 1911 געשריבן פון „דיזער וועלט“... אָבער דאָס ליד אַליין איז דערפון נישט ניזוק געוואָרן. פאַר וואָס? דערפאַר וואָס ניי איז דאָס דאָזיקע ליד אין דער שטימונג, אינעם אויסדרוק. „מיט קאַלטע הענט דאָס מידע אויג פאַר־שטעלט“ האָט אַ פּאָעט פאַר אים נישט געזאָגט.

אַוודאי, קלייבן ווערטער איז אַ גרויסע פּאָעטישע עובדא, דער פּאָעט פילט זייער אָפּט, ווי ווערטער ווערן אָפּגעניצט, ער נעמט זיי אין די הענט אַריין, ווי צעטרעפּעטע פעדעם. אָבער צו דער אייגענער צייט קען זיך טרעפן, אַז דאָס סאַמע אָפּגעניצטע וואָרט זאָל ביים אמתן פּאָעט ווערן

שפּאָגל ניי, ווי אַרויסגעשעפּט וואָלט ער עס פון אַ באַהאַלטענעם ווערטער־ברונעם. פון דער אַנדערער זייט קען דאָס פרישסטע, באַנייסטע וואָרט קיין טעם און קיין ריח נישט האָבן. ווייל איך נישט מיסטיפיצירן די פּאָעזיע, נאָר סע איז פאַרט דאָ אַן אומפאַרשטענדלעכער כוח אין די ווערטער פונעם אמתן פּאָעט, וואָס ביי אים האָבן זיי אַן אַנדער טעם, זיי שמעקן מיט פרישקייט. ביים נישט גאָר אמתן פּאָעט זענען די דאָזיקע ווערטער פאַרוויאַנעט, אָפּגעריבן, ממש טויט.

משה לייב האָט קיין ווערטער נישט באַנייט. ער האָט קיין ווערטער נישט געקליבן. נאָך מער. ער האָט לרוב שורה־מיט־שורה געגראַמט, וואָס איז זייער אַ נודנע פּאָעטישע פאָרמע. אָבער דער כוח זיינער איז געווען אין אָנצינדן דאָס סאַמע געוויינטלעכע וואָרט מיטן פּאָעטישן פייער זיינעם, — משה לייבס פייער. מאַני לייב, ווידער, האָט אויך קיין ווערטער נישט געקליבן, ער האָט זיי געסיליעט אויפן גילדענעם שנירל פון זיין ריין־פּאָעטישן געמיט. נעמט אַזעלכע צוויי שורות: ייִנגל־צייִנגל כוואַט האָט אַ גוטן קאָפּ געהאַט... וואָסערע נייע ווערטער איז דאָ אין זיי? קיין איינס נישט: אָבער איר געדענקט די צוויי שורות, זיי האָבן זיך אַריינגעזונגען אינעם געמיט אייערן. ווו איז דער סוד זייערער? דער סוד איז אין מאַני לייבן אַליין. דער אַמתדיקער פּאָעט האָט דעם כוח זיך אַליין אַריינצוזינגען אין די סאַמע פּשוטסטע ווערטער.

די „יונגע" האָבן כמעט אָנגעהויבן אָן אַ פּאָעטישער שיטה, נאָר זיי האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן דער סאָציאַלער פּאָעזיע. מילא, אַז זיי האָבן מבטל געווען עדלשטאַטן און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט באָושאָווערן. איז נאָך געווען אין דעם אַ מין יוגנטלעכע בראַוואַדע, וואָס מיר קענען זי פאַרשטיין. אָבער אַז זיי האָבן זייער קריגערישקייט אָנגעשטעלט אויף מאָריס ראָזנפעלדן, האָבן זיי בפירוש געזינדיקט. ראָזנפעלד איז אי געווען אַ תכליתדיקער פּאָעט, אי אַ טיף־לירישער. אַז מיר זאָלן היינטיקע צייטן אָפּקלייבן ראָזנפעלדס אַ באַנד לירישע לידער, וועט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקן אַ גרויסער ייִדישער פּאָעט. און אַפילו „אויפן בוזעם פון ים" איז נאָך ביז היינט אַ גרויס ייִדיש ליד, וואָס נישט קיין סך פּאָעטן האָבן דערצו זוכה געווען. און זיינע פאָלעמישע לידער פאַרמאָגן נאָך היינט אַ פרישקייט, אַ בליציקייט.

די עפּאָכע פון דער סאָציאַלער ליטעראַטור האָט זיך אַליין אויסגעלעבט
די „יונגע" זענען געקומען דערפאַר, וואָס די צייט האָט זיי אַרויסגערופן.
אָבער זייער אויפטו איז געווען אן אומגעהייערער. מאַני לייב האָט אַריינ־
געבראַכט דאָס פאַלקישע אינעם ליד. ער האָט דעם אייגענעם לירישן
טרויער אַזוי דין אַרויסגעזונגען. אַז ביי אונדז איז נאָך ביז היינט געבליבן
דער געזאַנגיקער טעם פונעם ליד זיינעם. זישאָ לאַנדוי האָט געשריבן לידער
מיטן מיין צו ווייזן, ווי מע דאַרף לידער שרייבן, אָבער זיי זענען אַריבער־
געוואַקסן דאָס עקספּערימענטאַלישקייט און זענען געוואָרן לידער פאַר זיך.

די מאָטיוון ביי די יונגע זענען צום אָנהייב געווען פון שפּילעוודיקער
פאַרלוירנקייט. איינס פון די גאָר ערשטע לידער זישאָס הייבט זיך אָן:
כ'בין ביי דיינע פיס געזעסן / און פאַרבענקט געקוקט אויף דיר, — / ווי
דער רעגן אויף די שויבן, / ציטערט ס'קראַנקע האַרץ אין מיר". פאַרשטיי־
ען מיר די יוגנטלעכקייט פון אַזאַ שטימונג כאָטש די דעקאַראַציע, —
זיצן ביי אירע פיס. — איז אַ ביסל צו פיל אויסגעשטעלט, מעלאָדראַמאַ־
טיש. אָבער נאָך מער אָפּגעפּרעגט ווערט די 2־טע סטראָפע, וואָס דערציילט
אונדז „זי וועט שוין לאַנג ניט לעבן". נישט מער, ווי „דער רעגן אויף
די שויבן", בעת אַ „טונקל געפיל" זאָגט אים דעם טראַגישן אמת פון איר
באַלדיקן טויט. ניין, זישאָ איז גאָרנישט געווען אַזאַ „קאַלטער מערדער".
נאָר דער פּאָעטישער נוסח איז געווען צו צאַמען די געפילן, כדי נישט
אַריינצופאַלן, חלילה, אין מעלאָדראַמאַטישקייט. איז קודם, דער רעגן, —
ער איז דער אייגענער, וואָס אין רייזענס „מה קאָ משמע לן", נאָר אַ ביסל
מער פאַרנעפּלט. ווייטער: די דעקאָראַציע מעג זיין מעלאָדראַמאַטיש, נאָר
פאַרן אויסדרוק פון איבערלעבונג האָט מען מורא, אַז ער זאָל נישט זיין
צו פיל אָפן...

בכלל זענען די „יונגע" געווען דערשראָקן פאַרן רעגן. אַפילו מאַני
לייב איז געגאַנגען, — אין לידער, פאַרשטייט זיך, — מיט אַראָפּגעלאָזטע
ברעגעס פונעם הוט און דער רעגן האָט אויף זיי געפּויקט. ביי אברהם משה
דילאָן, — אַ נאָכזינגער פון די „יונגע", — קלאָגט דער רעגן אויף זיין
גורל און דערצו לייגט ער נאָך צו דעם פאַרבלאָנדזשעטן הונט. היינט, אַז
מיר לייענען יענע אָנהייבלידער, פאַרשטייען מיר נישט פאַר וואָס די
יונגע פּאָעטן האָבן דעם רעגן, נעבעך, אַזוי פאַרטרויערט .איר דערמאָנט

זיך, אַז אין אײַערע יונגע יאָרן האָט איר זיך גאָר געפּרייט מיט אַ גע־שמאַקן רעגן. אין יידישן לשון האָט דאָס פאָלק טאַקע געזאָגט „אַ געשמאַ־קער רעגן". אין זומער 1915, באַלד ווי איך בין געקומען אין אַמעריקע, האָב איך אָפּגעדרוקט אַ סעריע רעגן־לידער, וואָס זענען געווען פריידיקע, פול מיט האָפענונג אויף אַ שפעדיקן יאָר אויף די פעלדער, האָבן מיך פּאָעטן געפרעגט: ווו האָסטו גענומען פריילעכע רעגנס?

אָבער, אַז מיר קוקן צוריק, זעען מיר, אַז אַפילו אַזאַ איבערגעשפּילט ליד, ווי זישאָס, וואָס איך האָב פריער ציטירט, האָט געהאַט אַזאַ שורה „ציטערט ס׳קראַנקע האַרץ אין מיר", וואָס ביי די תכלית־פּאָעטן איז זי נישט געווען, ביי זיי אַ קראַנק האַרץ איז געווען ממש קראַנק, פיזיש קראַנק. ביי זישאָ איז עס אַנדערש קראַנק,—אַ געזונטע יוגנטלעכע קראַנק־שאַפט איז עס. ביי משה לייבן איז פון אָנהייב אָן דאָס ליד געווען מחוץ פונעם נוסח ביים רוב דאַמאָלסטיקע פּאָעטן. דאָס צווייטע ליד, אינעם בוך אין ניו־יאָרק, איז אויך אויף זיין שטייגער, משה לייבישן שטייגער, דעקאָ־ראַטיוו, אָבער די דעקאָראַציע איז אַ ווויליונגערישע. דאָס ליד הייסט „גוט מאָרגן, ליבע זון", משה לייב גייט אַהיים, די שענקען זענען שוין פאַר־מאַכט, אַ גאַסנפרוי גייט אויך אַהיים, „מיד דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען" און די זון שטייט שוין הויך... איז דאָס ליד היפּש צוגעטראַכט, אָבער ביי דער גאַסנפרוי „גליטשט זיך דער הוט אַרונטער, דרימלט ער שוין אויף דער ערד", איז ווידער דאָס בילד, ווי דער הוט דרימלט, ווי די גאַסנפרוי דרימלט אין איר מידן גאַנג אַהיים, ניי און עפּעס אַ פּראָזשעקטאָר אויפן גאַנצן ליד.

מאַני לייב רופט זיין אַרטיקל אינעם זישאָ לאַנדוי־בוך „אָט אַזוי אַזוי, אַזוי"... דער אַזוי אין קוב איז אויך געווען אַ מין נוסח די ערשטע צייט ביי די „יונגע". דער פּאָעטישער אַוועקמאַך מיט דער האַנט איז עס געווען. מאַני לייב האָט בכלל ווייניק גערעדט פאַרן עולם, אָבער אַמאָל אין אַ שמיטה, אַז ער האָט יאָ גערעדט וועגן פּאָעזיע, האָט ער גע־פּרוווט אויפקלערן, ווי מע דאַרף שרייבן לידער און געזאָגט: לידער דאַרף מען שרייבן „אָט אַזוי", — און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אינעם אויסצי פון דער האַנט וואָלט געלעגן דער אמת פונעם ליד. און מערק־ווערדיק, איר האָט דעם „אָט אַזוי" פאַרשטאַנען, וואָרעם ער איז געווען

דורכגעוועבט מיטן ריטעם פון מאַני לייבס זינגעוודיקער האַנט. די „יונגע" זענען געקומען מיטן באַוווסטזיין, אַז פון זיי דאַרף זיך אָנהייבן די יידישע פּאָעזיע פונעם ריינעם קינסטלערישן ליד. געמיינט האָט עס דער עסטעטיזם אין דער פּאָעזיע, אַז דעם „פסולת" פון סאָציאַלע, אָדער נאַציאָנאַלע מאָטיוון. האָבן זיי דאָס ליד טאַקע אויסגעלייטערט פונעם פסולת, אַזוי ווי מע ווייעט אויסגעקלאַפּטע תבואה אויפן ווינט: די שטרויעלעך פאַלן אַוועק און די קערנער בלייבן. אָבער אין איינעם מיט די קערנער האָט זיך אין ליד זייערן אויך אַריינגעכאַפּט דער ווינט.

אַפילו לייוויק, וואָס איז געקומען אין 1913, בעת די „יונגע" האָבן שוין פאַרנומען די פּאָזיציעס, — אַפילו ער האָט אויך די סיבירער לידער זיינע לכל הפחות אַ טייל פון זיי, געשריבן אינעם נוסח „יונגע". לייוויק, וואָס האָט זיינע לידער ממש אויסגעציילט, ווי דאָס בוך פון זיין לעבן, האָט געקענט אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער אַ זאָג טאָן „טו איך וואָס איך וויל", כאָטש אינעם ווייטערדיקן פּאָעטישן גאַנג זיינעם איז נישט געווען דאָס פּאָעטישע הפקרות, וואָס האָט ביי די „יונגע" געשפּילט מיט זיבן חנען. דער שלום-בית צווישן לייוויקן און די „יונגע" האָט לאַנג נישט געדויערט, וואָרעם לייוויק איז געווען פון אָנהייב אָן אַ דראַמאַטיקער און די „יונגע" האָבן נאָר דראַמאַטישע דעקאָראַציע פאַרמאָגט, אָבער נישט קיין דראַמאַטישן תוכן. פאַרקערט, זיי האָבן דעם דראַמאַטישן תוכן צוגע־דישעט. אַזוי ווי אַ פלאָם אין אַ שטוב, וואָס מען דישעט צו.

יוסף ראָלניק האָט אָנגעהויבן מיט די „יונגע", זיי האָבן אַפילו אַרויס־געגעבן דאָס ערשטע בוך זיינס, וואָס איז געווען אויך אויסערלעך אַ גע־שעעניש אין דער פּאָעזיע. אָבער דער שידוך האָט נישט אויף לאַנג מצליח געווען. ראָלניק איז געווען לגמרי אַנדערש פון די יונגע סיי מיט זיינע דאָרפישע מאָטיוון און סיי מיט זיינע שטאָטישע. דער עלנט ביי די יונגע איז געווען אַ פּאָעטישער, ביי ראָלניקן איז ער געווען אַן אינעווייניק־מענטשלעכער. דער אימאַזש ביי ראָלניקן איז געווען אַ קאָנקרעטער, אָן דער לופטיקייט וואָס די „יונגע" האָבן זי דערהויבן.

אַוודאי זענען די יונגע נישט געבליבן ביי די „לופטיקע לידער". זישאַ לאַנדוי אַליין, וואָס אין ליד האָט ער דערציילט, ווי ער ליגט סתם אַזוי אויף דער סאָפע און שפּייט אויף דער סטעליע, האָט אין די שפּעטערע

יאָרן געשריבן כמעט פּאָליטישע לידער. ער האָט באַזונגען דעם בריטאַ־ניער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. די שחיטות אויף ידן אין אוק־ראַינע בעתן בירגערקריג. ער האָט געזונגען אַן אָדע צו גיל פּרימראָוזן, — דער ענגליש־יידישער לאָרד, וואָס איז געפאַלן אין די דאַרדאַנעלן, אין די שלאַכטן קעגן די טערקן. פּרימראָוז איז געווען מיטן יידישן לעגיאָן. לאַנדוי האָט אויך געשריבן לידער פון זיין רביישן יחוס און דעם בעל־שם־טוב. די בת־טובים־לידער זיינע זענען אויך געווען אַ צוריקטריט פון די פריערדיקע „יונגע" יאָרן, אָבער זיי פאַרמאָגן נאָך אַלץ דעם „עסטע־טיזם", וואָס באַהערשט דאָס ליד.

מאַני לייב, וואָס איז אין געביין זיינעם געווען עסטעט, האָט אין גאָר־פריע פּאָעטישע יאָרן זיינע אַ ביסל אונטערגעפעלשט אין דער טעאָריע פון די „יונגע", דער עיקר מיט זיינע באַלאַדן, וואָס זענען געווען פאָל־קיש־יידישדיק און האָבן אַפילו פאַרמאָגט אַ יידישן תוכן. אין די שפּע־טערע יאָרן, אין זיינע מייסטערפולע סאָנעטן, איז דער יחידישער ליריזם געווען דער גרונטאָוונער מאָטיוו פון זיינע לידער, כאָטש ער האָט טיף־לי־רישע סאָנעטן וועגן דעם דריטן חורבן אונדזערן. מאַני לייבס סאָנעטן זענען בכלל די לויטערסטע לידער, וואָס אונדזער פּאָעזיע האָט אַרויסגע־בראַכט. „פון אַלע רייכע גאַסן איז מיר טייער / מיין יידישע פאַרגרויטע איסט־בראָדוויי; / די אַלטע הייזער — צוויי געקרימטע ריי, / די איידע־לע פאַרשמאַכטע שמייער / אין צער באַצייכנט מיט גאָטס אַלטן פייער. / וואָס טליעט קוים און לעשט זיך נישט אין זיי, / און די—וואָס שפּרייטן הויך דאָס ווייגעשריי / פון פאָלק אויף ראָגס — נביאים און באַפרייער; / און איר, — פּיטנים, זינגענדיקע ברידער, / איר האָט דאָס האַרץ פון פאָלק געטריי און ריין / פאַרקאַרבט דאָ אינעם ברוד פון יעדער שטיין / אין לידער־תפילות פון אַ נייעם סידור, / אַז יעדער שטיין נאָך אייך וועט לאַנג, נאָך לאַנג / מיט יידן זינגען אייער זיס געזאַנג", דעם דאָזיקן סאָנעט ציטיר איך מיט א באַזונדערן מיין, — די „פּיטנים", וואָס האָבן „פאַרקאַרבט דאָס האַרץ פון פאָלק אינעם ברוד פון יעדער שטיין", זענען אין אַ גרויסער מאָס געווען די פּאָעטן־פּיאָנערן, בפרט מאָריס ראָזנפעלד. מאַני לייב האָט, הייסט עס, חרטה געהאַט אויפן קאַמף, וואָס זיין גרופּע האָט געפירט קעגן די סאָציאַלע פּאָעטן און אַוודאי איז ער צוריקגעקר־

מען צו די נאַציאָנאַלע פּאָעטן, וואָס זיי האָט די גרופּע „יונגע" אַזוי פאַר־לאַכט.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער למדן צווישן די „יונגע", ראובן אייזלאַנד, איז קיין מאָל נישט צוריקגעקומען, ער איז געבליבן דער פּאָע־טישער מומר להכעיס. דאָס אויפצוקלערן איז נישט אַזוי גרינג. מסתמא וואָרצלט אין דעם להכעיס צום יידיש־פרומען לעבן אין דער יוגנט, אינעם גאַליציאַנישן חסידישן שטעטל. וואָס איז שייך מאַני לייבן, איז ער אין זיין רייפער עלטער געוואָרן פול מיט דאָרשט צו יידישקייט.

מיר וועלן נישט אויסשעפּן דעם אויפטו פון די „יונגע", מיר קענען נאָר אונטערציען דעם סך־הכל: זיי זענען געווען די ערשטע גרויסע זינ־גערס אין דער ליטעראַטור אונדזערער. זיי האָבן דאָס יידישע וואָרט נישט נאָר אויסגעקנאָטן און איבערגעפורעמט, נאָר אַפילו אין דעם כלומרשטן אָנשטעל פון דורכויס פאָרעם, האָבן זיי אינעם ליד אַריינגעזונגען אַ טיפן אינהאַלט. קודם, דערפאַר אַליין, וואָס זייער ליד איז געווען ליד. דאָ וויל איך דערמאָנען וואָס מיין בן־עיר, דער פּאָעט יעקב פיכמאַן, האָט געזאָגט: די גרעסטע אומעטישקייט אין פּאָעזיע איז, אַז זי איז נישט קיין פּאָעזיע. אינעם ליכט פונעם דאָזיקן אָרעקשטעל איז די פּאָעזיע פון די „יונגע" געווען הויך עטיש, דערפאַר וואָס זי איז געווען הויך פּאָעטיש.

יאָרצייט נאָך דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור

די דאַטע פון צען יאָר, זינט דער סאָוויעטישער רעזשים האָט אומגע־בראַכט די יידישע שרייבער און די יידישע ליטעראַטור בכלל, דאַרפן מיר נעמען מיט אַ שטיקל באַוואָרעניש. דער פיזישער אומברענג פון די וויכ־טיקסטע יידישע שרייבער איז טאַקע געווען דעם 12־טן אויגוסט, 1952, אָבער פאַרשווונדן זענען זיי נאָך אין 1948 און דער אומברענג־פראָצעס האָט זיך געצויגן אפשר יאָרן. דער 21־טער אויגוסט 1952, איז אָבער געווען דער לעצטער קלאַפּ.

צום אָנהויב האָב איך בכיוון געזאָגט, אַז די יידישע שרייבער האָט אומגעבראַכט דער סאָוויעטישער רעזשים און נישט דער סטאַליניזם, וואָרעם אינעם בלי פון דער יידישער ליטעראַטור, טעאַטער, שול־וועזן און ביכער־שפע זענען געווען פאַרזייט די קערנער פון אומברענג. אין דער אידעאָלאָגיע פונעם קאָמוניזם האָט ער געוואָרצלט. דער סאָוויעטישער רעזשים האָט די יידישע ליטעראַטור און קולטור געהאָדעוועט ווי אַ קאַלב, וואָס דערנאָך וועט ער עס פירן צו דער שחיטה. אָודאי, דער סטאַליניזם איז געווען דער ברוטאַלער שליח פון דער שחיטה, אָבער אין תוך האָט דער טויט אויף איר געלויערט אַפילו אין די בעסטע יאָרן פון איר גדולה.

דאָס קאַפּיטל יידישע ליטעראַטור און קולטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז טראַגיש נישט נאָר דערמיט, וואָס דער סוף אירער איז געווען פולער פאַרלענד, נאָך נאָכמער דערמיט, וואָס אין דעם זענען פאַרשריבן גרויסע אילוזיעס, ליכטיקע חלומות, פאַרפירעניש און פסיכיש־קינסטלערישע צעפאַלענקייט. אין היסטאָרישן אויסקוק זענען די דרייסיק יאָר, — זינט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע ביזן אומברענג־פינאַל אין 1948, — געווען יאָרן פון צעפאַלנקייט, פון צעשטויבן דאָס יידישע לעבן נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך איבער דער גאָרער וועלט.

וואָס העכער עס איז געוועזן דער אויפשטייג פון דער יידישער ליטע־ראַטור אין רוסלאַנד, אַלץ מער חורבן, — גייסטיקן און נאַציאָנאַלן, — האָט ער אַריינגעבראַכט סיי אין רוסלאַנד אַליין און סיי אין די יידישע ישובים אין אַנדערע לענדער. אַפילו דער גורל פונעם יידישן לשון אין אַמעריקע איז אויך פאַרבונדן מיטן טראַגישן אויפשטייג פון יידיש אין רוסלאַנד. צענטליקער טויזנטער יידן ביי אונדז אין לאַנד, — יידן, וואָס זענען געווען צונויפגעוואַקסן מיט יידיש, מיט דער יידישער ליטעראַ־טור, — זענען פאַרבלענדט געוואָרן פון דער „וווּנדער־דערשיינונג", וואָס אַ ריזיקע מלוכה גיט אַרויס יידישע ביכער, האַלט־אויס יידיש טעאַטער, יידישע שולעס, אַפילו וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס אויף יידיש. זיי זע־נען צוגעשטאַנען צום קאָמוניזם מיטן חסידישן ברען פון זייערע אָבות, אָבער דער קאָמוניזם האָט זיי בהדרגה גייסטיק צעבראָכן, זיי זענען גע־וואָרן נאָכזאָגערס, נישט קיין נאָכטראַכטערס, זיי האָבן אָנגעוווירן דעם גייסטיקן כוח זיך קעגנצושטעלן די נאַציאָנאַל־פאַרלענדערישע אידייען, וואָס דער קאָמוניזם האָט אין זיי אַריינגעטריפט ווי טראָפּנס סם און דערנאָך אַפילו, אַז סע איז געקומען דער טויט־פאַרצווייפלענדיקער יאוש, זענען זיי שוין נישט געווען בכוח צוריקצוקומען צו יידיש, דער יידישער ליטעראַטור און בכלל צו עפּעס, וואָס איז קאָנסטרוקטיוו אין אונדזער לעבן.

אינעם חשבון־הנפש, וואָס מיר מאַכן זיך צום צענטן יאָרצייט פון דער סאָוויעטישער שחיטה אויף דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד, דאַרפן מיר זיך אַליין אויך אַ טרייבער־טאָן, — די יידיש־ליטעראַטור אין אַמעריקע. כאָטש איך, און נאָך עטלעכע שרייבער מיט מיר, זענען נישט געווען צווישן די נאָכלויפערס, וויל איך זיך נישט אַרויסנעמען פונעם כלל. דורך די יאָרן זענען געווען גרויסע נאַציאָנאַל־יידישע געשעענישן, וואָס האָבן געקענט אָנצינדן די שעפערישע פאַנטאַזיע ביים שרייבער בכלל און ביים פּאָעט בפרט, די באַלפור־דעקלאַראַציע, די דערעפענונג פונעם ירושלימער אוניווערזיטעט, דאָס גוראַנגל קעגן דער מאַנדאַטן־מאַכט. דאָס זענען געווען גרויס־היסטאָרישע, פריידיקע מאָמענטן אין אונדזער געשיכטע. וויפל אידיש פּאָעטן זענען שעפעריש אָנגעצונדן געוואָרן פון

די דאָזיקע דערשיינונגען/ מיר קענען פאַרבייגן העלפט פינגער פון איין האַנט און די געבליבענע אָפענע פינגער וועלן סטייען.

אין די ראַנגלענישן, וואָס איך האָב געהאַט מיט חברים־פּאָעטן, — די וויכטיקסטע, — האָב איך אַמאָל געפרעגט: איר רעדט פון יידישן גייסט, ווי ווערט איר נישט אָנגעצונדן פון דער וויזיע, אַז דער אוניווערזיטעט אין ירושלים איז דער סימבאָל פונעם טויזנט־יעריקן נביאישן חלום „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״? דער ענטפער איז נישט וויכטיק, נאָר דער פאַקט, וואָס קיין גרויס יידיש ליד איז וועגן דער היסטאָרישער געשעעניש נישט אָנגעשריבן. זעט איר, וועגן דאָנבאַס האָבן וויכטיקע יידישע פּאָעטן, — אין אַמעריקע, נישט אין רוסלאַנד אַליין, — יאָ געשריבן התלהבותדיקע לידער. און געוועזן זענען עס פּאָעטן, וואָס האָבן נישט געשריבן אין דער „פרייהייט״, נאָר אין אַנדערע יידישע צייטונגען.

צוויי טראַגישע געשעענישן אין משך פון צוויי יאָר: אין 1927 האָט מען געפירט צו דער תליה סאַקאָ און וואַנזעטי און אין 1929 האָבן אַראַבער אויסגעהרגעט צענטליקער ישיבה־בחורים אין חברון. אַז מיר זאָלן נעמען איצטער, איבער דריי צענטליק יאָר שפּעטער, דעם קינסטלעריש־אויפגעשוידערטן סך־הכל פון יענע צוויי געשעענישן, וועלן מיר אפשר ווידער אויפגעשוידערט ווערן. די יידישע פּאָעזיע האָט אָפּגעשפּאָרט אַ גאַנצן באַנד סאַקאָ־וואַנזעטי לידער, אָבער פון דער מוראדיקער שחיטה־נאַכט אויף די חברונער ישיבה־בחורים איז קיין פּאָעטיש־קינסטלערישער ציטער נישט געבליבן. אמת, עטלעכע יידישע שרייבער זענען דעמאָלט אַרויס פון דער „פרייהייט״, אָבער אין זייער פּאָעטישן געמיט איז פאָרט געבליבן דער קאָמוניסטישער טומאַן, וואָס האָט זיי פאַרשטעלט דעם קינסטלערישן אויפשוידער.

אין 1921 איז אומגעקומען יוסף טרומפּעלדאָר, מיט די לעצטע ווערטער „טוב למות בעד אַרצנו״, — גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד. טרומפּעלדאָר איז געווען אַ נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע פיגור, וואָס האָט געקענט צעצינדן דאָס שעפערישע בלוט ביי פּאָעטן. דער יידישער פּאָעט האָט דאָס בלוט זיינס נישט אַ צינד־געטאָן. איין ליד נאָר האָט באַזונגען יענעם טויט אין תל־חי, — מיין ליד „קאַפּיטאַן, מיין קאַפּיטאַן״. דאָס אייגענע איז אויך געווען אין פּוילן.

איבער דער יידישער ליטעראַטור, נישט נאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, האָט געבאַלעבאַטעוועט די קאָמוניסטישע דיקטאַטור. מיט שוידער דערמאָנען מיר זיך די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, בעת יידישע שרייבער האָבן געפּרוווט צופּאַסן זייערע לידער און דערציילונגען צום קאָמוניסטישן גאַנג. דוד בערגלסאָן, וואָס האָט אַ פּאָר יאָר געלעבט אין בערלין, האָט געטראַכט זיך צוריקצוקערן קיין רוסלאַנד און כדי זיך אויסצופּלאַסטערן דעם וועג צוריק, האָט ער אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „אין שפּאַן״, וואָס איז געגאַנגען אין שפּאַן אויפן אייגענעם אופן, ווי די ליטעראַטור אין רוסלאַנד אַליין. סע איז אָבער נישט געווען דער אַרויסקוק נאָר אויף רוסלאַנד, אויך אין די אַנדערע לענדער האָט דער קאָמוניזם פאַרכאַפּט צענטליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער און אינטעלעקטואַלן און אַ שרייבער מיט אַ נאָכלויפעריש־קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע איז געווען באַוואָרנט מיט עטלעכע טויזנט מענטשן, וואָס זענען געקומען צו זיינער אַ לעקציע, אָדער אַפילו סתם זיינעם אַן אונטס.

מוז איך מודה־זיין, אַז דער נסיון איז געווען גרויס, נישט אַלע האָבן אים געקענטביישטיין און די, וואָס זענען אים יאָ ביייגעשטאַנען, זענען געבליבן איזאָלירט. אָבער ביישטיין האָט מען געדאַרפט נישט נאָר דעם דערפאָלג־נסיון, — סע איז אויך געווען אַ טיפערער נסיון: די אילוזיע, וואָס צום אָנהויב איז זי געווען אַן אויפריכטיק־אידייִשע.

דער איבערבוי פון דער וועלט, דער קאָמוניסטישער אידעאַל, איז אפשר געווען דער קלענסטער חלק פון דער אילוזיע ביים רוב שרייבער. דער עיקר איז געווען די אילוזיע פון אַ יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערט אַ טייל פון דער ליטעראַטור אין אַ גרויס לאַנד. סע איז געווען די אילוזיע, אַז די יידישע ליטעראַטור ווערט אויסגעלייזט פון איר גלות. קיין אייגענע לאַנד־טעריטאָריע האָט זי טאַקע נישט, אָבער אין רוסלאַנד שאַפט זיך אַ מין גייסטיקע טעריטאָריע פאַרן יידישן לשון, אַ מין אַפשיין פונעם דובנאָוויזם: אַ גייסטיקע יידישע אויטאָנאָמיע. דער יידישער שרייבער, וואָס האָט נישט געגלויבט אין דעם קאָמוניסטישן משיח פאַר דער יידישער ליטעראַטור און האָט זיך געראַנגלט קעגן דער צעבושעוועטער כוואַליע פון די טויזנטער לייענערס, טויזנטער צוהערערס, טויזנ־

טער בראַוואַ־פּאַטשערס, איז געבליבן פּאַררוקט אין זיין טיפן עלנט.

ווו איז געלעגן די פאַלשע אילוזיע? אין דעם, וואָס די קאָמוניסטישע אידיי איז פון אָנהויב־אָן געווען פאַרלייקענעריש בנוגע יידן ווי אַ פאָלק. נאָך לעניך, נאָך טראָצקי, נאָך די אַנדערע קאָמוניסטישע אידעאָלאָגן האָבן נישט באַהאַלטן זייער אַבסאָלוטע פאַרלייקענונג פון יידישן פאָלק. דער קאָמוניזם האָט באַלד אַוועקגעשטעלט די בולטע צייכנס פון אַ פאָלק: טעריטאָריע, שפּראַך און קולטור זיי האָבן אָבער אַנטשיידן אַרויסגע־בראַכט, אַז שפּראַך און קולטור, אָן דעם ערשטן קען־צייכן, טעריטאָריע, האָבן נישט דעם מינדסטן כוח צו שאַפן אַ פאָלק, אַ נאַציע. יידן האָבן אידעאָלאָגיש אינעם קאָמוניזם נישט באַקומען די מינדסטע פאָלקס־אַנערקענונג. אָפּגערעדט אַז די יידיש קאָמוניסטישע פירערס, אין די ערשטע יאָרן, זענען געווען דורכויסיקע אַסימילאַטאָרן, נאָר אויך די רו־סישע קאָמוניסטן זענען בנוגע יידן געווען אַסימילאַטאָרן.

אַ סך סיבות זענען געווען, פאַרוואָס דער באָלשעוויזם האָט דערמור־טיקט די יידישע אָפּגעזונדערטקייט שפּראַכלעך און קולטוריש. קודם, עס איז פאַרט געווען אַ גרויסע יידישע מאַסע, וואָס האָט גערעדט יידיש און זיך אויסגעלעבט אויף יידיש. דער באָלשעוויזם האָט געדאַרפט די דאָזיקע מאַסע אידייִש איבערבויען און טאָן האָט זי עס געקענט נאָר אויף יידיש. אָבער גאָר אַ וויכטיקע סיבה איז געווען דער געדאַנק וואָס דער באָלשע־וויזם האָט אַזוי שאַרף פאַרלייקנט און האָט געדאַרפט אָנקומען צו אים. די איינזקייט פונעם יידישן פאָלק איבער דער וועלט איז פאַרן באָלשע־וויזם געווען ממש סם. יידן אין רוסלאַנד האָבן נישט די מינדסטע שייכות מיט יידן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. צו דער אייגענער צייט אָבער האָט דער באָלשעוויזם געוווסט, אַז ער נויטיקט זיך אין יידישע סימפּאַטיעס איבער דער וועלט און געווינען די דאָזיקע סימפּאַטיע האָט ער געקענט דורך דערמוטיקן אַ מין אויטאָנאָם קולטור־לעבן פאַר יידן אין רוסלאַנד. אַזוי ווי דער באָלשעוויזם האָט באַלד אָנגעווענדט אַ פּאָליטיק פון פּראַקטישקייט, האָט געהאָלפן צו שאַפן די אילוזיע פון אַן אויפגעבלי־טער יידישער ליטעראַטור, מלוכה־פאַרלאַגן, מלוכה־שולעס, מלוכה־טעאַ־טער. אָבער די אידעאָלאָגיע זיינע בנוגע יידן האָט ער קיינמאָל נישט אויפ־

געגעבן. ער איז געבליבן אַ פּאַרלייקענער פון יידישן נאַציאָנאַליזם, יידישן פֿאָלק.

טראַגיש איז דער פּאַראַדאָקס, וואָס פֿון אָנהויב האָט דער באָלשעוויזם-קאָמוניזם דערמוטיקט דעם פונאנדערוווקס פון דער יידישער קולטור, דערפֿאַר וואָס ער האָט געוואָלט נושא־חן זיין ביי יידן איבער דער וועלט. האָט ער זי דערנאָך אומגעבראַכט איבער דער אייגענער סיבה: דער צונויפֿבונד, אַפילו לויזער, מיט יידן איבער דער וועלט. טראַגישע פּאַראַדאָקסן אינעם באָלשעוויזם-קאָמוניזם זענען אַ געוויינטלעכע דערשיינונג, נאָר בנוגע יידן איז ער געווען אַ סך טראַגישער: ער האָט נישט נאָר אומגעבראַכט הונדערטער לעבנס, אַ גאַנצע ליטעראַטור, אַ גרויסן קולטור־בנין, ער האָט אויך אָפּגעריסן פון אונדזער בוים דעם שענסטן, דעם פֿאָלקישסטן צווייג — דאָס רוסישע יידנטום.

דאָס פריער־געזאָגטע פאַרקלענערט אָבער נישט דעם באַטייט פונעם קאָנקרעטן יאָרצייט, וואָס באַצייכנט דעם מאָרד איבער די וויכטיקסטע שאַפערס פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אין רוסלאַנד. די טראַגעדיע פון דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעשפּילט אין משך פון יאָרן. זי האָט געהאַט, ווי אין דער קלאַסישער טראַגעדיע, איר אויפשטייג, איר טראַגישע אַנטוויקלונג, ביז זי איז דערגאַנגען צום לעצטן אַראָפּלאָז פונעם פֿאַרהאַנג — דעם 12־טן אויגוסט 1952 — אַ פינסטערער פֿאַרהאַנג, אַ מאָרד־פֿאַרהאַנג.

אין רוסיש איז דאָ אַ וואָרט „מיטאַרסטווא", וואָס אין יידיש געפין איך נישט קיין איבערטייטש פֿאַר דעם. עס איז נישט סתם ליידן, נישט סתם עינוים, נאָר אַ מין חיבוט. אי מוראדיקע יסורים, אי העלדיש געראַנגל, אי אַרויפהויב, אי אַראָפּפאַל. די „מיטאַרסטוואָ" פון די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד איז פֿאַר אונדז אי אַ ספר חתום, אי אַן אָפֿן בוך. מיר האָבן אַ סך געלייענט, אָבער אין סאַמע תוך ווייסן מיר ווייניק. עס איז עלעמענטאַר, פּשוט פלאַך אָפּצופּסקענען, אַז אַזעלכע שרייבער־פּערזענלעכקייטן, ווי דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, איזי כאַריק, משה קולבאַק, שוין אָפּגערעדט פון דעם נסתר און אַפילו איציק פעפער זענען סתם געווען פֿאַרקויפֿט צום קאָמוניסטישן רעזשים. אַזוי אָפּצופּטרן דאָס

טראַגישע קאַפּיטל מיינט נישט מער ווי זיך „גרינגער מאַכן אויפן האַרצן" און — אַראָפּ פון מאַרק.

זיי זענען געווען די טראַגישע העלדן פון יידישן שאַפן. זיי האָבן צום אַנהויב געגלייבט — אויב נישט אין דער קאָמוניסטישער אידייע, איז אין דער מעגלעכקייט פון שאַפן אַ גרויסע ליטעראַטור אויף יידיש אונטער אַ קאָמוניסטישן רעזשים. אמת, אַז מיר ציען־אונטער דעם סך־הכל פון דער יידישער ליטעראַטור דורך די איבער דרייסיק יאָר וואָס זי איז אַזוי געוואַקסן, האָבן מיר נישט אין אונדזער באַוווסטזיין קיין גרויסע ווערק, אַפילו נישט קיין קלענערע — לידער און דערציילונגען — וואָס מיר זאָלן קענען אויף זיי זאָגן, אַז זיי האָבן די יידישע ליטעראַטור געפירט אויף נייע וועגן. דוד בערגעלסאָנ׳ס „פּענעק" איז אַ גרויס ווערק, אָבער נאָר אין דער טייל, ווו ער איז געגאַנגען אויף זיין פריערדיקן, פאַר־קאָמוניסטישן נוסח. דער נסתר האָט אין זיין סאָוועטישן גילגול אָנגעשריבן „די פאַמיליע מאַשבער", אָבער ווידער איז ראָס ווערק גוט דערפאַר, וואָס דער שרייבער איז אין דעם אַלטמאָדיש־נסתר׳דיק. משה קולבאַק׳ס „זעלמעניאַנער" און „בויטרע" זענען ווערטפולע ווערק אין אונדזער ליטעראַטור, אָבער שרייבעריש געהערן זיי צום פּעריאָד וואָס קולבאַק איז נאָך געווען אין ווילנע.

געבליבן איז אונדז אַ גרויסע ליטעראַטור אין כמות, אָבער נישט אין איכות. עס וועט אָבער זיין אַ טעות צו טראַכטן, אַז די סאָוויעטיש־יידישע ליטעראַטור האָט גאָרנישט צוגעטראָגן צום שעפערישן בנין אונדזערן. אין די גאָר ערשטע יאָרן, אַז צו אונדז זענען דערגאַנגען די ערשטע לידער פון די סאָוויעטיש־יידישע פּאָעטן, האָבן מיר אין זיי געשפּירט אַ פרישקייט אין ריטעם, אין בילדלעכקייט, אַפילו אין דער שטימונג. עס איז בפירוש געווען אין זיי געזאַנג, און צום ערשטן מאָל אַ געזאַנג צום לאַנד, וואָס די פּאָעטן האָבן עס געהאַלטן פאַר זייערס. אידעיש האָט איר געעגט מיט זיי נישט מסכים זיין, אָבער פּאָעטיש זענען די לידער געווען דערפרישנדיקע. דאָס אייגענע — אין אַ ביסל אַ קלענערער מאָס — איז געווען מיט דער פּראָזע, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען די ערשטע יאָרן. נייע מאָטיוון, אַפילו דער געבוי פון דער שורה, דער אינערלעכער ריטעם — אַלץ איז געווען אַנדערש, אַלץ האָט געאָטעמט מיט יונגשאַפט.

אפרים אויערבאך

קוקן מיר צוריק אויף יענע ערשטע שפּראָצן פון דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור, לייכט פּאַר אונדז אויף די אילוזיע, וואָס די ליטעראַטור האָט אין זיך געטראָגן. דער עיקר, אין איר איז געווען אויפריכטיקער גלויבן. עפּעס האָט זיך געפילט, ווי די יידיש־ליטעראַטור האָט מיטאַמאָל זיך באַפרייט פון איר אַלטקייט, פון איר טרויער, פון איר אומצוטרוי צו דער וועלט. זי איז געווען אַ ליטעראַטור פון אילוזאָרישן אייגענעם הימל איבער זיך.

נאָר דער גלויבן, די אילוזיע האָבן נישט לאַנג געדויערט. ביסלעכווייז איז דער גלויבן געוואָרן אַ נוסח. דאָס זינגעוודיקע ליד, פול מיט האָפערדיקייט, איז געוואָרן אַ וואָכעדיקער גאַנג. אָבער אַפילו אינעם פּראָצעס פון פאַרוואָכעדיקייט איז נאָך אַלץ געבליבן, אין דער פּאָעזיע דער עיקר, די פרישקייט פון דער גרעסערער דערציילערישער פּאָעמע. אפשר איז די סיבה דערפאַר געווען, וואָס אין לירישן ליד איז דער פּאָעט געווען געפּענטעט, ער האָט נישט געטאָרט אַרויסזינגען די טיפסטע לירישע איבערלעבונגען. אין דער דערציילערישער פּאָעמע איז ער געווען פרייער. דער פּאָעט האָט אַ סך מאָל געקענט דערציילן פון לירישע איבערלעבונגען, וואָס זענען נישט געגאַנגען „אין שפּאַן" פון דער ליניע, אָבער דער איבערלעבער איז כלומרשט געווען אַן אַנדערער, וואָס דער פּאָעט האָט אים מיט אַ פּאָר שטריכן געמאָלן פאַר אַ נעגאַטיוון טיפּ. דער פּאַטאָס פון די דאָזיקע דערציילערישע פּאָעמעס איז אַ קאַפּיטל פון דעם „חיבוט" אין דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור, וואָס דאַרף נאָך אויסגעפאָרשט ווערן.

אַז מיר קוקן אָבער צוריק אויף די דרייסיק יאָר — 1918—1948 — וואָס די יידישע ליטעראַטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז כלומרשט געוואַקסן, זעען מיר זיי ווי אַ קאָשמאַר. זי איז אויפגעקומען אונטערן צייכן פון אומקום. זי האָט אין איר סאַמע בלי געטראָגן אין זיך די קערנדלעך פון פאַרוועלקשאַפט. פאַטעטיש איז זי געווען אין איר געראַנגל נישט אָנצוווערן די אילוזיע, אָבער זי איז אויך געווען פול מיט יידישן טרויער. זי האָט דעם טרויער געוואָלט פאַרלייקענען, אים פאַרהוילן, אָבער דערפאַר טאַקע איז זי געווען מער פאַטעטיש.

אויגוסט 1969

ביי די האַלעוועשקעס פון אַ דור

נאָך פון די קינדער־יאָרן איז ביי מיר פאַרבליבן אַ ציטער צו האַלע־וועשקעס. אין שטוב, אַז מע האָט ווינטער איינגעהייצט די רובע, האָט דאָס האָלץ צום אָנהייב געפּלאַקערט, געברענט הויך, מיט אַ טרעשטש. די רובע האָט זיך אָבער אָנגעוואַרעמט פון די האַלעוועשקעס. שטיל האָבן זיי געטליעט, — פון אויבן צוגעדעקט מיט געקאַרבטן אַש און אין דער טיף — פונקען, וואָס האָבן אַ לויכט־געטאָן און זיך צוריק אַריינגעדעקט אינעם אַש. דער פלאַם האָט גיך אָפּגעפּלאַקערט, אָבער די האַלעוועשקעס האָבן געדויערט איבער נאַכט און פאַרשפּרייט וואַרעמקייט אין דער שטוב.

אַמאָל, אין די זוניקע טעג נאָך סוכות, אַז מיר יונגוואַרג זענען אַרויס־געפאָרן אויפן סטעפּ, האָבן מיר אין די קילע נעכט צעלייגט פייערן. די שייטלעך האָלץ האָבן מיט אַ פלאַם אָפּגעברענט, געבליבן זענען די האַלע־וועשקעס, וואָס האָבן אַרויסגעשאָסן פונקען, ווי שטערנדלעך, געוואַרעמט, געלויכטן אין דער טונקלקייט. קוראַנט איז געווען די האַלב־טונקעלע שיין, דויערנדיק איז געווען דאָס וואַרעמקייט פון די האַלעוועשקעס. און געטרויערט האָט זיך יוגנטלעכער, טיף־מענטשלעכער, ביים רויט־בורשטי־נענעם שיין.

יעדער שעפערישער דור צינדט זיך אָן, ברענט־אויף, שפּריצט פונקען אַרום זיך און אַרויף צו די הייכן. יעדער שעפערישער דור דערברענט צו האַלעוועשקעס, צום שטילן פייער, וואָס איז מער אין דער אייגענער טיפעניש, ווי אינעם פלאַקער צום דרויסן. אין האַלעוועשקעס איז דאָ אַ סך טראַגישע שיינקייט, אַ סך אין זיך פאַרטיפטער טרויער.

זענען מיר געקומען צו די האַלעוועשקעס פון אונדזער שרייבערישן דור. מיט גרויס־טראַגישקייט זענען מיר צו זיי דערגאַנגען, וואָרים אין

זיי איז דאָ דערקענטעניש פון זיך אַליין און יעדער אייגן־דערקענטעניש פאַרמאָגט אין זיך טראַגיזם. דער גרויס־טראַגיזם דאַרף דערפאַר זיין אַ גרונט־מאָטיוו פונעם דורס שעפערישקייט. גרויס־טראַגיזם איז בשום אופן נישט קיין יאוש. פאַרקערט, וואָס גרעסער דער טראַגיזם איז, אַלץ מער לויכט אין אים דער שעפערישער אמת, און שעפערישער אמת איז דער היפוך פון יאוש. אָבער, אַז מיר זיצן ביי די האַלעוועשקעס פון אונדזער דור, טאָרן מיר נישט אַנטלויפן פונעם וווּנדער־מיסטישן אמת, אַז סע איז אומפאַרמיידלעך: אויסלעשן זי מוז איין קויל, אַ צווייטע, אַ דריטע.

אַוודאי טראַכטן מיר פון די יונגע פייערן, וואָס דאַרפן זיך צעשייטערן הינטער אונדז און דערוויל זענען ווייניק די נייע אָנצינדערס. מיר טראַכטן אויך, אַז ווען אַ קויל לעשט זיך אויס, בלייבט איבער נישט מער ווי אַש. אָבער ביי די האַלעוועשקעס פון אַ דור איז קיינמאָל נישט פריי־לעך און דאָס איז אפשר דאָס גרויסקייט, דאָס דערהויבנקייט, — דער יום־טוב פון דערברענען, דערלויכטן.

אָבער נישט נאָר ביי די האַלעוועשקעס פון אַ דור שרייבער זיצן מיר, אויך ביים אויסגאַנג פון אַ גרויס קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע און ביים אויפגאַנג פון אַ נייעם. דאָס לייגט אויף אונדז אַרויף התחייבות, וואָס קיין שום דור פאַר אונדז האָט זי נישט געהאַט. מיר זענען די מסיימים פון טויזנט יאָר יידיש לעבן אין מזרח־אייראָפּע. מיר דאַרפן דערכאַפּן די לעצטע פעדים, וואָס האָבן אונדז צונויפגעבונדן מיטן אייגענעם עבר און־דזערן און האָבן זיך געצויגן ווייט אין די דורות פאַר אונדז.

ווייס איך נישט, צי מיר זענען בכח צו זאָגן דעם געשיכטלעכן הדרן, ווי ביי סיום הש״ס. ביי געשיכטע איז, דאַכט זיך, נישט שייך קיין הדרן, ווארעם מיר קענען נישט אָנהייבן צו מישן די דפים אויף צוריק. מיר קע־נען אָבער קינסטלעריש אויפמישן די דפים און זיי געבן אַ תיקון, זיי באַ־זינגען. אַז סע האָט זיך געענדיקט די יידישע מלוכהשאַפט, נאָכן חורבן בית שני, האָבן די וויזיאָנערישע חז״ל אויף זייער שטייגער געגעבן אַ תיקון דער אָפּגעשלאָסענער עפּאָכע: זיי האָבן מתקן־געווען, אין וואָרט, די עבודה אין בית המקדש, די קרבנות און אַפילו דעם לעבנסשטייגער. דורכן וואָרט, — אין די תפלות און אין לערנען, — איז די געשיכטלעכע

עפּאָכע נישט פאַרגאַנגען. פאַרקערט, זי איז גאָר געוואָקסן, געוואָרן אייגע־נער, געווירקט ווייטער אויפן געשיכטלעכן גאַנג פון אונדזער פאָלק.

די הלכה, וואָס אויסגעקוקט האָט זי קאַלט, האָט פאַרמאָגט אין זיך געשיכטלעך פייער צו באַלויכטן דעם גאַנג פון דורות יידן איבער דער וועלט. מיר זענען נישט קיין בעלי־הלכה, דער אופן אונדזערער איז אַן אַנדערער, דער אויסדרוק איז אַן אַנדערער. דאָס התחייבות אָבער איז דאָס אייגענע: דורכן וואָרט וואַרעמען די אויסגעגאַנגענע געשיכטלעכע עפּאָכע, איר געבן אַ תיקון, זי אויפריכטן קינסטלעריש, אַז לדורות זאָל זי אונדז לויכטן.

הויך־קינסטלעריש איז דער על נהרות בבל שם ישבנו וגם בכינו בזכרינו את ציון. אויף די ברעגן פון די טייכן, וואָס מיר זיצן איצטער ביי זיי, דאַרפן מיר דערמאָנען די אַלע טייכן פון אונדזער געשיכטע, אַז זיי זאָלן אַריין אין אונדז, ווי דער על נהרות בבל.

און וואָס איז מכח דעם אויפגאַנג, דעם געשיכטלעכן אויפלויכט? אַוודאי וועלן קומען שרייבער נאָך אונדז, וואָס וועלן זיך אָנטרינקען מיט דער שיין פון דער נייער זון אין אונדזער געשיכטע. אָבער מיר האָבן דערגרייכט דעם געלייטערטן טראַגיזם פון איבערלעבן דעם חורבן פון אַ גרויס קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע און אָנהייב אויפבוי פון אַ ניי קאַפּיטל. מיר דאַרפן זיין בכח צו באַלויכטן דעם טראַגיזם, אים באַשיינען, און צו פאַרטיפן די פרייד מיט די שאַטנס טרויער, וואָס קו־מענדיקע דורות שרייבער וועלן זיי אפשר נישט דערזען, נישט דערשפּירן. אָדער לכל הדעות זיי נישט דורכלעבן אַזוי נאָענט, ווי מיר.

בין איך, חלילה, מבטל די ריין־יחידישע לידער? באַהיט זאָל איך ווערן. איך האַלט, אַז דאָס ריין־יחידישע ליד וואַקסט אַרויס אויך פונעם דור, וואָס אין אים לעבט דער פּאָעט. באַהיט זאָל איך אויך ווערן פון געבן אַ פאָרמולע פאַר פּאָעזיע, אָדער אַפילו פּראָזע, וואָרעם אַן דער פּערזענ־לעכקייט פונעם שרייבער איז בכלל נישטאָ קיין עכטע שעפערישקייט. געפּרוּווט האָב איך נאָר אָנצייכענען אַ פּאָר גרונט־מאָטיוון, וואָס צו זיי דאַרף די ליטעראַטור אונדזערע דערוואַקסן. און אויף צוויי פון זיי וויל איך זיך בקיצור אָפּשטעלן.

איינס — מיר הערן טענות קעגן שטעטל. נישט דאָס שטעטל, נאָר

שרייבער, וואָס ביי זיי איז נאָך דאָס שטעטל אַ גרונט־מאָטיוו. איז קודם די טענה כלל נישט קיין קינסטלערישע, וואָרעם סע איז נישט שייך צו זאָגן, אַז די אָדער יענע טעמע טויג נישט. דער עיקר איז דער אופן שרייבן, דעם שרייבער׳ס אַריינדרינג אין דעם מאַטעריאַל. די סאַמע שפּאַגלנייסטע טעמע קען נישט האָבן די מינדסטע קינסטלערישע ווערט און פאַרעלטערטער שטאָף קען שטיין אויף אַ גאָר הויכער קינסטלערישער מדרגה. נאָר אַ חוץ דעם איז דאָס שטעטל פאַר אונדז נאָך דער קוואַל פון קינסטלערישן אָנרעג, בפרט נאָך דעם שטעטלס חורבן מיר זענען די לעצ־טע, וואָס ציען די פעדים פונעם שטעטל איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, איבער דעם מיטללענדישן ים, איבער אַלע פליינען און אַפילו מדבריות. אַפילו אויפן אינטימערן צונויפבונד מיט דער טויזנטיאָריקער געשיכטע אונדזערער אין מזרח־אייראָפּע זענען מיר אויך די לעצטע. מיר זענען אַרויסגעוואַקסן פון איר, מיר האָבן געלעבט אין איר טראַדיציע, מיר האָבן זיך געוואָרעמט אין איר שיין. אַ נייער דור זענען מיר געוועזן, אָבער הינטער זיך האָבן מיר געהערט די טריט פון די דורות, וואָס האָבן אויס־געזונגען דעם ריטעם פון די פריערדיקע דורות.

צוויי — וואָס איז שייך דעם נייעם קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע, — מדינת ישראל, — איז אויך דער ייִדיש־שרייבער סענסיטיווער צו דעם, ווי דער העברעיש־שרייבער, וואָס איז געבוירן, אָדער אויסגעוואַקסן אין דער מדינה. דערפאַר, וואָס דער ייִדיש־שרייבער טראָגט אין זיך דעם טראַגיזם פון דעם אָפּגעשלאָסענעם קאַפּיטל געשיכטע אין מזרח־אייראָ־פּע, לעבט ער טיפער איבער דעם יום־טוב פון מדינהשאַפט. סע איז אָבער דאָ אַ טיפערע סיבה: הונדערטער טויזנטער ייִדן זענען אַריינגעקומען אין ישראל, — פון די געטאָס, פון די לאַגערן, פון די קרעמאַטאָריעס. זייער איבערפּלאַנץ אין אייגן לאַנד איז פּסיכאָלאָגיש פאַרבונדן מיט טראַ־גיזם, מיט אויפשטייג און אַפילו מיט אַראָפּפאַל. דער ייִדיש־שרייבער קען צוקומען סיי שפּראַכלעך, סיי פּסיכיש, סיי איבערלעבעריש צום מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדן, בעת דעם צאַברע־שרייבער איז ער לחלוטין פרעמד. דער אָריענטאַלישער ייִד בלייבט לרוב שטום אין דער ליטעראַטור, ביז ער וועט פון זיך נישט אַרויסגעבן שרייבער, וואָס זאָלן אים קענען. די היסטאָרישע עובדה פונעם ייִדיש־שרייבער אין ישראל איז קינסטלעריש

אויף דער וואַגשאָל

צונויפבינדן די פּעדים פונעם נאַנטן עבר מיטן ישׂראלדיקן איצטער, אַריינברענגען דעם טרויער זיינעם אין דער פריידּ און דערמיט טיפער מאַכן, דערהייבן דאָס אַנהייב־קאַפּיטל פונעם נאַציאָנאַלן אויפגאַנג אונדזערן.

אַ וועלט מיט אַרבעט פאַרן דור, וואָס זיצט ביי זיינע אייגענע האָלע־וועשקעס. ער איז רייף צו די קינסטלערישע אויפגאַבן זיינע.

מאַי 1968

1

אַ מענדעלע בוך

צוריק מיט עטלעכע טעג איז געווען מענדעלעס 52־טער יאָרצייט, און, פֿאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט זיך נישט דערמאָנט צו פֿאַרצייכענען די דאָזיקע דאַטע. איך אַליין, בין איך זיך מודה, וואָלט אויך נישט אַכטונג געגעבן אינעם לעקסיקאָן, אַז מיר וואָלט נישט אָנגעקומען אַן אינטערעסאַנט ביכל — מענדעלעס ערשטער פּרוּוו צו שרייבן אין דער דערציילן־פֿאָרעם.

די קורצע דערציילונג, וואָס איז געווען געדרוקט מיט אַרום הונדערט און צען יאָר צוריק, הייסט „לימדו היטב". די דערציילונג וואָס פֿון איר וועל איך רעדן ווייטער, האָט „דער זיידע" עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט ביז דערפֿון איז אַרויסגעקומען דאָס רייפֿע ווערק זיינס, „אבות ובנים". אַזוי ווי פֿון דעם דאָזיקן ביכל איז כמעט קיין זכר נישט געבליבן, נאָר צוויי עקזעמפּלאַרן זענען דאָ איבער דער גאַנצער וועלט, האָט דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט געמאַכט אַ פֿאָטאָסטאַטישע קאָפּיע פֿון דעם עקזעמפּלאַר, וואָס געפֿינט זיך אין זיין אַרכיוו, און זי אַרויסגעגעבן מיט אַן אַריינפֿיר פֿון דן מירון. די דערציילונג אַליין פֿאַרנעמט 72 זייטלעך; דער אַריינפֿיר פֿאַרנעמט 125 זייטן.

די דערציילונג אַליין איז, אייגנטלעך אַ פּרע־מענדעלע ווערק, וואָרעם אונטערגעשריבן איז אויף דעם „שלום יעקב בן חיים משה אַבראַמאָוויץ", און, ווייזט אויס, זיך צו באַוואָרענען, איז אויפֿן שער־בלאַט צוגעגעבן „ספּור אהבים", מאַכט, הייסט, קיין טעות נישט, דאָס איז נישט קיין וועד ווייסט וואָס פֿאַר אַ וויכטיקע דערציילונג, נאָר אַ פּשוטע מעשה פֿון געליבטע.

מענדעלע האָט נאָך אַ הקדמה, ווו ער פּרוווט אָפּוועגדן די מעג־לעכע טענות צו אים, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע „נאַריש־קייטן", ווי דערציילן עפּעס אַ מעשה. די הקדמה איז זייער כאַראַקטע־ריסטיש פאַר יענער צייט און איז פאַר זיך אַליין אַ היסטאָרישער דאָ־קומענט. אויף יידיש האָט מען שוין דעמאָלט געשריבן „מעשות" אָן תירוצים און אָן פאַרענטפערונגען. אייזיק מאיר דיק איז געווען עלטער פון מענדעלען אויף איבער צוואַנציק יאָר און ער האָט שוין געדרוקט זיינע מעשה־ביכלעך. מיר רעדן שוין נישט פון שלמה עטינגערס דראַ־מעס און פאַבלען, און אַנדערע שרייבערס, נאָר פון דער צייט, וואָס מענדעלע איז אויפגעקומען.

באַזונדערס דאַרפן מיר זיך צוקוקן צום שער־בלאַט: אונטן איז אויפגעשריבן אין רוסיש דער נאָמען פון דער דערציילונג, און אַ שורה, וואָס לייענט זיך אין רוסיש „ראָמאַן נאַ טשיסטאָ יעוור. יאַזיקע". העב־רעיש, הייסט עס, איז די „ריין יידישע שפּראַך", און יידיש איז, ווייזט אויס, נישט קיין ריין יידישע שפּראַך. אַפילו מענדעלע, דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט דעמאָלט נאָך געהאַלטן, אַז העברעיש איז „די ריין יידישע שפּראַך".

אַז איר לייענט די דערציילונג „לימדו היטב", זעט איר, ווי קינסט־לעריש הילפלאָז מענדעלע איז נאָך געווען. די מענטשן מאָלט ער אויפן משכילישן שטייגער, מיט ווייניק יחידישע שטריכן, מיטן טראָפּ אויף דעם מוסר השכל און נישט אויף די איבערלעבונגען פון דעם יחיד. נאָר דאָך געפינט איר שוין אינעם לשון די מענדעלע־שטריכן, וואָס האָבן אים יאָרן שפּעטער אַזוי דערהויבן אין דער ליטעראַטור אונ־דזערער. אַזוי האָט איר באַלד אויפן ערשטן זייטל אַזאַ אויסדרוק: „והביא לה מחלב צפּור" — און ער האָט איר געבראַכט פון פויגל־מילך. מיר מאָלן זיך אויס, אַז משכילים האָבן געהויבן די פּלייצעס, אַז זיי האָבן געלייענט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי: „קערת שמים" — דאָס טע־לערל פון הימל; אָדער „היא נשאת הכובע" — זי טראָגט דעם ספּאָ־דיק; צי גאָר „ותוללכהו בחטמו" — זי פירט אים ביי דער נאָז...

דער יונגער מענדעלע האָט שוין דעמאָלט געטראָגן אין זיך די קערנער פון זיין ווייטערדיקן העברעיש און אָפּגערעדט פון דעם יידיש

זיינעם. אוודאי, מאַפּוס „אהבת ציון" און אַפילו „עיט צבוע" זענען שוין דעמאָלט געווען אָפּגעדרוקט. אָבער מאַפּו איז נישט געווען דער מין שרייבער, וואָס האָט אָפּערירט מיט פּשוטע מענטשן און ממילא איז אַנגעקומען צום פּשוטן לשון, וואָס זיי האָבן גערעדט. ער איז געווען אַ ראָמאַנטיקער, וואָס מענדעלע איז פון סאַמע אָנהייב נישט געווען. דאָס לשון מאַפּוס איז געווען אַ דערהויבנס, בעת מענדעלעס לשון אינעם ערשטן פּרווו זיינעם האָט שוין נישט קיין שאָטן פון מליצה.

דן מירונס אַריינפיר, וואָס רופט ער אים „דער אָנהייב פון אַקטועלן העברעישן ראָמאַן", איז אַ טיכטיקע אַרבעט, וואָס צוליב איר אַליין האָט זיך געלוינט דאָס בוך אַרויסצוגעבן. אַ פּאַרדראָס, וואָס עס ווערט נישט אָנגעגעבן, צי האָט מירון די אַרבעט זיינע געשריבן אָריגינעל אין יידיש, צי איבערגעזעצט זי פון העברעיש. פאַר וואָס איך פרעג דאָס, זענען דאָ ערנסטע סיבות, און דער לייענער וועט זיך באַקענען מיט זיי, אַז איך וועל דערציילן ווער דן מירון איז.

קודם, ער איז אַ געבוירענער אין ארץ ישראל. זיין פאָטער, ווי איך געדענק, איז אַ פּראָפעסאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט. פאַרשטייט איר דאָך, אַז אויסגעוואַקסן איז מירון נישט אין אַ סביבה פון יידיש און אוודאי נישט אין אַ סביבה פון ליבשאַפט צו דער ליטעראַטור אויף יידיש. פאַרנעמען פאַרנעמט ער זיך מיט ליטעראַטור־קריטיק, און ער איז אַן אָנגעזעענער קריטיקער אין דער יידישער מדינה. אַז איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים אין תל אביב, איז ער געווען אַ מאַן פון אַ יאָר 35, אַ הויך־געוויקסיקער, קרעפּטיקער.

איז דאָס אַלץ נאָר כדי צוצופירן צו זיינעם אַן אַרויסטריט, ווו ער האָט געהאַט טענות פאַר וואָס אין מדינת ישראל לערנט מען נישט מיט דער יוגנט קיין יידיש, און פאַר וואָס דער יוגנט אין דער יידישער מדינה איז די יידישע ליטעראַטור פרעמד. ווי איך געדענק, האָט דאָס אַרטיקל דעמאָלט אַרויסגערופן אַן אויפרודער אין ישראל. ער האָט זיך דערוועגט אויפצוהייבן די יידישע ליטעראַטור אויף אַ גאָר הויכער מדרגה, און אַרויסגעוויזן האָט ער דערביי גרויס בקיאות אין דער ליטעראַטור אונדזערער. ווי ווייט ער איז דערנאָך געגאַנגען ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז דער אויפרודער פון זיין פאָדערונג האָט גע־

ווירקט אויף אַ סך סאַברעס, אַז זיי זאָלן זיך אָנהייבן צו אינטערעסירן מיט יידיש און מיט דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער צי דן מירון שרייבט אַזוי גוט יידיש, אַז ער זאָל זיך פאַר־גינען אָנצושרייבן אַזאַ גרויסע און וויכטיקע עסיי, ווי אין דעם בוך „לימדו היטב", ווייס איך נישט. דער „ייוואָ" איז אַ פאַראַנטוואָרט־לעכע אָרגאַניזאַציע און עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז זי זאָל אָפּדרוקן אַזאַ גרויסע ליטעראַטור־אַרבעט, וואָס אָריגינעל איז איז זי געשריבן געוואָרן אויף העברעיש, און נישט דערציילן, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג.

גיט אונדז מירון אַ ברייטע אָפּהאַנדלונג איבער דער ליטעראַטור פון איבער הונדערט יאָר צוריק. די משכילים זענען געווען ממש פאַרביסענע קעגנערס פון דער דערציילונגס־פאָרעם. זיי האָבן אָריבער־געטראָגן דעם קאַמף זייערן קעגן חסידות אויף דער ליטעראַטור. די חסידים, האָבן זיי געטענהט, דערציילן ווילדע מעשות וועגן זייערע רביים, און סתם דערציילן זיי זיך מעשות, אַז זיי קומען זיך צונויף. די „אויפגעקלערטע" דאַרפן אין זינען האָבן תכלית. און וואָס איז תכלית? וויסנשאַפט, די השכלה בת השמים דאַרף אויפעפענען די פאַרבלענדטע אויגן ביים פאָלק, אַז עס זאָל דערזען דעם „געטלעכן אמת" פון דעם אייראָפּעישן וויסן.

פאַר וואָס האָט דער תנ"ך דערציילט מעשות, אפשר די שענסטע מעשות אין דער וועלט־ליטעראַטור? האָט איר צו זיי טענות. פאַר־שטייט זיך, אַז אין יענער צייט, ווען מענדעלע האָט אָנגעהויבן מיט „לימדו היטב", איז שוין געווען איבער הונדערט יאָר נאָך ר' נחמן בראַצלאַווערס „מעשה בהז' בעטלערס", און נאָך די אַנדערע מעשות, וואָס ר' נחמן האָט דערציילט, און וואָס זענען ביזן היינטיקן טאָג גרויסע שאַפונגען. די משכילים האָבן אָבער נישט געוווסט פון זיי, אָבער זיי די מעשות געהאַלטן פאַר חסידישער טיפּשות, פאַר מעשות נאָר צו פאַרפירן דאָס פאָלק.

נישט אַלע העברעישע שרייבערס אין יענער צייט זענען געווען קעגנערס פון דער דערציילונג אָדער פון דעם ראָמאַן. מיר האָבן שוין דערמאָנט מאַפּון. אַנדערע זענען געווען, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז

שרייבן דערציילונגען מיט אַ מאָראַלישער טענדענץ איז אַ גרויסע זאַך. נאָר סתם דערציילן אַ מעשה פון אַ ליבע אָדער פון צוויי ליבעס, איז נישט פאַר קיין משכּילישן שרייבער און אויך נישט פאַר קיין מש־כּילישן יידן צו לייענען און זיך צו פאַרטיפן אין דעם.

פאַרשטייט זיך, אַז די „השכּלה בת השמים" האָט, נעבעך, געליטן אַ שווערע מפּלה. וואָרעם שפּעטער זענען אויפגעשטאַנען העברעישע שרייבערס, וואָס האָבן גאָר נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז שרייבן אַ דערציילונג, אָדער אַ ראָמאַן, איז אַ בושה סיי פאַרן הייליקן לשון און סיי פאַר דעם „אויפגעקלערטן" יידן. זיי האָבן גאָר קיין אַנדער שרייבן נישט גענומען אויף דער פען זייערע, און זיי זענען געוואָרן די בויערס פון דער נייער העברעישער גיטעראַטור.

אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז די לעצטע יאָרן ערשט האָט זיך אַנטוויקלט אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, אין ענגליש. דער וויכּוח, וואָס האָט געפלאַקערט איבער הונדערט יאָר צוריק אין דער העברעישער ליטעראַטור, ריכטיקער, אין דער משכּילישער ליטעראַ־טור און פּובליציסטיק, איז מגולגל געוואָרן אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור ערשט אין אונדזערע יאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז דער גילגול איז נישט קיין דירעקטער פון דער משכּילישער צייט ביי אונדז, נאָר דאָס פּראָבלעם איז אַן אייביקס און אין אַלע ליטעראַטורן אין דער וועלט.

דער עיקר אָבער איז, וואָס די מתּנה, וואָס „יזוא" האָט אונדז צוגעטראָגן, איז אַ טייערע, און נישט נאָר מענדעלעס „לימדו היטב", נאָר אויך דן מירונס טיפע און דורכגעטראַכטע אַרבעט, וואָס איז דער אַריינפיר צו דעם בוך.

יאַנואַר, 1970

שלום עליכם און זיין גאַנג צו דער וועלט

אַ סך מאָל פרעג איך זיך, צי האָט שלום-עליכם געהאַט דאָס באַוווסט־זיין, אַז אים וועט באַשערט זיין צו ווערן אַ וועלט-שרייבער? צי האָט ער, ווען ער האָט געשריבן „דער פעטער פיניע און די מומע רייזל" זיך אויסגעמאָלט, אַז דער פעטער פיניע, וואָס געמיינט האָט ער מיט דעם יאַפּאַן, וועט איבער פופציק יאָר נאָך זיין, שלום-עליכמס, אָפּגעשיידקייט פון דער וועלט אויפנעמען מיט התלהבות זיין טוביה דער מילכיקער? דאָ איז מסתמא דאָ קוים אַ מזומן מענטשן, וואָס געדענקט שלום עליכמס לוויה. איינער פון דעם מזומן בין איך. נאָר ביים לעבן האָב איך אים נישט געקענט. דעמלסט, אין 1915 און 1916, האָב איך נאָך שכל געהאַט צו זיין יונג און מיר האָט זיך נישט אויסגעמאָלט, אַז איך קען נאָך אַמאָל פאַרשפעטיקן.

איבערגעלעבט האָב איך זיין קראַנקייט אין בּאַראַנאָוויטש. די פיבער־דיקע טעג, ווען מיר, אין דרומדיקן רוסלאַנד, האָבן יעדן טאָג געוואַרט אויף ידיעות פון דעם מערבדיקן רוסלאַנד וועגן זיין מצב. עפעס האָבן מיר געגלייבט אַז דער קלוגער שלום עליכם וועט זיך אַן עצה-געבן מיטן מלאך המות, ווי זיין מנחם-מענדל האָט זיך אַן עצה געגעבן מיטן אוריאַדניק אין קיעוו.

געווען ביי אונדז אַ שרייבער, וואָס האָט זיך איינגערעדט אַז נאָר שלום עליכם איז ראוי צו לייענען זיינע קורצע דערציילונגען. האָט ער אים די דערציילונגען געבראַכט אין דער היים זיינער אויף קעלי סטריט, אין בּראָנקס. דורך כלערליי געהיימע קאַנאַלן איז צו מיר דערגאַנגען, אַז שלום עליכם האָט היבשלעך אָפּגעחוזקט פון דעם איינגערעדטן שוטה. האָב איך זיך געטראַכט, אַז געזינטער פאַר מיר איז זיך נישט צו יאָווען צו אים מיט די מישטיינס געזאָגטע ווערק מיינע.

געקענט האָב איך פּערזענלעך פּרצן, מענדעלען, שוין אָפּגערעדט פון ספּעקטאָרן און נאָך אַ פּאָר גדולים. נאָר שלום עליכם האָט נישט געוואָרט, אַז איך זאָל באַקומען אַביסל מער מוט און זיך אַראָפּכאַפּן צו אים אויף קעלי סטריט.

פרעג איך זיך: צי האָט ש״ע געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז אים איז באַשערט צו פאַרנעמען מיט זיין טוביהן, מנחם־מענדלען און די „קליינע מענטשעלעך״, — דעם אויבנאָן אין דער ליטעראַטור פון דער וועלט?

פאַרשטייט זיך, אַז קיין באַווייזן אויף דעם האָבן מיר נישט. אין יענע יאָרן, ביים אָנהייב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט האָט מען בכלל נישט גע־רעדט פון אַזעלכע זאַכן, בפרט צווישן יידישע שרייבער. נאָר פון די ווערק זיינע און פון זיין באַשיידענעם אויפפיר אין שייכות מיט רוסישע שריי־בער, מעגן מיר זאָגן, אַז ער האָט געהאַט דאָס באַוווסטזיין פון „איינגעמען די וועלט״.

ביים אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט האָט מען שלום עליכמען שוין איבערגעזעצט אויף רוסיש און מיט מאַקסים גאָרקין האָט ער געהאַט גאָר נאָענטע באַציונגען. נאָך די פּאָגראָמען אין 1903 האָט ער געוואָלט צו־נויפשטעלן „דאָס בוך פון פייער״, גאָרקי האָט דאָרטן געזאָלט אָפּדרוקן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן יידן. אָבער דערפון איז גאָרנישט געוואָרן. בכלל איז שלום עליכם נישט געווען קיין גרויסער בריה אויף אַרויסגעבן זאַמלביכער, אָדער זשורנאַלן, בעת פּרץ האָט אַלעמאָל עפּעס רעדאַגירט.

מסתמא האָט זיך עס גענומען דערפון, וואָס שלום עליכם איז געווען אין שרייבעריי אַזוי אַריינגעטאָן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד פאַר זייטיקע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. איז ווידער האָט ער געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז אים איז באַשערט צו ווערן אַמאָל אַ וועלט־שריי־בער? איז קודם דאַרפן מיר פעסטשטעלן, אַז אַפילו אַז ער האָט געטראַכט פון פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער ליטעראַטור פון דער וועלט, האָט ער אָבער קיינמאָל נישט געטראַכט פון מותר זיין אויף כהוא זה פון זיין שרייבערישן נוסח, וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט פון סאַמע אָנהייב־אָן. און אפשר איז דער דאָזיקער זאָג אַ גוזמהדיקער, וואָרעם נאָכן גאַנצן שרייבערישן גאַנג זיינעם האָט שלום עליכם נישט אָנגעצייכנט פאַר זיך

קיין שרייבערישן גאַנג, אָדער נוסח. דער גאַנג האָט אים אויסגעקליבן.

מיינט עס, אַז ער איז חלילה, נישט געווען באַוווסטזיניק אויף דעם, וואָס ער שרייבט? דאָ קומען מיר צו אַ מין סתירה: ער איז געווען איינער פון די סאַמע אינטואיטיווסטע שרייבער און צו דער אייגענער צייט איז ער אויך געווען דער באַוווסטזיניקסטער שרייבער. ער איז אי פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין טוביהן, אָדער דעם מנחס־מענדל זיינעם, און צו דער אייגענער צייט האָט ער אים דורכגעטראַכט גרינטלעך. מיר זעען ממש, ווי ער האָט אַ דערציילונג זיינע אָנגעהויבן און ביים סאַמע אָנהייב געזען פאַר זיך דעם אויסלאָז. נאָר ביידע, אי דער אָנהייב און אי דער אויסלאָז, זענען ביי אים געווען דורכגעדרונגען מיט דער שרייבערישער, שעפערישער, פאַנטאַזיע־רייכער שטימונג.

אַז מיר קוקן זיך צו צו שלום עליכמס שעפערישקייט, ווערן מיר ממש דערשטוינט פון דעם פענאָמען, וואָס צו דער צייט וואָס ער איז דער סאַמע ניכטערסטער שרייבער ביי אונדז, איז ער צו דער אייגענער דער סאַמע פאַרשיכורטסטער שרייבער. וויאַזוי אין איין שרייבער סע פאָרן זיך אָט־די צוויי קעגנזאַצן? ווייזט אויס, אַז אַ זשעני קענען מיר נישט מעסטן מיט דער געוויינטלעכער מאָס צו אים דאַרפן מיר אָנווייזן אַן אַנדער מאָס, אָדער בכלל איז קיין מאָס נישטאָ פאַר אים.

אַז מיר קומען צוריק צו דער פראַגע, וואָס מיר האָבן זיך צום אָנהייב געשטעלט, נעמלעך, צי איז שלום עליכם געווען באַוווסטזיניק אויף דעם, אַז אים וועט באַשערט זיין צו ווערן אַ וועלט־שרייבער? געפינען מיר אין זיינע ווערק אי דעם פּאָזיטיוון ענטפער און אי דעם נעגאַטיוון.

מיר זעען דאָס תקיפות זיינס בנוגע שרייבער פון דער וועלט, וואָס מיט זיי האָט ער זיך צונויפגעטראָפן, ווי מאַקסים גאָרקי, מאַרק טווען און אַנדערע. און מיר געפינען אויך אַ נישט־דירעקטן נעגאַטיוון ענטפער. מיר זעען אַז ער איז געווען מיט אַלע זיינע חושים אַ שרייבער פאַר יידן. ער האָט, זעען מיר, קיינמאָל נישט געטראַכט דערפון, אַז כדי צו דערגיין צו דער ברייטער וועלט, מעג ער זיך פאַרגינען פשרות אין זיין שרייבן, ווי אַנדערע נאָך אים האָבן געטאָן. מיר האָבן נישט קיין באַווייזן אויף דעם, אַ חוץ זיינע ווערק, און פון זיי לערנען מיר, אַז ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט: אויב די וועלט וועט מיך דאַרפן, וועט זי מיך נעמען

ווי איך שטיי־און־גיי. מאַכן פשרות מיט זיך טאָר אַ קינסטלער נישט, וואָרעם דערפון וועט ער גאָר ביי דער וועלט אָנווערן פון דער אייגענער גרויסקייט.

אַז גערעכט איז געווען שלום עליכם, כאָטש ער האָט דערפון נישט גערעדט, זעען מיר, ווי צענטליקער יאָרן שפּעטער, נאָך זיין פיזישן אַוועק־גיין פון דער וועלט, איז ער גייסטיק און קינסטלעריש צוריקגעקומען. „דער קלעזמער אויפן דאַך" איז טאַקע אַ ספּעקטאַקל, וואָס איז נאָר באַזירט אויף זיין טוביה און מנחם מענדל, אָבער די אַטמאָספערע איז אַזאַ געדיכט שלום־עליכמישע, אַז די פלינקע בראָדוועיער ספּעקטאַקל־מאַכערס האָבן אים, דעם גרויסן קינסטלער, נישט געקענט דערדישען. דאָס איז דער כח פון דער עכטער גרויסער קונסט, וואָס שיינט־אַרויס פון אַלע פאַרשטעלונגען, פון אַלע פאַרוואַנדלונגען. איר מעגט אָנטאָן טוביהן אַ צילינדער־הוט און קאָטאָוועי, וועט ער בלייבן דער שלום עליכמישער טוביה מיט אַלע חנען זיינע.

און געדענקען דאַרפן מיר, אַז שלום עליכם איז נישט געווען קיין הומאָריסט, ער איז דער קינסטלער פון די סאַמע טיפענישן פון אונדזער פאָלקסלעבן און אַלעמאָל איז ער פאַר אונדז אַן אַנטפּלעקונג, אַלעמאָל קוואַלט ער פאַר אונדז אויף מיט נייע פרישע קוואַלן, וואָס שטאַמען פון די טיפענישן פון אונדזער פאָלק.

דער מייסטער פון דער יידישער דערציילונג

ירושלים אין מאַי 1949 האָט אויסגעקוקט ווי אַ שטאָט, וואָס אָט־ערשט איז זי באַפרייט געוואָרן פון באַלאַגערונג און מענטשן דרייען זיך אַרום אויף די גאַסן האַלב פאַרווונדערטע אויף דעם, וואָס זיי גייען פראַנק־און־פריי און קיינער שיסט נישט אויף זיי. שטעכלדראָט האָט זיך געוואַלגערט אויף אַ סך גאַסן, אפילו פאַרצוימט דעם צוקום אַהער, דעם אַרויסגאַנג פון דאָרטן, נישט וואָס מען האָט עס געדאַרפט, — פשוט, עס האָבן זיך געוואַלגערט די שפּורן פון דער ערשט־איינגעשטילטער פאַר־טיידיקונגס־מלחמה, וואָס די יונגע יידישע מדינה האָט געפירט קעגן די אַראַבער. ירושלים איז שוין געווען צעטיילט. דער מאַנדלבוים־טויער איז געווען די גרענעץ פאַר דער יידישער טייל פון דער שטאָט און אין מאה שערים, אַז מען איז געשטאַנען אויפ׳ן דאַך פון אַ שטוב, האָט מען געזען אַלט־ירושלים, ווי חרוב זי איז און ווי טרויעריק־אַראַביש זי איז.

אַז אַ ייד, וואָס קומט אין אַזאַ צייט קיין ירושלים און דער ייד איז נאָך דערצו אַ שרייבער אויף זיין אייגענעם אופן, איז ביי אים דאָ אַ דראַנג צו באַקענען זיך מיט עגנונען. געווען איז, אַז גראָד ערשט אַ פּאָר וואָכן פריער האָב איך איבערגעלייענט עגנון׳ס „תמול שלשום” און איך בין נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון דער דאָזיקער נאָוועלע. אין איר מאָלט עגנון טאַקע ירושלים, ביים אָנהייב פון דער צווייטער עליה. ווי עגנון צייכנט מענטשן איז ביי מיר נישט געווען קיין גוואַלדיקע איבערראַשונג, נאָר אַ פערציק־פופציק זייטן אין דער נאָוועלע האָבן מיר ממש צערודערט און אַפילו היינט, שוין איבער 21 יאָר, ווי איך האָב דאָס בוך געלייענט, שטייט פאַר מיר בולט די מעשה אין די געציילטע זייטלעך.

דערציילט זיך דאָרטן פון איינעם אַ מאָלער, וואָס האָט געוואָלט טרייבן ליצנות איבער אַ הונט און ער האָט אים, דעם הונט אָפּגעפאַרבט אַ האַלבן גוף, ווי עגנון באַמאָלט דעם הונט, דעם צער פון דעם בעל־חי

און דעם צער פון דעם יידישן יונגערמאַן, וואָס זעט ווי דער הונט וויל זיך באַפרייען פון דער פּאַרב, ווי ער שפּרינגט, וויינט און צו דער אייגע־נער צייט בייזערט ער זיך, — אָט די סצענע איז אַזאַ שניידיק־קינסט־לערישע, אַז איר קענט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. צי ירושלימער הינט זענען אַנדערע ווי די קאַסרילעווקער, ווייס איך נישט, נאָר שלום עליכמס „ראַבטשיק״ איז גאָר אַן אַנדער כלב, ווי עגנונס.

נו, האָב איך זיך דערפרעגט צו עגנונען. געוווינט האָט ער אין אַ שטיבל אויף אַ זייטיקער גאַס אין ירושלים, — אַ שטיבל מיט אַ הייפל. אַקעגן איז מיר געקומען אַ ייד אין אַ יאַרמעלקע, כאָטש קיין באָרד האָט ער נישט געהאַט. ער האָט געטראָגן אַ פּאָר ברייטע הויזן, פאַרבונדן מיט אַ קראַיקע, און עפּעס אַ קוצעוועיקע, וואָס איז געווען ספק לייבל און ספק רעקל.

אַרויסגעקומען איז פרוי עגנון, — אַן אַריסטאָקראַטישע דאַמע, וואָס איז געווען פונקט דער היפוך פון אים, — און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָט זיך פאַרבונדן אַ וואַרעמער שמועס צווישן אונדז קודם, די פרוי עגנון איז געווען אַ שוועסטער פון פּראָפעסאָר אַלעקסאַנ־דער מאַרקס, וואָס איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע געלערנטע אין דעם ידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איר ברודער, נאָר דעם שמועס האָט זי איבערגעלאָזט פאַרן מאַן, — עגנונען.

אַזוי־ווי געהאַט האָב איך ביי זיך אַן איבעריקע פּאָונטענפּען, האָב איך זי אים געגעבן, דערביי האָב איך געזאָגט: „געהערט האָב איך, אַז איר שרייבט נאָר מיט אַ גענדזענער פעדער, וועט איר אפשר פּרוּוון שרייבן מיט אַ מאָדערנער פּען״. עגנון האָט אַ טרויעריקן שמייכל געטאָן און געזאָגט: „ווו נעמט מען היינטיקע צייטן גענדז אין ירושלים און, אַז עס זענען נישטאָ קיין גענדז, זענען נישטאָ קיין גענדזענע פעדערן״.

אין דעם קילן שטיבל זענען די ווענט געווען פאַרשטעלט מיט ספרים. בפירוש זאָג איך ספרים, וואָרעם אז איך בין מיט די אויגן איבערגעלאָפן די רוקנס, האָב איך געזען גמרות, מוסר־ספרימלעך, מעשה־ביכלעך, וואָס דער ריח פון אַלטקייט האָט זיך פון זיי געטראָגן, אַפילו אַז איר האָט אין זיי נישט אַריינגעקוקט.

דעם שמועס האָבן מיר געפירט אויף אַ היימישן אופן און, אַפילו אַז

איך האָב געפרעגט עגנונען פראַגעס איבער זיין שאַפן, זענען זיי אויך געווען אַזויווי דרך־אַגבדיקע. מיך האָט בכלל פאַרכאַפּט אין דעם שרייבן זיינעם דער דערציילערישער שטראָם זיינער. אַז איר לייענט עגנונס אַ דערציילונג, קומט ביי אייך אויס, אַז נישט אַ שרייבער האָט זי געשריבן, נאָר אַז אַ ייד, וואָס איר קענט אים מכּמה יאָרן כאַפּט אייך אינמיטן גאַס, אין אַ זומערדיקן טאָג, צי גאָר אין בית המדרש אין אַ ווינטער־נאַכט, און דערציילט אייך די מעשה אָן קונצן. ער מאַכט נישט דעם מינדסטן אָנשטעל, נאָר סתם, — ער קען דערציילן אַ מעשה, דערציילט ער זי, — אדרבא, זאָל אַן אַנדער ייד אויך הנאה האָבן.

פרעג איך אים, עגנונען, צי דאָס שרייבן קומט אים אָן אַזוי לייכט, ווי אונדז, לייענער, דאַכט זיך. ער קוקט מיך אָן מיט די קלוגע אויגן זייַנע און זאָגט: אַז אַ מעשה זאָל זיך לייענען לייכט, דאַרף מען ביים שרייבן שווער האָרעווען אויף איר. ער שרייבט־איבער עטלעכע מאָל יעדע מעשה, האָט ער געזאָגט, און דערנאָך ערשט פאַרריכט ער זי. אַמאָל קען זיך מאַכן, אַז אַ שורה זאָל האָבן דריי גאַרנס: אויסגעשטראָכן אַ שורה, אויבן אָנגעשריבן אַן אַנדער שורה און דערנאָך ווידער אויסגע־שטראָכן און אויבן אַן אַנדער שורה. דער עיקר, האָט ער געזאָגט, אַז דער לייענער זאָל נישט דערקענען דעם שרייבערס האָרעוואַניע ביים שרייבן „לייכט"...

און, אַז איר לייענט מיט קאָפּ עגנונס אַ דערציילונג, זעט איר, ווי געשליפן זי איז, ווי זי פאַרמאָגט כלערליי קאָלירן און דאָך איז זי סטי־ליסטיש האַרמאָניש, פון איין גוס. זינט די ניי־העברעיִשע ליטעראַטור איז אויפגעקומען, האָט זיך סיי ביים שרייבער און סיי ביים לייענער אויסגע־אַרבעט אַ מין באַוווּנדערונג פאַרן „סיגנון", — פאַרן שרייבערישן סטיל, הייסט עס, וואָס איז ביי די בעלי ההשכלה געווען דער עיקר שבעיקרים. מיר קענען עס פאַרשטיין, וואָרעם הונדערטער יאָרן האָט מען אויף העברעיִש נישט געשריבן קיין דבר־חול, אָדער סתם דערציילונגען, דאָס לשון איז געווען אין אַ סטאַטישן מצב און אַ שרייבער, אַז ער האָט גע־וואָלט שרייבן „ליטעראַטור", ווי ביי די אומות העולם, האָט זיך געוואָרפן פון איין סטיל צום אַנדערן, — פון דעם תנ"כישן צו דעם מדרשדיקן, אגדתאדיקן, אָדער הלכהשן.

אוודאי, מענדעלע מוכר ספרים, וואָס האָט אַליין איבערגעטראָגן זיי־נע ווערק פון יידיש אין העברעיש, האָט געשאַפן אַ סטיל פאַר דער מאָ־דערנער דערציילונג. אָבער נאָך אים זענען געקומען שרייבערס, וואָס האָבן זיך געוואָלט דערווייטערן פון דעם דאָזיקן אופן שרייבן און האָבן געזוכט צו שאַפן אַן אייגענעם סטיל. וואָס איז שייך עגנונען, — ער איז דאָך מענדעלעס אַ נאָכוווקס, — איז נישט שייך צו זאָגן, אַז ער האָט גע־זוכט זיך צו דערווייטערן פונעם „זיידן”, ער איז על־פּי טבע געווען ווייט פון אים. דער אופן דערציילן עגנונס איז אָן אַן ערך פּשוטער ווי מענ־דעלעס. אָבער צו דער אייגענער צייט אויך קאָמפּליצירטער.

קודם, דער סטיל עגנונס: אַ האַרמאָניע פון מדרש און אגדתא, דורכגעלייטערט דורך דער פּריזמע פון יידישן פאָלקס־לשון. אוודאי וועל איך זיך נישט דערוועגן צו זאָגן מבינות אויף העברעישן סגנון, רעדן רעד איך פון מיין אייגענעם איינדרוק, — וואָס קען דרך אגב, זיין אַ דורכויס פאַלשער. נאָר פאַרט דאַכט זיך מיר אַלעמאָל, בעת איך לייען עגנונען, ווי אַ ייד אַ בן־תורה וואָלט מיך אָנגענומען ביים לאַץ און מיר דערציילט אַ מעשה.

זענען עגנונס טיפן טאַקע באמת אַזעלכע פּשוטע, אַז איר זאָלט נישט האָבן וואָס נאָכצוטראַכטן איבער זיי? מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנשטעל אַזאַ ביים שרייבער, דער אמתער אמת איז, אַז עגנונס אַ טיפּ איז נישט סתם אַ נעבעכל, נאָר אין אים איז פאַרוויקלט אי טראַגיזם, אי פּסיכאָלאָגיש־קאָמפּליצירטע איבערלעבונגען. די מעשה איז נאָר, וואָס עגנון שרייבט פון מענטשן אַזוי פּשוט, אַז אייך דאַכט זיך אויס, אַז אויך באַשריבענע מענטשן זענען פּשוט בתכלית הפּשטות.

נעמען מיר טאַקע די נאָוועלע זיינע „אַ פּשוטע מעשה”, וואָס איז די איינציקע, וואָס איז איבערגעטראָגן געוואָרן אין יידיש. איז קודם, דער נאָמען אַליין איז אַ היפּשע מאָס גוזמאדיק, וואָרעם די מעשה איז גאָר־נישט אַזאַ פּשוטע (אין העברעיש הייסט די נאָוועלע „סיפּור פּשוט”). ווייטער זענען די מענטשן אין דער כלומרשט פּשוטער מעשה גאָר אַ סך קאָמפּליצירט. צירל, למשל, הערשלס מאַמע, טראָגט אַ באַהאַלטענע בענק־שאַפט נאָך אַן אַנדערן, כאָטש זי איז אַ געטריי ווייב און אויפן זינען קער איר גאָרנישט קומען, אַז זי זאָל זינדיקן קעגן דעם מאַן אירן. דאָס אייגע־

נע איז מיט מינען, הערשלס ווייב, וואָס האָט ערגעץ טיף אין האַרצן באַהאַלטן אַ בענקשאַפט נאָך אַ יונגעמאַן, וואָס איז איר אַמאָל געווען שטאַרק צום האַרצן. און הערשל אליין איז אויך נישט גאַנץ מיט זיך: בלימע ליגט אים נאָך גוט אין די ביינער, נאָר ער וועט זיך אַפילו נישט דערוועגן מודה צו זיין אין דער פאַרבאָטענער ליבע.

דער עיקר אָבער אין דער גרעסערער דערציילונג איז די סביבה, דעם מחברס ליבשאַפט צו די מענטשן, וואָס ער שילדערט. עגנון האָט נישט סתם ליב זיינע מענטשן, וואָס מיט זיי באַפעלקערט ער די מעשות זיינע. ער דערהייבט זיך צו אַ נאָך העכערער קינסטלערישער מדרגה: ער האָט פאַר די טיפּן זיינע דרך־ארץ.

דיאַלאָג אין העברעיש איז אַ גאָר שווערער ענין, היינטיקע צייטן, אין ישראל, ווי סע איז אויסגעוואַקסן אַ דור עברית־רעדנדיקע, איז דער דיאַלאָג שוין קיין פּראָבלעם נישט. אָבער אין עגנונס דערציילונגען, וואָס זענען פון דער סאַמע געדיכטער גאַליציש־יידישער סביבה, איז דער דיאַ־לאָג גאָר אַ שווערערער ענין. עגנון האָט ליב דיאַלאָג און אַ סך מאָל נעמט ער אינמיטן דערציילן און שטעלט אַריין אַ דיאַלאָג, ווי אין דראַ־מאַטישער פאָרעם און איר זעט ווי גרויס־מייסטעריש ער איז אין דער דאָזיקער פאָרעם.

אָפּגעהאַלטן האָט מיך אין עגנונס שרייבן דער אופן, ווי ער באַשרייבט מאכלים און געקעכטסן. נאָך מיר קומט אויס, אַז אַ דערציילער, וואָס קען אַריינקוקן אין דער קיך און זען וואָס עס קאָכט זיך ביי דער באַלעבאָסטע אין טעפּל, — דער איז אַ פולער קינסטלער, און עגנון איז נישט נאָר אַ מייסטער אויף דער קיך, נאָר אויך אויפן טעם פון מאַכלים. אין דער וועלט־ליטעראַטור איז, ווי איך געדענק, באַלזאַק געווען דער גרויסער מייסטער אויף באַשרייבן מאכלים. אַז איך האָב געלייענט עגנונען איז מיר אויסגעקומען, אַז דער כמעט אַסקעטישער שרייבער אונדזערער איז נישט קיין קלענערער מייסטער אויף „בורא מזונות" ווי באַלזאַק.

דער קינסטלער־דערציילער, וואָס האָט געשריבן אַ העברעיש, וואָס איז ביים לייענער אַ מין פאַרשטעלטער יידיש, האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק פון זייער אַ באַשיידענעם מענטשן, אָבער געווען איז ער איינער פון די באַוווסטזיניקסטע שרייבער און אויך איינער פון די אין זיך אַליין

פּאַרגלייבטע שרייבער. נאָר דאָס איז שוין אַן אַנדער קאַפּיטל, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט צו רעדן דערפון. דער עיקר:

אַ פול־אויסגעלעבטער שרייבער איז ביי אונדז געגאַנגען פון דער וועלט און מיר וועלן דורות לאַנג זיך טיילן מיט דער גרויסער שעפעריי־שער ירושה זיינער.

צווישן צוויי וועלטן

אין שנים כתיקונן, וואָס ביי אונדז מיינט עס אַז, וואָלט אונדזער פֿאָלק געווען פֿול און גאַנץ, ווי איידער דער אומברענג־שטורעם האָט דורכגעברויזט איבער אונדזער פֿאָלקס רוקנביין אין מיזרח־אייראָפּע, וואָלט די דאָטע הונדערט יאָר דוד פּינסקי געווען אַ גרויסער פֿאָלקס־יום־טוב פֿאַר דער יידיש אויפגעכאוועטער אינטעליגענץ. אַזוי מוזן מיר אָפּ־קומען מיט בלויז פֿאַרצייכענען די דאָטע און פּרווון אַריינקוקן אַ ביסל טיפֿער אין דער עפּאָכע וואָס אין איר איז ער אויפגעקומען און אָפּשאַצן די אויפטוען זיינע אויף אַ לויפיקן שטייגער.

געבוירן איז פּינסקי אין דעם דריטן פֿערטל פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט. אין מערב־אייראָפּע איז שוין געהאַט דורכגעפֿאָרן אין אַ פֿאַלש־פֿאַרפּוצטער קאַרעטע די עמאַנציפּאַציע. אין מיזרח־אייראָפּע, ווו דער רוב מנין פֿון דעם יידישן פֿאָלק האָט דעמאָלט געלעבט, האָט זי דער־גרייכט נאָר די גאָר הויכע שפּיצן פֿון דער באַפֿעלקערונג. אינעווייניק האָט די השכלה אָנגערירט נאָר אַ דינעם שיכט פֿון דער שטעטלשער יוגנט. אין יענעם „על פרשת הדרכים"־פּעריאָד איז דוד פּינסקי געבוירן געוואָרן אויפֿן שיידוועג פֿון שטעטל און גרויסשטאָט, פֿון אַלט־איינגעזעס־סענער יידישקייט און ניי־אויפגעקומענער, נאָך אומקלאָרער יידישקייט.

אין מאָהילעוו ביים דניעפּער איז ער געבוירן געוואָרן און דער פֿאָ־טער זיינער איז אַליין געשטאַנען אויפֿן שיידוועג. אין תוך האָט ער גע־וואָרצלט אין דער אַלטער, טראַדיציאָנעלער יידישקייט, אָבער די מסחרים האָט ער געפֿירט מיט מאָסקווע און אָדס האָט אים במילא אַרויסגעהויבן פֿון דער געוויינטלעכער יידישער סביבה. פֿאַרשטייט זיך אַז מרדכי־יצחק, פּינסקיס פֿאָטער, האָט געמוזט קענען רוסיש מער ווי דער סתם־ייד, אַפֿילו אין דער גרויסער מאָהילעוו. און דעם זון זיינעם, דודן, האָט ער אַוודאי

פון די קינדער־יאָרן געלערנט די רוסישע שפּראַך. אָבער נישט צו ווייט האָט ער אָפּגענייגט פון דעם חינוך וואָס יידן האָבן דעמאָלט געגעבן זייערע זין. אַ סימן האָבן מיר, אַז צו זיבן יאָר האָט דוד שוין אָנגעהויבן לערנען גמרא און האָט באַלד געשמט פאַר אַן עילוי.

געשריבן האָט ער דעם טאַטן אַ מאָל אויף יידיש, אַ מאָל אויף רוסיש און אַ מאָל אויף לשון־קודש. אָט די דערציונג זיינע האָט געלייגט אויף אים אַ חותם אויף אַ גאַנצן לעבן. אין די שפּעטערע יאָרן איז ער געווען איינגעלעבט אין טראַדיציאָנעל־יידישן לעבן, אין היימיש אין מאָדערנע יידישע קרייזן. און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף זיינע קינסטלערישע שאַפונגען: זיי האָבן פאַרמאָגט פולע יידישקייט און אין דער זעלבער צייט האָט פון זיי געוויינט מיט אַ מין ווייטקייט, פּרעמדוועלטיקייט. כאַראַקטעריסטיש איז פאַר אים, וואָס בעת ער האָט מיט די עלטערן שוין געלעבט אין מאָסקווע, צו זעכצן יאָר, האָט ער אָנגעשריבן אַ דערציילונג אויף רוסיש, ווי דער העלד אירער שמדט זיך, דערפאַר וואָס ער האָט ליב אַ גענעראַלס אַ טאָכטער, האָט מיט איר חתונה, אָבער נאָך דער חתונה הייבט ער אָן צו גיין אין שול אַריין און ווײנען ביים דאַווענען.

דעם דאַזיקן מאָטיוו געפינען מיר שפּעטער ביי פּינסקין, באַזונדערס אין די ראָמאַנען, וואָס ער האָט געשריבן אין די צייטיקע יאָרן. די נטיה צו דראַמע האָט ער דערשפּירט אין זיך נאָך כמעט אין די קינדער־יאָרן. אַפילו אַז ער האָט נאָך נישט געוווסט ווי צונויפצושטעלן אַ דיאַלאָג האָט ער פאַרפאַסט „שפּילן" וואָס האָבן פאַרמאָגט עכטן דראַמאַטיזם.

מיט פּינסקין האָב איך זיך באַקענט עטלעכע וואָכן נאָך מיין קומען אין אַמעריקע, — אין זומער 1915. ער איז דעמאָלט געווען אַ שותף צו אַ דרוקעריי, דאַכט זיך אויף דער בויערי. געהייסן האָט די דרוקעריי „פּינסקי־מזל פּרעס", אָבער פּינסקי איז געווען נישט מער ווי אַ פּאַסאַד. דער עיקר איז געווען יעקב מזל, וואָס האָט זיך מיט דער דרוקעריי פאַרנומען.

אין דער דרוקעריי האָט אַ שרייבער געמוזט אַריינקומען, וואָרעם דאָרטן האָבן זיך געדרוקט יידישע וואָכן־צייטונגען, זשורנאַלן און סתם „זאַמלביכער", וואָס יינגלעך מיט שרייבערישע אַמביציעס האָבן אַרויסגעגעבן. פּינסקי איז אין דער דרוקעריי אַריינגעקומען, אַן אויסגעפּוצ־

טער, אַ ווייטער פון אַלעמען, אָבער אַלע מאָל האָט ער אַפילו דעם יינגסטן אָנהייבער אַנטקעגנגעטראָגן אַ וואַרעמען שמייכל. פאַרשטייט זיך, אַז קיין סך מזל־ברכה האָט די דרוקעריי נישט געבראַכט, וואָרעם ווער פון אונדז האָט דען געהאַט געלט צו באַצאָלן פאַרן דרוקן אַ זשורנאַל? פון פינסקין איז אָפּגערעדט, אַז קיין געלט האָט ער נישט געמאָנט, נאָר אַפילו מזל האָט זיך מיט דער צייט אויסגעלערנט נישט צו מאָנען קיין געלט. אַפילו די וואָכנבלעטער וואָס זענען דעמאָלט געווען גאָר שטאַרק אין דער מאָדע, האָבן אויך לרוב געצאָלט אַ קליינעם טייל און דאָס איבעריקע איז געווען אויף „לכשירחיב" — אַז עס וועט אַריינפאַלן געלט וועט מען באַצאָלן.

אַרום 1917 האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פאַר אַ יידישן קאָנגרעס. יאָרן שפּעטער זענען אַ סך פּאַרטייען געקומען מאָנען פאַר זיך די „פּאַטערשאַפט" פון דעם יידישן קאָנגרעס. נאָר אַזוי ווי איך בין געווען איינער פון די מיטאַרבעטערס אין דער וואָכנצייטונג יידישער קאָנגרעס, וואָס פּנחס רוטנבערג איז געווען איר רעדאַקטאָר, מעג איך עדות זאָגן, אַז פון פּועלי־ציוניסטישע קרייזן איז דער קאָנגרעס אַרויסגעוואַקסן. פּנחס רוטנבערג, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם אַטענטאַט אויפן פּראָוואָקאַטאָרישן גלח גאַפּאָן, איז פאַרוואַלגערט געוואָרן אין אַמעריקע און אַריינגעפאַלן איז ער אין אונדזערע קרייזן. אַ סך גילגולים איז רוטנבערג דורכגעגאַנגען: געווען אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, אַ כמעט פּועלי־ציון, גרינדער פון דער עלעקטרישער סטאַנציע אין ארץ־ישראל און דער ערשטער צו וואַרפן דעם לאָזונג פון אַ יידישן קאָנגרעס.

הכלל, פּנחס רוטנבערג איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער וואָכנצייטונג „יידישער קאָנגרעס" און געצאָלט האָט ער דריי דאָלאַר פאַר אַ ליד וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט. אַ טייל לידער וואָס זענען דערנאָך אַריין אין מיין ערשטן בוך „קאַראַוואַנען", זענען געדרוקט געווען אין זיין וואָכנצייטונג, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער „פּינסקי־מזל פּרעס". דער בערך פופציק־יאָריקער פּינסקי האָט געלעבט „צווישן צוויי וועלטן". ער האָט זיך אָנגעקערט מיטן „אַפּטאָן" און האָט זיך געפילט היימיש מיטן יינגסטן פון די אָנהייבערס־שרייבערס. אין זיין שרייבן האָט די „צווישן־וועלטיקייט" אַ סך מאָל דאָמינירט. בעת ער האָט געשריבן דראַמעס וואָס האָבן

געהאַט אין זיך געזונטע פּאָלקישקייט, האָט ער אויך געשריבן אַזעלכע ראָמאַנען ווי נח עדאַן, וווּ די העלדן זענען אַרומגעגאַנגען אויף שטאָלצעס.

*

דוד פּינסקי און די י. ל. פּרץ־עפּאָכע איז כדאי צו פֿאַרצייכענען דער־פֿאַר, וואָס געוויינטלעך לעבט דער יידיש־לייענער אין טעות און מיינט אַז פּרץ האָט משפיע געווען אויף פּינסקין אינעם שרייבערישן גאַנג. דער אמת איז אָבער, אַז דער אַ סך יינגערער פּינסקי האָט גאָר געהאַט אַ השפעה אויף פּרצן. אין די ניינציקער יאָרן איז פּרץ נאָך געווען דער ראָ־מאַנטיקער אין זיינע שאַפונגען און גראָד דער צוגעקומענער פון מאָסקווע דוד פּינסקי האָט אים אַרויסגעפירט אויפן דרך פון סאָציאַלע מאָטיוון. פּינסקי האָט פּרצן אַריינגעפירט אין די סאָציאַליסטישע קרייזלעך פון יענער צייט. ער האָט אים ממש געעפנט די אויגן צו זען דעם קלאַסן־צע־טייל אין יידישן לעבן.

פּרץ האָט פריער אויך געשריבן עפּעס וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך סאָציאַל באַוווסטזיין, ווי „די פרומע קאַץ”, „דאָס שטריימל”, אַפילו „באַנציע שווייג”. אָבער מיר דאַרפן ציען אַ שטריך צווישן משכילישע מאָטיוון און סאָציאַלע. פּרץ האָט געשריבן אויפן משכילישן אופן און דער קינסטלערישער פּראָטעסט זיינער איז אין תוך געווען אַ משכילי־שער. דוד פּינסקי האָט פּרצן אָוועקגעקערט פונעם משכיליזם און אים אַרויפגעפירט אויפן סאָציאַלן שליאַך. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ סאָ־ציאַליסט — אָט דער אַריסטאָקראַטישער יונגער־מאַן, וואָס איז אַראָפּ־געקומען פון מאָסקווע אין וואַרשע מיטן געדאַנק צו ווערן אַ יידישער שרייבער.

די ערשטע סאָציאַלע דערציילונג אויף יידיש וואָס וואַרצלט אין סאַמע געדיכטן באָדן פון יידישקייט, איז פּינסקיס „אין פּאַדריאַד”. דאָס איז אַ דערציילונג פון אַ מצה־בעקעריי, וווּ סע אַרבעטן די מיידלעך און יינגלעך פון שטעטל, וואָס האָט נישט קיין אַנדערן עקאָנאָמישן אָנשפּאַר. פּינסקי דערציילט נישט וועגן זיי מיט רחמנות, נאָר בפירוש מיט רעוואָ־לוציאָנערן אויפברויז.

אַ קינסטלערישן איבערבראָך אין דער יידישער דראַמע האָט אַן שום

ספק געבראַכט „די פאַמיליע צבי״, וואָס פּינסקי האָט אָנגעשריבן נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. ביזן היינטיקן טאָג ליגט מיר אין טעם דאָס דינע ביכעלע, מיט די פּאַפּיראָס־פּאַפּיר בלעטלעך, איינגעבונדן אין אַ רויטן איינבונד. אַרויסגעגעבן האָט עס דער בונד אין אויסלאַנד און אַריינגע־שמוגלט אין רוסלאַנד. אַ חברה יונגוואַרג אונדזערע האָט געפּרוּווט שפּילן די דראַמע, אָבער עמעצער האָט צוגעטראָגן דעם איספּראַווניק אַז דאָס איז אַ רעוואָלוציאָנערע פּיעסע און מיר האָבן נאָך גוט אָפּגעשניטן וואָס מיר זענען נישט אַריין אין טורמע.

ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לאַנגן לעבן איז דוד פּינסקי געווען פאַר־טאָן אין שאַפן. שרייבן איז געווען דער גאַנצער תוכן פון זיין לעבן. ווי אַן אמת גרויסער קינסטלער איז פּינסקי פאַרלאָפן די צייט מיט צענטלי־קער יאָרן, אין זיינע שאַפונגען, ווי למשל, אין דער אוצר.

יודקע, דער העלד פון פּינסקיס קאָמעדיע דער אוצר איז כלל נישט קיין העלד אינעם דראַמאַטישן זינען, ער איז גיכער דער בלינדער פאַטאַ־ליזם פון דער רעאַליטעט.

כדאַי צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן יודקען און מייקל בראָדי, דער יידישער מיליאָנער פון פילאַדעלפיע, וואָס האָט געוואָרפן מיט געלט צו־ליב זיינעם אַ קאַפּריז. צווישן פּינסקיס העלדן און דעם מיליאָנער מייקל בראָדי איז אַ מהלך פון באַלד אַ יאָרהונדערט; אַנדערש איז די אויפפי־רונג און אַנדערש די וועלט גופא. עס איז אָבער דאָך דאָ אַ תוכיקע ענ־לעכקייט צווישן די צוויי.

יודקע איז דוד פּינסקיס האַלבער תם אין דער קאָמעדיע דער אוצר. געשאַפן האָט פּינסקי די קאָמעדיע מיט אַ זיבעציק יאָר צוריק. מייקל, ווידער, איז דער מייקל בראָדי, וואָס האָט צעשפּרייט זיינע פאַנטאַסטישע, האַלב־מטושטשע פליגלען טאַקע אין שכנות מיט ניו־יאָרק — אין מאַ־סאַטשוסעטס. איז דאָך, דאַכט זיך, דער מהלך אין צייט, אין סביבה, אין לעבנס-איינשטעל אַזאַ ווייטער, און דאָך אַזאַ נאָענטער, אַז עס בעט זיך ממש צו פאַרגלייכן מייקלען מיט יודקען און דער עיקר דעם קאָמיזם און צו דער אייגענער צייט טראַגיזם.

נאָר אָפּצופרישן דעם זכרון ביים לייענער וועלן מיר דערציילן, אַז

מייקל בראָדי, אַ בחורל פון איין און צוואַנציק יאָר, האָט באַקומען אַ ירושה פון זיין זיידן — אַ מיליאָנערסקער פּאַבריקאַנט פון מאַרגאַרינע — און באַלד האָט ער געלאָזט וויסן, אַז די 25 מיליאָן דאָלאַר וועט ער צע־טיילן צווישן מענטשן, וואָס נייטיקן זיך אין אַ פּאָר דאָלאַר. טויזנטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים — דעם מיליאָנערסקן יורש — געקומען צו אים צו פוס, אויף אויטאָמאָבילן, געשריבן אים בריוו, גערופן אויפן טעלעפאָן — יעדער איינער האָט געוואָלט אַריינכאַפּן אַ טייל פון מייקל בראָדיס אוצר.

וויפל טויזנטער ער האָט שוין צעטיילט — אַרויסגעגעבן טשעקן — ווייסט מען נישט, נאָר פון איין זייט האָט די באַנק נישט אויסגעצאָלט פאַר די טשעקן און פון דער אַנדערער זייט איז דער בעל־האוצר אַנטלאָפן ערגעץ אויף אַן אינדזל, זיך צו ראַטעווען פון די געלטיקעגערס. מיר האָבן געזען אויף טעלעוויזיע ווי עס איז געשטאַנען אַ המון ביי דער וווינונג מייקלס און געוואַרט אַז ער זאָל אָנקומען און ווייטער טיילן געלט.

פּינסקי דער אוצר איז תוך אַ קאָמעדיע, מיטן טיפן טראַגיזם פון דעם מין מענטש, וואָס לאָזט זיך פּאַרפירן פון אַ האַלבן תם און אַ האַלבן משוגענעם — יודקע — וואָס האָט כלומרשט געזען אַן אוצר אויפן בית־עלמין. יודקע פירט זיי אין מיטן נאַכט איבער קברים, שטיינער און ביי־נער און האַלט אין איין טענהן : אָט־אָט, נאָך אַ ביסל און דער אוצר וועט זיך אַנטפּלעקן. דער טראַגישער סוף איז, אַז געפינען געפינט מען גאָר אַ פּגירה.

האָט דער תם יודקע חוזק געמאַכט פונעם שטעטל, אָדער האָט ער אַליין געגלייבט אין דעם אוצר ? אין תוך איז קיין חילוק נישט. וואָרעם דער עיקר איז דאָ דער עולם מענטשן, וואָס יודקע האָט אין זיי געצונדן די פּאַנטאַזיע און די תאווה רייך צו ווערן. די יידן פונעם קליינעם שטעטל און די מענטשן פונעם שטעטל אין מאַסאַטשוסעטס זענען די אייגענע. די תאווה רייך צו ווערן, אַריינצוכאַפּן סתם אין דער וועלט אַריין אַן אוצר, איז דער אייגענער, כאָטש דער מהלך צווישן זיי איז נישט נאָר אַ געאָ־גראַפישער, נאָר אויך אַ פּסיכישער. די צייט איז אַן אַנדערע, די סביבה איז אַן אַנדערע, אָבער אין סאַמע תוך איז דער מענטש דער אייגענער ווי ער זאָל נישט זיין. **דער עיקר איז נאָר, אַז** דער קינסטלער זאָל זיך

דערגראָבן צום פּסיכישן תוך פון מענטשן, איז די שאַפונג זיינע אייביק, ווי אייביק עס איז דער מענטש. די שאַפונג זיינע איז אוניווערסאַל, זי שפּאַנט אַריבער לענדער און גרענעצן, ימים און אָקעאַנען.

דער פידלער אויפן דאַך — אַפילו אַז פון שלום־עליכעמס אָריגינע־לער שאַפונג איז געבליבן נאָר אַ ווייטער אָפּקלאַנג — בלייבט אָבער אַלץ אין דער טראַגיקאָמעדיע שלום־עליכמס תוך און טביה בלייבט אַלץ טביה, ווי איר זאָלט אים נישט פאַרשטעלן. דאָס איז דערפאַר, וואָס שלום־עליכם האָט זיך קינסטלעריש דערגראָבן צום תוך מענטש און האָט אים אַרויס־געבראַכט מיט אַזאַ פאַרביקייט, אַז אומעטום קומט ער אַרויס מיט זיינע גרונטשטריכן.

דאָס אייגענע איז געשען מיט דוד פּינסקיס דער אוצר — ער שפּילט זיך אַפּ אומעטום — נישט אויף קיין בינע, נאָר אין לעבן.

*

דוד פּינסקי איז געווען אַ בויער פון דער יידישער ליטעראַטור, אַחוץ וואָס ער איז געווען איינער פון אירע וויכטיקסטע שעפערס. גאָר פרי. נאָך אין די ניינציקער יאָרן פונעם פריערדיקן יאָרהונדערט, האָט ער גענומען אויף זיך דאָס אַחריות פון בויען אַ ליטעראַטור, אונטערשטעלן די יונגע פּלייצעס זיינע אונטערן יונגן וואָגן פון דער יידישער ליטעראַ־טור, וואָס האָט זיך דעמאָלט געניייטיקט אין טוערס, אין בויערס. ער איז געווען פונעם פּרץ־דור און, ווי פּרץ, איז ביי אים דאָס שרייבן נישט גע־ווען פאַרן שרייבן אַליין, פאַרן אייגענעם קינסטלערישן אויסדרוק, נאָר אויך — און אפשר דער עיקר — צו שאַפן אַ ליטעראַטור אויף יידיש. נאָר מערקווערדיק איז געווען, וואָס גראָד אין דער בויערישקייט האָט ער זיך אַנטוויקלט, איז זיין קינסטלערישקייט געוואַקסן. מיט דעם אחריות איז אויך געקומען דאָס שרייבערישע באַוווסטזיין, אַז דאָס יידישע פאָלק ווערט דערהויבן דורך דער ליטעראַטור און דער פאָלקסשפּראַך זיינער.

ער איז דאָס גאַנצע שעפערישע לעבן זיינס געווען פול מיט יידיש־שרייבערישער ענערגיע. שוין אַ בן־שמונים, האָט ער חוזק געמאַכט פון יאָרן, פון עלטער. כל־זמן ס׳האָט אין אים געברענט דאָס הייליקע פייער פון יידישער שעפערישקייט. האָט ער נישט געוווסט וואָס יאָרן זענען, ווייל אין אים איז געווען גייסטיקע יוגנט.

דוד פּינסקי איז געווען געבענטשט מיט גייסטיקער יוגנט ביז ער האָט זיך נישט אונטערגעבראָכן, ווי אַ דעמב, אויפן 84סטן יאָר פון זיין לעבן. געזען האָב איך אים דאָס לעצטע מאָל ווען ער איז שוין געווען 78 יאָר, אָבער אַזוי פיל יוגנטלעכקייט איז אין אים געווען, אַז איך האָב זיך גע־שעמט מיט די געדאַנקען און שטימונגען פון עלטער, וואָס האָבן מיך באַהערשט. דער קאַבינעט זיינער אויפן העכסטן פּונקט פון הר־הכרמל אין חיפה, איז געווען פול מיט פּאַפּירן. אַז איך האָב אים געפרעגט: „פּינסקי, וואָס טוען ביי אייך אַזוי פיל פּאַפּירן?" — האָט ער געענטפערט מיט זיין כאַראַקטעריסטישן שמייכל: „אַ מענטש דאַרף שרייבן..."

דער „אַ מענטש דאַרף שרייבן" איז ביי אים געווען אַ מין געזעץ. ער האָט געפילט, אַז דער טאָג וואָס ער האָט עפּעס נישט געשריבן איז אַ פאַרלוירענער טאָג. און פּינסקי האָט איינער אַליין אָנגעשריבן אַ גאַנצע ליטעראַטור. אינעם לאַנגן לעבן זיינעם האָט ער נישט אויפגעהערט צו שאַפן און אַפילו אין די לעצטע יאָרן, אַז ער איז שוין געווען אַ פּאַראַלי־זירטער, — ווי נאָר דאָס באַוווסטזיין האָט אויפגעבליצט ביי אים, איז דער ערשטער געדאַנק זיינער געווען: ליטעראַטור, אַ ניי ווערק.

אים איז באַשערט געווען צו זיין דער פּיאָניר פון דער סאָציאַלער דערציילונג אין יידיש. דער פּיאָניר פון דער קינסטלערישער יידישער דראַמע. דער פּיאָניר פון דער נאַציאָנאַלער יידישער דערציילונג. דער פּיאָניר פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן. ער איז געווען פּילזייטיק. אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז געווען קינסטלערישע ענערגיע, קינסטלע־רישער גלויבן אין דער שליחות פון יידישן שרייבער. דאָס שליחות־באַוווסטזיין איז אין אים געווען שטאַרקער ווי אין אַנדערע שרייבערס. ער האָט געהאַלטן אַז יעדער וואָרט זיינס איז עפּעס מתקן, טוט אויף אַ וויכטיקע שליחות. נישטאָ סתם אַ וואָרט ביי אַ שרייבער, נאָר אַ וואָרט, וואָס קומט עפּעס אויסצולייזן, אָדער געבן אַ תיקון. איז כאָטש ער איז געווען אַ מענטש אַ צוגעלאָזענער און האָט זיך געהאַלטן מיט מענטשן פריי, איז דאָך אים געווען אַ מין רבישקייט. דער גייסטיקער אַריסטאָ־קראַטיזם האָט פון אים אַרויסגעשיינט, אַפילו אַז ער האָט קיין אַריסטאָ־קראַטיזם נישט ליב געהאַט, וואָרעם אידעיש איז ער געווען אַ סאָציאַליסט. ער האָט דעם אַריסטאָקראַטיזם נישט אַרויפגעצויגן אויף זיך — ער האָט

אים גאַר געוואָלט אַרונטערציען — אָבער ער איז געווען אַ טייל פון זיין פּערזענלעכקייט.

אויף זיין אייגענעם אופן איז פּינסקי געווען אַן עקספּערימענטאַטאָר. פאַראַן ביי אים אַ דראַמע דער שטומער משיח און איך געדענק ווי מען האָט זי אויפגעפירט אין טעאַטער אויף דער 27סטער גאַס. עס איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט ארויפצוברענגען אויף דער בינע אַ שטומען מענטשן, וואָס זאָל זיין אַ משיח; וואָס זאָל מיט זיין שטומקייט וועלן ברענגען די גאולה אויף דער וועלט. אַ סך האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס: ווי אַזוי קאָן אַ משיח זיין שטום, אַז די גאַנצע עובדה זיינע איז דאָך צו רעדן צום פאָלק? עס איז אָבער געבליבן אַ גרויסער פּרווו אין יידישן טעאַטער, און אין טעאַטער בכלל, צו ברענגען אַן אויסלייזער, וואָס איז שטום. דער געדאַנק איז געווען, אַז אין אויסלייזער זענען נישט דער עיקר די רייד, נאָר די מעשים. פאַרקערט, אַז ער רעדט נישט, וואַקסן ערשט אַרויס די מעשים זיינע. איז דער עקספּערימענט נישט געווען קיין געראָטענער, אָבער ער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּינסקין, פאַר זיין זוכעניש, פאַרן דראַנג אין אים צו שאַפן עפּעס נייס.

אַז ס'איז אַרויסגעגאַנגען די צייטונג צייט, וואָס די פּועלי־ציון האָבן אַרויסגעגעבן און ער, דוד פּינסקי, איז געווען איר רעדאַקטאָר, האָט ער אָנגעהויבן צו דרוקן אַ סעריע שלמה מיט די טויזנט ווייבער. איז ווידער דער עקספּערימענט געווען פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס פון אָנהייב אָן האָט ער נישט געקענט געראָטן. פּינסקי האָט אָבער געוואָלט געבן די כאַראַקטעריסטיק פון יעדער פרוי שלמהס. ער איז דערגאַנגען ביז פופציק, און באמת איז געווען אַ סך קינסטלערישע פאַנטאַזיע אין באַשרייבן יעדער פרוי מיט באַזונדערע שטריכן סיי פון דער שיינקייט, סיי פון כאַראַקטער. איז ער טאַקע נישט דערגאַנגען ביז דער טויזנטסטער פרוי שלמהס, אָבער דער עקספּערימענטאַלער פאַרנעם איז געווען אַ קאָלאָסאַלער.

פון וואַנעט האָט זיך גענומען פּינסקיס עקספּערימענטאַלישקייט? פון דעם קינסטלערישן אומרו אין אים, פון דער נישט־צופרידנקייט מיטן שוין אָפּגעטאָנענעם און פון דער שאַפערישער ענערגיע, וואָס האָט שטענדיק געברויזט אין אים. די ערשטע סאָציאַלע דערציילונגען זיינע, וואָס געשריבן האָט ער זיי אין די נייַנציקער יאָרן, זענען אידעיִשע, אָבער צו

דער אייגענער צייט וואָרצלען זיי טיף אינעם יידישן פאָלקסלעבן. זיין דערציילונג איז אַ פראַגמענטאַרישע, דער עיקר אַ דיאַלאָגישע, אָבער זי פאַרמאָגט אַ רויען רעאַליזם, וואָס איז דערנאָך געוואָרן קלאַסיש אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט דעם מענטשן געזען אַנדערש ווי מענדע־לע — נישט אין דער שטראָפערישקייט, נאָר אין זיין אייגענעם פלאָנטער. אַז ער האָט געוואָלט געבן סאָציאַלע אומרעכט, האָט ער וויניקער באַ־שריבן דעם באַלעבאָס, נאָר מער דעם טראַגיזם פונעם אַרבעטער. עפּעס האָט זיך אים די האַנט נישט געלייגט צו באַשרייבן רשעות, כאָטש ער איז נישט געווען בלינד צו דער דאָזיקער טרויעריקער מידה פון לעבן.

*

די יידישע בינע האָט ער אויפגעפרישט מיט שטרענג רעאַליסטישע דראַמעס און מיט האַלב־סימבאָלישע קאָמעדיעס. זיין יאַנקל דער שמיד איז נאָך ביז היינט דאָס פרישסטע ווערק אויף דער יידישער בינע. אַז מיר טראַכטן איצטער פון וואַנען עס נעמט זיך די פרישקייט אין דער דאָזי־קער דראַמע פינסקיס, געפינען מיר, אַז זי איז געבויט דער עיקר אויף מענטשלעכע איבערלעבונגען, וואָס זענען איבער צייט און סביבה. זי איז עלימענטיש, ברענגט אַרויס די מענטש־אינסטינקטן און דערפאַר איז נישט שייך צו טראַכטן פון איר ווי פון אַן אָפּגעלעבטער פיעסע. אַזוי איז אויך די גראַנדיעזע קאָמעדיע דער אוצר וואָס וועט קיין מאָל נישט אַלט ווערן. כל־זמן דער מענטש וועט זיין אַ מענטש — מיט זיינע אינסטינקטן, מיט זיין יאָגעניש נאָך רייכקייט און מיט זיין גלויבן אין פאַנטאַסטישקייט. דער סימבאָל פון אוצר איז נאָך מער געוואַקסן אין אונדזערע טעג, ווען אַ וועלט האָט זיך געלאָזט פירן פון די יודקעס, און כלערליי ווילד־פאַנטאַסטישע אויסטראַכטענישן. דאָס איז דער כוח פון דער גרויסער קונסט — זי איז אַלע מאָל ניי. זי ווערט קיין מאָל נישט אָן איר פריש־קייט. יעדער דור געפינט אין איר זיך אַליין, דאָס אייגענע לעבן, אַפילו אַז די סביבה בייט זיך.

דוד פינסקי איז אויך געווען געבענטשט מיט אַ שאַרפן פובליציס־טישן חוש און עדות זענען די אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן שוין אין די גאָר עלטערע יאָרן זיינע. די אַרטיקלען פון ישראל זענען געווען געשריבן אַנדערש ווי געוויינטלעכע אַרטיקלען. זיי האָבן אַרויסגעגעבן

דעם בעלעטריסטיש־באַשרייבערישן טאַלאַנט פּינסקיס, אָבער צו דער אייגענער צייט זענען זיי געווען עכטע פּובליציסטיק, מיט אַ באַזונדערן קוק, מיט דער שרייבעריש־טראַכטערישער פּערזענלעכקייט הינטער זיך.

אינעם אויסלעש פון זיין לעבן איז דוד פּינסקי געווען טראַגיש. ער איז אָבער געווען אויך ליכטיק. אַלע גרוסן וואָס מיר האָבן פון אים אָפּגענומען אין די לעצטע טראַגישע יאָרן האָבן דערציילט ווי דערהויבן ער איז געווען, וויפל ליכטיקייט עס האָט פון אים אַרויסגעשיינט אַפילו אין דער צוגעשמידקייט און אַ סך מאָל אין דער שטומקייט. ער איז געווען ווי דער שטומער משיח זיינער, וואָס פון אים האָט די שטומקייט אַרויסגערעדט מער ווי ביי אַנדערע וואָס זענען פול מיט לשון.

אין זיין רייכן לעבן האָט דוד פּינסקי פאַרנומען אַנגעזעענע פּאָזיציעס אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער געבליבן איז ער אַלע מאָל שרייבער, דער עיקר שרייבער. פון אים האָט אַרויסגעזעצט ענערגיע, אָבער דורכויס שרייבערישע, דורכויס שאַפערישע. וויפל בענד פּינסקי האָט אָנגעשריבן איז נאָך דערווייל שווער צו וויסן, אָבער מיר ווייסן אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס נעמט אַרום אַלע פּאַזעס פון ליטעראַטור. אין די גאָר לעצטע יאָרן פון זיין שאַפערישן לעבן האָט ער זיך פאַרנומען מיט איבערדיכטן אויף יידיש תפילות און בעת איך האָב אים געזען, האָט ער גערעדט פון קינסטלעריש באַאַרבעטן די גרעסטע תפילות אונדזערע און באמת זענען די עטלעכע תפילות וואָס ער האָט באַאַרבעט געווען מייסטעריש אין לשון, אין בילד און אין אינטענסיווקייט.

זלמן שזר׳ס שטעטל

הײנטיקס יאָר װערט 25 יאָר זינט דער פּולער חורבן פונעם שטעטל אונדזערן האָט זיך אָנגעהױבן. דער פּולער אױסראָט פון דעם פּױלישן יידנטום האָט זיך אָנגעהױבן זומער, 1942. די געטאָס זענען געװען אַ מין צונױפזאַמל פון יידן, כדי די דײטשן זאָלן זיך נישט דאַרפן אַרומיאָגן איבער שטעט און שטעטלעך, איבער גאַסן און געסלעך, צו געפינען די יידן און זײ שיקן צו די אומשלאַג־פּלעצער, און פון דאָרטן אין די קרע־מאַטאַריעס. און אַזױ װי פּסח איז די אָנגענומענע צײט פאַר דערמאָנען דעם דריטן חורבן אונדזערן, האָב איך זיך פאַרטיפט אין זלמן שזרס בוך „שטערן פאַרטאָג״. זינט איך האָב עס געלײענט, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, איז מיר געבליבן דער נאָכטעם פון אַ נײ שטעטל, און אין די טעג פון דערמאָנונג האָב איך אױפסנײ דאָס בוך איבערגעלײענט. דער שטעטל־נאָכטעם איז איצטיקס מאָל געװאָרן דער פּולער טעם.

אין אונדזער ליטעראַטור האָבן מיר צװײ שטעטלעך שלום אַשס שטעטל און יצחק מאיר װײסענבערגס שטעטל. שלום אַשס שטעטל איז אַ יום־טובדיקס, אַ באַלעבאַטישס. דאָס צענטראַלע געשטאַלט אין דעם כמעט אידילישן שטעטל איז דער פאַרמעגלעכער יחזקאל גאָמבינער, און אַרום אים װעבן זיך אױס די געשעענישן. ביז הײנטיקן טאָג איז שלום אַשס „אַ שטעטל״ אַ גרױס יום־טובדיק װערק, װאָס מיר קענען עס לײע־נען מיט דערהױבענעם געמיט. װײסענבערגס שטעטל איז דער היפּוך: פול מיט צעברױזטן געראַנגל צװישן רײך און אָרעם. צי איך װאָלט אין די איצטיקע טעג געװאָלט לײענען װײסענבערגס שטעטל, בין איך מסופּק. מסתמא װײס איך, אַז שלום אַשס שטעטל איז געשריבן פון אַ יום־טובדיקן קינסטלער, װאָס האָט דעם חותם פון זײן אײגענעם געמיט גע־לײגט אױפן שטעטל, װאָס ער האָט געמאָלן. אָבער אינעם טונקלען שאָטן,

וואָס דער פאַרלענד האָט געוואָרפן אויפן שטעטל, איז מיר נעענטער די יום־טובדיקע דערמאָנונג, ווי די רעאַליסטישע, אפשר מער אמתע קינסט־לעריש־דערציילערישע דערמאָנונג.

איצטיקס מאָל, אַז איך האָב געלייענט שזרס „שטערן פאַרטאָג", איז פאַר מיר כמעט אויפגעגאַנגען אַ ליכט פון אַ ניי שטעטל. צו שלום אַשס געזונטן, גופיק־קרעפטיקן שטעטל, צו ווייסענבערגס צעשטורעמטן, גע־ראַנגל־פולן שטעטל שטעל איך צו אונדזער נשיאס שטעטל, וואָס איז דאָס שטעטל פון רוחניות, פון דערהויבנער ידישער גייסטיקייט. אַוודאי האָבן מיר געוווּסט פון דעם גייסטיקן שטעטל, וואָרעם סוף כל סוף רעדן מיר דאָך פונעם שטעטל נישט סתם פון געסלעך און גאַסן, סטעפּעס און לאָנקעס, פּריזמעס און גאַניקלעך, מיר רעדן פון ידן, וואָס האָבן דעם שטעטל געגעבן דאָס פּנים זיינס, אויסגעפורעמט דעם לעבנס־שטייגער און די מנהגים. איבערן ברייטן שטח פון אונדזער ליטעראַטור האָבן מיר די שטעטלשע יידן אין אַלע זייערע אויסשטראַלונגען, אין זייער גייסטי־קער רייכקייט און אַפילו אין דער גייסטיקער אָרעמקייט זייערער. אָקו־ראַט אַזוי פונעם שטעטל אין די פאַרשידענע ווערק פון אונדזער ליטע־ראַטור. אַז מיר רעדן אָבער פון אַ גאַנץ אַנדער ווערק, וואָס שאַפט פאַר אונדז דאָס קינסטלערישע בילד פונעם גייסטיק־יידישן שטעטל, איז „שטערן פאַרטאָג", דאַכט זיך מיר, דאָס איינציקע פול־אַרומנעמענדיקע ווערק אין דער ליטעראַטור אונדזערער.

געשריבן איז דאָס ווערק אין דער פאָרעם פון זכרונות. און שזר זאָגט אין זיין הקדמה, אַז אָנגעהויבן שרייבן די זכרונות האָט ער בעת צו אונדז איז דערגאַנגען די פינצערע בשורה פונעם שטעטלס אונטער־גאַנג. אָבער כאָטש די פאָרמע איז אַ זכרונותדיקע און דער אופן פון מאָלן די יידן אין אַ ריין־יידישער, פאַרמאָגט דאָס ווערק דעם חמציחדיקן תוכן פון קינסטלערישער דערציילערישקייט. אין סאַמע תוך איז יעדע קינסטלערישע דערציילונג שרייבעריש־יידיש. דער „אָנשטעל", וואָלט איך געזאָגט, איז פון אָביעקטיוויקייט, פון דערציילערישער זייטיקייט. נאָר קיין איין ווערק וואָלט נישט געווען אמת קינסטלעריש, ווען די שרייבערישע פערזענליכקייט, טאַקע בפירוש די יידישע, וואָלט אין דעם ווערק נישט געווען בולט און לויכטנדיק.

דאָס בוך אין מרדכי שטריגלערס ייִדישער איבערזעצונג הייבט זיך אָן מיט אַ באַשרייבונג ווי אַזוי די משפחה שזרס האָט ערב פסח דורכגע־לופטערט די ספרים. ער אַליין, דער מחבר, האָט זיך יינגלווייז באַטייליקט אין דער כמעט־רעליגיעזער צערעמאָניע פון „לופטערן" די ספרים, און זינט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן „וועבן אין מיין האַרץ יענע באַזונ־דערע באַציונג צום ספר". דער עיקר איז געווען, זאָגט ער, נישט דאָס אַרויסנעמען, נישט אַפילו דאָס לופטערן, נאָר צו געדענקען ווי זיי צו־ריקצושטעלן, אַז מען זאָל זיי דערנאָך קענען געפינען אַפילו מיט פאַר־מאַכטע אויגן.

אויף אַ דראַמאַטישן אופן רעכנט ער אויס די ספרים, וואָס זענען גע־שטאַנען אין די ספרים־שאַפעס ביים פאָטער. יעדער ספר כאַראַקטערי־זירט ער סיי אין אויסערליכן אויסזען, סיי דעם תוכן, אַזוי, אַז מיר באַ־קומען אַ פילפאַרביק בילד פון ספרים אין אַ למדנישער שטוב. דאָס גע־שטאַלט פונעם פאָטער ווערט דערביי געצייכנט און מיט קינסטלערישן צימצום. צום אָנהייב וואַקסט דאָס פאָטער־געשטאַלט אַרויס פון די ספרים. געווען אין סטיבל, זאָגט אונדז דער מחבר, גרעסערע ספרים־אַלמערס, — ביים רב, אָדער ביים דיין, — „אָבער זיינע ספרים (דעם פאָטערס) זענען נישט געווען צופעליק און נישט פון שיינקייט־וועגן. זיי זענען געווען זיינס אַ לעבעדיק שטיק לעבן. יעדער ספר האָט געהאַט זיין צייט און זיין ווערט".

דאַרפט איר שוין נישט האָבן די געוויינלעכע באַשרייבונג ווי אַזוי אַ מענטש זעט אויס. וואָרעם פון די עטלעכע שורות וואַקסט פאַר אונדז אויס אַ ייִדיש געשטאַלט, וואָס דער עיקר זיינער איז דער גייסטיקער מהות, נישט דאָס אויסזען, — צי הויך, צי נידעריק, צי שווערלייביק, צי לייכט־מאָגערדיק. די מאָס פאַר אַזאַ מין ייִדן איז גאָר אַן אַנדערע. נאָר פון אַזאַ באַשרייבונג וואַקסט פאַר אונדז אויך אויס דאָס געשטאַלט פונעם מחבר, דאָס בקיאות זיינס אין ייִדישקייט, אין חסידות, און דער טיפער דרך ארץ זיינער פאַר אונדזערע ספרים. בכלל איז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל מיט די ספרים, וואָס לעבן אויף פאַר אייך, אַ קלוג־דורכגע־טראַכטער און טיף־איבערגעלעבטער אַריינפאַר אין אַזאַ בוך ווי שזרס „שטערן פאַרטאָג".

דאָס בילד פונעם צווייטן קאַפּיטל, ווי דער פּראַוואָסלאַוונער גלח האָט געפּירט אַ פּראָצעסיע פון גלייביקע פּויערים, און זיי האָבן אויס־געהאַקט אויפן אייז אַ ריזיקן צלם און אים אַוועקגעשטעלט אין מיטן וועג, בעת אויפן טייך איז געבליבן דער לאָך פונעם צלם, — אָט דאָס בילד שניידט זיך איין אין זכרון, בפרט אַז סע איז נאָך דאָ אַ דראַמאַ־טישע אַנטוויקלונג, — יידן פאַלן אין דער נעץ פונעם אויסגעהאַקטן אין אייז צלם. דערוויייל פּירט זלמן שזר אַריין פיגורן פון העברעישע שרייבערס, ווי דבורה באַראָן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל אוזדע און האָט דערנאָך דאָס שטעטל באַשריבן אין אירן אַ ראָמאַן.

דאָס שטעטל סטויבץ, וואָס אין רוסיש הייסט עס סטאָלבצי, איז נישט ווייט פון דע־מיר, וואָס האָט געהאַט די באַרימטע ישיבה. בעת „זשאַמקע״ (פאַרצויגן פון זלמן) איז נאָך געווען גאָר אַ יונג יינגל, איז שוין דער ציוניזם אַריינגעוואַקסן אין דעם יידישן לעבן, און דער פאָ־טער זיינער איז געווען געבייגט צום ציוניזם. נאָר דער רב און מיט אים ווייט־פרומע חסידים האָבן געוואָרנט, אַז דער ציוניזם קען ווערן, חלילה וחס, אַ נייער שבתי־צביאיזם. דערציילט דער מחבר ווי ער האָט צוגעצ־הערט אַ שמועס צווישן דעם טאַטן זיינעם מיט איינעם ר׳ מענדל. פו־נעם שמועס האָט ער דאָס ערשטע מאָל געהערט פון שבתי צבי. נאָר דער עיקר איז אויך דאָ דעם רבס געשטאַלט, דער עקשנותדיקער קעג־נער פונעם ציוניזם, וואָס אין אַ דרשה אויפן בעלעמער, „האָט ער גע־צאַרנט און געטרייסלט מיט זיין רויטער פאַטשיילע אין דער צונויפ־געדריקטער האַנט: ליליענבלום און אחד העם, ימח שמם...״ איז כאָטש דער רב איז געווען אַ פאַרביטערטער קעגנער פונעם ציוניזם, דערמאַנט אים ר׳ זלמן שזר מיט אַ סך פיעטעט, אַפילו ליבשאַפט. דאָס איז די ליבשאַפט פון פאַרשטיין דעם מענטשן, אַפילו אַז ער איז דיין קעגנער.

די געשטאַלטן, וואָס דער מחבר מאָלט, זענען פאַרשידנאַרטיק: איר האָט דאָ אַ גאַנצע רייע מגידים, זייער אופן רעדן. מלמדים, וואָס ער האָט ביי זיי געלערנט און נישט געלערנט. באַלעבאַטים, נגידישע יידן, — אַלע זענען אַנדערש איינער פונעם אַנדערן, אָבער לעבן אונ־

טער איין ידישן הימל, אָטעמען מיט איין ידישער לופט, זינגען איין ידיש געזאַנג.

דאָס קאַפּיטל „דער קוידאַנאָווער פּרוש" הייבט שזר אָן אַזוי: „איך האָב ווידער געלייענט אַ היסטאָרישן ראָמאַן אין אַ פרעמדער שפּראַך. דאָס איז אַ געזאַנג צו אַ גייסטיקן מענטשן, וואָס האָט געלעבט אויף פּאַרצייטיקע ביכער און אויף באַגריפן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין יענע ספרים". דאָס האָט אים צוריקגעבראַכט דאָס געשטאַלט פון זיין רבין, דעם קוידאַנאָווער פּרוש. אָבער אונדזער זינגער צום גייסטיקן מענטשן, טאַקע שזר, איז זיך נישט מתתפק מיט איין פּרוש. ער דער־ציילט פון פּרושים בכלל און באריכות וועגן צוויי, וואָס דער קוידאַנאָ־ווער פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער דערציילונג. נישט קיין איבער־מענטש איז דער קוידאַנאָווער פּרוש, און דאָס איז די גרויסע מעלה פון־נעם דאָזיקן געשטאַלט. ער איז אַ געוויינלעכער ייד, וואָס זיצט ימים ולילות איבער דער גמרא און סתם ספרים. אָבער שזרס ליבשאַפט צו אים דערהייבט אים. מיר האָבן אין דער ליטעראַטור אַ סך געשטאַלטן פון פּרושים, אָבער געוויינלעך האָבן משכילישע שרייבערס זיי געמאָלן מיט ביטול און איראָניע, ווי זיי, די משכילים, וואָלטן געווען ווער ווייסט ווי העכער פון זיי. שזר רעדט פונעם פּרוש מיט דרך ארץ און צייכנט אים מיט בולטע שטריכן, אַז מיר זעען אים און דרינגען טיף אין זיין ריינער נשמה. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דעם פּרושס זון איז געווען דער באַרימטער מגיד אליקום געצל. אַן אַנדערער טאַטע וואָלט זיך געגרייסט מיטן גרויסן נאָמען, וואָס דער זון זיינער האָט, נאָר ער, — דער קוידאַנאָווער פּרוש, — איז גאָר געווען דערשלאָגן דערפון: מיין זון, האָט ער געזאָגט, וועט שוין לערנען נישט קענען. דערנאָך האָט ער מוסיף געווען: מיין זון איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַן עקיבא אייגער, און זיי האָבן פון אים געמאַכט אַ פּיעכאָטנעם מגיד.

צו אַזאַ הויכער מדרגה גייסטיקייט און פרומקייט דערגרייכן ווייניק. טראַגיש איז געווען דער סוף: אין שטעטל האָבן אָנגעהויבן צו קומען מטיפים, — מאָדערנע מגידים, הייסט עס, — וואָס האָבן גערעדט פון ציון און פון גאולת הארץ. די שוין אַביסעלע אונטערגעוואַקסענע יינגלעך האָבן דערשפּירט אַז אַ נייע צייט שטייט אָן און איינער פון זיי, מאָטל

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זי דפון יענע יוגנטלעכע, וואָס האָבן האָט אָפּן רעוואָלטירט, בעת דער רבי האָט נישט געוואָלט לאָזן די תלמידים גיין הערן דעם מגיד, דער מאָטל האָט אים אַ שפּרונג געטאָן אין פּנים אַריין: „יעקב דוד, מיר האָבן מער פאַר אייך קיין מורא נישט!" די מורא פאַרן רבין האָט זיך געבראָכן, און דער קוידאַנאָווער איז פאַר־שווונדן פון סטויבץ. דער אָטעם פון דער צייט איז אים בייגעקומען.

די גאַנצע גאַלעריע מענטשן פון דעם אַלטן שניט, ווי שזר מאָלט זיי, זענען אי חכמים, אי נאַיווע מענטשן. דער עיקר: די מענטשן זע־נען גאַנצע אין זייער אמונה, און אין זייער געמיט, אָבער אַ חוץ די פרומע יידישע געשטאַלטן, דערציילט אונדז שזר אין בוך אויך פון די מענטשן, וואָס האָבן אויפגעבויט דאָס נייע יידישע לעבן סיי אין רוס־לאַנד און סיי אין ארץ ישראל. ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ ניי ווינקל אין יידיש־רוסישן לעבן: פעטערבורג אין ערשטן צענטליק פון היינ־טיקן יאָרהונדערט. דער באַרימטער באַראָן דוד גינזבורג וואָקסט פון זיין דערציילונג אַרויס אַ גרויס יידיש געשטאַלט. גאָר באַזונדערס אינ־טערעסאַנט איז דאָס קאַפּיטל פון דער „איקאַ", אין פעטערבורג, און די פירערס אירע. די גרויסע גייסטיקע כוחות אין דעם רוסישן יידנטום זענען געקומען צום אויסדרוק סיי אויף תורה, סיי אויף שעפערישע אידייען און סיי אין ממשותדיקע מעשים.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס לערנען מיר פונעם אופן ווי שזר באַלויכט די טיפן מיטן כישופדיקן ליכט פון זיין געבענשטער נשמה. בטבע היט איך זיך אויס פון אַזאַ וואָרט, ווי „נשמה"ביים שרייבן וועגן שרייבערס. אָבער דער נשיא פון ישראל איז אַזוי פול מיט נשמה, אַז מיר וועלן בפירוש באַגיין אַ זינד, אַז מיר וועלן אויסמיידן די דאָזיקע באַצייכע־נונג פאַר אים.

בוך צו שז״ס אַכציקסטן געבורטסטאָג

צום נשיא שזרס אַכציק יאָר איז אין י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב, אַרויס אַ צוויי־שפּראַכיק בוך, וואָס הייסט „נשיא וסופר״ און איז רעדאַקטירט פון אברהם ליס. באַטייליקט זענען אינעם בוך 41 שרייבער, — מיט זכרונות, אָפּשאַצונגען פון דער שזר־פּערזענלעכקייט און אַפילו אַ פּאָר ווינטשעוואַניעס אין לידער און אין פּראָזע.

דער רעדאַקטאָר, אברהם ליס, האָט אַן ספק היבשלעך עקספּלואַטירט דעם נשיס אַרכיוו, כדי צונויפצונעמען דעם ריזיקן מאַטעריאַל פאַר די קרוב צו די דריי הונדערט זייטן, וואָס דאָס בוך פאַרנעמט. האָבן מיר אינעם דאָזיקן בוך אַ פול בילד, אָדער כמעט אַ פול בילד, פון דער גרויסער יידישער פּערזענלעכקייט, שניאור זלמן רובאַשאָוו־שזר, וואָס באַשיינט איצטער די כסא הנשיאות פון מדינת ישראל.

צום סאַמע אָנהייב פון דעם איבערזיכט איבערן זייער אינטערעסאַנטן בוך וויל איך זאָגן, אַז דעם אויסדרוק „כמעט פול בילד״ האָב איך באַנוצט נישט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר מיט אַ באַזונדערן מיין דערמיט האָב איך געוואָלט זאָגן, אַז אין בוך פעלט אַ קינסטלערישע באַשרייבונג פון שזרן אין דעם אויספּיר פונעם העכסטן צוטרוי־אַמט, — אין דער נשיאות. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ באַזונדערן שזרישן נוסח אין דער נשיאות פון דער יידישער מדינה, — אַ נוסח, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אי גרויסע פאָלקישקייט, אי טיפע לומדות, אי אַ מין קינסטלערישן ליריזם, וואָס איז, דאַכט זיך, נישט שכיח אין קיין שום „ווייס־הויז״ פון דער וועלט, און, פאַרשטייט זיך, דערצו טראָגט־צו איר גאָר גרויסן חלק די פּרעזידענטעכע, רחל כצנלסון־שזר, וואָס איז פאַר זיך אַליין אַ וויכטיקע שעפערישע פּערזענלעכקייט.

נאָר לאָמיר רעדן פון דעם, וואָס אין בוך איז יאָ דאָ. איז קודם ווערט איר געפלעפט נישט נאָר פון רובאַשאָוו־שזרס אויסערגעוויינטלעכע פּער־

קייטן, — יידן בעלי־כשרון האָבן מיר געהאַט אַ סך ביים אַנהייב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט, — נאָר פון דער שעפערישער ענערגיע, וואָס האָט זיך אַזוי פרי אַנטפּלעקט ביים בחורל פונעם פּיצעלע שטעטעלע סטויבץ, אין ווייס־רוסלאַנד. יידישע קינדער, האָבן מיר אַ סך מאָל געזעען — אַפילו ביי שונאי ישראל, — ווערן זייער פרי רייף, אָבער אַזאַ רייפקייט, אַ גייסטיק־פולע, ווי רובאַשאָווס, איז אַפילו ביי אונדז צו באַוווּנדערן.

אַוודאי האָב איך געוווּסט, אַז זלמן רובאַשאָוו איז אין די יונגע יאָרן אַרויסגעקומען מיט זייער אַ וויכטיקער טעאָריע וועגן שבתי צבי און אַנדערע פאַלשע משיחים. ער האָט דעם פאַלשן משיחיזם באַטראַכט פאַר אַ פּאָזיטיווער דערשיינונג, וואָס האָט אויפגעוועקט אין די געדיכטע יידישע פאָלקס־טיפענישן די משיחישע בענקשאַפטן וואָס דערפירט האָבן זיי צום אויפקום פון ציוניזם, עליה קיין ארץ־ישראל און — צו מדינת ישראל. נאָר אַז איך האָב געלייענט אינעם איצטיקן בוך, אַז אין דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע האָט ער, רובאַשאָוו, געשריבן די שבתי צבי ביאָגראַפיע, האָב איך זיך תיכף צוגעכאַפּט צו איר: לאָמיר טאַקע זען וואָס זלמן רובאַשאָוו האָט געשריבן מיט קרוב צו זעכציק יאָר צוריק.

יאָ, די רוסיש־יידישע ענציקלאָפּעדיע, וואָס איך האָב, איז דערשינען אין 1912, איז ווי איז שייך, אַז די ביאָגראַפיע האָט ער נישט געשריבן לפּחות אַ צוויי יאָר פריער? איז ווי אַלט איז ער, רובאַשאָוו, דעמאָלסט אַלט געווען? מסתמא אַ יאָר 18, אָדער 19. אַזויווי די רעדאַקטאָרן פון דער ענציקלאָפּעדיע זענען געווען די העכסטע יידישע אינטעלעקטואַלן אין דער דעמאָלסטיקער רוסלאַנד, דאַרפן מיר דערפון אָפּלערנען, אַז דער צוטרוי צו אַ יונג בחורל, ווי ר׳ זלמן איז דעמאָלסט געווען, איז נישט געווען קיין אַקט פון גייסטיקער צדקה, נאָר אַז זיי האָבן אַנערקענט די אויסערגעוויינלעכע באַגאַבונג זיינע.

דערציילט יצחק בן־צבי זכרונו לברכה, ווי מיט רובאַשאָוון האָט ער זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל אין ווילנע, איז עס ווידער אַ מעשה פון איבער זעכציק יאָר און דעמאָלסט איז דער פועלי־ציוניזם נאָך געווען אין די וויקעלעך. געבוירן איז ער געוואָרן אין פּאָלטאַווע, וואָס איז געווען אַ דורכויס רוסיפיצירטע שטאָט. נישט באַראַכאָוו, נישט בן־צבי און

נישט אַפילו זרובבל זענען געווען דעמאָלסט גרויסע מומחים אויפן יידישן לשון. דאָס באַרימטע ווערק זיינס „אונדזער פּלאַטפּאָרמע", האָט באָראָכאָוו געשריבן אין רוסיש און דער דאַמאָלסט יונגיטשקער זלמן רובאַשאָוו האָט עס פון די געשריבענע בויגנס איבערגעזעצט אויף יידיש. הייסט עס, אַז היסטאָריש גענומען האָט שזר פאַריידישט דעם פּועלי־ציוניזם.

אין בוך זענען דאָ עפּיזאָדן פון שזרס לעבן, וואָס שטעלן אַרויס בולט דאָס טיף־אינערלעכע געראַנגל, וואָס ער האָט געהאַט. שווער צו וויסן צי האָט ער אָנגעהויבן מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אויפן געביט פון יידישער געשיכטע, צי מיט כלל־אַרבעט. נאָר מיר ווייסן אָבער יאָ, אַז געשניטן האָט ער זיך אויף אַ יידיש־פאָרשערישן וויסנשאַפטלער פון אַ גרויסן פאַרנעם. ער האָט געלערנט אין דער פּעטערבורגער יידישער אַקאַדעמיע, אונטער באַראָן דוד גינזבורג און איז באַלד פון אָנהייב געווען אַ סטודענט למופת. ער האָט שטודירט אין בערלין און אין אַנדערע אייראָפּעיִשע צענטערס.

נאָר צו דער אייגענער צייט האָט אין אים געברויזט דער טעמפּעראַמענט, וואָס האָט אים באַוועלטיקט זייער שטאַרק. ער אַליין דערציילט, אַז בעת ער איז נאָך געווען אַ יינגל פאַר בר־מצוה האָט ער אַמאָל געהערט אַ באַרימטן מגיד, האָט ער זיך דערנאָך אין שטוב אָנגעטאָן אין אַ ליילעך, — אַ טלית זאָל עס הייסן, — און האָט נאָכגעזאָגט די דרשה מיט אַלע קנייטשן, מיטן ניגון און מיט די באַוועגונגען פון די הענט. ווער עס האָט געהערט רובאַשאָוון אין די שפּעטערע יאָרן, האָט דערשפּירט דעם פלאַקער פונעם אַמאָליקן מגיד אונדזערן.

זאָגן אויף אים, אַז ער איז געווען אַן עילוי, איז נישט גענוג. ער איז פון קינדווייז אָן געווען געבענטשט נישט נאָר מיט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון, מיט אַ תפיסה, וואָס אַפילו אין די גרויס־למדנישע ישיבות איז זי נישט שכיח, — ער איז נאָך געווען געבענטשט מיט פּערזענלעכקייט פון די סאַמע יינגסטע יאָרן זיינע. אין סטויבץ, ביים טאַטן אין שטוב, האָט ער זייער ווייניק רוסיש געהערט. דערנאָך אין די ישיבות, וואָס אין זיי האָט ער געלערנט, אין אָפּגערעדט, אַז קיין רוסיש האָט זיך נישט געוואַלגערט אויף די שטענדערס. און דאָך איז ער געוואָרן אַ גרוי־

סער קענער פון דער רוסישער שפּראַך אין משך פון חדשים, ווי נאָר ער האָט זיך צוגעריכט צו אַ רוסיש ביכל.

איז פון איין זייט האָט אים געצויגן צו וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס באַלד האָט מען אין די הויכע קרייזן פון פּעטערבורג, בערלין און אַנדערע צענטערס דערשפּירט אין אים. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך אַרויסגעשטורעמט פון אים דער טעמפּעראַמענט פאַר געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. האָט מנצח געווען דער דראַנג צו געזעלשאַפטלעכקייט? דער רוב שרייבערס אין דעם בוך לכבוד זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג האַלטן, אַז ער האָט מקריב געווען זיין וויסנשאַפטלעכן טאַלאַנט אויפן מזבח פון געזעלשאַפטלעכקייט, נאָר דערלויבן וועל איך זיך נישט מסכים צו זיין מיט אָט דער מיינונג און איך האָב דערויף באַווייזן.

דער „נשיא וסופר", אַז ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, איז ער טאַקע געוואָרן איינער פון די פירערס אין דער אַרבעטערשאַפט, אָבער ער האָט זיך אַלעמאָל אויסגעקליבן אַ פעלד, וווּ ער זאָל האָבן די מעג־לעכקייט אויסצולעבן דעם אינטעלעקטועלן דראַנג זיינעם. געווען איז עס צום אָנהייב די צייטונג „דבר", דערנאָך דער פאַרלאַג „עם עובד" און אַנדערע אַרבעטן פון ריינעם גייסט, וואָס ער האָט אין משך פון די צענט־ליקער יאָרן אין לאַנד אונטערגענומען. אַוודאי מעגן מיר טראַכטן, אַז ער וואָלט אַ סך מער אויפגעטאָן, ווען ער וואָלט זיך געווידמעט דורכויס דער ידישער וויסנשאַפט, אָבער ווער ווייסט וויפל גייסטיק אָרעמער מיר וואָלטן געווען, אַז אינעם וווּנדערלעכן בילד פון תחית האומה וואָלט גע־פעלט רובאַשאָוו־שזרס פלאַקערדיק געשטאַלט, וואָס אַ סך מאָל דערהייבט עס זיך צו נביאישן פּאַטאָס.

יאַנואַר 1970

יצחק בן־צבי׳ס „נדחי ישראל״

ביכער זענען דאָ, וואָס נישט סתם דו לייענסט זיי און אַפּילו נישט סתם דו לערנסט פון זיי, נאָר פון סאַמע אָנהייב־אָן נעמסטו זיך צו זיי מיט אַ מין איבערלעבונג פון גרויסן־זיך. אַז איך האָב גענומען יצחק בן־צביס בוך „נדחי ישראל״, איז דאָס ערשטע געווען — זיך געגרויסט דערמיט, וואָס די מדינה אונדזערע האָט אַ פּרעזידענט אַ טיפן פאָרשער און קענער פון אונדזער געשיכטע, באַזונדערס פון די גלותדיקע יאָרן. וואָס פאַר אַן אומה ולשון, בפרט פון די ערשט־אויפגעקומענע, האָט אַזאַ פּערזענלעכקייט פאַר אַ פּרעזידענט? וועט מען אוודאי זאָגן, אַז עס איז סענטימענטאַל, אָבער איין מאָל אין צוויי טויזנט יאָר מעג זיך אַ ייד פאַרגינען צו זיין סענטימענטאַל און אַפּילו זיך גרויס־צו־האַלטן מיט אַזאַ ריין־גייסטיקער דערשיינונג. זיך גרויס־האַלטן און בפירוש זיך נישט שעמען דערמיט, וואָס דו גרייסט זיך.

נאָך אַ באַזונדער סיבה, אַ פּערזענלעכע, איז דאָ ביי מיר איבערצולעבן אַ ביסל פון יענער מידה, וואָס אין אונדזער יידישקייט איז זי נישט קיין שטאַרק אַנגעלייגטע: גדלות. ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק, אַז איך האָב דורכגעקוקט פאַרוואַלגערטע פאַפּירן מיינע, האָב איך געפונען אַן אַנאָנס, וואָס איז געווען אין דער אַמאָליקער „וואַרהייט״. דער אַנאָנס איז פון 1916, — גענוג אַלט, אַז ער זאָל שוין ווערן אַרכיוור־צירונג. אַנאָנסירט זיך אַ פאַרזאַמלונג פונעם „פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד״, אין קלינטאָן האָל, רעדן וועט בן־צבי און איך וועל לייענען לידער פונעם אַרבעטנדיקן ארץ ישראל. האָב איך זיך דעמאָלט אויסגעמאָלט, אַז שפּעטער מיט יאָרן וועל איך שרייבן איבער אַ בוך פונעם ישראל־פּרעזידענט און זיין וועט דער פּרעזידענט דער אייגענער בן־צבי, וואָס ביידע האָבן מיר

געפרוווט פארפלאנצן דעם געדאנק פון אן ארבעטנדיקער ארץ ישראל?

נאר דערמיט האב איך נאך נישט אויסגעשעפט דאס ביסעלע גדלות, וואס איז, האב איך מורא, גרעסער ווי א שמיני שבשמיני. דער נשיא־ישראל, דערציילט מען מיר, האט בפירוש געוואלט, אז דאס בוך זיינס זאל ארויס אין יידיש. מער ווי גאענטן אינטערעס האט ער ארויסגעוויזן צום יידיש־טעקסט פון זיין גרויסער ארבעט. מיט ליבשאפט און פרייד האט ער גענומען אין די הענט דעם ערשטן עקזעמפליאר פונעם בוך, וואס דער פאטער פונעם ארויסגעבער, שולזינגער, האט אים צוריק מיט עטלעכע וואכן צוגעטראגן. דאס בוך, — איז באמת א צירונג.

דאס בוך „נדחי ישראל" איז געשריבן מיט א היסטארישן תכלית און אינעם לעצטן קאפיטל קלערט אונדז דער מחבר אויף דעם תכלית. דאס קאפיטל הייסט „לא יסור שבט מיהודה". בן־צבי ברענגט פאר א מאטא איבערן קאפיטל אן אויסצוג פון חסדאי שאפרוטס בריוו צום קעניג פון די כאזארן. אין שאפרוט שרייבט דעם קעניג:

„אויב ס'איז פאראן אן ארט אין גלות, ווו יידן האבן א נחלה און א מלוכה, און מען דריקט זיי נישט און מען הערשט נישט איבער זיי; און אויב איך ווייס, אז ס'איז טאקע אן אמת, וואלט איך מוותר געווען אויף מיין כבוד און אפגעזאגט זיך פון מיין גרויסקייט און פארלאזן מיין משפחה און וואלט געגאנגען איבער בערג און בערגלעך, מיטן ים און מיט דער יבשה, ביז איך זאל קומען אהין ווו מיין האר, דער קעניג, לאגערט..."

אין דער דאזיקער אויסצוג פון איבן שאפרוטס בריוו צום קעניג פון די כאזארן אנגעמאסטן פארן תוכן פון „לא יסור שבט מיהודה". און דער מחבר זאגט אינעם סאמע אנהייב, אז „נאכן חורבן פון בית המקדש און פון דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט איז נישט אויסגעשלאסן געווארן אינעם הארצןביים צעזייטן און פארוואגלטן פאלק". און ער ברענגט ארויס דעם דאזיקן געדאנק דורך געשיכטלעכע פאקטן, וואס אפילו אז מיר האבן שוין זיי פריער געוווסט, זענען זיי אבער אין בוך אזוי בולט, אזוי היסטאריש סיסטעמאטיזירט, אז זיי ווערן פאר אונדז ניי, ממש ווי ערשט אנטדעקטע. דערצו זענען נאך צוגעקומען נייע פרטים, וואס דער מחבר אליין האט זיי אויסגעפארשט און אין אנדערע געשיכטע ביכער זענען זיי נישטא, אדער זיי זענען מטושטש.

איר לייענט דאָס בוך ממש מיט אַ ציטער, כאָטש געשריבן איז עס רעזערווירט, ווי אַ היסטאָריקער שרייבט געוויינטלעך. געזאָגט וואָלט איך, אַז דאָס בוך איז געשריבן מיט היסטאָרישער ווערדיקייט, אָבער דער ציטער איז אייך איז צוליב אַ סך טעמים. ערשטנס, איר ווערט אָנגעפילט מיט אַ מין נאַציאָנאַלן שטאָלץ, וואָס די נדחי ישראל האָבן זיך מיט אַזויפיל עקשנות געראַנגלט נישט סתם פאַר זייער קיום, נאָר בפירוש מלוכהדיקן קיום. צווייטנס, וואָס אַ צייט איז געווען, וואָס די אידייע פון יידישקייט האָט זיך פאַרשפרייט איבער אַלע ווינקלעך פון דער ערד. דערגרייכט פון איין זייט ביז אינדיע און פון דער אַנדערער זייט ביז די רוסישע סטעפעס.

דער מחבר ווייזט־אָן, אַז צוועלף פרווון זענען געווען צו דערגרייכן אַ פּאָליטישן קיום אין גלות. „אַ טייל פון זיי האָבן געפירט צום גרינדן פון יידישע מדינות, וואָס האָבן געשפּילט אַ פּאָליטישע ראָלע”. היסטאָריש גאָר וויכטיק איז, וואָס אַפילו אין די גרויסע און שטאַרקע יידישע מלוכות איז דער דראַנג געווען פאַר פולער נאַציאָנאַלער זעלבסט־שטענדיקייט, אָבער צו דער אייגענער צייט איז דער ווייטער אויס־קוק געווען אויפן צוריקקום קיין ארץ־ישראל. מלכים פון די יידישע מדינות אין גלות האָבן אָנגעזאָגט אַריבערצופירן זייערע ביינער קיין ארץ ישראל און זייערע קברים זענען געבליבן נאָך ביז היינטיקן טאָג.

די גרעסטע מלוכה איז געווען די כאַזאַרישע, וואָס האָט זיך געשפּרייט ביז אַריבער דער וואָלגאַ. נאָר דאָ הייבט זיך אויף אַ גאָר וויכטיק פּראָב־לעם: איז די מלוכה באַשטאַנען דורכויס פון כאַזאַרן, וואָס האָבן זיך מגייר געווען, אָדער געווען זענען אין איר געבוירענע יידן? כאָטש די כאַזאַרן האָבן געלאָזט טיפע שפּורן, איז נאָך נישט אַלץ אויסגעפאָרשט אין שייכות מיט דער דאָזיקער מערקווירדיקער היסטאָרישער דערשיי־נונג. דער מחבר, דער נשיא פון ישראל, האַלט כלל נישט פון דער השערה, אַז די כאַזאַרישע מלוכה איז באַשטאַנען דורכויס פון כאַזאַרן, וואָס האָבן אָנגענומען די יידישע אמונה. געלעבט האָבן אַ סך יידן אין יענע מקומות, וואָס האָבן אַהין אַריינגעוואַנדערט נאָכן פאַלן פון מלכות ישראל. דאָס זענען די לעגענדאַרע עשרת השבטים, וואָס האָבן זיך בכלל צעשפּרייט איבער אַ סך לענדער און טיילן וועלט. וויכטיק איז דער דאָ־

זיקער פונקט, דערפאַר, וואָס געוואָלט האָט מען, — כלומרשט וויסנשאַפט־לעך — מאַכן אַ גייסטיקן חורבן פונעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום, דער עיקרשט פונעם רוסישן, אַז דער ראַסן־אָפּשטאַם זיינער איז כלל נישט קיין יידישער נאָר אַ כאַזאַרישער. אָבער אַ כאַזאַרישער צומיש איז דאָ, וואָרעם בעת די מלוכה איז געווען, איז דער אויסמיש מיט די גרים גע־ווען אַ קענטיקער.

נאָך ווייניקער אויסגעפּאָרשט זענען די מלוכות אין דער אַראַבישער מדבר, אין תימן און אין אַביסיניע. וויפל יידן זענען געבליבן נאָכן חורבן? זענען זיי געבליבן אין יהודה, אָדער האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט איבערן אַראַבישן האַלב־אינדזל? שפּורן זענען געבליבן, אָבער זייער טונקעלע. דאָס בילד, וואָס מיר שאַפן זיך פון בן־צביס פאָרשונגען איז אַזאַ: יידי־שע שבטים האָבן געוואַנדערט איבערן אַראַבישן האַלב־אינדזל. זיי זענען געווען אַגרעסיווע, קריגערישע שבטים און, אַז זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף בעדויִנישע, אָדער סתם אַראַבישע שבטים, האָבן זיי אי גייסטיק, אי פיזיש זיי באַזיגט. דערפון זענען אַרויסגעקומען צעוואָרפענע מלוכהלעך, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן יידישקייט, — אויף אַ ברייטערן שטייגער. אַמאָל אויף אַן ענגערן. פון די דאָזיקע מדבר־שבטים איז אַרויסגעוואַקסן די פאַלאַשן־מלוכה, וואָס די קריסטן האָבן זי שפּעטער חרוב געמאַכט און כמעט אינגאַנצן אויסגעראָטן די יידישע באַפעלקערונג. רעשטלעך פון די פאַלאַשן האָט מען אַנטדעקט ביים אָנהייב פונעם היינטיקן יאָרהונדערט און זיי אינגאַנצן אַריבערגעבראַכט קיין ארץ־ישראל.

גאָר פאַרכאַפּנדיק איז די געשיכטע פון דעם יידישן מלוכהלע אין אינדיע. יידן זענען קיין אינדיע געקומען נאָך אין דער צייט פונעם ערשטן בית המקדש, דערנאָך זענען צוגעקומען יידן, וואָס האָבן געוואַנדערט איבער אַראַביע. קיין ספק איז נישט, אַז די יידן האָבן געפירט מיסיאָנער־רישע אַרבעט און האָבן מגייר־געווען אַ סך פון די איינגעבוירענע, — די הינדוסן. די מלוכה איז געווען אַרום דער איצטיקער קאָטשין און די „בני ישראל" זענען דער אָפּשטאַם פון יענע יידן. איצטער זענען די „בני ישראל" אין דער יידישער מדינה.

וויפל מיר זאָלן נישט איבערדערציילן, איז עס אַ טראָפּן אין ים. דאָס בוך דאַרף מען לייענען. דאָס בוך דאַרף מען לערנען. דאָס בוך דאַרף ווערן

אַ האַנטבוך פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל וויסן מער פון זיין אייגענעם אָפּ־שטאַם. דער עיקר, — דער יידישער הערויאיזם, וואָס לייקנט קאַטעגאָריש אָפּ דעם בלבול, אַז אין גלות זענען יידן געווען פחדנים. צי האָבן אָבער די יידן אין די כלערליי מלוכות און מלוכהלעך געשאַפן אַ גייסטיקן אָנ־שפּאַר? אפשר יאָ, נאָר געבליבן איז כמעט גאָרנישט. ערשט דאָס אשכנ־זישע יידנטום, וואָס האָט דעם מלוכהשן דראַנג פאַרביטן מיטן רוחניות־דיקן, האָט אָנגעהויבן די גרויסע גייסטיקע אויפלעבונג.

מיר לערנען פונעם בוך נאָך אַ וויכטיקן פּרט: אַז דער איסלאַם, זייט־ביי־זייט מיט קריסטנטום, האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן חלק אינעם אומ־ברענג פון די יידישע שבטים. די אַראַבישע שבטים זענען גאָרנישט גע־ווען, געשיכטלעך, אַזעלכע שיפע זיבעלעך אין צונויפשטויס מיט די יידן. פון די קריסטן איז אָפּגערעדט: זיי האָבן יידן אויסגעראָטן, ווו נאָר זיי האָט זיך געדאַכט, אַז יידישקייט הייבט־אָן צו פאַרנעמען אַ שטיקל אָרט אין דער וועלט.

„נדחי ישראל" איז אַ בוך געשיכטע, קאָנצענטרירטע, בילדלעכע, וואָס מיר ווילן עס לייענען, זיך אומקערן דערצו, אַלעמאָל אַריינקוקן אין דעם. עס איז אַ בוך פון יידישער נשיאות, געשריבן פון אַ נשיא בישראל.

יצחק בן־צבי האָט דאָס בוך געשריבן אין העברעיש און אויף יידיש איז עס איבערגעזעצט פון זיין ברודער, א. ראובני.

די „פאַרשטויסענע שבטים", — וויפל פון זיי סע איז געבליבן, — זענען איצטער „אויסגעלייזטע שבטים". דער גאַנג פון דער יידישער גע־שיכטע איז צוויי טויזנט יאָר געווען צו אויסלייז. אַז מיר לייענען דאָס בוך „נדחי ישראל", צעוויקלט זיך פאַר אונדז דער הערויאיזם און דער טראַ־גיזם פונעם גאַנג צו אויסלייז. עפּעס ווערן מיר געשטאַרקט אין זיך; עפּעס ווערן מיר דערהויבן; עפּעס ליכטיקט אין אונדז, כאָטש דער טראַ־גיזם איז אַזאַ שאַרפער.

דער נישט־אויסגעשעפּטער ברונעם

מיר דאַכט זיך, אַז די סאַמע הייסטע תפילה ביים שעפערישן מענטשן איז, אַז דער גייסטיקער ברונעם אין אים זאָל זיך נישט אויסשעפּן ביזן לעצטן אָטעם־צוג זיינעם. ביי אונדזער אליעזר שטיינמאַן איז די דאָזיקע ברכה מקוים געוואָרן: ער איז פול מיט שעפערישער ענערגיע, וואָס ווערט, דאַכט זיך, מיט די יאָרן אַלץ מער קוואַליק.

דער נאָמען „נישט אויסגעשעפּטער ברונעם" איז נישט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר ער האָט גאָר אַ גאַנצע שייכות צו אליעזר שטיינמאַן. היינט זענען מיר אים מקבל פּנים און פאַר מיר איז גאָר באַזונדער די הנאה אים אָפּצוגעבן אַ שלום עליכם אין ניו־יאָרק, דערפאַר וואָס אונדזער פריינטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דער אַמאָליקער יידישער וואַרשע, וואָס איז איצטער אינגאַנצן יידיש חרוב. (זאָלן מיר מוחל זיין די יידישע שרייבער אין דער איצטיקער וואַרשע, — איך וויל זיי חלילה נישט מבטל זיין. פאַרקערט, איך באַוווּנדער זייער העראָישן פּרוּוו צוריק צו שאַפן אַ מין שאָטן־בילד פון אַ יידישער וואַרשע. אָבער די אַמאָליקע וואַרשע איז דאָך פאָרט חרוב).

נאָר קודם אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם גאַסט אונדזערן: אליעזר שטיינמאַן איז אַ העברעישער שרייבער שוין אַ קימאַ־לן פון אַ זעכציק יאָר. אָנגעהויבן האָט ער כמעט נאָך מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן. די התחלה זיינע איז געווען די דערציילערישע פאָרעם, — דער ערשטער ראָמאַן זיינער האָט געהייסן „סחור, סחור". אַ סך דערציילונגען זיינע האָט ער געדרוקט אין „התקופה", וואָס אברהם שטיבל האָט אַרויסגעגעבן. ער איז פון אָנהייב־אָן געווען פול מיט שרייבעריי, ווי אַ לאָגל מיט וויין. אַוודאי, אַז דער וויין איז געווען יונג, נאָך נישט אויסגעשפּילט, האָט ער געיוירן און געברויזט. אָבער בעת שטיינמאַן איז נאָך געווען גאָר יונג, האָט זיך שוין דער וויין „אָפּגעזעצט" און קינסטלערישער האָט ער

אים אָפּגעצאָפּט. געלאָזט נאָר די לויטערע פּליסיקייט, פּריי פון די העיוון.

אליעזר שטיינמאַן איז געבוירן אינעם שטעטל ראַשקעוו, ביים סאַמע דניעסטער. אויף דער פּאָדאָליער זייט איז דאָס אוקראַאינישע שטעטל ראַש־קעוו, אויף דער בעסאַראַבער זייט — וואַד־ראַשקעוו. פאַרשטייט זיך, אַז די שכנהשאַפט איז אַזאַ נאָענטע, איז נישטאָ קיין צו גרויסער חילוק צווישן די צוויי שטעטלעך. איז שטיינמאַן אויך אין אַ גרויסער מאָס אַ בעסאַראַבער, בפרט נאָך, אַז געלערנט האָט ער אין דער קעשענעווער ישיבה און האָט זיך גאָר אַ סך בעסאַראַביזירט.

אַז מיר האָבן זיך געטראָפן אין וואַרשע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך שוין דערציילט. מיר האָבן אַפילו גע־ווינט אין איין צימער, דאַכט זיך אויף דזיעלנאַ. נאָר דאָס סאַמע גרעסטע שותפות אונדזערס איז געווען — דער הונגער. מיר האָבןביידע געהונגערט און זיך ממש געקוויקט מיטן הונגער. אַוודאי, מענטשן, וואָס האָבן נישט דורכגעלעבט קיין הונגער פאַר אַ טיף־אינעווייניקסטן דראַנג צו דערגרייכן דאָס ערשטע טרעפל אין דער ליטע־ראַטור, וועלן נישט פאַרשטיין דעם טעם פון אַזאַ הונגער. בפרט נאָך הונגערן אין וואַרשע איז געווען פול מיט טאַלאַנט. מיר דאַכט זיך, אַז פון אַלע שטעט און שטעטלעך, די ווייטסטע און פאַרוואָרפנסטע, זענען זיך צונויפגעפאָרן קיין וואַרשע יונגע בחורים און מיידלעך דאָרטן צו הונ־גערן. מיר דאַכט זיך אויך, אַז דעם גרעסטן טאַלאַנט צו הונגערן האָבן מיר ביידע, שטיינמאַן און איך, געהאַט. אויפן הונגער אונדזערן האָבן מיר ממש אָנגעטאָן אַ קרוין.

אַמאָל, געדענק איך, האָב איך זיך מיישב געווען אַריינצוגיין צו קרינסקין און פּרווון אויפמאָנען ביי אים אַ חוב, וואָס קיינמאָל האָב איך נישט געטראַכט, אַז ער איז מיר אים שולדיק. נאָך פון דער היים האָב איך געשיקט אין זיין קינדער־זשורנאַל אַ מעשהלע אין העברעיש. דער רע־דאַקטער איז געווען מ. בן־אליעזר און דאָס מעשהלע האָט ער באַלד אָפּ־געדרוקט און נאָך מיר צוגעשיקט אַ לויב־בריוו. אַז איך וואָלט געהאַט די לעצטע צען רובל, וואָלט איך באַצאָלט פאַר אָפּדרוקן דאָס מעשהלע מיינס. נאָר אַז איך האָב געהונגערט, האָב איך געטראַכט: אולי, אפשר וועט אליעזר אַ שמועס טאָן מיט קרינסקין און דער ייד, וואָס אַנדערע האָבן

געשריבן פאַר אים לערנביכער און ער האָט זיי אַרויסגעגעבן אויף זיין נאָמען, ווי ער וואָלט געווען דער מחבר זייערער, — אַז אַט דער ייִד וועט באַצאָלן פאַרן מעשׂהלע.

איז, ווייזט אויס, געווען אַ שעת רחמים: קרינסקי האָט געפּאָלגט בן־אליעזרן און האָט מיר דערלאַנגט גאַנצע דריי רובל. אויף ייִדיש זאָגט מען „קנאַקעדיקע דריי רובל". האָבן די דריי רובל געקנאַקט מיט אַ ניגון, כמעט ווי דער אַז ישיר ביים ים־סוף.

אַ פּאָר טעג האָבן מיר זיך געלאָזט וווילגיין מיט מיין אומגעריכטן פאַרדינסט. זאָגן מוז איך אָבער, אַז שטיינמאַן איז שוין דענצמאָל נישט געווען אַזוי להוט נאָך עסן, ווי איך. זאָג איך „שוין דענצמאָל", וואָרעם היינט איז ער ממש אַ דיפּלאָמירטער נישט־עסער...

צום אָנהייב האָב איך געזאָגט אַז אליעזר שטיינמאַן איז אַ נישט־אויסגעשעפּטער ברונעם. ווי קום איך צו פאַרגלייכן אים מיט אַ ברונעם? איז דאָ אַ שׂכל דערביי: ער אַליין רופט אָן די וויכטיקסטע ווערק זיינע „באר" — ברונעם. אַזוי האָט ער דרייצן בענד (נעמט זיך אַריין גוט אין קאָפּ אַריין: דרייצן בענד) „באר חסידות" — דער ברונעם פון חסידות. פיר בענד זיינע איבערן תלמוד הייסן „באר התלמוד" און ווער ווייסט, צי ער וועט זיך נישט צוריקקערן צום ברונעם? זעט איר שוין, אַז נישט צו ווייט פאַרבלאָנדזעט האָב איך מיטן היימישן ברונעם.

ניין, דערמיט שעפּט זיך דער ברונעם שטיינמאַנס נישט אויס. דריי בענד דערציילונגען זיינע, אַ טעות, נישט דערציילונגען אַליין, — איין באַנד דערציילונגען „דער גרינער באַרג", דער צווייטער באַנד, „ברכי נפשי" — עסייען, דער דריטער באַנד, „פּרודות", וואָס איבערגעטייטשט וואָלט איך עס „בלומען־זריע". דערנאָך קומען נאָך דריי גרויסע בענד, וואָס צוויי פון זיי זענען דערציילונגען און איינער, וואָס הייסט „לקול החליל", איז לירישע פּראָזע. אָבער די אויסגערעכנטע 23 בענד זענען נאָר אַ קליינע טייל פון שטיינמאַנס רייכער שעפערישער באַלעבאַטישקייט. די דאָזיקע בענד זענען נאָר קליינע אַלקערלעך אין איר.

אָנגעהויבן, זעען מיר, האָט ער מיט דערציילונגען און ביז היינט איז ער נאָך אַריינגעוואַקסן אין דער בעלעטריסטיק, אָבער אַריינגעכאַפּט האָט ער זיך דערוויילע אין די ברייטע ייִדיש־פאָרשערישע זאַלן. נישט שייך דאָ

צו געבן אָפּשאַצונגען, נאָר צו ווייזן ווי שרייבעריש רייך ער איז. ממש פע־נאָמענאַל איז זיין שרייבעריש פאַרשידנקייט: חסידות, תלמוד, סתם עסייען, שוין אָפּגערעדט פון דערציילונגען, פּראָזע כמעט לידערדיקע, אַפאָריזמען און וואָס נישט.

דאָס איז גערעדט פון העברעיש, דאָס פעלד פון יידיש האָט ער אויך נישט פאַרלאָזט. אין „גאָלדענע קייט" דרוקט ער אין יעדער נומער כמעט לידערדיקע פּראָזע. זיין יידיש לשון איז ריטמיש, פאָלקיש און צו דער אייגענער צייט טיף־רוחניותדיק. אַז סע פאַרגלוסט זיך אים, שרייבט ער, אויפן שטייגער פון אַמאָליקע יידישע מעשות, געגראַמטע שורות. דער עיקר אָבער איז דער זינגעוודיקער סטיל, וואָס איז אַ מין געלייטערטע בדחנות פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ביי אים אַ שרייב־מאַניער. וואָס אין דער אמתן וואָרצלט ער אין אונדזער פאָלקס־יידיש.

מאַי 1963

יוסף אָקרוטניס „אַ שטיין צוקאָפּנס"

דער נאָמען פון יוסף אָקרוטניס נייעם בוך איז „אַ שטיין צוקאָפּנס". דערמיט וויל ער געבן אָנצוהערן אויפן וואַנדער־שלאַנדער וועג פון יידן נאָך דעם נאַצישן חורבן. אין בוך זעגען טאַקע דאָ דערציילונגען פון יידן, וואָס וואַרטן אויף וויזעס, וואָס זענען אַלעמאָל אונטערוועגנס; יידן וואָס דערשלעפּן זיך קיין אַרגענטינע, פון דעם אָנהויב זייערן אין אַרגענטינע. אָקרוטני האָט געוואָלט שאַפן די עפּאָפּייע פון יידישן וואַנדער, דעם טרויער פון יידן. וואָס האָבן געראַטעוועט זייערע לעבנס און זוכן אַ ברעג צוצר־שטיין צו אים.

האָט אָקרוטני די עפּאָפּייע געשאַפן? אַז מיר לייענען דאָס בוך, פילן מיר דעם שרייבערס פּאַרמעסט. אָבער מיר טראַכטן אויך, אַז דערוויייל איז איבער די כחות פון אַ היינטיקן שרייבער די עפּאָפּייע צו שאַפן. נאָר שטיק־לעך און ברעקלעך האָט אָקרוטני געגעבן, וואָס יעדער פון זיי צערן אַרויס דעם גורל פונעם יידישן מענטשן, וואָס האָט זיך געטראָגן אויף די כוואַליעס פון דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט, ווי אַ שפּענדל. אָקרוטני איז אַ דערציי־לער, וואָס האָט אַן אָפן אויג פאַר מענטשן און סיטואַציעס. און ער שאַפט זיי איבער אויף זיין אייגענעם אופן.

דער מענטש ביי אָקרוטנין איז נישט קיין דערגאַנגענער, דער שרייבער וויל אים נישט דערפירן ביז צו אַ פולן אויסלעב, ער האָט נישט קיין פינאַל, דער מענטש בלייבט ביים אינמיטן און דער לייענער דאַרף אים אַליין, אין אייגענער פאַנטאַזיע, ברענגען צום פינאַל. איז עס אַ שרייבערישער חסרון? נישט אַלעמאָל. אַמאָל קען זיך טרעפן, אַז ביים שרייבער זאָל דער פינאַל נישט זיין וויכטיק און באַוווסטזיניק זאָל ער נישט וועלן די דערציילונג דערפירן ביז צו אַ סוף, נאָר זי איבערהאַקן דאָרטן, וווּ ער האָט דעם מענטשן פּסיכאָלאָגיש אויסגעשעפּט.

די מענטשן אָקרוטניס זענען די סאַמע געוויינטלעכע, נאָר עפּעס איז דאָ אין זיי, וואָס מאַכט זיי אומגעוויינטלעך, אַנדערש, אַפּילו שטיקלעך טשודאַקעס. אין די דערציילונגען שפּירט איר, ווי אָקרוטני האָט געצוימט זיינע נייגונגען די מענטשן צו גראָטעסקירן, איר שפּירט, אַז ער האָט פּאַר זיי דרך־ארץ, דערפאַר טאַקע, וואָס זיי זענען די שפּענדלעך אויפן שטור־רעמדיקן ים פון נאָך דער מלחמה. אָבער וויפיל ער האָט זיך נישט גע־צוימט, איז אָבער זיין איינגעבוירענע שרייבערישע נייגונג ניכר. ער זעט דעם מענטשן אַביסל קרומלעך, אַמאָל זעט ער אים, ווי ער וואָלט געקוקט אויף אים מיט מידע אויגן; דערציילער זענען דאָ, וואָס אייך דאַכט זיך, אַז זיי זענען שוין אַליין מיד אַריינצוקוקן אין מענטשן, זיך גריבלען אין זיי. אָקרוטני איז, ביז אין אַ מאָס, איינער פון דעם מין שרייבער. ביי אים איז נישטאָ קיין געזאַנג צום מענטש, — זאָל זיין נאָר צו אַ מענטשן, וואָס איז אים נאָענט. ער אַליין, שפּירט איר, דערוואַרעמט זיך נישט. הויבט זיך נישט אויף מיטן העלד זיינעם. אַ פּלי צו טאָן, ער האַלט אים ביי דער נידער.

דער מענטש אין דער נידער איז אָבער אויך באַשאַפן בצורת אלוקים, געפינט אַ סך מאָל אָקרוטני דאָס קליינע צורהלע פונעם מענטשן. ער בריט זיך אַפּילו אַמאָל אָפּ די פינגער פונעם פונקעלע קדושה, וואָס ער דערשפּירט אין אַ מענטשן. אָט די מאָמענטן אין אָקרוטניס אַ דערציי־לונג זענען די דערהויבענע, זיי פאַרמאָגן אַפּילו אין זיך אַ מין יום־טוב־דיקייט — און אָקרוטני איז בכלל ווייט פון שרייבערישער יום־טובדיקייט. ער איז נישט קיין נאַטוראַליסט, אָבער דער רעאַליזם זיינער איז אַ וואָ־כעדיקער — נישט קיין גרויער, נאָר אַ וואָכעדיקער, אָן דער פאַנטאַזיע פון אַ קרויך אויפן מענטשן, אַפּילו דעם טיף־ליידנדיקן.

אינעם איצטיקן בוך איז פּאָרט דאָ דעם שרייבערס מיטגעפיל מיט ד־מענטשן. וואָס זיי באַשרייבט ער. ער דערציילט פון יידן־וואַנדערער אין אַן איטאַליענישער שטאָט, איז די דערציילונג „די מוטער פון יאָהאַן שטראוס” אַ טשיקאַווע, זי פאַרמאָגט אַפּילו דינעם הומאָר, אָבער איר האָט נישט קיין חשק מיטצולעבן מיט דער עלטערער פרוי איר טראַגיזם, זי איז טאַקע די מוטער פון אַ יאָהאַן שטראַוס, אָבער עס איז נישט דער קאָמפּאָזיטאָר שטראַוס נאָר אַ סוחרל גאָר, און די הומאָריסטישע סיטואַציע איז, וואָס אַלע מיינען, אַז ער איז יאָ דער קאָמפּאָזיטאָר. זי גייט מיט

תקיפות, זי קומט אין דזשאַינט און מאַנט, — זי איז דאָך די מוטער פון יאָהאַן שטראַוס. דער הומאָר ווערט נאָך טיפער דערפון, וואָס זי, די אַלטע פרוי, וויל גאַרנישט אָפּנאַרן, זי ווייסט גאַרנישט, אַז עס איז געווען אַ גרויסער קאָמפּאָזיטאָר מיט אַזאַ נאָמען, ווי איר זונס. ביי איר איז דאָס קליינע סוחרל, דער זון, אַ גרויסער יחסן. וואָלט אפשר געווען גענוג די דאָזיקע הומאָריסטישע סיטואַציע אויפן הינטערגרונט פון מענטש־אומגליק. דער דערציילער פירט אָבער אַריין נאָך אַ מאָמענט: די אַלטע איז גאָר אַ געשמדטע, זי טראָגט אויפן האַלדז, טיף באַהאַלטן, אַ גאָלדן צלמל און אין צלמל קלאַמערט זי זיך. דאַכט זיך ,אַז דער דאָזיקער פּרט פירט אונדז אַוועק אויף אַן אַנדער דרך, מיר פאַרלירן שוין די פרישקייט פונעם טראַגישן הומאָר, וואָס איבער אַ העלפט פון דער דערציילונג וואָרעמט אים דער שרייבער אויס.

אַ ציקל דערציילונגען איז דאָ, וואָס יעדע דערציילונג טראָגט אַ באַזונדערן נאָמען, נאָר די צענטראַלע העלדן אין זיי אַלע זענען די אייגענע: אַ יונגערמאַן און אַ יונגע פרוי, וואָס דער גורל האָט זיי צונויפגעפירט אין זייער רייסן זיך צו אַ ברעג אין לאַטיין־אַמעריקע.

דער ציקל נעמט אַריין זעקס דערציילונגען, וואָס אין אמתן זענען זיי איין דערציילונג. די אַנטוויקלונג איז אַ פּאַמעלעכע, די הויפּט־פיגורן זענען פאַרלוירענע, זיי זוכן אַן אָנהאַלט אין לעבן און די חדשים, וואָס זיי וווינען איינס נעבן אַנדערן אינעם איטאַליענישן פּאַנסיאָן, צעוואַקסט זיך אַ נאָענטקייט צווישן זיי. די יונגע פרוי איז אין דער היים געווען פון העכערן, רייכערן שטאַנד. דער יונגערמאַן איז אַ פּראָסטערער, נאָר ער טראָגט אין זיך יידישע פרומקייט, מענטש־ציכטיקייט. איז כאָטש זיי זענען „שפּענדלעך״, דאָס הפקרות און די מאָראַלישע צעלאָזנקייט לויערן אויף זיי, בלייבן זיי דאָך ריין, אַפילו שעמעוודיק. זיי וואַרטן אויף די ווייזעס און דערווייל איז מען אַלעמאָל איינײנעם, טראַכט מען איינס פון אַנדערן, ציטערט מען איינער איבערן אַנדערן, אָבער דעם שווערן לעבנסנסיון האַלטןביידע אויס. אינעם דאָזיקן ציקל דערציילונגען האָט אַקרוטני געגעבן די יידישע צניעות, וואָס אַפילו אויפן שוועל פון אָפּגרונט שיינט זי. צו דער אייגענער צייט איז דער ציקל דערציילונגען אַ דאָקומענט

פונעם יידישן וואַנדער נאָך דער מלחמה, פון די האָפּענונגען אויף די נייע היימען און די ביטערע אַנטוישונגען.

אַזוי־ווי אַקרוטני אַליין איז מגולגל געוואָרן קיין בוענאָס־איירעס, דערציילט ער, פאַרשטייט זיך, פון די יידן־וואַנדערער אין זייער ערשטער אימיגראַנטישער סטאַדיע דאָרטן. זענען אָט־די דערציילונגען געשריבן מיט איבערגעטריבענער ביטערקייט, זיי דערמאָנען אין די דערציילונגען פון די אימיגראַנטישע יאָרן אין ניו־יאָרק: די קרובים, וואָס ברענגען אַרי־בער די אימיגראַנטן, זענען כמעט אָן יידיש געוויסן, זיי לאָזן דעם אַריבער־געקומענעם אויף הפקר, זיי לייגן אַוועק אַ פאַרפאַלק שלאָפן אויפן דיל אין קיך, זיי קוקן אויפן אימיגראַנט בייזלעך, מיר דאַכט זיך, אַז די טיפּן זענען געמאָלן איינפאַרביק: אָדער שוואַרץ, אָדער ווייס; אוודאי קען איך נישט די אַרגענטינער יידן אַזויפיל, אַז איך זאָל משפטן, צי דער מחבר איז גערעכט, צי נישט. מיר ווייסן אָבער, אַז דעם אימיגראַנט וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער איצטיקער מלחמה, האָט מען אויפגע־נומען אַ סך אַנדערש, ווי אין די יאָרן פון דער גרויסער יידישער אימי־גראַציע. פאַרוואָס אַרגענטינע זאָל זיין אַזוי עקסטרעם אַנדערש איז ביי מיר אַ רעטעניש.

דערפאַר זענען אַ סך פרייער די דערציילונגען, וווּ נישט דער אימי־גראַנט איז דער הויפּט־מאָטיוו, נאָר די איינגעזעסענע באַפעלקערונג, פול מיט מענטש־דימענטלעך איז דער ציקל דערציילונגען „אַ קוואַדראַט הימל״. אַקרוטני באַמאָלט אַ הייפל. אויפן ערשטן גאָרן פון אַ גרויס הויז. מיר איז דער „קוואַדראַט הימל״ אין בוענאָס איירעס באַקאַנט, טאַקע פון אַקרוטניס היים. עטלעכע שכנים וווינען אַרום דעם הייפל, וואָס קוקט אַרויף צו אַ שטיקל הימל. די טיפּן אין די דערציילונגען זענען לרוב נישט קיין יידן. דאָרטן איז דאָ אַ טיפּ, וואָס האָדעוועט פייגל. ער חלומט אַפילו פון אויסבריען אַ פויגל, וואָס איז אויף דער וועלט נאָך נישטאָ. דאָס הייפל איז אַן אָפּגעצוימטע וועלטל, אין שאָטן פון עטלעכע ביימעלעך און פונעם פייגל־געזאַנג.

אַקרוטני שרייבט דאָ מיט אַ פרייערן אָטעם, דער הומאָר זיינער איז דאָ אַ דינער, ער דערגרייכט אַפילו פאַטעטישקייט, ער זעט די מענטשן מיט אַ לויטערער גוטמוטיקייט. ער באַמאָלט אַ שמחה אויפן הייפל, איז

אפרים אויערבאַך

עס אַ זוניקער טראָפּן אינעם מענטשן־ים. איר רוט זיך ממש אָפּ אויף די בלעטער פונעם ציקל „בוענאָס איירעסער מאָטיוון״. אין זיין פרייען גע־מיט איז אָקרוטני אַ קינסטלער פון דינע ניואַנסן, אַפילו דער אופן שרייבן איז אויך אַ גרינגערער.

דאָס בוך „אַ שטיין צוקאָפּנס״ איז אַ צוטראָג צו דער נאָך נישט גע־שריבענער עפּאָפּייע פון יידישן נאָך־מלחמהדיקן וואַנדער. אַרויסגעגעבן איז דאָס בוך אין פאַרלאַג „סביבה״, בוענאָס איירעס.

מאַי 1967

ביקלס סטיל: קאָמפּליצירטע געדאַנקלעכקייט

דער זייער פּשוטער נאָמען, וואָס שלמה ביקל האָט געגעבן דעם נייעם בוך זיינעם, אַנטפּלעקט זיין יחידישן צוגאַנג צו דער ליטעראַטור־עסעיסטיק. דער נאָמען איז, דאַכט זיך, פּשוט אָן די מינדסטע פּרעטענציעס, — „שרייבער פון מיין דור". איז אָבער „מיין דור" דער אָנזאָג אויפן קריטיקערס דראַנג אַריינצוזוועבן זיך אין די שרייבער, וואָס זייערע ווערק צע־גלידערט ער. סע איז נישט נאָר דער אינטים־שרייבערישער צונויפבונד מיטן שרייבער און זיין ווערק, סע איז דער איך־באַוווסטזיין, וואָס שלמה ביקל איז געבענטשט מיט אים מיט אַזאַ שפע. אינעם אַריינפיר צום בוך זאָגט ער: „דאָס דיכטערישע, בעלעטריסטישע און עסעיסטישע קול, ווי איך האָב עס דערהערט און פאַרצייכנט מיט מיינע אייגענע מוזיקאַלישע צייכנס". דער דרך ביקלס, אין דער קריטיק, איז קודם דאָס קול פונעם שרייבער, ווי ער האָט עס דערהערט, און דערנאָך — „פאַרצייכנט מיט מיינע אייגענע מוזיקאַלישע צייכנס". זעען מיר, אַז נישט נאָר דער נאָמען פונעם בוך, „שרייבער פון מיין דור", נאָר דאָס ביסל שרייבערישע ווידוי, גיט אַרויס דעם סוד ווי ער שרייבט און ווי ער לעבט־איבער דעם שריי־בער.

זענען שלמה ביקלס „מוזיקאַלישע צייכנס" אַ סך מאָל ליריש־קאָמ־פּליצירטע, אַ סך מאָל מער יחידיש־ביקלשע, מיט אַ ווייטער שייכות צום ווערק פונעם שרייבער, וואָס אים רעדט ער אָרום. די גרעסטע קריטי־שע עסעיען אינעם בוך זענען דערפאַר יענע, וואָס ביקל האָט זיך מיט זיי אינטים צונויפגעלעבט, האָט זיי יחידיש איבערגעלעבט. אין די קריטישע עסעיען זיינע באַגעגנט איר זייער אָפט זאַצן, ווו ביקל שטעלט דעם טראָפּ אויף איך. ביי אַן אַנדער עסעיסט וואָלט עס אַרויסגערופן דעם חשד פון גדלות, ביי ביקלען, אָבער, איז דער דאָזיקער חשד נישטאָ, וואָרעם פון

אַנהייב־אָן פילט איר, אַז אין זיין קריטיק דאָמינירט דער לירישער דראַנג יחידיש זיך אַליין אויסצודריקן. — דורך באַטראַכטן די ווערק פון אַנ־דערן.

אַ סך פון די עסעיען זיינע הייבט שלמה ביקל אָן מיט אַן אייגענעם ליריש־טראַכטערישן אַריינפיר. די הקדמה צום עסעי איז דער תמצית פון די „מוזיקאַלישע צייכנס", וואָס דעם שרייבערס קול האָט ביי אים אַרויס־גערופן. ער איז אינטים צונויפגעלעבט מיטן שרייבער, אָבער זיין אייגע־נער צד, — דער שלמה ביקלשער, — איז דער עיקרדיקער. און גראָד אין די עסעיען ווו שלמה ביקל קאָן זיך, זיין אייגענעם איך, אַרויפשטעמפּלען אויפן שרייבער, זענען די געלונגסטע, די פולסטע אין לירישן אויסלעב. קריטיקער זענען דאָ, וואָס זייער שליחות איז זיך אויסצולייזן אינעם שרייבער.

אַ ריי שרייבער זענען געווען ביי אונדז, וואָס פון זיי האָט געווייט מיט אַ מין פרעמדקייט. זיי זענען געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור אַנגעטרונקען מיט די קולטור־און־ליטעראַטור־געטראַנקען פון דער גרויסער וועלט און אין זייער שרייבן האָט זיך געשפּירט דער טעם פון דער גרויסער וועלט. ביי אַ טייל איז דער טעם געווען אַ טערפּקע־פרעמדער, ביי אַ טייל איז ער געווען אַ דין־אַראָמאַטישער. שלמה ביקל איז אויך אַנגעטרונקען מיט פרעמדע וויינען. אָבער ביי אים האָט זיך די פרעמדקייט צונויפגע־זונגען מיטן אייגן־יידישן און געשאַפן אַ האַרמאָניע, וואָס גיט־צו דער עסעיסטיק זיינער אַ באַזונדערן קאָליר. לרוב דערציילעריש־בילדערישע משלים פון דער שטעטלשער סביבה, וואָס אין איר איז אויסגעוואַקסן און אַריינגעוואָרצלט נאָר דער פירדש איז שוין געדאַנקלעך, און אַפילו געמי־טיק, געגנומען פון דער „ווייטער וועלט".

די ליטעראַטור־עסעיען זיינע זענען דערפאַר אָרגאַניש צונויפגע־וואַקסן מיט דער „ענגער יידישער וועלט", אָבער צו דער אייגענער צייט איז דאָ אין זיי אַ מין כאַפּן אַ קוק אויף דער ברייטער וועלט. ער אַליין זאָגט אין זיין אַני־מאַמין עסעי, ביים אָנהייב פון בוך, אַז „איך האָב זיך געטוליעט צו יידיש און העברעיש און האָב קיינמאָל נישט געהאַט דעם גלוסט אַריבערצושפּרינגען דעם פלויט אין דער ווייטער וועלט אַריין" גלייבן מיר אים, אָבער מיט דער דאָזיקער ווידוי גיט ער זיך אַרויס, אַז

די „ווייטע וועלט״ איז אים לחלוטין נישט פרעמד. גאָר אָפט כאַפט איר דעם דאָזיקן פאַרהוילענעם קאָמפּלעקס אין זיין סטיל, אינעם אופן ווי ער דריקט־אויס אַ געדאַנק. טאַקע אינעם דערמאָנטן עסעי, וואָס איז אַ טיפער, מענטשלעכער און יידישער, זאָגט ער: „זינגען איין און דעמזעלביקן ניגון, וואָלט איך געזאָגט, פון גלייביקן צווייפל און פון דיסטאַנצירטער נאָענטקייט״. איז נישט אַזוי פרעמד דער געדאַנק „פון גלויביקן צווייפל״, ווי דער סטיליסטישער קנייטש „דיסטאַנצירטע נאָענטקייט״, שלמה ביקל איז אָבער גובר די גלוסט „אַריבערצושפרינגען דעם פלויט אין דער ווייטער וועלט אַריין״ מיט די דערציילערישע משלים, וואָס נעמען נעמט ער זיי דורכויס פון דער איינגעוואָרצלטער יידישער סביבה, — אַ סך מאָל פון דער למדנישער און רביאישער. אָט־די דערציילערישע משלים שאַפן דעם יידישן קלימאַט אין זיינע עסייען און גאָר אָפט אויך דעם ליריזם זייערן.

איבער פערציק שרייבער נעמט שלמה ביקל אונטער זיין ליריש־קריטישן מיקראָסקאָפ און דער לייענער האָט באמת פאַר זיך אַ דור, וואָס שאַפט יידישע ליטעראַטור, אָדער עטלעכע, וואָס האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפורן אין דער ליטעראַטור און זענען נאָך אַ ווירקעוודיקער כח, אַפילו אַז זיי זענען שוין יאָרן אָפגעשיידט פון אונדז. דאָס בוך איז דערפאַר אַ ברייטע לייוונט פון דער יידיש־שעפערישקייט, די שעפערישע געשיכטע פון אַ דור. אמת, סע איז נישט געשיכטע אָביעקטיווע, נאָר שאַרף־יחידישע, אָבער דאָס פנים פונעם דור וואַקסט פאָרט אַרויס דערפון.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ביקלען איז דאָס וואָרט געמיט, וואָס איר וועט עס געפינען אין זיין יעדן עסעי כמעט. אַ שרייבער בכלל אַנטפלעקט זיך אין עטלעכע אויסדרוקן, וואָס חזרן זיך ביי אים איבער. אומבאַוווסטזיניק קומען זיי אַליין צוריק צו אים, זיי ווערן די פאַרב און דער טאָן זיינער. געמיט איז שלמה ביקלס פאַרב און טאָן, אַז ער פרווט צוצוקומען נאָענט צו אַ שרייבער, איז דאָס ערשטע, וואָס ער וויל ביי אים דערשפירן, איז דאָס געמיט זיינס. ער איז אינטעלעקטועל, געדאַנקלעך, אָבער דערשפירן דעם שרייבער דערשפירט ער אין זיין געמיט. מיר דאַכט זיך, אַז די קינסטלערישע שיטה ביקלס, — אויף וויפל סע איז מעגלעך צונויפצוהעפטן אַ שיטה פון צעוואָרפענע עסעיען, — איז געדאַנק און געמיט. דער שריי־

בער, וואָס ביי אים געפינט ער אָט־די קינסטלערישע האַרמאָניע, איז אים נאָנט, מיט אים איז ער זיך מתחבר און מתייחד. ער איז אַ כוללדיקער קריטיקער, וואָס מיינט אַז קודם פּרווט ער דעם שרייבער אַרומנעמען אין זיין פולקייט, אין זיין גאַנצקייט. ער האָט אָבער אַ סענסיטיוון חוש פאַרן פּאָעטישן אימאַזש, באַזונדערס יענעם אימאַזש, וואָס פון אים וואַקסט אויף אַרויס אַ געדאַנק. אין זיין פּירוש אויפן שרייבערישן אימאַזש ברענגט ער אַריין אינטעלעקטואַליזם, דרינגט פון אים אַרויס דעם געדאַנק, וואָס ער וויל אָנווענדן אויפן פּאָעט, אָדער דערציילער.

דער שרייבער רופט ביי אים אַרויס ווייטע אַסאָציאַציעס, ער ווענדט זיי זייער אָפט אָן אויף אַ גאָר געלונגענעם אופן. דעם שרייבער וויל ער אוועקשטעלן אין אַ ברייטער סביבה, אים ירושהדיק צונויפהעפטן מיט ווייטע און נאָענטע פאָרגייערס, צונויפקניפּן מיט די געדאַנק און געמיט־פּעדים, וואָס וועבן זיך אין דורות. איז קיין ספק נישט, אַז דער שרייבער וואַקסט דערפון אין דער געשיכטלעכער ברייט און קינסטלערישער טיף. דער עיקר אָבער וואַקסט דערפון שלמה ביקל, — דער ליטעראַטור־עסעיסט און קינסטלערישער אָפּשאַצער. ביקל אַליין לעבט אינטעלעקטועל געשיכטלעך און דעם אייגענעם גאַנג ווענדט ער אָן אויף די שרייבער, וואָס פון זיי שרייבט ער. די ווייטע אַסאָציאַציעס שטעמפּלט ער אַרויף אויפן שרייבער מיטן פולן באַוווסטזיין פון אייגענעם איך זיינעם. איז דער קריטישער עסעי זיינער דערפאַר אָפּשאַצעריש פּערזענלעך און דער נאָכקלאַנג פון אים איז לרוב, ווי ער וואָלט זיין קול אַריינגעזונגען אינעם שרייבער.

אַזוי, למשל איז נישט שייך מסכים צו זיין מיט ביקלען, אַז משה לייב האַלפּערן איז אַ פּאָעטישער גלגול פונעם קאָצקער געמיט. ביקל האָט זיך דערטראַכט צו אַ גייסטיקן יחוס פאַר משה לייב האַלפּערן. דאָס „קאָצקער געמיט" האָט אין אים, דעם אָפּשאַצער, אַ בליץ־געטאָן און די שיין פונעם בליץ האָט ער געוואָרפן אויפן טראַגיש־בונטאַרישן פּאָעט אונדזערן. די ווייטע אַסאָציאַציע צווינגט ביקל אַרויף מיט גוואַלדיקער אייגענער פאַרגלייבקייט און דערפאַר איז כלל נישט שייך צו טראַכטן, צי איר האַלט אויך אַזוי, צי נישט. „דאָס קאָצקער געמיט" איז ביקלס אַ יחידישע שטימונג און משה לייב האַלפּערן איז אפשר נאָר תירוץ, אָדער די

קאַנווע, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט זיך אַליין אויסצודריקן, די אייגענע שטימונג אויסצוזינגען. בכלל האָט ביקל אַ לײדנשאַפטלעכן דראַנג צו גרויסע געשטאַלטן און ער פּרוּווט שרייבער צו געשטאַלטיקן נאָכן גייס־טיקן אָפּבילד פון די דורות־פריערע געשטאַלטן.

וועגן גלאַטשטיינס „ווען יאָש איז געקומען" שרייבט ער:

„דער איבערגאַנג פון רעאַליזם צו חומש־ראָמאַנטיק, און דער־עיקרשט, וואָלט איך געזאָגט, די סטיליסטיש־מוזיקאַלישע באַהעפטונג צווישן דער וואָר פון דער לובלינער חברה קדישא און דעם ראָמאַנטיש־ווייטן איבערשמועס פון אברהם אבינו מיט די בני חת פונוועגן אַ קבר פאַר דער מאַמע שרה, איז אַזוי גאַנץ, אַזוי האַרמאָניש, אַזוי אָן דעם מינדסטן גרילץ, אַז איך האָב, ווי געזאָגט, נישט ווילנדיק אַ טראַכט־געטאָן צו דעם וווּנדערלעכן בעל־תפילה פון מיין היימשטאָט, וואָס ביי אים האָט זיך אַזוי מייסטעריש און טיף צונויפגעגאָסן זיין גאָט־בענקשאַפט פון דעם ממעמקים־רוף מיט דער נויט פון חיונה און מיט איר, אַזוי צו זאָגן, קורצ־טערמיניקער און דרינגלעכער בקשה: טאַטע, דערבאַרעם זיך".

די ווייטע אַסאָציאַציע וואָלט אפשר געקאָנט גיין נאָך אַ סך ווייטער אין אונדזער געשיכטע, שלמה ביקלס געמיט איז אָבער דאַמלסט געווען דורכ־גענומען מיטן בעל־תפילה פון זיין היימשטאָט און האָט זיין יחידישע שטימונג אָנגעווענדט אויף גלאַטשטיינס שרייבן. מיר איז נאָר קשה, צי נאָכדעם ווי ער רעדט פון פולער האַרמאָניע, גאַנצקייט, איז סטיליסטיש לאָגיש צוצוגעבן „אָן דעם מינדסטן גרילץ". ממה נפשך, אויב סע „אַזוי גאַנץ, אַזוי האַרמאָניש", איז דאָך שוין נישט שייך צו טראַכטן פון אַ גרילץ. אַזוי איז מיר אויך קשה צוואָס סע איז נייטיק אַריינצופירן דעם „אַזוי צו זאָגן" פאַר דער „קורצטערמיניקער און דרינגלעכער בקשה". דאָס אַרויסשטאַרטשנדיקע וואָרט „קורצטערמיניקער" ווערט דערפון נישט מער אַריינגעוואַקסן אינעם קלימאַט פון די פריעריקע יאָדערדיק־אידישע שורות.

בכלל פּרוּווט שלמה ביקל אויסצודריקן אַ געדאַנק אויף אַן אייגע־נעם אופן, וואָס נישט אַלעמאָל זענען איר סטיליסטיש מרשווה מיט אים. אַזוי זאָגט ער אינעם עסיי וועגן אברהם סוצקעווערן, אַז „די דאָזיקע טערמינאָלאָגיע האָט שקלאַ וטריאַש געברויזט" און איר מוזט זיך פאַר־

האַלטן אויפֿן „שקלא וטריא־ש געברייזט" און זיך פּרוּוון אויסמאָלן וואָס פֿאַר אַ מין ברויזעניש דאָס איז. סע איז נישט דערפֿאַר, וואָס די גמראַדי־קע שקלא וטריה איז אייך, חלילה, פֿרעמד. פֿרעמד איז זי אייך אינעם קאָנטעקסט ווי שלמה ביקל נוצט זי.

פֿונוואַנען נעמט זיך צו אים אַזאַ סטיליסטישער ויתרוצצו? מיר דאַכט זיך, אַז דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס אַ חוץ אייגענע געדאַנקען, פּרוּווט ביקל אויך שאַפֿן אַן אייגענעם סטיליסטישן קלימאַט אין זיינע עסייען. ער וויל האַרמאָניזירן פֿאַלקסטימלעך לשון מיט דורכויס אינטעלעקטועלע באַגריפֿן און אויסדרוקן. דאָס צו דערגרייכן קומט אים אָפּט אויס זיך צו ראַנגלען. איר זעט ממש, ווי אין אים ראַנגלט זיך דער סטיל, דער דראַנג צו אינדיווידואַליזירן דעם סטיל זיינעם. לרוב בליצט אין אים אַ סטיליס־טישער ווענד, וואָס איר ווערט פֿון אים נשתומם און איר זענט אים דערפֿאַר מוחל די אַמאָל־אומגעלונגענע סטיליסטישע שידוכים, וואָס ער שדכנט צונויף צווישן דעם פֿאַלקסטימלעכן לשון און דעם אַבסטראַקט אינטעלעק־טועלן באַגריף.

די עסייען, ווו שלמה ביקל איז פֿול צונויפֿגעוואַקסן מיטן שרייבער, ווו ער קען זיין אינדיווידואַליסטישע שטימונג אַריינוועבן אינעם שריי־בער, איז ער טיף אַריינדרינגלעך און, אַפֿילו אייער אייגענער אָפּשאַץ פֿונעם שרייבער איז ביז איצטער געווען אַן אַנדערער, הייבט איר אים איצטער צו זען, ווי ביקל האָט אים פֿאַר אייך געשטאַלטיקט. דורך זיך אַליין אַנטפּלעקט ער דעם שרייבער און צווינגט אים אויף אייך אַרויף אַזאַ, ווי ער וויל אים געשטאַלטיקן. דאָס איז אַ מדרגה, וואָס ווייניק ליי־טעראַטור־קריטיקער דערגרייכן זי. דער אַרויפֿצווונג־כח איז שלמה ביקלס אייגענער גלויבן אין דעם, וואָס ער זאָגט, און די אינטענסיווקייט פֿון דעם אופֿן, ווי ער שרייבט. די אינטענסיווקייט איז צונויפֿגעפּאָרט פֿון גע־דאַנק און סטיל; פֿון געמיט און כמעט פֿאַנאַטישער פֿאַרגלייבטקייט אין דער ווירקעוודיקייט פֿונעם וואָרט זיינעם.

דער ליטעראַטור־עסעיסט שלמה ביקל טוט דאָס אייגענע וואָס דער דערציילערישער עסעיסט, — און ווידער שלמה ביקל, — נאָר די פֿאָרם איז אַן אַנדערע. אין די דערציילערישע עסייען, אין בוך „דריי ברידער זענען מיר געווען", זענען די מענטשן, וואָס ער מאָלט די קאַנווע, אויף זיי

אויסצוּוועבן זײַנע אייגענע לירישע מחשבות, ייִדיש־פילאָזאָפישע און וועלט־ייִדישע געדאַנקען, אין דער ליטעראַטור־עסעיסטיק זענען די שרייבער פאַר אים די קאַנווע, כאָטש ער גיט דעם שרייבער אַליין די פולע מאָס אָפּשאַצערישקייט. אַזוי איז דער עסעי זײַנער וועגן לייוויקס „אין די טעג פון איוב", וואָס איז געשריבן מיט אַ גוואַלדיקער שרייב־תאווה און בלישטשעט מיט דורכויס־ביקלשער געדאַנקלעכקייט, אַפילו מיטן אייגענעם טרויער זײַנעם. אַפילו פּאַראַדאָקסאַלישקייט, ווי דער עסעי וועגן באַשעוויס, ווו ער דערגייט צום זאָג, אַז די שפּראַך פאַרפירט אים, באַשעוויסן אין די שלאָפּצימערן פון זײַנע העלדן, — אַפילו אַזאַ פּאַראַ־דאָקס נעמט איר אויך אָן, דערפאַר וואָס דער פּאַראַדאָקס וואַקסט אויך אין ביקלס סטיל קאָמפּליצירטער געדאַנקלעכקייט.

שלמה ביקלס „שרייבער פון מיין דור״

שלמה ביקלס צווייטער באַנד „שרייבער פון מיין דור״ איז נישט נאָר אַ שרייבעריש־אָפּשאַצערישער דורכגאַנג איבער די ליטעראַטור־בייטן אונדזערע פון אַן ערך אַ צענדליק יאָר, נאָר אַ פיל־געשטאַלטיקער אָפּ־שפּיגל פון אַ שרייבערישער פּערזענלעכקייט — טאַקע דעם מחבר פון דעם דאָזיקן בוך. ביי אייך איז קיין ספק נישט, אַז אין איבער זעכציק עסייען, וואָס פילן־אָן די קרוב צו פינף הונדערט עמודים פונעם בוך, שפּיגלט זיך אָפּ די שרייבערישע ביקל־פּערזענלעכקייט. דערפאַר בלייבט איר אַביסל געפלעפּט פון דער שפע און דער צעברעקלטקייט אין דער גאַנצקייט פונעם בוך. שלמה ביקל לייגט־אַריין אַ טייל פון זיין פּערזענ־לעכקייט אין יעדער קריטישן עסיי און דאָך דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט דערשעפּט צו זיך אַליין.

די שרייבערישע פּערזענלעכקייט ביקלס דריקט זיך קודם אויס אין דער קאַפּריזנעקייט פון זיין לשון. ער איז נישט קיין וועלטן־איבערקע־רער אינעם יידישן לשון, און דאָך איז דאָ אַ מין אייגענער ריטם אין דעם און אייך דאַכט זיך, אַז ער טוט־אויף אַ סך חידושים סיי אינעם צו־נויפשטעל פון ווערטער און סיי אינעם אופן, ווי ער זאָגט אַרויס אַ געד־דאַנק. דאָס לשון, דאַכט זיך אייך, טראַכט ביי אים. אָבער די מחשבה איז ביי אים אַ זינגעוודיקע. זיין דראַנג צו באַנייונג איז אַ בפירוש קינסטלע־רישער, אַפילו אַז ער ווערט אַמאָל פאַרפירט פון אים אין אַ מין שפּראַכ־לעך־געדאַנקלעכן ווילדוואַלד. ער האָט אַ קינסטלערישע אַמביציע, וואָס איז ווי ביי יעדן קינסטלער, נישט קיין תמידיקער חומר ביד היוצר. אָבער גראָד ווען דער ליים לאָזט זיך נישט קינסטלעריש קנעטן, שאַפט זיך אין ביקלס אַן עסיי אַ מין געדאַנקלעכע קאַלירפולקייט.

דאָס בוך האָט פינף אָפּטיילונגען. די גרעסטע איז וועגן פּאָעזיע. זי פאַרנעמט איבער 160 עמודים און רעדט אַרום 21 פּאָעטן. די אָפּטיילונג „דערציילערס״ פאַרנעמט אויך כמעט די אייגענע צאָל עמודים, אָבער די צאָל שרייבערס איז אַ קלענערע — נישט מער ווי זעכצן — און דערפאַר איז דער איינדרוק, אַז שלמה ביקל איז תוכיק מער אַריינגעטאָן אין פּאָע־זיע, ווי אין פּראָזע. מיט די 21 פּאָעטן אין דער באַזונדערער אָפּטיילונג קומט נאָך ביקל נישט אָפּ. ער האָט נאָך אין דער אָפּטיילונג „פאַרצייכע־נונגען״ אַ גרעסערער עסיי איבער לייוויקן און אַן עסיי איבער ביאַליקן, אין שייכות מיט אליעזר שטיינבערגן. הייסט עס, אַז צופיל אָוועקגע־בלאָנדזשעט האָב איך נישט מיט דער מסקנה, אַז ביקל איז תוכיק מער אַריינגעטאָן אין דער פּאָעזיע.

דער אָנהויב פונעם בוך איז „איידער כ׳הויב־אָן״, וואָס איז אין דער בחינה פון אַקדמות. איז דער עסיי איבער ר׳ נחמן בראַצלאַווער אַריינ־געראַמט אין דער ריכטיקער ראַם פונעם גאַנצן בוך. דער צווייטער עסיי אָבער — איבער אַלבערט שווייצער — האָט מיט דער ליטעראַטור פון ביקלס דור קיין שום שייכות נישט. דער מחבר האָט זיך פּשוט נישט גע־וואָלט שיידן מיט אים, האָט ער אים אָוועקגעשטעלט אינעם „אַקדמות״, נאָר מיר ווייסן נישט, צי אין מילין, אָדער ושירותין. דאָס איז אויך כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר ביקלען: ער ציטערט איבער יעדער עסיי זיינעם און טראַכט אַלץ, אַז ער, דער עסיי, וועט אים דערגאַנצן. דער דאַרשט זיך אַרויס־צוזאָגן אין דער טרייב־כח פון זיינע עסייען און איר דערקענט אַ סך מאָל, ווי נישט דער שרייבער, וואָס וועגן אים שרייבט ער, איז ביי אים דער עיקר, נאָר ער אַליין — דער מענטש, וואָס דאַרף עפּעס זאָגן.

דער ערשטער עסיי אינעם בוך איז, ווי געזאָגט, וועגן ר׳ נחמן בראַצ־לאַווער. איז ביקל געווען, אַז דער בראַצלאַווער האָט די נאָענסטע שיי־כות מיט דער יידישער ליטעראַטור פון די לעצטע 75 יאָר. ער איז אויך גערעכט, אַז די חסידישע מעשה, אַפילו די וואָס שטייט נישט אויף דער קינסטלערישער הויך, ווי ר׳ נחמנס מעשות, האָט משפּיע געווען אויף דער שעפערישקייט אין יידיש. מיר איז נאָר אַביסל קשה, וואָס ביקל האָט זיך דערטראַכט אַפילו צום ווייטסטן פאַרגלייך צווישן דער חסידישער

מעשה וועגן רביים און שעקספירס דראַמעס. און כאָטש ער אַליין זאָגט אַז שעקספיר איז דער עיקר דראַמאַטיש און די חסידישע מעשה איז באַוווּנדערונג, אָן דעם מינדסטן עלעמענט פון דראַמע, האַלט ער זיך דאָך ביים פאַרגלייך מיט שעקספירן. אויף דעם האָט ער אַ געלונגענעם עפּיגראַם, אַז „קונסט איז פון אייביק־אָן אַ גנבערין פון אידייִשע און סאָציאַלע גרענעצן". נאָר דער עפּיגראַם בלייבט פאַר זיך אַליין און דער צד־השווה בלאָנקעט זיך אַרום און קען קיין תיקון נישט געפינען.

נישט אויף אַלע עסייען קען איך זיך אָפּשטעלן, האָב איך אויסגעקליבן יענע, וואָס האָבן מיך אַביסל פאַרטשעפּעט. דער גרויס־פאַרנעמיקער עסיי איבער 70 יאָר יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע גיט אונדז אַ פול בילד פון די שטורמישע יאָרן, ווען די ליטעראַטור איז געווען צונויפגעוואַקסן מיטן אימיגראַנטישן אַרבעטער־לעבן. געפין איך אָבער אויך אינעם דאָזיקן עסיי אַן אָפּנייג, וואָס וואָלט אפשר געדאַרפט אַזוי זיין, אָבער ער איז נישט. ביקל האָט גענומען דעם אָנגענומענעם פאַקט, אַז תנ"ך־איבערזעצונגען האָבן געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון ליטעראַטורן אין פאַרשידענע לענדער. ער זאָגט דערפאַר, אַז יהואש'ס תנ"ך אין יידיש האָט באַווירקט דעם גאַנג פון דער פּאָעזיע אין יידיש און האָט אויך צוריקגעפירט די ליטעראַטור צו טראַדיציאָנאַליזם. דער אמת איז אָבער, אַז יהואשס תנ"ך איז דערשינען אין די מיט־צוואַנציקער יאָרן, בעת די „יונגע" האָבן שוין געהאַט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון פּאָעטיש־חנדלדיקן לשון און אַפילו די „אינזיכיסטן" האָבן שוין אויך געהאַט אָוועקגעשטעלט אַ פעסטן פוס אין דער ליטעראַטור.

וואָס איז שייך, ווידער, דעם צוריקקער צו טראַדיציאָנאַליזם, איז אויך דער יהואש־תנ"ך נישט געווען דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר אין דעם דאָזיקן פּאָעטישן גאַנג. בכלל, דאַכט זיך מיר, איז דער צוקום פונעם שרייבער צום תנ"ך געווען אַ מער דירעקטער. אַפילו שרייבער, וואָס האָבן ווייניק געלערנט אין חדר, האָבן אויך געטראָגן דעם תנ"כישן ווידערקלאַנג. די סיבה פאַרן צוריקקער צום טראַדיציאָנאַליזם אין דער פּאָעזיע איז געווען אַ ריין־פּאָעטישע: דער פּאָעט האָט דערפילט, אַז אין טראַדיציאָנאַליזם קען ער טיפער אַריינזינגען זיך אַליין.

בטבע גייט שלמה ביקל נישט אַרויס פון די כלים אין זיין אָפּשאַצן

שרייבער. ער איז וואַרעם אין שרייבן, אָבער די וואַרעמקייט שטראָמט אַרויס פון זיין אייגענער שרייב־הנאה — און דאָס איז פאַר זיך אַליין אַ הויכע מדרגה. פּאַסטן זענען אָבער דאָ, וואָס בנוגע זיי צעוואַרעמט ער זיך, ער שרייבט פון זיי מיט אַנגעגליטע ווערטער. אַזאַ איז דער עסיי וועגן יעקב גלאַטשטיינען. געוויינטלעך האַלט זיך ביקל אין דער מאָס און אַמאָל ווערט אייך אַביסל קשה, וואָס צו אַזויפיל שרייבער פאַרמאָגט ער אַ מאָס פול־אַנערקענונג. דערפאַר איז אייך אַ מין דערהויבונג, אַז איר לייענט אַן עסיי, וואָס איז אַרויס פון די אָנגעצייכנטע גרענעצן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט.

גלאַטשטיין, האַלט ביקל, האָט זיך אומגעקערט צום אורשפּרינגלעכן וואָרט און דער מוזיק פון דעם וואָרט אין זיין פּרימיטיווקייט. איז קיין ספק נישט, אַז גלאַטשטיין איז אַ שפּראַך־מייסטער, אַפילו אַ שפּראַך־באַנייער. מיר איז אָבער קשה דער געדאַנק, אַז גלאַטשטיין האָט זיך אומגעקערט צום אורשפּרינגלעכן וואָרט. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער מעגלעך אַז מיר, ביקל און איך, האַלטן פון גלאַטשטיינס לשון נישט אַנדערש, נאָר מיר ריידן זיך אַרויס אַנדערש. איז, ווייזט אויס, טאַקע דאָס אַרויסריידן זיך דער סאַמע עיקר. ביקל זאָגט זיך אַמאָל אַרויס אַנ־דערש ווי ס'איז אָנגענומען — און ס'איז אַן אָנגענומענקייט אַפילו אין די סאַמע פּערזענלעכסטע שרייב־אויסדרוקן — און דערפאַר זענען מעגלעך טיפע קאָנפליקטן מיט אים.

נישט שייך צו זאָגן ביי וועמען שלמה ביקל איז מער „אַרויס פון די כלים" — צי ביי גלאַטשטיינען, אָדער ביי סוצקעווערן. די הויך פון דער שרייב־טעמפּעראַטור איז שווער צו מעסטן, כאָטש עס איז דאָ אַ מאָס, וואָס איר שפּירט זי גיכער, ווי איר קענט זי באַשטימען נאָך די גראַדן. דאָ רעדט זיך נישט וועגן ביקלס „אַלטע ליבעס", ווי אליעזר שטיינבערג, איציק מאַנגער און יעקב שטערנבערג. יוגנטלעכע ליבעס זענען זיי און ביקל איז זיי געטריי. ריידן רעדט זיך דאָ מכח די ניידערליבטע ליבעס — פּאַטעטישע, פאַרשטייט זיך. סוצקעווער איז, ווי ביי מיר קומט אויס, די ניי־דערליבטע ליבע ביקלס, וואָס וואַקסט אַריבער אַלע אַנדערע ליבעס זיינע.

דער גרונט־אַוועקשטעל ביקלס איז, אַז דער כח סוצקעווערס ליגט

נישט אין דער אָדער יענער דיכטערישער שטימונג, נאָר „עס פּאַרכי־שופט די געדויעריקע קראַפט פון סוצקעווערס שפּראַך־ווירטואָזיטעט און פון זיין פּראָזישער מייסטערשאַפט", און ווייטער: „עס רייסט־מיט דאָס וועלט־בילד (אונטערגעשטראָכן פון מיר — א. א.), וואָס זינגט אַרויס פונעם דיכטערס קרישטאָלענעם הימן".

איז כאָטש מיר איז היפּשלעך קשה „די געדויעריקע קראַפט" בנוגע שפּראַך־ווירטואָזיטעט, ווייס איך אָבער וואָס ביקל האָט געוואָלט זאָגן. איך ווייס אָבער נישט, וואָס „וועלט־בילד" באַטייט, בפרט נאָך אַז שייך איז עס צו „קרישטאָלענעם הימן". אַוודאי, ס'איז שוין געזאָגט, דער עיקר, ס'איז פול מיט באַגייסטערונג פאַרן פּאָעט און אַזאַ באַגייסטערונג האָט אַ טבע אַמאָל איבערצופליצן די גרינסטע, ליכטיקסטע ברעגן אַפילו. אַ הימן — דער קרישטאָל־לויטערסטער — איז נישט די גאָר־הויכע מדרגה אין פּאָעזיע. נאָר ביי ביקלען ווערט דער הימן דערהויבן דערפאַר, וואָס ער אַליין איז דערהויבן אינעם פּראָצעס פון שרייבן.

נאָענט זענען אייך ביקלס געדאַנקען וועגן סוצקעווער, אַפילו, אַז איר פרעגט זיי אַ סך מאָל אָפּ. אברהם סוצקעווער, וואָס איז איינער פון די יונגערע פערזן־מייסטערס אין אונדזער ליטעראַטור, ווערט ביי ביקלען דערהויבן צו דער מדרגה פון טראָגן אַ „שווער פּאָעטיש שלי־חות פון עסטעטיש־מאָראַלישער זעונג און אמונה". וואָס „עסטעטיש־מאָ־ראַלישע זעונג" מיינט, איז מיר נישט געגעבן צו פאַרשטיין. נאָר דער עיקר איז ביי ביקלען דער עסטעטיזם, וואָס אייגנטלעך מיינט עס אַז אַנ־דער בויג פון דער אייביקער מחלוקת צווישן די אהלי שם און אהלי יפת. אַזויווי ביקל איז אַ שטימונגס־קריטיקער, איז נישט שייך צו פרעגן אויף ווידעראַנאַנדן ביים אים — וואָס בנוגע אַן אַנדער שרייבער הויבט ער אַרויס דעם אַנדערן צד: די עטיק.

צו ברענגען אַ מוסטער פון דער הויכער טעמפּעראַטור, וואָס ביקל אַרבעט זיך אַרויף אויף איר, בעת ער שרייבט פון אַ שרייבער, וואָס איז אים שטאַרק נאָענט, וועל איך ציטירן דעם פאַררונדיקטן סוף פון דעם עסיי איבער סוצקעווערן:

„איך שטיי און שטוין מיט באַוווּנדערונג און מיט אַ געפיל פון ייִדישן

שטאָלץ, וויאַזוי די לירישע אידיאָמען פון טרויער און אויך פון ליבע און פרייד זיינען נאָענט צום אַלטן קוואַל פון שעפערישקייט און גייען איבער דורות און ווערן אַלעמאָל פונדאָסניי באַנייט פון עכטע יידישע דיכטער, אין גייסט פון זייער צייט״.

פון די סאָוויעטיש־יידישע פאָעטן, וואָס ביקל שרייבט וועגן זיי, האָט מיך דער עיקר צוגעצויגן דער עסיי איבער פעפערן. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס איציק פעפער איז פאַר מיר ביז היינט אַ טראַגישע רעטעניש. נישט דער אומקום זיינער איז דער טראַגיזם, נאָר דער פאָעטישער גאַנג זיי־נער. ער איז געווען איינער פון די גאָט־געבענטשטע פאָעטן אין אונדזער ליטעראַטור בכלל און אין דער סאָוויעטיש־יידישער בפרט. צו דער אייגע־נער צייט אָבער האָט ער דעגראַדירט צו גראַממען־פלעכטעריי צו באַזינגען סטאַלינען. ביקל זוכט אויך אַ באַשייד צום דאָזיקן פלאָנטער, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז צו־פשוט דער אויספיר זיינער, אַז פעפער האָט פשוט מורא געהאַט פאַר די גויים מיט די קנעפּלעך, ווי יצחק יאַנאַסאָוויטש דערציילט אין זיין בוך „מיט סאָוויעטיש־יידישע שרייבער״. דער פאָעט, וואָס האָט געהאַט אַזאַ וווּנדערלעכן כח אויסצודריקן די טיפסטע געפילן זיינע אין מוזיקאַליש־בויגעוודיקע שורות, איז אָן ספק געווען אַ סך מער קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט, ווי סתם מורא האָבן פאַר גוים מיט קנעפּ־לעך. ביקל האָט אַוועקגעשטעלט דאָס רעטעניש, אָבער דער באַשייד זיי־נער איז ביי מיר היפש אָפּגעפרעגט.

כדי צוצוקומען צו די עסייען איבער דער יידישער פּראָזע, מוז איך זיך אַרויסכאַפּן פון דער מלכות השירה אינעם בוך און כאָטש אַביסל טועם זיין פון די דערציילערישע עסייען. אָנהויבן הויבט ביקל אָן די דאָ־זיקע טייל מיט זייער אַ שיינעם עסיי איבער פּרצן, וואָס איז אייגנטלעך נאָר אַ מין אָפּשיין פונעם פּרץ־געשטאַלט. דער עיקר, וואָס ער וויל דאָ אַרויסברענגען, איז די „יידיש־פּוילישקייט אין אונדזער מאָדערנער לי־טעראַטור״. דער אַוועקשטעל איז אַ ריכטיקער — די יידיש־פּוילישקייט האָט געלייגט אַ בלענדיק־ליכטיקן חותם אויף אונדזער ליטעראַטור. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז איינע פון די סיבות, פאַרוואָס ביי פּרצן און די אַנדערע פּויליש־יידישע שרייבער זענען די ערטער אָנגערופן מיט זייערע ריכטיקע נעמען, בעת ביי מענדעלען און ביי שלום־עליכמען זענען די

שטעטלשע נעמען אויסגעטראַכטע, ווי „גנילאָפּאַטאָווקע" און „קאַסרילעווקע", איז נישט די צוגעבונדנקייט צו פּוילן. מיר דאַכט זיך, אַז זיי, די יידיש־פּוילישע שרייבער, זענען געקומען אין אַן אַנדער צייט, בעת די ליטעראַטור אין דער וועלט בכלל איז געוואָרן מער דירעקט און קאָנקרעט. דער דאָזיקער קליינער אָפּפרעג מינערט אָבער נישט די גרויסע הנאה, וואָס איך האָב געהאַט ביים לייענען דעם קורצן, מלא־וגדושדיקן עסיי.

זייער בילדעריש דריקט ביקל אויס דעם געדאַנק, אַז צווישן בערגעלסאָנען און אָפּאַטאָשון איז דער חילוק נישט נאָר אופן שרייבן, נאָר אינעם פאַרנעם. בערגעלסאָן נעמט פאַר זיך נאָר דאָס אייגענע ווינקל פון דעם אוקראַינישן שטעטל — די גרויסע שטאָט אַפילו איז ביי אים אַ מין שכנהשאַפט פונעם שטעטל. ער דערגראָבט זיך צו די טיפסטע נשמה־קוואַלן פון זיינע מענטשן און שילדערט זיי מיט די דינסטע פּרטים. אָפּאַטאָשו ווידער שפּאַנט איבער דער גאַנצער גייסטיקער און געאָגראַפישער ברייט פון דער יידישער געשיכטע. ביקל האָט אין פריערדיקע ביכער זיינע, באַזונדערע קריטישע עסייען אי איבער בערגעלסאָנען, אי איבער אָפּאַטאָשון. דער צונויפשטעל אָבער פון די ביידע וויכטיקע דערציילער אין אונדזער דור איז געווען אַ נויטיקער, דערפאַר וואָס אין דער ווייטקייט איינער פון אַנדערן האָבן זיי דאָך געהאַט אַ שייכות צווישן זיך און, ווי ביקל ווייזט ריכטיק אָן, האָבן זיי ביידע באַווירקט די דערציילער, וואָס זענען געקומען נאָך זיי.

זייער געלונגענע עסייען האָט שלמה ביקל איבער חיים גראַדעס בוך דערציילונגען „דער שולהויף", איבער א. מ. פוקסן, משה יודל שעליובסקין, שמואל איזבאַנען, חנן אַיאַלטין און אַנדערע. וועגן חיים גראַדען זאָגט ביקל, אַז „רבנים־געשטאַלטן האָט מען אַ היפּש ביסל געמאָלן אין אונדזער ליטעראַטור, אָבער קיינער פאַר חיים גראַדען האָט נישט באַוויזן אַוועקצושטעלן די רבנים־פּראָפּעסיע, אַזוי צו זאָגן, אין איר גאַנצקייט, די רבנים מיט זייערע פּערזענלעכע און מיט זייערע מאָראַליש־גײַסטיק־שאַפטלעכע דאגות. און דער עיקר האָט קיינער נישט דורכגעפירט אַזאַ פאַנאַנדער־אַנדערשונג פון די רבנים־געשטאַלטן".

אָבער נישט אויף די רבנים־געשטאַלטן שטעלט זיך ביקל אָפּ, נאָר

אויך אויפן געשטאַלט מענדע דער טרעגער, וואָס אין זיין פּאַסיוו־געמיט־לעכן צושטאַנד ווערט ער דאָס ראָד פון אַ שטורמישער צערודערונג אויפן שולהויף. ער נעמט פאַנאַנדער די אינטערעסאַנטע פיגור ר׳ נחומל, וואָס איז אַ פּראַצענטניק אָבער דעם פּראַצענט זאַמלט ער גאָר פאַר עולם־הבא. דער עיקר, וואָס ביקלען געראָט אַוועקצושטעלן די דינאַמיש־קינסטלערישע גראַדע־פיגור, וואָס איז אין משך פון עטלעכע יאָר, זינט ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן פּראָזע — אין צוגאָב צו דער הויך־קינסט־לערישער פּאָעזיע זיינער — געוואָרן איינער פון די גרעסטע דערציילער ביי אונדז.

דער עסיי איבער משה יודל שעליובסקין איז נישט אויסגעפילט, כאָטש ביקל האָט געכאַפּט דעם תוך פונעם דאָזיקן זייער פּשוטן, אָבער אין תוך קאָמפּליצירטן דערציילער. שעליובסקי, זאָגט ביקל, פּרווּט צו מישן רעאַליזם מיט לעגענדאַריזם. איז ער גערעכט, אָבער פאַרוואָס ער, שעליובסקי, טוט עס, זאָגט אונדז נישט ביקל. שעליובסקי וויל דאָס שטע־טעלע־פּינטעלע זשירעווע פאַרוואַנדלען אין אַ מין פאָלקס־מיטאָס. אַזוי, דאַכט זיך מיר, נעמט אים ביקל אויף. דערפאַר בלאָנקעט ער צווישן רעאַ־ליזם און פאַנטאַסטיק. דאָס לשון שעליובסקיס איז ווייט פון דער פאָלקיש־קייט, ווי אַ סך קענען מיינען. ער שאַפט אַן אייגענע פאָלקישקייט, מיט אַן אייגענעם קלימאַט סיי פאַר זיינע מענטשן און סיי פאַר זיין שפּראַך.

אינעם עסיי איבער חנן אַיאַלטין פעלט מיר דער אָנוויַיז אויפן דער־ציילערס אימפּעט, אָבער בדרך־כלל האָט ביקל אַיאַלטין „דערטאַפּט״. פון די הויפּט־עלעמענטן אין אַיאַלטיס ווערק, וואָס ביקל צייכנט זיי אָן, וויל איך נעמען די לעצטע צוויי: אומצוטרוי צו זיינע אייגענע העלדן און נטיה צו זען מער דאָס שאָטנדיקע, ווי דאָס ליכטיקע פון אידייען און מענטשן. איז מכח דעם צווייטן עלעמענט נישט שייך צו רעדן, ווייל ביקל דאַרף אונדז נישט אויפקלערן, וואָס דאָס מיינט. מכח דער אומצוטרוי צו די אייגענע העלדן וואָלט זיך געפאָדערט אַ שטיקל פירוש מצד דעם שרייבער. ביקל האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם באַגריף וועגן דער דער־ציילונג — אומצוטרוי מצד דעם דערציילער. בין איך זיך מודה, אַז די דעפיניציע לאָקט מיך, נאָר אַן אַ ברייטערן אויפקלער, בלייבט מיר די דעפיניציע פאַרהוילן.

א פ ר י ם   א ו י ע ר ב א ך

אַ בוך, אַז מ׳קען זיך אַזויפיל קריגן איבער דעם מיטן מחבר, איז פאַר זיך אַליין פון אַ הויכער קוואַליטעט. שוין יאָרן אַז איך לעב בשלום, איז מיר צוגעקומען אַ שטיק שרייבעריש געזונט, אַז איך האָב זיך גע־קענט דאָ און דאָרטן אַ קריג טאָן מיטן מחבר פון גאָר שטאַרק אָנגעלייגטן עסייען־בוך — „שרייבער פון מיין דור".

יוני 1966

אליעזר בלום

די דערציילונג „באַרניס גאָלדענע צייט" הייבט אליעזר בלום אָן אַזוי:

„יעדער איינער פון אונדז איז אַ מעשה פון עפּעס. אין אונדזער בלוט זענען דאָ גאָלדענע אותיות. דאָס ביטערסטע, וואָס מיר האָבן צו דערציילן, הייבט־אָן מיט דער צייט צו זוניקן, צו גאָלדיקן. ביי איינעם איז עס דאָס אייגענע לעבן, ביי אַן אַנדערן איז עס פאַרבונדן מיט היסטאָרישע געשעענישן".

דעם דאָזיקן פּאָעטיש־טראַכטערישן אַריינפיר גיט אליעזר בלום צו אַ דערציילונג פון אַ יידישן אַרבעטער, וואָס ראַנגלט זיך עפּעס צו זאָגן ביי יוניאָן־מיטינגען, — נישט רעכטע, נישט לינקע, נאָר יוניאָן, — די רייד קומען ביי אים נישט אַרויס און סוף־כל־סוף, אַז ער רייסט שוין פון זיך אַרויס עטלעכע ווערטער, סוספּענדירט מען אים פון דער יוניאָן. איז נישט שייך, צי דער געדאַנק וועגן „גאָלדענע אותיות אין אונדזער בלוט" פּאַסט זיך גראָד צו „באַרניס גאָלדענע צייט". ער פּאַסט זיך אָבער צום דערציילער אליעזר בלום, וואָס ביזן איצטיקן, ערשטן בוך דערציילונגען זיינעם, איז ער געווען ב. אַלקוויט, געווען איינער פון די ראשונים אין דער „אינזיך"־גרופּע, אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער מיט יאָרן צוריק און דאָס גאַנצע לעבן געשפּירט אין זיך, אַז ער „איז אַ מעשה פון עפּעס". אליעזר בלום האָט דאָס בוך אָפּגעשפּאָרט פון יאָרן שרייבן דערציילונגען, ער האָט מסתמא געזיפּט און געקליבן, ווי בכלל סע איז אַלץ ביי אים, וואָס ער שרייבט, און — סע איז אַ געקליבן בוך דערציילונגען פון איינעם, וואָס מייסטערט דאָס וואָרט מיט אַ סך איבערטראַכט, מיט קינסטלערישן אחריות.

מיט ב. אַלקוויטן, וואָס אין זיין רייפער עלטער איז ער צוריקגעקומען צום נאָמען, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין טאַטן, ביז איך יאָרן

געזעסן אין דער רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל" אַ טיש לעבן אַ טיש. איך האָב געזען, ווי ער האָט ביים שרייבן געצונדן די פּאַפּיראָסלעך, זיי געצויגן און געצויגן און זיך צוגעכאַפּט צו אַ שורה. די פּשוטסטע ציי־טונגס־שרייבעריי איז ביי אים געווען אַ שטיק עבודה. ער האָט פאַרטאַכ־לעוועט אפשר צוואַנציק מאָל אַזויפיל פּאַפּיר, ווי אַן אַנדער שרייבער, — וואָרעם ער האָט מער געמעקט ווי געשריבן. אַז איך האָב געלייענט דאָס בוך דערציילונגען זיינס, האָב איך פאַר זיך געזען דאָס בילד, אין דער שרייבערישער יחידות זיינער, ווי ער מייסטערט דאָס וואָרט דורך מעקן, צערייסן בלעטלעך, שרייבן און איבערשרייבן, אויסמעסטן מיטן פאַר־טראַכטן אומגיין דאָס צימער, דערכאַפּן אַ וואָרט, דערזען אַ שורה, באַ־גייסטערט ווערן פון אַ סצענקעלע, וואָס ער דערזעט פאַר זיין וויזיע.

דאָס בוך רופט אליעזר בלום „אויפן וועג צום פּרץ סקוועער". אַזוי הייסט די לעצטע דערציילונג אינעם בוך. די דריי אָפּטיילונגען אין בוך רופט ער מיטן נאָמען פון אַ דערציילונג, וואָס איז דאָ אין יעדערער פון זיי. די דערציילונג, וואָס אויף איר נאָמען רופט ער די אָפּטיילונג, האַלט ער, ווייזט אויס, פאַר דער טאָן־געבנדיקער, און „אויפן וועג צום פּרץ־סקוועער" דאַרף זיין אי די געדאַנקלעכע, אי די געמיט־אַקס פונעם גאַנצן בוך, צי דער מחבר נאַרט זיך אַליין נישט אָפּ; צי די געדאַנקלעכקייט זיינע און דאָס געמיט זיינס, זעענען נישט בולט מער אין די אַנדערע דער־ציילונגען, איז כלל נישט וויכטיק. פאַר אונדז איז וויכטיק, וואָס מיר האָבן פאַר זיך אַ בוך דערציילונגען פון אַ רייפן שרייבער, — אַ שרייבער, וואָס דערציילט אויף זיין אייגענעם, אייגנאַרטיקן אופן, מיט אַ סך בילד־לעכקייט און תמציתדיקייט.

די ערשטע טייל, — „שיר — אַ געזאַנג", — הייבט זיך אָן מיט דער דערציילונג „אַטוירני סטריט", אָבער די איבעריקע ניין דערציילונגען זע־נען שוין געשעפּט פונעם שרייבערס אייגענע דערפאַרונגען, אין זיין קינדהייט, אין כעלעם. אַז מיר נעמען אָבער „אַטוירני סטריט", ווי אליעזר בלום דערציילט פון איר, איז זי אויך כעלעם, נאָר איבערגעטראָגן אויף דער ניו־יאָרקער איסט סאַיד. די פּאַבולע איז דאָ אַ מאָגערע, דער עיקר איז דאָ די סביבה, דאָס מאָלערישקייט, „די גאָלדענע אותיות" אינעם שרייבערס בלוט. די ווייטערדיקע דערציילונגען אין דער טייל זענען

שוין דערציילעריש פולער, איר לייענט זיי מיט אַ פולן געמיט, מיט נאָכ־טראַכטעניש און נאָכלעבעניש.

„דאָס גרויסע ליכט" הייסט די ערשטע זכרונות־דערציילונג אין דער טייל, — אַ מעשה, ווי אין כעלעם אויפן באַרג, אין דער רייכער טייל פון שטאָט, האָט מען דאָס ערשטע מאָל אָנגעצונדן אַן עלעקטרישן לאָמפּ אויף דער גאַס. אליעזר בלום דערציילט, ווי די טרעפּ אַרויף צום באַרג זענען געווען הילצערנע און, ווי זיי האָבן געקרעכצט מיטן אָרעמען יידנס קרעכץ, בעת ער איז אויף זיי געגאַנגען. ער איז אַ קינד, דער טאַטע נעמט אים אין אַן אויפדערנאַכט צו זען דאָס גרויסע ליכט, וואָס קינד־און־קייט האָבן עס באַוווּנדערט. ביי אים אָבער איז „דער לאָמפּ געווען אַ לענגלעך־קאַטשענע איי. און דאָס בלענדיקע ליכט איז געווען בלוילעך, ווי אַ קאַטשענע איי". ער האָט אויך געזען, „אַז די יידן זענען בלייך ווי מתים און רעדן מיט שוויַגנדיקע פּנימער". דאָס גרויסע ליכט, וואָס איז געווען בלוילעך, האָט אויף אַ קליינעם שטח אַרום זיך פאַרשפּרייט שיין, אָבער ווייטער —

„קיינמאָל, קיינמאָל איז אונדזער שטאָט נישט געווען אַזוי פינצטער. ווי אין יענער נאַכט, ווען מ'האָט געזען דאָס גרויסע ליכט".

אַזוי ענדיקט אליעזר בלום די דערציילונג, וואָס איז געדיכט לעבנס־שטייגעריש, נאָר צו דער אייגענער צייט וואַקסט פון איר אַרויס אַ סימ־באָליש בילד, וואָס טראָגט אייך אַוועק אַ סך ווייטער פון דער סביבה וואָס אין איר דרייט זיך דער נאַראַטיוו.

אליעזר בלום האָט אַ ליריש־דינעם הומאָר, איבערן טראַגיזם אין זיינע דערציילונגען איז אויסגעוועבט אַ שמייכל און איר שפּירט, אַז „דאָס ביטערסטע, וואָס מיר האָבן צו דערציילן, הייבט־אָן מיט דער צייט צו זוניקן, צו גאָלדיקן". אַזוי זענען די „ביטערע" מעשות פון די קינדער־יאָרן בערס, — מסתמא דער שרייבער אַליין, — וואָס גערופן האָט מען אים „קרייזעלע". אַזוי איז די דערציילונג „יעדער פרילינג", וואָס דער־ציילט פון דער ביטערער אָרעמקייט, אָבער אין איר איז דאָ אַ מין באַ־פרייענדיקער הומאָר. „דער דלות", זאָגט ער אין אַן אַנדער דערציילונג, „אַזוי גרונטאָווּנע, אַזוי אין די אָדערן פון לעבן, ווי אַ טויזנט־יעריקער יחוס"... און אָט דער דלות, אַז עס קומט פרילינג, פאַרפירט ער געשלעגן.

פּאַרוואָס מע שלאָגט זיך, ווייסט קיינער נישט. סע איז אַ מין אויפברויז נאָכן בייזן ווינטער. יידן דערלאַנגען זיך געשמאַקע קלעפּ, אָבער קיינער איז נישט בייז, נאָר גוטמוטיק. איז דאָ נישטאָ דער איינער, דער יחידי־שער מענטש, נאָר דער גאַנצער כלל ווערט עפּעס דער תּמצית פונעם יחיד.

די דערציילונג „דער אויפשטאַנד פון די לערנינגלעך", וואָס פאַר־נעמט נישט מער ווי אַ פּערצן זייטן, איז אַ קלאַסישע נישט נאָר אין דער יידישער בעלעטריסטיק, נאָר אין ליטעראַטור בכלל. פון לערן־יינגלעך ביי שניידערס, ביי שוסטערס, ביי אַנדערע בעלמעלאָכעס, האָט מען שוין ביי אונדז אַ סך דערציילט. אליעזר בלום דערציילט פון לערן־יינגלעך ביים שניידער־מייסטער פאַן שלאַקמאַן אויף זיין אייגענעם שטייגער, אָבער נישט דאָס איבערראַשט אונדז, נאָר די מעשה פונעם אויפשטאַנד. דער „אויפשטאַנד" איז אַ יידישער, — איבער אַ שטיקל חלה, פּרייטיק־צו־נאַכטס, — אָבער ער איז אוניווערסאַל אין זיין גרונט־מאָטיוו.

דער סיפור המעשה דערפירט צום פרייטיק־צונאַכטס און דאָ באַמאָלט דער שרייבער, ווי דער שניידער־מייסטער, פאַן שלאַקמאַן, טיילט־צו די לערן־יינגלעך צו פּעניצלעך חלה, נאָך די פיש הייבט ער אָן זינגען זמירות און שלאָפט־איין. די חלה האָלט ער לעבן זיך, די אינגלעך גייט אויס דאָס חיות נאָך אַ שטיקל חלה, אָבער אַז איינער פון זיי רירט זיך צו צו דער חלה, כאַפּט זיך פאַן שלאַקמאַן אויף און דאָס אָרעמע אינגל בלייבט מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט. מאַכן די אינגלעך אָפּ צווישן זיך, אַז זיי זאָלן קויפן אַ קניפּיקל און, בעת דער שניידער־מייסטער כאַפּט דעם דרימל, זאָלן זיי אָפּשניידן רייפטלעך חלה פאַר זיך. זיי האָבן שוין דאָס קניפּיקל, פאַן שלאַקמאַן שלאָפט שוין, אַ שטיק חלה שטעקט אַרויס פון דער האַנט זיינער און איינער פון די אינגלעך נעמט אַרויס דאָס קניפּיקל און פּרוּווט אָפּשניידן אַ שטיקל חלה. דער שניידער־מייסטער כאַפּט זיך אויף, פּאַקט די אינגלעך ביי דער פאַרשווערונג און מוסרט זיי: ער וואָלט זיי אַליין געגעבן חלה. נאָכוואָס דאַרפן זיי גנבענען? דער אויפשטאַנד איז, חלילה, נישט קיין בלוטיקער, אָבער ער נעמט אייך דורך. ער ווירקט אויף אייך גראָד דערמיט, וואָס ער איז אַזאַ קינדישער, וואָס געשען גע־שעט כמעט גאָרנישט, אָבער אינעם גאָרנישט געשען איז דאָ אַ וועלט מיט

צער. אַפילו דער שניידער־מייסטער, וואָס שרייט צו זיי: „נאָט, נעמט, שניידט", איז אויך פול מיט צער. און דער אופן, ווי די דערציילונג ענדיקט זיך, — „און ס'איז געווען, ווי דער טיש אַליין, דער שבת־טיש, האָט זיך פון אים אָפּגעקערט", — אַקצענטירנדיק דעם שותפותדיקן צער פונעם שניידער־מייסטער מיט די לערן־ייִנגלעך.

די צווייטע טייל, וואָס הייסט „מיט דעם קול פון די עלטערזיידעס", איז שוין דורכויס פון דער ייִדישער אַמעריקע, אַ חוץ דער דערציילונג „גאָגאָלס רינג". פון די צוועלף דערציילונגען, איז די דערציילערישסטע „אין זכות פון מאָריס ראָזנפעלד". איך זאָג די דערציילערישסטע, דער־פאַר וואָס זי האָט נישט קיין אַנדער עובֿדה, ווי נאָר דערציילן, מאָלן אַ מענטשן, בעת די אַנדערע זענען דורכגעפלאָכטן מיט פובליציסטישע פעדעם. פונעם דאָזיקן שטריך אין אליעזר בלומס דערציילונגען וועל איך רעדן ווייטער. איצטער וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף דער דערציילונג „אין זכות פון מאָריס ראָזנפעלד", וואָס איז אַ פול־אויסגעלעבטע, סיי קינסטלעריש און סיי אין ברייטן פאַרנעם פונעם אימיגראַנטישן ייִדישן לעבן מיט אַ פערציק־פופציק יאָר צוריק.

דאָס ייִדל מיט די „פּאַרליאַמעטע אויגן", וואָס אליעזר בלום דער־ציילט פון אים, האָבן מיר אַלע געקענט. דערפאַר טאַקע, וואָס מיר האָבן אים געקענט, יאָרן אים געזען טאָג־נאָך־טאָג מיטן קויש עפּל און מיטן „זיפּץ און ניגונדל", וואָקסט ער ביי אונדז אויס, ווי אַ נייער מענטש. מיר האָבן אים אַלע געקענט, אָבער אליעזר בלומס קינסטלעריש־דערציילערי־שע פינגער האָבן אים אַזוי אויסגעקנאָטן, אַז מיר קוקן אויפן געשטאַלט זיינעם פאַרוווּנדערט: זע נאָר, ער האָט געמינדערט פון אים, נאָר ער האָט צוגעגעבן עפּעס אַזוינס, וואָס דערהייבט אים צו אַ סימבאָל. קינסט־לעריש קענען מענטשן איז אַ סך אַנדערש, ווי סתם קענען מענטשן: סע איז אַן איבערשאַף, אַן איבערפורעמען, אַ מין בצלמו פונעם קינסטלער. דער מעטאָד אין דער דערציילונג איז אַ דורכויס מאָלערישער. אליעזר בלום גיט נישט איבער די טראַכטענישן, אָדער איבערלעבענישן פונעם „פּאַרליאַמעוועטן" ייִדל. ער גיט אים נאָר דורך זיינע טוונגען, דורך זיינע רייד, דורך זיין גאַנג און צום סוף — דורך זיין קריג מיט אַן אַנדער עפּל־פאַרקויפער, אָבער דורך טוונגען, דורך באַוועגלעכקייט פונעם נאָ־

ראַטיוו, דורך די אָפּגעהאַקטע רייד זיינע, וואַקסט־אַרויס דער מענטש אין דער גאַנצער פולקייט זיינער.

מכח פובליציסטישן, אָדער אידייִשן מין אין אַ דערציילונג. אַ גור־טער דערציילער האָט פאַרטראַכט אַ געדאַנק, ער וויל עפּעס אַרויסברענ־גען, אָבער מיר דאַרפן זיך קודם דערגרונטעווען צום פּראָצעס פון זיין שאַפן, דער דערציילער, וואָס די טרייב־קראַפט אין אים איז צו דער־ציילן אַ מעשה, צו שאַפן אַ געשטאַלט, אָדער געשטאַלטן, ווערט קודם אינספּירירט פונעם סיפור המעשה און דער געדאַנק, די אידייע וועבט ער אַריין אינעם נאַראַטיוו. דער געדאַנק איז אינעווייניק, אין די טיפענישן פון דער דערציילונג און, אַפילו אַז נישט יעדער לייענער כאַפּט אים, לעבט ער אָבער אין דער לופט זיינער, אינעם קלימאַט פון דער אידייע דערציילער זענען אָבער דאָ, וואָס די טרייב־קראַפט אין זיי איז די אידייע, זיי ציִען אויף איר אַרויף דערציילערישע הויט־און־ביינער, בלאָזן אין איר אַריין אַ לעבעדיקן אָטעם, נאָר זי בלייבט אַ צוגעוואַקסענע צום נאַראַטיוו, נישט קיין אַריינגעוואַקסענע.

אין אַ טייל פון אליעזר בלומס דערציילונגען זעט איר, ווי דער ער־שטער פאַרטראַכט זייערער איז געווען די אידייע, דערנאָך ערשט איז געקומען דאָס דערציילן, דער צופּאַס פון מענטשן, וואָס דורך זיי זאָל די אידייע אַרויסקומען. איז אין דער טייל פון בוך פון דער ידישער אָמע־ריקע, דאָ אַזעלכע אידייִש־פאַרטראַכטע דערציילונגען, וואָס די אידייע אין זיי איז אַ צוגעוואַקסענע, נישט קיין אַריינגעוואַקסענע. ווידער זענען דאָ דאָרטן דערציילונגען, ווי די וווּנדערלעכע מעשה „אַטאַ באַקאַרטאַנו״, וואָס די אידייע שפּאַנט אין זיי מיטן ריטמישן דערציילערישן גאַנג פון דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג. אַזוי איז די דערציילונג „גיי לייען, ווער קען דאָס פאַרשטיין ?״. אָט־די קליינע דערציילונג, פון אַ קליין מענטשע־לע, וואָס אים איז אָנגעקומען אַ בריוו פון איינער אַ ראַניע, וואָס ער ווייסט נישט ווער זי איז, איז אויך אַן אידייִש־פאַרטראַכטע. אַנדערע דערציילונגען זענען אָבער דאָ, וואָס די אידייע באַוועלטיקט דאָס דער־ציילערישקייט, וואָס איר זעט ווי דער שרייבער פּרוווט „אַריינבלאָזן לעבעדיקן אָטעם״ אין די מענטשן, נאָר זיי אָטעמען פאַרט מיט דער אידייע, נישט מיט זייער אייגענעם לעבן.

אליעזר בלום האָט געוואָלט אַרויסגעבן די אידייע פון היסטאָרישן יידישן המשך, האָט ער, אין דער דערציילונג „מיט דעם קול פון די על־טערזיידעס", אויסגעטראַכט אַ שפּאַניאַלישן יידן, וואָס ער שטעלט אים אַנטקעגן אַ דייטש־יידישן אימיגראַנט פון דער פינצטערער היטלער־עפּאָכע. דער שפּאַניאַלישער ייד רעדט מיט די קינדער זיינע שפּאַניאַליש. ער זאָגט, אַז ער געדענקט די יידישע שפּאַניע פון פאַרן גירוש; ער געדענקט דעם גירוש, די אינקוויזיציע, — ער געדענקט זיי נישט פון לייענען, אָדער לערנען געשיכטע, נאָר פון זיך אַליין, וואָרעם ער אַליין האָט דאַמלסט געלעבט. זאָג איך נישט, אַז אַ שרייבער טאָר נישט אויסטראַכטן אַ מענטשן, אָבער דער אויסגעטראַכטער מענטש דאַרף אונדז, מיט זיין נאַטירלעכקייט, איבערציייגן. דער שפּאַניאַלישער ייד לייגט זיך אונדז עפּעס נישט אויפן שכל, כאָטש ער רעדט מענטשלעך און גייט נישט אַרויס פונעם רעאַליסטיש־סביבהדיקן גדר. ער איז צופיל צוגעשניטן צום „קול פון די עלטערזיידעס", וואָס דער דערציילער וויל אַרויסברענגען.

צוויי גרעסערע דערציילונגען זענען דאָ אין דער דריטער טייל פונעם בוך, — „רייטשל, מוטער רייטשל" און „אויפן וועג צום פּרץ־סקווער". איןביידע זענען בולט די אידייִשע טענדענצן, נאָר אין דער ערשטער איז די דערציילערישקייט גובר די אידייע, בעת אין דער צווייטער נעמט די אידייע די אייבערהאַנט איבער דער דערציילערישקייט. די „מוטער רייטשל" וואַקסט אַרויס פון דער סביבה, זי איז נישט אויסטערליש, זי טוט נישט קיין באַזונדערע טוונגען, נאָר אין זיך אַליין איז זי אַנדערש. דער טראַגיזם אירער איז אַזאַ, וואָס איר פילט, אַז טויזנטער יידישע „מוטער רייטשלס" זענען דאָ ביי אונדז אין אַמעריקע. דערפאַר איז די אידייע אין פולער האַרמאָניע מיט דער ווירקלעכקייט, מיט דער סביבה און דעם מענטשן אַליין.

די דערציילונג „אויפן וועג צום פּרץ־סקווער", וואָס אויף איר נאָמען רופט זיך דאָס גאַנצע בוך, שפּאַנט־איין די מענטשן אין דער אידייע און נישט אַלעמאָל ווילן זיי גיין אין שפּאַן. עטלעכע מענטשן זענען אײַ איר דאָ, וואָס געמאָלן זענען זיי קרעפטיק, אָבער אייך דאַכט זיך, אַז זיי זענען, ווי שיינע זאַפטיקע עפּל וואָלטן אומגעריכט געוואַקסן אויף אַ קאַרשנבוים. די דערציילונג איז די גרעסטע אין בוך. דער שרייבער גייט

אין איר מיט פֿאַמעלעכע דערציילערישע טריט, וואָס זענען מער צוגע־פּאַסט צו אַ גרעסערער נאָוועלע, ווי צו אַ קורצער דערציילונג, וואָס דער ציל אירער איז דער סאַמע קינסטלערישער צמצום, דער ריינסטער עפּיזאָדן־אָפּקלייב.

נאָך אַ טרייב־קראַפֿט איז דאָ ביי אליעזר בלום: אַ פּאָעטישע. אין אַ סך דערציילונגען זיינע זעט איר, ווי קודם האָט ער געזען פֿאַר זיך אַ פּאָעטיש בילד און פֿונעם דאָזיקן בילד איז ביי אים אַרויסגעוואַקסן די דערציילונג. אַזאַ דערציילונג איז „צוויי פֿייגל מיט איין פֿליגל יעדער״. דער רעאַליזם אין איר איז נאָר אַ לייכטער שלייער, דער עיקר אָבער איז דער פּאָעטישער אָטעם אירער, איז כאָטש די אידייע אירע איז אויך אַ היפּש בולטע, אָטעמט זי אָבער מיט אַזאַ פּאָעטישער קראַפֿט, אַז זי באַצווינגט אייך.

אליעזר בלום שרייבט מאָלעריש, דאָס בוך איז פֿול מיט אַזאַ בילד־לעכקייט, אַז אַ סך מאָל שטעלט איר זיך אָפּ מער אויפֿן וואָרט, אויפֿן אימאַזש, ווי אויפֿן נאַראַטיוו.

יוני 1959

יעקב גלאַטשטיינס נײַ בוך עסייען

אינעם אַרײַנפיר צו זײַן בוך „אויף גרייטע טעמעס", וואָס איז דערשינען אינעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, אַנטפּלעקט יעקב גלאַטשטיין דעם קריטיק־מעטאָד זײַנעם. „...שרײַבן וועגן אַ בוך איז עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיט דעם בוך גופא בלויז אַ טיילווייזע שותפות. סע מיינט אויפבויען אַן אייגענעם בנין, סע מיינט שרײַבן אַזוי, אַז איך זאָל קודם כל נישט פאַרשעמען זיך אַליין". ווײַטער מיט אַ פּאָר שורות קלערט ער נאָך מער אויף דעם ענין: „דאָס איז אַ באַזונדערע וועלט, וואָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון אַ געלייענט בוך, איז אָפט אינספּירירט פון בוך, אָבער עס מוז ווערן דער זעלביקער מיטל פאַר זיך־אויסדרוק, ווי יעדער שעפערישער מעטאָד".

אַ סך קאָמפּליצירטער איז דער ווײַטערדיקער פּאַראַגראַף: „דער שעפערישער קריטיקער — לאָמיר אים אַזוי רופן — מוז זײַן טאָפּלט געהיט. ער פאַרט אַוועק פון בוך אויף זײַן אייגענעם געשפּאַן, אָבער ער מוז דעם אַראָמאַט פון בוך מיטנעמען און בלײַבן געטריי צו דעם, וועמען ער האָט מיטגענומען ווי אַ באַגלייטער אויף זײַן אייגענעם דרך".

זעען מיר דערפון, אַז בײַ גלאַטשטיינען איז קריטיק — די קריטיק. וואָס ער שרײַבט כמעט זינט דעם ערשטן טאָג וואָס ער האָט זיך באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור מיט זײַנע גראַציעזע, דערוועגערישע לידער — איז בײַ אים נישטאָ קיין באַזונדערע שרײַבערישע פּאַליצע, וואָס האָט נישט קיין טיף־אינערלעכע שייכות מיט זײַן שעפערישקייט בכלל. פאַרקערט, קריטיק איז בײַ אים אַן אַרײַנגעוואַקסענע טייל פון זײַן שעפערישן גאַנג.

אַביסל פאַרוואונדערט ווערט איר, אַז איר לייענט ווײַטער אַזאַ מין זאָג: „אַן אמתער שעפערישער קריטיקער קען בטבע נישט זײַן קיין רשע.

ווען די רשעות שטעקט אַרויס פון דער קריטיק, טוט זיך דער קריטיקער אַליין קיין טובה נישט, זיין אָפּשאַצונג ווערט פּאַשקוויל און ער, דער קריטיקער, געווינט גאָרנישט דערפון״.

וועל איך נישט זאָגן, אַז אין גלאַטשטיינס קריטישע אַרטיקלען האָב איך אַמאָל געפונען רשעות, אָבער ער איז כלל נישט אַלעמאָל געווען דער מטיבניק בנוגע שרייבערס. ער איז אַ צו־אויסגעשפּראָכענע שעפערישע פּערזענלעכקייט, אַז ער זאָל מטיב־זיין מיט יעדן שרייבער. נאָכמער, ער האָט געפירט שרייבערישע מחלוקתן, און עס איז נישט שייך צו וועגן און מעסטן זיין גערעכטיקייט, אָדער די גערעכטיקייט פונעם אַנדערן צד. איז דער אָנווענד נאָר אַ דרך־אגבדיקער, וואָרעם, אַז מיר לייענען איבער דאָס נייע בוך, וואָס רופן רופט ער עס „אויף גרייטע טעמעס״, ווערן מיר ממש געפּלעפּט פונעם ליכטיקייט, וואָס שיינט אַרויס דערפון.

דאָס בוך וואָס פאַרנעמט 420 זייטן, איז איינגעטיילט אין זעקס טיילן. ער באַנאָמענט נישט די טיילן פונעם בוך, נאָר אין צונויפשטעל איז דאָ אַן אינעווייניקסטע לאָגיק. אָנהייבן הייבט זיך דאָס בוך אָן מיט אַן עסעי „ווען מענדעלע האָט געשוויגן״. נישט קיין אָפּשאַצונג וועגן מענדעלען איז דער דאָזיקער עסעי, נאָר אַ מין מן־הצדיקער אויפפלעק פון דעם זיידנס פּערזענלעכקייט. איז כאָטש גלאַטשטיין רעדט נישט דירעקט אין די פיר־און־אַ־האַלב זייטלעך איבער מענדעלען דעם קינסטלער, אַנט־פּלעקט זיך דאָך דעם קריטיקערס התלהבות פאַר מענדעלע, דעם קינסט־לער, „וואָס רעדט נישט אַראָפּ צום עולם און באַטראַכט אים נישט פאַר קיין לעמעשקע״...

אינעם עסעי וועגן פּרצעס פּופּציקסטן יאָרצייט זאָגט גלאַטשטיין: „... יידישע פּאָעטן האָבן געשעפּט און שעפּן נאָך היינט באַגייסטערונג פון פּרצן, ווייל ער איז דערשינען ווי דער גרויסער ענציקלאָפּעדישער גייסט אין יידישן לעבן״, און ווייטער: „ער האָט באמת אָנגעצונדן אַ גרויסן יום־טוב פון יידישער האָפענונג, בעת די ווולגאַרע אַסימילאַציע האָט זיך גענומען אַריינפרעסן אין יידישן גוף״.

אַזוי ווי גלאַטשטיין האָט אין די פריערדיקע ביכער שוין געשריבן איבער מענדעלען און פּרצן איז ער אין איצטיקן בוך אָפּגעקומען נאָר מיט קליינע הערות. זעט איר, צו שלום עליכמען ווענדט ער אָן די פולע

שעפערישקייט זיינע און ער זאָגט אַרויס אַז אַריגינעל־שעפערישן גע־דאַנק. ער זאָגט: „שלום עליכם האָט מיט זיינע שענסטע ווערק קינסטלע־ריש געטאָן דאָס זעלביקע וואָס דאָס יידישע פאָלק, ער האָט סיסטעמאַטיש געבויט דעם גלות". גלאַטשטיין לייקנט־אָפּ די מיינונג, וואָס אַ סך „איני־טעליגענטע" יידן האָבן געהאַט, אַז שלום עליכם „איז געווען אַ באַלע־בעסל, אַז אין תוך האָט ער געשפּרודלט מיט געלעכטער, אָבער ער איז אָרגאַניש נישט געווען קיין קינסטלער". אַז מיר לייענען דאָס בוך, אין ענגליש, וואָס די ייִנגסטע טאָכטער שלום עליכמס מאַרי גאָלדבערג, האָט געשריבן וועגן איר געניאַלן פאָטער, זעען מיר ווי גרויס דער דרך־ארץ זיינער פאַר דער שרייב־קונסט איז געווען. יעקב גלאַטשטיין כאַפּט ווײַ־טער אויף אַ גרויסן אמת וועגן ש. ע. ער זאָגט:

„שלום עליכם איז געוואָרן דער פּאָעט פונעם יידישן לשון. מנחם מענדל האָט עס נישט אויסגעשטעלט אין קורצע שורות, אָבער שלום עליכמס מוזיקאַלישער אויער האָט געפאַנגען אַלע חנעוודיקע איבער־חזרונגען און אַקצענטן, דעם גאַנצן טראַף פון יידיש, ווי דאָס לשון אונד־זערס האָט מעביר־געווען די סדרה פון טאָג־טעגלעכן שמועס".

דערפאַר וואָס אין דער אָפּשאַצונג פון שלום עליכמען האָט גלאַט־שטיין גאָר אַ סך מחדש־געווען, פאַרגין איך זיך צו געבן נאָך אַ חידוש־דיקן פּאַראַגראַף גלאַטשטיינס: „שלום עליכמס הומאָר פאַרמאָגט די די־מענסיע פון יידישע געשיכטע. דער הומאָר זיינער איז איינציק־אַרטיק אין דער וועלט־ליטעראַטור". ער שטעלט זיך אָפּ אויף שלום עליכמס גוטס־קייט צו די מענטשן, וואָס ער באַשרייבט, כאָטש ער פאַרזעט נישט זייערע חסרונות. די שטיפמאַמע זיינע, דערציילט ער איז „פונעם יאַריד" איז גע־ווען אַ בייזע יידענע, אָבער דאָס בייזע לעבן האָט זי אַזוי אָנגעבייזערט. פון יינגלווייז־אָן איז ער געווען אַ שטיפער, מיטן באַזונדערן טראָפּ אויף שרייבערישער שטיפערישקייט. אַמאָל האָט ער אָפּגעשריבן אַלע קללות דער שטיפמאַמעס און האָט זיי אויסגעשטעלט נאָכן אלף־בית און איינ־מאָל האָט ער פאַר איר, דער שטיפמאַמע, פאַרגעלייענט דאָס קללה־ווער־טערביכל. געמיינט האָט ער, אַז זי וועט גלייך צערייסן אויף שטיקער, אָבער זי האָט אַזוי געלאַכט, אַז געמיינט האָט מען, „אַז זי וועט דעם שלאָק באַקומען"...

אָריגינעל איז גלאַטשטיינס געדאַנק, אַז שלום עליכם וועט געהערן צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור, דערפאַר וואָס ער בויט־אויף די יידישע וועלט, וואָס איז חרוב געוואָרן. זיין „איינגעזאַמלטע חורבן־ליטעראַטור (וועט) איבערלעבן אַ טייל חורבן־דאָקומענטאַציעס אונדזערע. עס וועט תמיד זיין איבערצייגנדיקער די קלאָג אין דער פרייד, ווי יידן האָבן אַמאָל געלעבט...״

די צווייטע אָפּטיילונג הייבט גלאַטשטיין אָן מיט אַ פּאַרטיפּטער און אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג וועגן ה. לייוויק (פרעגן וועט מען אויב „פּאַרטיפּט״ איז שוין במילא אינטערעסאַנט, צו וואָס האָב איך געדאַרפט אויסטיילן איינס פונעם אַנדערן? איז אָבער וויכטיק אָפּצוטיילן, וואָרעם „פּאַרטיפּטקייט״ איז נישט אַלעמאָל אינטערעסאַנט). דער איינשטעל גלאַטשטיינס איז, אַז לייוויק איז געווען „דער לעצטער פון דער גרויסער גאַלעריע פון רוסישע שרייבער״. דער לייענער וועט אָן ספק נשתומם ווערן, אַז ער וועט איבערלייענען די פּאָר שורות: לייוויק אַ רוסישער שרייבער? ער האָט דאָך געשריבן דורכויס יידיש און די טעמעס זיינע זענען געווען ריין־יידישע. אַז איר לייענט אָבער איבער גלאַטשטיינס אויפקלער פון דער טעזע, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט, זעט איר, אַז ער האָט טיף אַריינגעדרונגען אין לייוויקס שאַפונגען און אַרויסגעשעפּט פון זיי דעם עיקרדיקן תוך זייערן.

„דער גרויסער אייגנאַרטיקער פאַרדינסט פון לייוויקן באַשטייט אין שאַפן דעם סינטעז צווישן זיינע איינגעשניטענע רוסישע איינפלוסן און דער יידישער וואָרט־קונסט און וואָרט־מאָס. אוודאי האָט די סלאַווישע ליטעראַטור געהאַט אַ השפעה אויף פּרצן, מענדעלען, שלום עליכמען, פרוגן, רייזענען, איינהאָרנען, אָבער ווייט נישט אין אַזאַ מאָס און נישט אין אַזאַ ממש פיזישן אויפנעם, אין אַזאַ פולער גייסטיקער אידענטיפיקאַציע. עס איז דערפאַר גרעסער דאָס וווּנדער און רייכער דאָס אייגנאַרטיקע קאַפּיטל לייוויק אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס אים איז געלונגען אויסצושמידן פון זיך אַזאַ רייכע יידישע פּערזענלעכקייט, וואָס איז פרי געענערט געוואָרן פון סלאַווישן געמיט און וואָס האָט פאַרט באַוויזן אָנצוקניפּן די קרובהשאַפט צווישן די השפעות זיינע אין דער נאָך טיפערער חלום־וועלט פון זיין קינדהייט״.

אינעם פֿאַרגלייכלעך קורצן לייזויק-עסעי געלינגט גלאַטשטיינען אַרומצונעמען דעם פּאָעט אַ סך מער, ווי אַנדערע איז געלונגען לייוויקן אַרומצונעמען אין פֿולע ביכער אַפּילו. אינעם איינציקן זאַץ, ווו ער זאָגט: „ער האָט זיך דראַמאַטיזירט און דראַמאַטיזירט זיין מינדסט ליד, וואָס שפּילט־אויס אַ קאָנפֿליקט" — איז דאָ דער תמצית פֿון לייוויקן.

אויסצושעפּן גלאַטשטיינס בוך „אויף גרייטע טעמעס" וואָלט בייטיק געווען צו שרייבן עטלעכע אַרטיקלען, וועל איך מוזן מקצר־זיין און ברענגען דעם סאַמע תמצית. גלאַטשטיין, ווי מיר האָבן געזען, האָט זיך אין איצטיקן בוך קריטיק געפֿרעגט: וואָס בין איך און ווער בין איך אינעם דאָזיקן שרייבערישן נוסח? און דער ענטפֿער זיינער איז, אַז דער קריטיקער, אָדער ליטעראַטור־אָפּשאַצער, דאַרף „מער לויבן, אָדער אַפּילו איבערלויבן". ער באַוואָרנט זיך אָבער, אַז זיין פּערזענלעכקייט, דעם קריטיקערס, טאָר נישט פֿאַרלוירן ווערן. אַז מיר לייענען דאָס בוך, זעען מיר, אַז נישט נאָר האָט גלאַטשטיין אויסגעהאַלטן דאָס באַוואָרעניש — נישט אַנצוווערן זיין פּערזענלעכקייט — נאָר ער האָט נאָך אויפֿגעשיינט מיט זיין פּערזענלעכקייט אין אַ פֿאַנטאַסטיש ליכט. באַוווסטזיניק גע־ברויך איך דעם אויסדרוק „פֿאַנטאַסטיש ליכט", וואָרעם איך האָב גע־שפּירט אין דעם גרעסטן רוב עסייען ווי פֿונעם שרייבער לויכט אַרויס דאָס ליכט פֿון שעפֿערישקייט מיט דער פֿאַנטאַסטישקייט פֿון ממש פֿרייד, וואָס ער קען דערהייבן דעם שרייבער און דורך אים דאָס יידישע וואָרט.

דער מייסטער פֿון דער יידישער פּראָזע איז גלאַטשטיין. און מיר דאַכט זיך, אַז שרייבן מיט אַ סך ליבשאַפֿט וועגן מחברים דאַרף מען זיין נישט סתם אַ מייסטער אויף לשון און סטיל, נאָר אַ גרויס־מייסטער. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס אין לויב־שרייב איז די שטרויכל־נעץ אַ סך אַ גע־פֿערלעכער, ווי אין שרייבן נעגאַטיוו. אַז איך האָב געלייענט גלאַט־שטיינס עסייען וועגן אַזעלכע שרייבערס, ווי לייוויק, משה לייב האַל־פּערן, ישעיה שפּיגל, חיים גרינבערג און אַ צאָל אַנדערע, איז מיר נאָכ־געגאַנגען אַ מין פֿריידיק געזאַנג. ווי דער שרייבער וואָלט אַרויסגעזונ־גען פֿון זיך די פֿרייד, וואָס ער האָט דערלעבט אַזאַ שעפֿערישע שפּע ביי אונדז.

גלאַטשטיין פֿאַלמעסט נישט דעם שרייבער, ער שפּילט אויף די ליי־

דער, אָדער דערציילונגען זיינע, ווי אויף אַ האַרף אוןביים לייענען אַ צאָל פון די עסעיען האָב איך זיך אַליין צוגעזונגען „מזמור שיר ל...״ דאָס ווענדט זיך שוין צו וועמען דאָס געזאַנג איז. בכלל פאַרמאָגט גלאַטשטיין די ווונדערלעכע פעיקייט אָנצוּוואַרעמען אַ שורה. אַמאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער שרייבט נאָך אַלץ נישט, ביז ער דערפילט נישט אַ מין וואַרעמקייט אין דער טיפעניש פונעם האַרצן זיינעם. מיט אַזאַ וואַרעמקייט האָט ער געשריבן דעם רוב עסעיען אינעם בוך.

אַ באַזונדער אָפּטיילונג גיט ער אָפּ די פרויען־שרייבערינס. מודה בין איך זיך, אַז מיר איז אַביסל קשה, אַזעלכע פּאָעטן, ווי קאַדיע מאָלאָ־דאָווסקי, רחל קאָרן און אַ פּאָר אַנדערע פרויען־קינסטלער טיילט ער אויס אין אַן עזרת נשים. נאָר מעגלעך איז, אַז נישט ער האָט דעם טעכנישן אויסטייל געמאַכט, נאָר עמיצער אינעם פאַרלאַג. וואָס איז אָבער שייך די עסעיען איבער עטלעכע פון די פּאָעטעסעס, זענען זיי צווישן די בעסטע אינעם בוך.

ווייטער האָט גלאַטשטיין אינעם איצטיקן בוך אויך אַריינגענומען אַ צאָל פון זיינע בעסטע קאָלומס.

דעצעמבער 1968

חיים גראַדעס „די עגונה"

דערציילעריש איז „די עגונה" חיים גראַדעס געראָטענסטע פּראָזע־ווערק. אין „דער מאַמעס שבתים" איז דאָס וווּנדערלעכע געשטאַלט פון דער מאַמען אַרויסגעוואַקסן פון עפּיזאָדישע דערציילונגען, וואָס האָבן זיך געבונדן דורכן פּאָדעם פונעם שרייבערס געמיט. אין „דער שול־הויף" זענען שוין די עפּיזאָדן געווען פון גרעסערן פאַרנעם, אָבער כאָטש דער וואַסערטרעגער דאַרף זיין דאָס געשטאַלט, וואָס אַרום דעם דרייען זיך די געשעענישן, זענען די עפּיזאָדן אַזעלכע גרויס־פאַרנעמיקע, אַז זיי וואַקסן אַריבער דעם נאַראַטיוו. אין „די עגונה" איז דער נאַראַטיוו קיין־מאָל נישט איבערגעריסן, פון אָנהויב ביז סאַמע לעצטן בלעטל איז דער לייענער צוגעשמידט צו דער דערציילונג, ער וויל וויסן וואָס מיט דער עגוגה וועט ווייטער געשען, ער איז פאַרבונדן מיט איר טראַגישן גורל, ער לעבט־מיט דעם דראַמאַטיזם פון די געשעענישן, ער קאָן זיך ממש נישט אָפּרייסן פון דעם נאַראַטיוון גאַנג.

און כאָטש חיים גראַדע האָט דאָ אַזוי מייסטעריש באַהערשט די דער־ציילונגס־קונסט, פאַרגעסן מיר דאָך נישט, אַז ער איז אַ פּאָעט. אַפילו אין דראַמאַטיזם איז דאָ פּאָעזיע. דער שרייבער האָט דאָ דערגרייכט די הויכע האַרמאָניע פון פּאָעזיע און פּראָזע, פון געזאַנג און דערציילונג.

אָנגעהויבן האָט גראַדע שרייבן אין די דרייסיקער יאָרן, בעת איבער די הימלען פון אייראָפּע האָבן זיך שוין געטראָגן די וואָלקנס פונעם היט־לעריזם, אָבער אויסגעפורעמט פּאָעטיש האָט ער זיך אינעם יחידישן און נאַציאָנאַלן טראַגיזם אונדזערן. ער איז איינער פון דער ישיבה און דעם מענטש־חזיון האָט ער דערזען ביים תוכן איש, וואָס איז זעקס יאָר געווען זיין רבי. תורה איז ביי חיים גראַדען געוואָרן פּאָעזיע און פּאָעזיע איז ביי אים געוואָרן תורה. אין זיין פּאָעזיע איז דאָ דער לאַנגער, אויסגעצויגע־

נער ניגון פון אַ סוגיא, פון לערנען אַ שטיקל גמרא. געזאָגט וואָלט איך אַז ער איז דער פּאָעטישער פּירוש אויף גמרא, אויף מאמרי חז״ל, אויפן פאַרגאַנגענעם ניגון פון דער ישיבה. אינעם וויזיאָנערישן ליד, „דער טאַנץ פון אולה״, זאָגט ער:

...איך צי פון מיין הארץ ניגונים,
דער זמר פאַרברענט מיך... און וויל אַ טרונק טאָן צו לעשן
מיין קול דעם פאַרשמאַכטן,
דערהער איך אין וואַסער־געמורמל — אַ ניגון זיך מאַטערט
אין ברונעם.

חיים גראַדע האָט אַרויסגעצויגן דעם ניגון פונעם ברונעם און אים אונדז געבראַכט מיט פרישקייט, מיט קרעפטיקער פּאָעטישער בילדלעכ־קייט. דער ניגון האָט אין אים, דורך אים, געקראָגן אַ תיקון לדורות. אין ביאַליקס „על סף בית מדרש״, „המתמיד״ און קלענערע לידער איז דאָ דער תיקון פונעם גייסטיקן איבערבראַך אין אונדזער לעבן. אין גראַדעס פּאָעמעס און לידער איז דאָ דער תיקון פון פאַרלוירנקייט, פון אַ גאַנץ יידיש לעבן, וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם. נישט אומזיסט האָט גראַדע מיטגענומען מיט זיך, אויף זיין וואַנדער איבער די פאַרוואָרפענע טיילן פון רוסלאַנד, ביאַליקס לידער און אַ סך פון זיי איבערגעזעצט. ער פילט אַ פּאָעטיש־יידישע שייכות מיט ביאַליקן, כאָטש אין אויסדרוק איז ער אַזוי אַנדערש פון אים.

גראַדעס ליריזם איז אַ דערציילערישער, ער זעט די טראַגישע וויזיע פון זיינע איבערלעבונגען, ער מאָלט זי אין בילדער, ער שאַפט אַ לירישן קלימאַט אַרום די וויזיעס זיינע. דער ליריזם איז אַן אייגן־זייניקער און, כאָטש אַ סך מאָל אַ קאַשמאַרדיקער, ווערט ער אָבער געלייטערט אינעם כישוף פונעם אייגענעם וואָרט זיינעם. אַפילו, אַז ער זאָגט, אַז „צרעת בין איך אויף די פעלדער וואָס גרינען״, איז אין דעם דאָ לויטערקייט, וואָרעם דאָס „צרעת״ ווערט דורכגעזיפּט דורך דער דין־פּאָעטישער גראַדישער זיפּ.

אַ בוך זיינס רופט ער „שיין פון פאַרלאָשענע שטערן״, — זענען די שטערן פאַרלאָשן, אָבער די שיין זייערע האָט אויפגעלויכטן אינעם פּאָעם, וואָס האָט פון זיי געטרונקען אויף, וויפל מיר קענען זיך אויסמאָלן אייבי־

קייט, ווערט די שיין פון פּאַרלאַשענע שטערן איביק לויכטן מיטן פּאַעטס ווידזיע.

גראַדעס פּראָזע איז אַ המשך פון זיין פּאָעזיע, אָדער אַן אינטעגראַלע טייל אירע. אין די פּאָעמעס זיינע זענען שוין דאָ אַנהויבן פון אַ צמח אַט־לאַס, פון דער עגונה, פון די מוסרניקעס און אַ סך פאָלקישע געשטאַלטן, וואָס ער מאָלט אַזוי מייסטערדיק אין זיין פּראָזע.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר דערציילונגען, וואָס דרייען זיך אַרום דעם האַרבן דין. אין דער העברעישער ליטעראַטור איז דער מוסטער פון אַזאַ דין־פּראָבלעם יל״ג׳ס „קוצו של יוד״. אָבער יענע ווערק זענען געווען אָדער משכילישע, וואָס האָבן געוואָלט באַווייזן, ווי דער דין איז בייז, אַן אַ טראָפּן מענטשלעך געפיל, אָדער זיי זענען געווען קליינע עפּיזאָדלעך, וואָס זענען נישט דערגאַנגען צום יחידס איבערלעבענישן, לכל הפּחות זיי נישט פאַרטיפט.

„די עגונה״ איז אַ גאַנץ דערציילעריש געביי. די קאָנסטרוקציע איז אַ צעבויפגעוואַקסענע, איר קענט פון איר קיין איין ציגל נישט אַרויסנע־מען. די גאַנצע דערציילונג דרייט זיך אַרום דעם דין פון עגונהשאַפט, אָבער חיים גראַדע האָט דאָס פּראָבלעם אָנגעפילט מיט טיפע פּסיכאָלאָ־גישע איבערלעבונגען, מיט דראַמאַטיזם און טראַגיזם. אויפן דין וואָלט איך געזאָגט, האָט ער אָנגעטאָן ביינער, הויט און פלייש און אַריינגע־גאָסן אין אים ברויזנדיק בלוט. די הויפּט־געשטאַלטן, אַ חוץ דער עגינה — ר׳ דוד זעלווער און ר׳ לוי הורוויץ, — וואָס זענען די קעגנערישע צדדים אין דער פּלוגתא פון יאָ, צי נישט מתיר זיין די עגונה, זענען טראַגיש יעדער איינער אויף זיין אייגענעם שטייגער, ביז איצטער איז אין אונדזער בעלעטריסטיק דער רב געווען אָדער דער „טרעגער פון פינצטערניש״, אָדער אַרומגעשלייערט מיט ראָמאַנטיזם. חיים גראַדע איז, דאַכט זיך מיר, דער ערשטער, וואָס שאַפט רבנישע געשטאַלטן מיט פּשוטע מענטש־שטריכן. אויב ר׳ דוד זעלווער איז דער מקיל און ר׳ לוי הורוויץ איז דער מחמיר, זענען דאָ טיפע פּסיכאָלאָגישע סיבות דערפאַר. ר׳ דוד ראַנגלט זיך מיט זיין פּסק־דין נישט ווייניקער ווי ר׳ לוי מיט זיינעם. אין זייער יחידישן לעבן זענען ביידע געשטראָפט. ר׳ דוד לעבט אין גרויס דחקות, דאָס ווייב זיינס איז קראַנק, אין שטאָט האָט ער נישט קיין אָנזען, צו

רבנות אין דער קהילה דערגייט ער נישט. ר׳ לויס ווייב איז אין אַ משוג־עים־הויז און די איינציקע טאָכטער איז אויך משוגע. רבנים זאָגן אים, אַז ער מעג חתונה האָבן, על פּי דין מעג ער. ער קלאָגט אויפן עלנט זיי־נעם, אָבער נעמען אַן אַנדער ווייב האָט ער מורא, אַז עס זאָל נישט פאַלן קיין שאָטן אויף דער ריינקייט און דערהויבנקייט פונעם רבנות.

די קאָנפליקטן, דאָס פּסיכאָלאָגישע געראַנגל, דער גאַנצער וויכוח וועגן דין זענען ווייטלעך פון אונדז. דער כוח פון גרויסער קונסט איז צו דערנענטערן דאָס ווייטסטע. חיים גראַדע פאַרמאָגט דעם דאָזיקן כוח, און אַפילו דער לייענער, וואָס אים אַרט נישט, צי מ׳איז יאָ מתּיר אַן עגונה, צי נישט, פיבערט מיטן גאַנג פון דער דערציילונג. איז טאַקע דער קאָנ־פליקט איבערן דין, אָבער דער דראַמאַטיזם פונעם מענטש, דער טראַ־גיזם זיינער, וואַקסט אַריבער די סיבה. דער מענטש איז דער עיקר, מענטש אין אַלע סביבות מענטש.

חיים גראַדע פאַרשטייט ווי צו שאַפן אַ דראַמאַטישע לופט, וואָס אין איר זאָל זיך דער דראַמאַטיזם צעוואַקסן. אין קאַפּיטל „די שטילע שמונה עשרה״ דאַרף ער צונויפברענגען די עגונה מיטן זעלווער רב, — זי זאָל פאַר אים אויסגיסן איר האַרץ און בעטן אַ היתר. שטייט דער רב איינער אַליין די שטילע שמונה עשרה אין דער זאַרעטשער שול. עס איז נאָך מעריב, אַלע מתפללים זענען זיך צעגאַנגען, ר׳ דוד זעלווער אַליין איז געבליבן, און אין דער טונקלקייט פון דער שול לעבט ער איבער זיין יחידישע טראַגעדיע, מיט די ווילנער רבנים איז ער שוין אין מחלוקת, דערפאַר וואָס ער האָט מתּיר געווען צו זאַמלען שבת אין שול געלט פאַר די הונגעריקע קינדער אין רוסלאַנד (עס איז געווען באַלד נאָך דער ער־שטער וועלט־מלחמה). די רבנים וואָלטן אים מוחל געווען, אַז ער וואָלט נאָר געזאָגט, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. ר׳ דוד אָבער טענהט צו זיך אַליין:

„ניין, איך וועל זיך נישט מכניע זיין און נישט בעטן קיין מחילה. דער אמת איז מיט מיר. דין, צדק און רחמים זענען מיט מיר. איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. וואָס איך האָב געזאָגט און געטאָן איז הלכה למשה מסיני. איך הער נישט די רבנים, איך הער נישט ר׳ לוי הורוויצן. און אויב דער בורא עולם האַלט מיט זייער צד, וועל איך אים אַליין,

כביכול, רופֿן צו אַ דין תורה פֿאַרן בית־דין של מעלה. און אויב דער בית־דין של מעלה וועט געבן גערעכט דעם אַנדערן צד, נישט מיר, בין איך גרייט פֿאַרפֿאַלן צו ווערן אין גיהנום עד סוף כל הדורות און וועל נישט חרטה־האָבן אויף דעם וואָס איך האָב געטאָן".

אין אַזאַ דראַמאַטישער לופֿט שאַרט זיך אַריין די עגונה אינעם זאַ־רעטשער בית המדרש, אָנגעפֿילט איז די לופֿט מיט דראַמאַטיזם אין דער עגונהס געוויין, ווערט צונויפֿגעוואַקסן מיטן דראַמאַטיזם, וואָס ר' דוד זעלווער לעבט איבער אין זיך. דערפֿון וואַקסט העכער דער עגונהס דראַ־מאַטיזם. דער צונויפֿטרעף איז אַ קינסטלעריש־באַוווסטזיניקער, צו שאַפֿן אַ הויכע דראַמאַטישע טעמפּעראַטור. אין דעם בוך זענען דאָ אַ סך אַזעל־כע ערטער, וואָס פֿאַר אַ דראַמאַטישן מאָמענט שאַפֿט חיים גראַדע פֿריער אַ דראַמאַטישע לופֿט. אַזוי איז ביי לוי הורוויצן אין שטוב, ווען רבנים קומען זיך צונויף און די פֿון זין געריכטע טאָכטער קומט אַרויס פֿון חדר איינגעטאַנצן אַ נאַקעטע. אַזוי איז ביי דער לוויה פֿון ר' דוד זעלווערס עופּע־לע. אין די דאָזיקע סיטואַציעס איז דאָ דיכטעריש־דערציילערישער שפּאַ־נונג, קינסטלעריש באַוווסטזיין, הויך־דערציילערישע קאָנסטרוקציע. חיים גראַדע איז דערוואַקסן צו דער מדרגה, וואָס סיטואַציעס זאָלן ביי אים אָטעמען מיט דער פֿריער־געשאַפֿענער לופֿט.

מערל די בייטאָרן איז די עגונה, דער מאַן איז איר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין דער מלחמה, און עדות זענען דאָ, אַז דער גאַנצער באַטאַליאָן זיינער איז אומגעקומען. דער דין איז אָבער, אַז עדות דאַרפֿן קומען און זאָגן, אַז זיי האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי ער איז אומגעקומען. אָן עדות איז זי נאָך אַלץ אַן אשת איש. די געזונטע יידישע פֿאָלקס־פֿרוי, וואָס איז „מיידלווייז געווען אַ פֿריילעכע, אַ לאַכערקע, מיט אַ שוואַרצן פֿינקל אין די אויגן, און אַלע בחורים פֿון אַרום שטיבלעך־וואַלד האָבן זיך גע־וואָלט מיט איר קושן", — איז אָפּגעזעסן פֿופֿצן יאָר אַן עגונה, כאָטש דער יונג מאַריץ האָט מיט איר געוואָלט חתונה האָבן אָן אַ רב'ס היתר. מאַריצן האָט זי טאַקע פֿיינט געהאַט, אָבער אין ווילנע זענען אין יענער צייט שוין געווען געגנוג „פֿרייע", וואָס וואָלטן זיך נישט גענומען צום האַרצן יאָ היתר, נישט היתר. מערל איז אַלץ אַ יידיש ווייבל.

חיים גראַדע איז אפֿשר איינער פֿון די געציילטע דערציילער ביי

אונדז, וואָס שאַפט דערהויבענע פּרויען־טיפּן, און אַלץ אין דער ספערע פון געדיכטער יידישקייט. מערל איז ביי אים דער מער קאָמפּליצירטער טיפּ פרוי. זי איז נישט פרום, אָבער זי פאַרמאָגט אַ ריינקייט, אַן אָרענט־לעכקייט, וואָס דערוואַקסט ביז יידישער פרומקייט. נאָכן היתר וואָס ר׳ דודל זעלוועד האָט איר געגעבן, האָט זי חתונה מיטן דערשלאָגענעם, לאַ־יוצלחדיקן קלמנען. זי איז פול מיט רחמנות אויף דעם רב, ר׳ דוד זעלווער, און אָט די רחמנות ברענגט זי חתונה צו האָבן מיט קלמנען, וואָס אויף אים איז אויך אַ גרויס רחמנות. דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגישער פּלאָנטער איז אין בוך אַרויסגעבראַכט אויף אַ זייער איידעלען אופן. זי אַליין, מערל, גיט זיך אַפילו קיין חשבון נישט אָפּ דערפון.

איז כאָטש די געשעענישן זענען ראַשיקע, טיילמאָל אַפילו מעלאָדראַ־מאַטישע, אָבער די פּסיכאָלאָגישע פּאַרטיפונג, די געשטאַלטן, דערהויבן אַפילו דעם מעלאָדראַמאַטיזם.

חיים גראַדע, דער מייסטער־מאָלער פון דער טראַדיציאָנעלער, אַפילו פרומלמדנישער, יידישער וועלט, מאָלט אויך אין דעם איצטיקן בוך שטי־קער יידיש לעבן, וואָס איז שוין פאַרגאַנגען און בלייבן וועט עס אין אַזעלכע ווערק, ווי „די עגונה״.

יוני 1964

אַ דראַמאַטישער דערציילער

חיים גראַדע, דער דערציילער איז, ווי דער פּאָעט חיים גראַדע, קודם כל דראַמאַטיש. דער דראַמאַטיזם זיינער איז נישט אין די אויפטרייס־לענדיקע געשעענישן, וואָס ער באַמאָלט, נאָר, ווי ער דערציילט, אין די אימאָזשן, די פאַרגלייכן און, דער עיקר, דער מין מענטש איז ביי גראַדען אַ דראַמע. אַז מיטן מענטשן זאָל גאָרנישט פּאַסירן, איז ער אויך אַ דראַ־מע, וואָרעם דער עצם מענטש איז צונויפגעשטעלט פון אַ טיף־אינזיכי־קער דראַמע. אַלע דערציילערישע ווערק זיינע, וואָס איך האָב ביז איצ־טער געלייענט, — און געלייענט האָב איך כמעט אַלצדינג, וואָס ער האָט געשריבן, — איז דער נאַראַטיוו, דער לויף פון דער דערציילונג, איז כלל נישט קיין דראַמאַטישער. און דאָך זענט איר אין זיינער אַ דערציילונג אינעם ווירבלראָד פון הויכער דראַמע.

פונוואַנעט נעמט זיך דער דראַמאַטיזם אַפילו אין כלל אומדראַמאַטי־שע פּאַסירונגען? אַז איך האָב איבערגעלייענט דעם ערשטן באַנד פונעם ערשט־דערשינענעם ווערק זיינעם, „צמח אַטלאַס״, וואָס האָט נאָך אַ צווייטן, אַ זייטיקן נאָמען, „די ישיבה״, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער אופן שרייבן גראַדעס איז אַן אינטענסיווער, פול מיט שרייבערישער ענער־גיע. נישט ביי יעדער וואָרט־קינסטלער פילט איר די שרייבערישע ענער־גיע. זי איז דאָ, וואָרעם אָן דער שעפערישער ענערגיע וואָלט נישט מעג־לעך געווען צו שרייבן אַפילו איין קינסטלעריש־ווערטיקע שורה. נאָר רעדן רעדט זיך דאָ וועגן פילן די שעפערישע ענערגיע. פאַרקערט, וואָרט־קינסטלער זענען דאָ, וואָס ווענדן־אָן אַ גרויסע מאָס ענערגיע צו פאַרבאָרגן די קינסטלערישע ענערגיע. חיים גראַדע לאָדט זיך אויס, די שעפערישע ענערגיע, אין אַזאַ שפע, אַז איר פילט זי ממש אין יעדער שורה.

ממילא וואַקסט באַלד אַרויס דער דראַמאַטיזם. די סאַמע פּשוטסטע געשעענישן ווערן ביי אים דערהויבן צו דראַמאַטיזם. דער מחזה אברהם, וואָס איז אין „צמח אַטלאַס" דער חזון איש, איז אין תוך אַן איש תמים, ער איז גאַנץ מיט זיך, ער האָט נישט קיין גלוסטענישן נישט נאָך קיין רייכקייט, נישט נאָך קיין פּירסום, נאָר נאָך תורה און פּאַרטיפטקייט אין זיך אַליין, — אַפילו דער מחזה אברהם איז אין גראַדעס ווערק פול מיט דראַמאַטיזם. צום מחזה אברהם קומט מען נאָך עצות, און אין ווען פאַר שטיין דעם אַנדערן, לעבט ער, דער מחזה אברהם, איבער אַ טיפע דראַ־מע. דער מחבר, קומט אויס, וויל אונדז זאָגן, אַז פאַרשטיין אַ מענטשן איז אין תוך אַ דראַמע. וואָרעם דורך ווען פאַרשטיין דעם אַנדערן פאַר־בינדסטו זיך מיט אים און צונויפבונד פון מענטש־מיט־מענטש איז דער שטאָף, וואָס פון אים איז די דראַמע אויסגעוועבט.

דעם ערשטן באַנד „צמח אַטלאַס" הייבט גראַדע אָן אַזוי: „צמח אַטלאַס איז נאָך געווען אַ יונג בחור אַ לערנער, ער האָט געהערט דער־ציילן, אַז אין נאַוואַרעדאָק, אין דער ישיבה פון די מוסרניקעס, האָט מען דעם יצר־הרע שוין געקוילעט. איז ער פון זיין היימשטאָט לאָמזשע גע־פאָרן קיין נאַוואַרעדאָק און דאָרטן געהאָרעוועט אויף שבירת המידות". דער אַריינפאָר איז שוין אַן אָנוווּנק אויף דער גרויסער דראַמע, וואָס צע־וואַקסט זיך אין צמחן און טאַקע אינעם ערשטן פּאַראַגראַף זאָגט דער מחבר, אַז צמח „האָט גיך איינגעזען, אַז אויך אין בית־מדרש פון בעלי־מוסר האָט מען דעם יצר־הרע נאָך נישט געקוילעט, ווייל סע איז לייכ־טער אָפּצוהיטן צענדליקער דינים און מנהגים, איידער איין מאָל זיך אָפּ־צוזאָגן פון אַ פאַרוווערטער תאווה".

דאָ האָבן מיר דעם תמצית פון צמחס דראַמע, וואָס איז נאָר איינע פון די דראַמעס, וואָס דער מחבר האָט מיט זיי אָנגעפילט דאָס בוך. ער דערציילט אונדז נישט פון צמחס אָפּשטאַם, — נישט פון זיינע עלטערן, נישט פון זיין געראַנגל אין די גאָר יונגע יאָרן, — ער גיט אים אונדז אַ פאַרטיקן פאַרן געראַנגל וואָס אַנטוויקלט זיך אין בוך. גראַדע האָט דאָס בוך באַפעלקערט מיט צענדליקער מענטשן ממש. געוואָלט האָב איך זאָגן הונדערטער, נאָר איך האָב מורא געהאַט, אַז איך זאָל נישט געשטרויכלט ווערן מיט גוזמא, האָב איך גענומען אַ באַשיידענע צאָל. באַפעלקערט

מיין איך מענטשן, וואס זענען אקטיוו אין דעם גאנג פון דער דערציי־לונג. מענטשן, וואס דער מחבר צייכנט זיי און זיי האבן א דירעקטע שייכות צום נאראטיוו. למשל, מיט סלאוועס צוויי ברידער ווייס איך נישט, צי מיר וועלן זיך באגעגענען ווייטער (סלאווע איז א היינטהדעלטיקע שטאטיש־אויפגעקלערטע, וואס צמח אטלאס האט מיט איר חתונה), אבער גראדע צייכנט זייערע געשטאלטן מיט א פולקייט, ווי זיי וואלטן געדארפט דורכגיין דורך דער גאנצער דערציילונג. ביי אן אנדער שרייבער וואלט עס געווען קינסטלערישע פארשווענדערישקייט, וואָרעם א דער־ציילער דארף זיך האלטן ביים כלל נישט אריינצושלעפן קיין איבעריקע מענטשן. ביי גראדען האבן זיי א שליחות דורכצופירן: צו דערפירן צמח'ן צו דער דערקענונג, אז ער איז נישט באשאפן צו זיין א קרעמער. אבער אפילו אין די ראמען פונעם דאזיקן שליחות וואלט אן אנדער דער־ציילער נישט פארווענדט אזויפיל קינסטלערישע ענערגיע צו מאלן נישט נאר די ברידער סלאוועס, נאר אויך זייערע ווייבער און די גאנצע סביבה זייערע, אפילו די סוחרים, וואס מיט זיי פירן זיי די מסחרים זייערע. דער־פון זעט איר, אז צמח אטלאס איז טאקע דאס צענטראלע ראד, וואס די דערציילונג דרייט זיך ארום דעם, אבער אלע אנדערע זענען ביים מחבר צענטראל, דערפאר וואס דער שרייבערישער טעמפעראמענט זיינער איז צו מאלן אויף א ברייטער לייוונט כלערליי מענטשן, וואס איבער זיי שפרייט ער אויס איין קינסטלערישן הימל, — זייער אייגענעם, אויסגעפאנ־טאזירטן.

דעם סיפור המעשה פון „צמח אטלאס" איז שווער איבערצוגעבן. דאס איז דערפאר, וואס נישט קיין איין דערציילונג, נאר א סך דערציילונגען זענען דא אינעם ווערק. דער פאדעם, וואס בינדט זיי צונויף, איז דאס באזונדערע ווינקל פונעם יידישן לעבן, וואס גראדע מאלט מיט גרויס־מייסטערשאפט. איז טאקע צמח אטלאס די צענטראלע פיגור, אבער דער גאנצער מענטש־פארנעם וואקסט אים, צמחן, אריבער. צום אנהייב האב איך נישט פארשטאנען פארוואס גראדע האט געדארפט דעם ווערק זיינעם געבן צוויי נעמען, — צמח אטלאס און די ישיבה. נאכן איבערלייענען דאס בוך האב איך שוין יא פארשטאנען: אין סאמע תוך איז די ישיבה, אין אלע אירע אויסשטראלונגען. דער הויפטהעלד פון גראדעס ווערק.

אין כאָטש מיר ווייסן נישט פונוואַנען צמח וואַקסט אַרויס, קענען מיר אָבער צונויפנעמען די באַזונדערע שטריכן און שטריכלעך און צו־נויפשטעלן דעם אָנהייב פונעם נאַראַטיוו. צמח אַטלאַס האָט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געלערנט אין דער נאָוואַרעדקער ישיבה. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָבן די נאָוואַרעדקער געוואָלט אַרי־בערפירן די ישיבה קיין פוילן, ווארעם אין רוסלאַנד האָבן די „בעז־באָזשניקעס" ממש געברענט די טריט פון די מוסרניקעס. די נאָוואַרעד־קער ישיבה־לייט האָבן מיט מסירת נפש אַריבערגעפירט איבער דער סאָ־וויעטישער גרענעץ יונגע ייִנגלעך, זיי געבראַכט קיין פוילן און געשאַפן פאַר זיי ישיבות. צמח אַטלאַס איז געווען דער פאַנאַטישסטער צווישן די ישיבה־לייט: ער האָט ביי עלטערן ממש אַרויסגעריסן פון די הענט די יונגע ייִנגלעך, איינגעשטעלט דאָס לעבן צו גנבענען מיט זיי די גרענעץ און נאָכמער פאַנאַטיש איז ער געווען ביים שאַפן ישיבות אין פוילישע שטעט און שטעטלעך.

געווען איז צמח אַ שיינער מאַנצפאַרשוין, אַ שטאַלטנער, אַ קרעפ־טיקער און, כאָטש ער האָט ממש געברענט מיט מוסר און עבודה, איז ער אָבער געווען אַן „אַנגעשפּאַלטענער": ער האָט נישט געגלייבט אין סאַמע עיקר, אין מציאות, — פשוט, ער איז נישט געווען קיין מאמין. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־תאווה און האָט געפירט אַ תמידיק געראַנגל סיי מיטן אומגלויבן זיינעם און סיי מיט דער ברענענדיקער תאווה. אויף דער קאַנווע פון דער דאָזיקער סתירה אין אים אַנטוויקלט זיך צמחס גרויס־מענטשלעכע דראַמע, אוודאי קענען מיר פרעגן: אויב צמח האָט נישט קיין אמונה, און ער ווייסט עס, פאַרוואָס האַלט ער זיך ביי דער ישיבה? די דערציילונג וועבט זיך דאָך אין דער נאָך־מלחמדיקער פוילן, בעת די ניי־וועלטיקע ווינטן האָבן שוין היבש שטאַרק געבלאָזן אַפילו אין פוילן. פאַרוואָס האָט צמח נישט אָוועקגעלייגט דעם דרך המוסר, די ישיבה און בכלל דאָס פרומקייט? פרוווט אונדז דער מחבר געבן אַ פירוש:

צמח אַטלאַס האָט חתונה מיטן צעלאַזענעם, גבירישן מיידל סלאַווע. ער האָט כמעט אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון פרומקייט און מוסרנישקייט. די ברענענדיקע תאווה זיינע האָט ער אויסגעלעבט אינעם צונויפלעב מיט דער צעלאַזענער סלאַווען. ער איז אָבער אַריינגע־

פאַלן אין אַ וועלט, וואָס ער האָט זי נישט געקענט סובל־זיין, — אין דער וועלט פון קרעמערײַ, וואָס ווי גרויס־פאַרנעמיק זי זאָל נישט זיין, איז זי אַלץ קליין. ער איז אין תוך אַ מין באָהעם: די ישיבה איז זיין באָהעמיע. דאָס געראַנגל מיטן אומגלויבן און דער תאווה פילן אים אָן, דערהייבן אים גייסטיק. אַ פאַרפלאָנטערטע פּסיכאָלאָגישע מענטש־שפּיל מאָלט אונדז גראַדע און אין דעם דאָזיקן פּלאָנטער לייטערט ער אויס דאָס קינסטלערישע געשטאַלט. פאַרשטייט זיך, אַז דער מחבר אַליין קען אַנדערש אויפקלערן צמחן, אָבער סוף־כל־סוף איז אין אַ קונסט־ווערק נישט דער עיקר דעם שרייבערס כוונה, נאָר דער אופן, ווי דער לייענער נעמט דאָס ווערק אויף און גיט דעם אייגענעם פּירוש אויף דעם.

דער מחבר שאַפט פּאַראַלעלע טיפּן, נאָר זיי זענען לגמרי אַנדערש. וואָווע באַרביטאַלער, למשל, איז פול מיט סתירות טיף אין זיך, ווי צמח אַטלאַס, כאָטש דער מין מענטש איז לגמרי אַן אַנדערער. דאָס שייכות אָבער צווישן די ביידע איז דאָס געראַנגל מיטן יצר־הרע. וואָווע איז אַ פאַרמעגלעכער טאַבאַק־סוחר, דאָס ווייב זיינס, קאָנפראַדע, איז פון אים אַנטלאָפן. ער האָט צו איר די גאַנצע צייט גוואַלדיקע גלוסטענישן, כאָטש ער ווייסט, אַז אין דער ווייטער אַרגענטינע לעבט זי מיט אַן אַנדער מאַן. גטן וויל ער זי נישט. דאָס יינגל זייערס האַלט ער ביי זיך און, כאָטש ער ממיתט אים, האָט ער אים ליב מיט אַ מין קרענקלעכער ליבשאַפט. דער וואָווע לעבט מיט איינער, אָן חופה וקדושין, ער שיכורט, ער מאַכט סקאַנדאַלן אין שולעכל, אָבער... אַ פרומער ייד איז ער. די מצווה, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, איז צו זען, אַז יידישע קינדער זאָלן טראָגן אַרבע־כנפותן. ער גייט אַרום און גיט יינגלעך לייבצודעקלעך און קוקט נאָך, צי זיי טראָגן די ציצית...

אין דער וואָווע אַ מיאוסע בריאה, אָבער פאַרט איז דאָ אין אים שיינקייט, וואָרעם טראַגיזם אין אַ מענטשן איז בכלל שיין. צמח אַטלאַס איז אין תוך איידל, אָבער צו דער אייגענער צייט פאַרמאָגט ער אַן עבֿ־לעכקייט צום גראָבן וואָווע באַרביטאַלער. אַז מיר זאָלן נעמען די אַנדערע טיפּן אין דער דערציילונג, וועלן מיר אויך געפינען עפּעס ווי פאַרלעך, אַזויווי די חיות, וואָס נח האָט אַריינגעגעבן אין דער תיבה. די געדיכט־באַפעלקערטע דערציילונג איז פול מיט מענטשן, וואָס זענען טיפּן פאַר

זיך אַליין, אָבער צו דער אייגענער צייט איז דאָ אַ פּאַדעם, וואָס פאַר־בינדט זיי. קאָנפראַדע, למשל, וואָס איז אַנטלאָפן פון וואָוועץ קיין אַרגענ־טינע, איז אַזוי אַנדערש פון צמחס ווייב, סלאַוועץ, ווי טאָג איז אַנדערש פון נאַכט. סע איז אָבער פאַראַן דאָ אַן ענלעכקייט ביי זיי אייגנע צו דער אַנדערער אפשר דער גורל, אפשר דער באַהאַלטענער בונט קעגן דעם איינגעשטעלטן נוסח פונעם לעבן, און אפשר ביידע אינאיינעם. זיי זענען צונויפגעבונדן און ווייסן אַפילו נישט איינע פון דער אַנדערער.

די ישיבות זענען, פאַרשטייט זיך, באַזעצט מיט ישיבה־לייט: עלטערע און יינגערע. מיט די עלטערע גיט זיך דער מחבר ווייניק אָפּ, און די עטלעכע, וואָס ער צייכנט יאָ, זענען נישט ביי אין אונדזער דערציילערי־שער ליטעראַטור. די יונגע יינגלעך זענען ביי אים דער עיקר, זיי מאָלט ער נישט נאָר מיט אַ סך ליבשאַפט, נאָר אויך פשוט מיט טיפער אָנער־קענונג פאַר זיי. אַפילו וואָווע באַרביטאַלערס יינגל, וואָס איז אַן איבער־געפירטער, אַפילו אַ דעגענערירטער, איז אויך ביי גראַדען אַן אָביעקט פון ליבשאַפט. זיך אַליין, חייקל רופט ער זיך, מאָלט ער מיט אַ סך ווייניקער ליבשאַפט, ווי די אַנדערע קינדער. דער קינסטלערישער חוש האָט אים דאָ געדינט, וואָרעם זייער אָפט ווערט אַ מחבר סענטימענטאַל, בעת ער מאָלט זיך אַליין, אַפילו פאַרשטעלטערהייט. חייקל איז אַ געראָטן יינגל, אָבער ער פאַרמאָגט שוין אין די יינגסטע יאָרן זיינע אַ מין שקאַצעשאַפט. דער צונויפטרעף זיינער מיטן מחזה אברהם איז אַ דראַמאַטישער. גראַדע האָט דעם רבין זיינעם שוין באַזונגען אין לידער און באַלאַדעס, אָבער אין „צמח אַטלאַס" מאָלט ער אים צום ערשטן מאָל בעלעטריסטיש. דער־ווייל איז דער מחזה אברהם נאָר אַן עפּיזאָדישער פיגור, אָבער גראַדע דערהייבט אים צו אַזאַ הויכער פשטות, אַז איר ווערט באַלד דורכגענומען מיט גרדיס באַוווּנדערונג פאַר אים, דעם מחזה אברהם.

בכלל איז חיים גראַדע דער איינציקער דערציילער, וואָס מאָלט די לערנערישע וועלט מיט אַזויפיל טיפער קענטעניש. מיר האָבן אין אונדזער ליטעראַטור דערציילונגען פון דער ישיבה, אָבער זיי זענען לרוב משכילי־שע, צוגעשניטן אַרויסצוברענגען די נעגאַטיווע זייט פון דער ישיבה. אַזאַ אופן שילדערן איז לחלוטין אומקינסטלעריש, אַקוראַט אַזוי איז אומקינסטלעריש דער אופן, ווי די אַפּאָלאָגעטיקער פון דער ישיבהדיקער

וועלט מאָלן זי מיט גוזמאַדיקער דערהויבנקייט. גראַדע דרינגט אַריין אין דער לערנערישער וועלט אָן פּניות, — די איינציקע פּניה זיינע איז די קינסטלערישע. ער איז אַן אינעווייניקסטער אין דער וועלט פון דער ישיבה, דערפאַר קען ער זיין אָביעקטיוו און זי מאָלן גרויס־קינסטלעריש.

„צמח אַטלאַס" פּילט נישט אויס דאָס גאַנצע בוך, אָבער אַפילו אַז צענדליקער זייטלעך איז ער אין בוך נישטאָ, איז ער די גאַנצע צייט דאָ אין דעם אונטערבאַוווסטזיין פונעם לייענער. דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָס געשטאַלט זיינס איז פול־דראַמאַטיש און דורכויס ניי אין דער ליטע־ראַטור אונדזערער.

חיים גרינבערגס צענטער יאָרצייט

דער צענטער יאָרצייט חיים גרינבערגס דערמאָנט אונדז, אַז אַ גרויסע יידישע פּערזענלעכקייט איז פון אונדז אַוועקגעגאַנגען, און דער בלויז, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט איז נישט אויסגעפּילט. דער שרייבער, דער רעדנער, דער אויפבּרויזער פון אידייען און איבער אַלץ — די פּערזענלעכקייט, וואָס איז כולל אַלץ און שטייגט אַריבער אַלץ.

ער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אַ דור, וואָס איז געווען דער שעפערישסטער אין דער מאָדערנער געשיכטע אונדזערער. ער האָט געטראָגן אין זיך דעם דור און צו דער אייגענער צייט האָט איר געשפּירט, ווי הינטער אים גייען נאָך דורות יידישקייט. דער הײנטיקסטער ייד איז ער געווען, אָבער זיין היינטצייטיקייט האָט געטראָגן אין זיך דעם אַראָמאַט, דעם ווידערקלאַנג פון דער אַלצייטיקייט אונדזערער. ער האָט גערעדט מיטן לשון פון דער צייט, אָבער נאָכגעגאַנגען איז דעם וואָרט זיינעם דאָס טיף־אינערלעכע לשון פון דורות יידן, מיט אַלע זייערע פאַרבן.

וואָס איז פּערזענלעכקייט? קיינער האָט זיך נישט דערגרונטעוועט צום באַשייד פון פּערזענלעכקייט. מיר זען אַמאָל אויף דער בינע אַקטיאָרן שפּילן, — פירן דורך גוט זייערע ראָלן — נאָר אָט קומט אַרויף די גרויסע בינע־פּערזענלעכקייט און מיר דערשפּירן, ווי ער פילט־אויס די גאַנצע בינע, נאָך איידער ער רעדט אַרויס אַ וואָרט, איז שוין די בינע פול מיט אים און ליידיק מיט די אַנדערע. אַרום אים שאַפט זיך די לופט, מיט אים אָטעמט יעדעס ווינקעלע.

דעם סוד פון דער פּערזענלעכקייט קענען מיר נישט אויפקלערן, נישט אויף דער בינע, נישט אויף דער רעדנער־טריבונע און נישט אין עווינלעכן לעבן. נאָך ווייניקער קענען מיר זיך דערגרונטעווען צום סוד פון דער פּערזענלעכקייט אין געשריבענעם וואָרט. אוודאי דאַרף דאָס

געשריבענע וואָרט זיין אָנגעפילט מיט תוכן, אַז עס זאָלווירקן אויף אונדז. אָבער מיר זעען, ווי דעם אייגענעם תוכן לייגט אַריין אין וואָרט אַן אַנדער שרייבער, נאָר אַן דער אויסגעשפּראָכענער פּערזענלעכקייט, און די ווירקונג איז שוין אַן אַנדערע, דער כישוף טוט זיך אָפּ.

חיים גרינבערג איז געווען די פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אָנגעפילט דעם רוים אַרום זיך. אַז איך האָב אים געהערט רעדן, האָב איך געשפּירט, ווי דער מאָך מיט דער האַנט זיינער איז פול מיט געדאַנק, מיט שטימונג. ער האָט זיך, אין זיינע רעדעס, נישט געיאָגט נאָך אָראַטאָרישע עפעקטן, אָבער זיי האָבן אַרויסגעוואָקסן פון אים, זיי האָבן ממש געשפּילט מוזי־קאַליש אין זיין קול, אַפילו אינעם אָפּגעהאַקטן געלעכטער, וואָס ער האָט אָפט אַריינגעטאָן אין אַ רעדע זיינער. נישט קיין באַוווסטזיניקער מאַניער איז עס געווען, נאָר אַ מין טייל פון אים.

אַרויסגעוואָקסן איז חיים גרינבערג פון בעסאַראַביע, — אין אַ דערפל לעבן מיין געבוירן־שטאָט בעלץ איז ער געבוירן געוואָרן, — און כאָטש אַנטוויקלט האָט ער זיך בריט־וועלטיש, איז דאָך אין אים געבליבן פאַר־וואָרצלט דער בעסאַראַבישער ייד. אַז ער האָט, בעת אַ שמועס, — און געווען איז ער איינער פון די אינטערעסאַנטסטע שמועסערס, — אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט, האָב איך דערזען פאַר זיך די ברייטע בעסאַראַבי־שע סטעפּעס. דער עיקר אָבער, — דער בעסאַראַבישער ייד, וואָס אַפילו אַז ער האָט זיך אָפּגעקערט פון דער אמונה, איז ער געבליבן אַ גרויסער בעל־אמונה. דאָס גלויבערישע געמיט איז אין אים געווען דער סאַמע כאַ־ראַקטעריסטישער שטריך.

די אידייען האָט ער דורכגעטראַכט, אָבער דער עיקר זייערער איז געווען דאָס אידייאישע געמיט. ער האָט געהאַט אַן אידייאיש געמיט און דערפאַר זענען די אידייען, וואָס ער האָט געבראַכט, געווען דער אויסדרוק פון זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט זיי אויסגעשפּילט אויף די סטרונעס פון זיין געמיט. זיי זענען ביי אים געווען אַ מעלאָדיע, וואָס אַז אַן אַנ־דערנס קול זינגט זי, ווערט זי אָן דעם באַזונדערן חן, זי פאַרמאָגט שוין נישט דעם כישוף פון דער פּערזענלעכקייט.

חיים גרינבערג איז געווען אי אַ סקעפּטיקער, אי אַ טיפער, כמעט רעליגיעזער, גלויבער. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ סך דעקאַדענץ, אָבער

צו דער אייגענער צייט האָט געווייעט פון אים מיט ערשט־צעבליטער פרישקייט, ווי אַזוי די דאָזיקע האַרמאָניע האָט זיך אין אים געשאַפן, איז ווידער דער סוד פון דער פערזענלעכקייט. פון זיין פנים האָט אַרויסגע־שיינט די אַלט־יידישע חכמה, אָבער צו דער אייגענער צייט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אין דער טיף פון זיינע פלאַמיק־שוואַרצע אויגן איז באַהאַלטן אַ קינדישע נאַיווקייט. אַמאָל האָט איר געשפּירט אין אים אַ צעבראָכנ־קייט, אַ מין תועה בדרכי החיים, אָבער די צעבראָכנקייט האָט זיך אין אים פאַרוואַנדלט אין אַ וווּנדערלעכער גאַנצקייט. ווי האָט ר׳ נחמן בראַצלאַווער געזאָגט: נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך, ווי אַ צעבראָכן יידיש האַרץ... דאָס „צעבראָכענע יידישע האַרץ״ האָט אים, חיים גרינבערגן, גאַנץ געמאַכט, אים פאַרוואַנדלט אין אַ פולן יידישן מענטשן.

ציוניסטישע רעדעס האָב איך אים געהערט האַלטן, אָבער עפּעס זענען זיי נישט געווען ציוניסטיש, זיי האָבן נישט געהאַט דעם ציוניסטישן פּאַ־טאָס, דעם אידייאישן באַטאָן. און דאָך האָבן זיי געווירקט אַ סך מער ווי די פייערדיקע ציוניסטישע רעדעס פון אַנדערע. ער האָט אַ סך אָפּגע־פרעגט, אַ סך געספּקט, אָבער דאָס גלויבערישע יידישע געמיט האָט אים באַצוווּנגען.

בטבע איז חיים גרינבערג געווען אַ מעשה־דערציילער. דער מעטאָד פון זיין שרייבן איז אויך אַ מעשה דערציילערישער. זיינע „בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך״ זענען עסעיסטישע דערציילונגען. אָבער דער אופן דער־ציילן איז ביי אים געווען אַ גראַציעז־שפּילעוודיקער ביז ער איז צוגע־קומען צום אויספיר. ער שפּילט אונדז אַריין אין דעם טיף־ערנסטן אויס־פיר. מיר כאַפּן זיך נישט, אַז פון דער גראַציעז־דערציילטער מעשה וועט אַרויסוואַקסן אַ תוכן, וואָס מיר וועלן זיך איבער אים גאָר ערנסט פאַר־טראַכטן. אַ קלוגע נעץ שפּינט ער אויס פאַר אונדז, און איידער מיר קוקן זיך אַרום, זענען מיר שוין אין איר געפאַנגען.

אָבער נישט נאָר מעשה־דערציילער איז ער געווען, אויך קינסטלע־רישער צייכענער פון מענטשן. ער האָט פאַרמאָגט דעם קינסטלערישן חוש פאַר אונדז לעבעדיק צו מאַכן אַ מענטש, אים צו באַמאָלן מיט אַ פּאָר שטריכן, אַריינדרינגען אין אים און אַרויסשעפּן פון אים דאָס סאַמע כאַ־ראַקטעריסטישע, — פאַרשטייט זיך, וויפל פאַר אים, גרינבערגן, איז

נויטיק געווען, כדי צוצוקומען צו זיין אויספיר, וואָס איז אויבנאויף גע־וועגן ביי אים דער עיקר.

האָב איך געזאָגט „אויבנאויף", דערפאַר, וואָס אַז איך לייען איצטער זיינע עסייען, דאַכט זיך מיר, אַז דער עיקר איז גאָר ביי אים געווען צו באַמאָלן דעם מענטשן, דער אויספיר איז געווען דער טפל. אַז ער האָט געפירט אַ שמועס, האָט ער דערציילט אַ מעשה, אַז ער האָט געשריבן, האָט ער דערציילט אַ מעשה, אַז ער האָט געהאַלטן אַ רעדע, האָט ער דערציילט אַ סך מעשיות. און איך האָב אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער וואָלט געדאַרפט שרייבן דערציילונגען, האָט ער מיט אַ קלוגן שמייכל געענטפערט, אַז אַ דערציילונג דאַרף מען אויפבויען, אָבער ער ברענגט נאָר עפּיזאָדן.

איז ער אפשר גערעכט געווען, אָבער די עפּיזאָדן זיינע זענען געווען אַזוי אָנגעלאָדן מיט דערציילערישקייט, אַז ביזן היינטיקן טאָג דאַכט זיך, אַז דער סקעפּטיציזם האָט אים אָפּגעמויגט פונעם גרעסערן דערציילערישן פּאַרנעם. נאָר סיי־ווי, אַז מיר לייענען זיינע עסייען, וואַקסט פאַר אונדז אויס אַ גאַלעריע טיפּן, מענטשן, געשעענישן, וואָס בינדן זיך צונויף אין אַ גרויסער מענטש־דערציילונג. און איבער אַלע זיי שוועבט דאָס געמיט זיינס.

חיים גרינבערג איז אַ סך אַרומגעפאָרן, האָט באַגעגנט אַ סך פאַר־שיידנפאַרביקע מענטשן, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דער רוב פון זיינע מעשיות זענען שרייבערישע פאַנטאַזיע. אַמאָל האָב איך זיך איינגעשטעלט און אים געזאָגט: איך וויל, חלילה, נישט ספקן אין דעם אמת פון אייערע מעשיות, אָבער מיר איז קשה, פאַרוואָס מענטשן רעדן נישט מיט מיר אַזוי ווי מיט אייך... ער האָט צוגעטראָגן דאָס גלעזל קאָניאַק צום מויל און זיך געמיטלעך אָנגערופן: מענטשן, אַפילו אַז זיי רעדן נישט, רעדן זיי אויך. פון האַלבע ווערטער שטעל איך זיי אַ סך מאָל צונויף...

אַ באַזונדער דערשיינונג אין אונדזער עסעיסטיק איז ער געווען. ער איז געווען אַ שיין־שרייבער, אָבער דאָס שיין־שרייבעריי איז נישט גע־ווען ביי אים דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי געוואָלט. דער טיפער אינער־לעכער זין זיינער איז עס געווען. די פּערזענלעכקייט זיינע.

האָפּערס ווייסע פּאַרפּאַלנקייט

ביכער וועגן די כלומרשטע פּאָליטישע פאַרברעכערס, וואָס סטאַלין האָט זיי אין די טויזנטער פאַרשיקט קיין סיביר און אַנדערע פּונקטן פון „ווייסער פאַרפאַלנקייט" האָב איך געלייענט לכל הפחות אַ צוויי צענדליק, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז יחיאל האָפּערס בוך איז דאָס שטאַרקסטע. דאָס בוך „אין ווייסער פאַרפאַלנקייט" טרייסלט ממש אויף און צו דער אייגע־נער צייט פאַרמאָגט עס אַ קינסטלערישן כח, אַז סע זאָל אייך ציען צו לייענען און לייענען.

אַפילו סאָלזשעניצינס בוך, ווו ער באַשרייבט זיינע 24 שעה אין אַ פאַרשיקונג־לאַגער, איז לפי דעתי אַ בלייכער אָפּשפּיגל פון דער ווירק־לעכקייט, ווי האָפּער באַשרייבט זי. פאַר יידן האָט דאָס בוך אַ באַזונדערן באַטייט, דערפאַר וואָס האָפּער דערציילט דאָרטן פון די פאַרשיקטע יידן, — אָט־די יידן, וואָס סטאַלין האָט כלאָמפּערשט געראַטעוועט ווען ער האָט געשלאָסן אין 1939 דעם אָפּמאַך מיט היטלערן. מיר געדענקען אַלע זייער גוט, ווי די יידישע קאָמוניסטן איבער גאָר דער וועלט האָבן גע־בושעוועט צו באַווייזן, אַז דער אָפּמאַך צווישן דעם קאָמוניזם און דעם נאַציזם איז געווען נאָר לטובת די יידן.

מיר האָבן געוווסט פון דעם פינצטערן גורל פון די פוילישע יידן, בעת זיי זענען אַרונטערגעפאַלן אונטערן סאָוויעטישן רעזשים. מיר האָבן אָבער נישט באַגריפן דעם פולן שוידער פון זייער לאַגע, ביז יחיאל האָפּער האָט אונדז נישט דערציילט מיט אַזויפיל פּרטים, מיט אַזאַ טיפן אַריינטראַכט און מיט די פערזענלעכע איבערלעבונגען, וואָס כאָטש זיי זענען נישט דערציילט ווי פון אים אַליין, נאָר פון דעם דאָקטאָר שמעון, ווייסן מיר דאָך, אַז ער איז די צענטראַלע פיגור אין דער דערציילונג.

דערציילן דערציילט זיך פון פּאָליטישע פאַרשיקטע, פון „געראַטע־

ווערטע" פּוילישע יידן און פון פּשוטע פאַרברעכערס, וואָס דער קרעמל האָט פאַרשיקט אויפן ווייטן צפון, אין אַ טייל פון דער פּילוועלדערדיקער קאָמי. אַז פאַרשיקטע אין רוסלאַנד האָבן געהאַט וועלדער האָבן מיר פריי־ער געוווּסט. מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז קיין האָניק האָבן די פאַרשיקטע נישט געלעקט אין די ווייטע, ווייסע טיילן פון דעם סאָוויעטישן־פאַרבאַנד. מיר האָבן אָבער געהאַט נאָר אַ מטושטשע פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס סע האָט זיך אָפּגעטאָן אין די פאַרשיקונגס־לאַגערן און גאָר ווייניק האָבן מיר געוווּסט פון די פּוילישע יידן, פון זייערע עינוים קשים, וואָס זיי זע־נען אויסגעשטאַנען, — ביז דער אָפּמאַך מיט סיקאָרסקין האָט זיי געראַ־טעוועט פון סוף־כל־סופיקן זיכערן אומקום.

איבערדערציילן דעם תוכן פון דעם בוך איז נישט מעגלעך, דערפאַר, וואָס כמעט יעדע זייט איז אָנגעפּאַקט מיט דראַמאַטיזם, מיט טראַגיזם, מיט ברוטאַליטעט און סתם מענטש־בייזקייט. יחיאל האָפּער, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט גרעסערע, כמעט אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען, האָט אין איצטיקן בוך ממש געפונען אַ תיקון. דער דערציילערישער טאַלאַנט איז אים דאָ בייגעשטאַנען, אַז ער זאָל שאַפן ממש אַן עפּאָפּייע פון דער טרויעריקסטער עפּאָכע אונדזערער.

ממש הונדערטער טיפן צייכנט ער, אַלע פול מיט לעבעדיקע שטריכן, מיט טיפן אַריינדרונגען אין זייער פּסיכיש און טיף־מענטשלעכן מיטגע־פיל מיט זייערע לײַדן. ער מאָלט דאָרטן אַ זעכצניאָריק מיידל, דינה, וואָס פאַרשיקט קיין קאָמי האָט מען זי מיט די טויזנטער פּוילישע יידן. אויף אַן איידל־דינעם אופן גיט דער מחבר אָנצוהערן, אַז ער אַליין, דאָק־טאָר שמעון, הייסט עס, איז אין איר פאַרליבט, אָבער אין פּסיכאָלאָגישן פּלאָנטער, ווי עס טרעפט זיך גאָר אָפט, קומט ער זיך גאָר צונויף מיט אַ גויישער פרוי און דינה פאַלט אַריין צו איינעם אַ גרוזינער, וואָס צו אירע זעכצן יאָר האָט זי שוין אַ קינד פונעם גרוזינער און דאָס פריער־אָפּגעטעמפּטע יידישקייט הייבט־אָן צו ברויזן אין איר.

די פּאָליטיש־פאַרשיקטע זענען אין די לאַגערן פון קאָמי אויף אַ גאָר נידעריקער מדרגה לגבי די קרימינעל־פאַרשיקטע. די קרימינאַלניקעס באַלעבאַטעווען איבער די לאַגערן, זיי פאַרנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס און פירן זיך אַזוי, ווי דער לאַגער איז זייערער.

יחיאל האָפּער ווייזט זיך דאָ אַרויס פאַר אַ מייסטער פון נאַטור־באַשרייבונגען. נעמט, למשל, די באַשרייבונג פון אַ זאַווערוכע, לייענט זי זיך אַזוי: „דער שניי הערט נישט אויף צו פאַלן. דער וועג איז קיין וועג נישט. איין גרויס ווייס פעלד. קיינער ווייסט נישט ווו איין און ווו אויס... מע קומט אָן אויפן אָרט. די בריגאַדירן צעשטעלן די מענטשן אויף אַ גרויסן שטח, צוטיילנדיק יעדן אַ באַשטימט אָרט, וואָס דערפון דאַרף ער אַפּרייניקן דעם שניי. די נאַכט, אַ געדיכטע, די לופט איז אָנגעפּילט מיט שניי. דאָס אָרט איז פלאַטשיק, דיביימער זענען דאָ אויסגעשניטן. דער הימל איז דאָ טונקל־גראַנאַט, כמעט שוואַרץ".

און עטלעכע שורות ווייטער: „אַלץ שטייט דאָ, די צייט שטייט". ווען מען קוקט אויף דער דאָזיקער טאָג־נאַכט, איז שטענדיק אַזוי ווי איצט, נישטאָ קיין טאָג, נישטאָ קיין זון, נישט קיין פרילינג, נישט קיין זומער, — נאָר נאַכט. — אַלץ שטייט דאָ. די לופט, די צייט. נאָר די לבנה גייט מיט ברייטע שפּרייזן איבער דעם טיפן הימל־געוועלב און די מענטשן אין שוואַרצן שטופּן פאַר זיך די ברייטע לאָפּאַטעס בערג ווייסן שניי צו די ראַנדן פון וועג"...

דעם קורצן זומער אויפן ווייטן צפון באַמאָלט ער אויף אַזאַ קינסטלעריש־קלאָרן אופן, אַז איר דערשפּירט דעם אַראָמאַט זיינעם. און שמעון, וואָס חושד זענען מיר, אַז דאָס איז דער שרייבער אַליין, לעבט איבער אַ מאָדנע געפיל, — „דאָס געפיל פון אָפּגעריסנקייט פון ווירקלעכקייט פילט־אָן שמעונען מיט אַ באַזונדערער פרייד. דאָס ערשטע מאָל זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, זינט דעם דייטשישן פּלוצימדיקן אָנפאַל אויף פּוילן, דאָס ערשטע מאָל זינט זיין פאַרלאָזן די היים, פילט שמעון פרייד. סע איז אַ פרייד אָן אַנימאַלע, אַ חיהשע. סע איז די פרייד פון אַ הונט, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קייט. מיט דער־אָ פרייד וויל שמעון זיך טיילן מיט דינהן. איז כאָטש דער שרייבער גיט אונדז נישט אָן בולט פון וואַנען די פרייד נעמט זיך צו שמעונען, גלייבן מיר אים אָבער, וואָרעם אין דעם אופן שרייבן איז דאָ אַ קינסטלערישע עכטקייט, וואָס איז זעלטן דאָ ביי אַ שרייבער.

אין דעם לאַגער איז דאָ אַן איזאָלאַציע־קעלער. אַהין וואַרפט מען אַריין די פאַרזינדיקטע, און פאַרזינדיקן פאַרזינדיקן זיך לרוב די פּאָלי־

טישע פּאַרשיקטע, די אינטעליגענטן, וואָס וויסן נישט ווי זיך צוצופּאַסן צו דער דיסציפּלין. דער עיקר אָבער שיקן די קרימינעלע פאַרברעכערס אין דעם איזאָלאַציע־קעלער די לאַ־יוצלחס, די אינטעליגענטן. ווערט איר דורכגענומען פון שוידער בעת איר לייענט דעם אופן, ווי די פאַרזינדיקטע לעבן אין דעם איזאָלאַציע־קעלער, די ברוטאַלע מאַכט איז זיך נוקם אין דעם העכערן מענטשן, דעם גייסטיקן. איר זעט, ווי דער ברוטאַלער כח באַזיגט דעם מענטש פון גייסט, פון אידייע.

די אומגליקליכסטע מענטשן אין לאַגער זענען די פּוילישע יידן, וואָס דער קרעמל האָט זיי כלומרשט געראַטעוועט. דער רוב פון די יידן קען קיין רוסיש נישט און די, וואָס פאַרשטייען יאָ אַביסל רוסיש, הערן נאָר גראָבע זידלערייען מצד די נאַטשאַלניקעס. אַז די יידן ווענדן זיך מיט אַ בקשה צו דער מאַכט, אַז מען זאָל זיי יום־כיפּור באַפרייען פון דער אַר־בעט, לאַכט מען זיך אויס פון זיי און זיי מוזן יום־כיפּור אַרבעטן. נאָר שטילערהייט, בגנבה זאָגן זיי כל נדרי און דאָס בילד דערמאָנט די קע־לערן פון דער אינקוויזיציע, ווו די יידן האָבן כל־נדרי אַרויסגעוויינט פון זיך מיט ביטער געוויין.

אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער וועלט, און באַזונדערס אין דער געשיכטע פון יידן, מאָלט יחיאל האָפּער אין דעם בוך „אין ווייסער פאַרפאַלנקייט".

ברוך האַגער נייער חסידישער דערציייל־נוסח

וואָס איז ברוך האַגערס אָפּשטאַם? מיר דאַכט זיך, אַז איר פאַר־שפּאָרט צו פרעגן, וואָרעם אַז איר רעדט־אָפּ מיט אים עטלעכע מינוט, ווייסט איר אַקוראַט ווער ער איז און פונוואַנען ער קומט אַרויס. קענט איר דאָך פרעגן: וואָס אַרט עס אייך פונוואַנען ער קומט אַרויס? איר טרעפט זיך מיט שרייבער, שמועסט מיט זיי צענדליקער מאָל און סע פאַלט אייך גאָרנישט איין צו וועלן דערגיין פונוואַנען זיי קומען אַרויס. בנוגע שרייבער בכלל איז עס אמת, אָבער בנוגע ברוך האַגערן קענט איר אָט דעם כלל נישט אָנווענדן. ער פאַרמאָגט אַ מין שוויגנדיקע באַריידעוודיקייט, אָדער גאָר אַ באַריידעוודיקע שוויגעוודיקייט. דאָס געווענדט זיך, ווי איר זענט געניגט אויפצונעמען מענטשן אין דעם מאָמענט פון דעם באַגעגעניש מיט אים, — מיט ברוך האַגערן.

די רוזשינער גזע איז קמצניש אויפן וואָרט. נישט חלילה וואָס די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די רוזשינער זענען שפּאָר אויפן וואָרט דערפאַר וואָס זיי האָבן נישט דעם דראַנג צום וואָרט. מיר דאַכט זיך, אַז פאַרקערט: זיי זענען פול מיט וואָרט־דראַנג. אין זיי אָבער, אין דער סאַמע טיפעניש פון זייערע נשמות, איז פאַרפלאַנצט אַ מין אימתי דמי־לין, — אַ מין פחד פאַרן וואָרט. דערפון נעמט זיך אויך, וואָס פון דער רוזשינער גזע זענען אַרויסגעקומען מער שרייבער, ווי פון אַנדערע רביישע גזעס.

אַן אַנדערער שעפערישער פּראָצעס איז אַ וואָרט אַרויסצורעדן, ווי אַ וואָרט אָנצושרייבן. אַן אַרויסגערעדט וואָרט האָט אַ קול. אַ קול טראָגט זיך אַריבער איבער אַ שטרעקע, ווי סודותדיק און פאַרמאַכט סע זאָל נישט זיין, איז דאָס גערעדטע וואָרט פאַרט אָפן און ווער סע איז אָנגע־גרייט פאַר דעם, דער קען עס כאַפּן און אַפילו גיבן אַן אייגענעם פירוש

אויף דעם. דאָס געשריבענע וואָרט, ווידער, איז נישט צו כאַפּן, נאָר אויס־צוטראַכטן. די רוזשינער, קומט ביי מיר אויס, דערטראָגן נישט דאָס וואָרט זייערס צום קול, נאָר וואַרעמען עס אין די טיפּעניִשן פון די אייגענע איבערלעבונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר קענען נישט מאַכן קיין כלל דערפון, ווארעם דער יחיד פירט זיך נישט לויטן נוסח פון דער געגנט זיינער, פון דער משפחה, אָדער דעם קלאַן. דער יחיד האָט זיין אייגענעם קנייטש, זיין פּערזענלעכן בייג, זיין כאַראַקטעריסטישן בייג. סע זענען אָבער דאָ אַפילו אין אַ געוויינטלעכער משפחה שטריכן, וואָס גיבן זיך איבער בירו־שה צו דורות, בפרט נאָך אין די רבייִשע משפחות. ווו דער קנייטש און דער בייג ווערן קולטיווירט ביז אַזאַ מדרגה, אַז איר דערשפּירט אים אין די רייד פון איינעם, וואָס איז שוין עטלעכע דורות אָפּגערוקט פון דעם גזעדיקן אָנהייב.

פרעגן מיר אויף אַנדערע שרייבער וועגן זייער אָפּשטאַם? אַוואַדע פרעגן מיר, נאָר דער אופן פרעגן איז אַן אַנדערער, ווארעם אויף די שרייבער פון רבייִשן יחוס איז דער אָפּשטאַם זייערער אַ סך מער איינ־געדריקט, ווי אויף שרייבער פון אַנדערן אָפּשטאַם.

דאָ דערלויב איך זיך צו מאַכן אַ שטיקל אָפּנייג און אין דער הייך אַ טראַכט־טאָן פון אַ זייער אינטערעסאַנטער און נישט אויפגעקלערטער דערשיינונג אין חסידות. געווען דער בראַצלאַווער רבי, ר׳ נחמן. ביי קיינעם איז נישט קיין ספק, אַז ער איז געווען אַ גרויסע רבייִשע פּער־זענלעכקייט, אַפילו אַ גרויס־דראַמאַטישע פּערזענלעכקייט. פאַרוואָס האָט קיינער נישט איבערגענומען דאָס בראַצלאַווער רבייִשקייט? געבליבן זענען נאָך אים, ר׳ נחמנס, „טויטע חסידים״, וואָס האָבן נישט קיין רבין און, וואָס קיינער האָט זיך נישט פאַרמאָסטן צו פאַרנעמען די רבייִשע שטול זיינע.

נאָך אַ שקלאַ וטריאַ מיט זיך אַליין, בין איך געקומען צו דער מסקנא, אַז ר׳ נחמן בראַצלאַווערס דרך איז געווען מער פּאָעזיע, ווי חסידישער נוסח און פּאָעזיע איז נישט שייך איבערצוגעבן בירושה, ווארעם יעדער אמתער פּאָעט איז אַן איינמאָליקע דערשיינונג. חסידישע רביים, בפרט

די דרומדיקע, דערציילן מעשהלעך, אָבער זיי זענען לרוב ״איבערציי־לערס, נישט קיין אָריגינעלע שאַפערס.

ברוך האַגער איז אַ רבייִישער דערציילער, אַן אָריגינעלער, כאָטש אין אַ סך דערציילונגען זיינע מאַכט ער דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט זיי איבערדערציילט.

מיר דאַרפן אָבער האַלטן אין זינען, אַז דער עיקר איז דאָ נישט דער תוכן, נאָר דער שרייבערישער סטיל, דער שעפערישער פלי, דער אָנ־ווענד פון דעם וואָרט. אַז מיר דערמאָנען חסידישע דערציילונגען, מוז אונדז קומען אויפן געדאַנק פּרץ, וואָס האָט לרוב אויפגעבויט זיין גרויס־שרייבערישקייט אויף דער חסידישער דערציילונג. ביי מיר וואָלט רעכט געווען, אַז יהודה שטיינבערגס חסידישע דערציילונגען זענען עכטער, קינסטלעריש מער אמת, ווי פּרצעס, וואָס איז געווען אַ פּוילישער ייד און האָט געלעבט אין אַ געדיכטער חסידישער סביבה. מכח ברוך האַגערן קענען מיר דאָס שוין נישט זאָגן, וואָרעם נישט נאָר איז ער אַרויסגע־וואַקסן פון דער גאַליצישער רבייִישער סביבה, נאָר ער אַליין ציט דעם יחוס פון דורות רביים. ווי, פרעגט זיך, גיט מען איבער דעם רבייִשן סטיל ? דאַרף מען לייענען ברוך האַגערן, כדי נישט נאָר צו דערהערן דאָס ווייטע חסידישע ווידערקול, נאָר כדי אויך צו דערשפּירן דעם טעם פון אַ רבייִשן קנייטש, אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ מין זשעסט, וואָס עפּנט ווייטע האָריזאָנטן, איך וואָלט אַפילו געזאָגט — סטעזשקעס צו דער איי־ביקייט, וואָס ביז איצטער זענט איר אויף זיי נישט געטראָטן.

נעמט, למשל, דעם אופן באַשרייבן נאַטור־דערשיינונגען:

„דער הימל האָט זיך פּלוצלינג אָנגעקנייטשט, פינצטער, און שפּאַלט זיך פון בליצן און צעטראַגנדיקע דונערן. און סע מבולט, און אַ שטורעם ווילדעוועט און הייבט די ערד פון די אַקסן״. איר האָט דאָ די רויע נאַטור נישט נאָר געמאָלן מיטן וואָרט, נאָר אויך מיטן אימפּעט, מיטן גערודער אירן.

אָדער: „אי שמעון, אי יאַנקל זענען מיוחסים: אייניקלעך, און זאָגן זיך אָן קרובהשאַפט טאַקע מיטן אַלטן אַליין״. האָב איך אונטערגעשטראָכן „זאָגן זיך אָן״, דערפאַר וואָס אַזאַ ווענד אין שרייבן וועלן מיר ביי קיין אַנדער שרייבער, דאַכט זיך מיר, נישט געפינען. אויך „אַלטן״ האָב איך

אונטערגעשטראָכן, דערפאַר וואָס סטיליסטיש ווערט דאָס וואָרט פול מיט יונגשאַפט.

ציטיר איך ווידער: „צומאַרגנס, אַז די מעשה האָט געמוזט גיין אויף דער וועלט״, — ביי וואָסער שרייבער ווער איר געפינען, אַז אַ מעשה זאָל גיין אויף דער וועלט? סע איז נישט דער צימצום פון וואָרט, נאָר אויך דאָס בילדלעכקייט, וואָס ברוך האָגער איז מיט דעם אַזוי רייך.

נעמט אַזאַ בילדלעכן זאָג: „דאָס ווייבל גייט־איין, דאַרט־אָפּ ווי אַ צעבראָכענער צווייג״.

ביי אים טרייבט מען פערד „מיט אַזאַ היץ, אַז סע זיפּט זיך די ערד אונטער די קאָפּעטעס״. „הויל ציט זיך אַ מינוט נאָך אַ מינוט, אויסגעלייי־דיקט פון אַ דעך״, — דאָ האָט איר ווידער אַ מוסטער פון ברוך האָגערס בילדלעכקייט, וואָס איז נישט קיין איבערגעזאָגטע, נישט אַפילו קיין זכר פון איר נישטאָ ביי קיין שום אַנדערן שרייבער.

אוודאי איז דער תוכן אויך אַ גרונטאָונער עיקר ביי אים, אָבער מיך האָט געבלענדט דאָס לשון, די סטיל־מייסטערשאַפט, דער נייער דער־ציילערישער נוסח אין חסידות.

פייוול זיגעלבוים: די אוהאַמאַס

ערשט מיט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק איז געווען פּאָפּולער דער זאָג, אַז אין בריטאַניע גייט די זון קיינמאָל נישט אונטער. צי די פּולע בריטישע הערשאַפט איבער אַ לאַנד, צי נאָר אַן עקאָנאָמישער צונויפ־בונד מיט אַן אַנדער לאַנד, — אויפן נאָענטן מזרח, ווו די זון גייט גע־ווינלעך אויף; און אויפן ווייטן צפון, ווו די זון דערשלעפּט מיט די לעצ־טע כוחות אירע, — אומעטום האָט גרויס בריטאַניע געהאַט אַ שליטה, — אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע. די לאַגע האָט זיך גרונטאָווּנע געענדערט זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די זון גייט שוין אונטער אין גרויס־בריטאַניע און זי גייט שוין נישט אויף אין אַלע בריטישע לענ־דערייען.

וואָס איז אָבער שייך דער יידישער ליטעראַטור, קען מען דעם דאָזיקן באַגריף מיט זיכערקייט אָנווענדן, אַז די זון גייט קיינמאָל נישט אונטער אין איר. מיר ווען זי פאַרשטייט זיך, נישט פאַרגלייכן מיט דער בריטי־שער אימפּעריע, וואָרעם אַפילו, אַז זי איז, נעבעך, אַזוי פאַרמינערט גע־וואָרן, איז זי נאָך אַלץ גרויס־בריטאַניע, אָבער עס איז פאַרט אַ שטיקל צד־השווה צווישן זיי.

זינט איך בין געוואָרן אַ תושב אין מדינת ישראל קומען מיר אָן ביכער פון מחברים איבער גאָר דער וועלט. נישט וואָס זיי ווערן געדרוקט ערגעץ אין דער פאַרוואָרפענער קאָנגאָ, אָדער אין פאָרמאָזע. געדרוקט זענען די ביכער על־פּי רוב אין מדינת ישראל, אָבער דער תוכן זייערער איז פון כל קצווי עולם. ווו די וועלט האָט אַ העק, מעגט איר זיכער זיין, אַז פריער, אָדער שפּעטער וועט אייך אָנקומען אַ בוך, וואָס דערציילט פון יענער טייל וועלט, וואָס איר וואָלט נישט חושד געווען, אַז אַ יידישער פוס איז דאָרטן געטראָטן.

דאָס בוך, וואָס איז געווען די דירעקטע סיבה צו פאַרטראַכטן זיך איבער דער וועלטלעכקייט פון דער יידישער ליטעראַטור, איז פייוול זיגעלבוימס ראָמאַן „די אוהאַמאַס". מודה בין איך זיך, אַז ביז דעם בוך זיגעלבוימס, האָב איך נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז עס איז דאָ אַזאַ מין שבט, וואָס הייסט אוהאַמאַס. איצט, אַז איך ווייס שוין, בין איך באמת רייכער געוואָרן מיט וויסן. שטילערהייט וועל איך זאָגן די לייענער מיינע, אַז אַפילו איצטער בין איך נאָך אַלץ נישט גרייט זיך משדך צו זיין מיט זיי, כאָטש דער שרייבער פון דעם ראָמאַן מאָלט זיי מיר פאַר זייער פיינע און עכט ציוויליזירטע מענטשן. אָבער, אַז אויף די עלטערע יאָרן מיינע, אַז מען זאָל מיך פאַרבעטן קיין יאָהאַנעסבורג, אָדער אַן אַנדער דרום־אַפריקאַנישער שטאָט, וואָלט איך די דאָרטיקע יידן אויף אַן איידעלן אופן געגעבן אָנצוהערן, אַז עס וואָלט געווען כדאי, אַז זיי זאָלן מיך פירן צו די אוהאַמאַס, כדי איך זאָל זיי זעען מיט די אייגענע אויגן.

נישט חלילה, וואָס איך געטרוי נישט דעם מחבר, זיגעלבוימען, נאָר דאָס בוך זיינס האָט דערוועקט אין מיר די פאַרינטערעסירונג מיט אַ שבט, וואָס אַפילו אברהם אָבינו האָט דערפון נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג. פאַרקערט, איך מיין, אַז ס'איז גאָר אַ גרויסער קאָמפּלימענט פאַר אַ מחבר, אַז זיינס אַ בוך האָט אַרויסגערופן דעם אינטערעס צו די פאַרשוינען, וואָס ער באַשרייבט. און נאָך זיגעלבוימס באַשרייבונג, זענען די אוהאַמאַס אַ גאָר אינטעליגענטער שבט, וואָס פאַרמאָגט אַפילו קינסטלערישע נייגונגען. דער אופן דערציילן זיגעלבוימס איז אַ קאַפּעטשקע לאַנגווייליק, אָבער דער לייענער ווערט פאַרגיטיקט פון די טיפן, וואָס ער מאָלט מיט נעאָקלאַסישער ריזוקייט.

איז די גרויסע מעלה פונעם בוך, וואָס מיר דרינגען אַריין אין אַ ווינקל פון לעבן, וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט חושד געווען, אַ ביסל פאַרטשעפּעט אייך די גלאַטקייט פון דער דערציילונג. פאַרוואָס זאָל עס אייך פאַרטשעפּן? דערפאַר, וואָס איר הייבט אָן חושד צו זיין, אַז עס איז גענומען פון גרייטן, נישט, חלילה, קיין פּלאַגיאַט. אָבער איר טראַכט, אַז אַ ייד פון פוילן, אַפילו אַז ער האָט געלעבט שיינע עטלעכע יאָר אין דרום־אַפריקע, איז נישט בכוח אַזוי טיף אַריינצודרינגען אין אַ לעבן, וואָס

איז אים לחלוטין פרעמד, פאַרשטייט זיך, אַז עס איז זייער מעגלעך, אַז איינער, וואָס קען אַ ביסל דרום־אַפריקע, וועט געפינען אומפּינקטלעכקייט אין די באַשרייבונגען זיינע און דאָס איז אַפילו אויך אַ גרויסע מעלה. סוף־כל־סוף איז דער אילוזאָריש־קינסטלערישער אמת, נישט דער רעאַ־ליסטישער, וואָרעם ווי רעאַליסטיש אַ דערציילער זאָל נישט זיין, שאַפט ער פאַרט נאָר די אילוזיע פון דערווירקלעכקייט, נישט די ווירקלעכקייט אַליין. און דאָס האָט זיגעלבוים דערגרייכט אין זיין ראָמאַן.

דער עיקר, אָבער, אויף וואָס איך וויל זיך אָפּשטעלן, איז די אַלוועלט־לעכקייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

וואָס אַ שטייגער, ווייסן מיר פון די זולוס? אַפילו נישט אַזויפיל, וואָס זאָל אייך איינגעסטיקן אויפן שפּיץ פונעם מינדסטן פינגער אויף דער האַנט. אָבער אין זיגעלבוימס בוך זענען די זולוס אַ באַשטאַנד־טייל פון דעם ווערק. צי איז ער געטריי דער ווירקלעכקייט, בין איך נישט דער בר־סמכה צו פּסקענען. וואָס איך ווייס יאָ, איז: זיגעלבוים מאָלט זיי מיט אַזויפיל ליבשאַפט, אַז זיי ווערן אונדז גאָר שטאַרק נאָענט.

פּיזול זיגעלבוים, זעט מען פון דעם בוך, איז אַ געבוירענער דער־ציילער. מיין איך נישט, חלילה, צו זאָגן, אַז ער האָט זיך נישט געלערנט ביי אַנדערע. פאַרקערט, מיר שפּירן דעם איינפלוס פון דער ליטעראַטור אין דרום־אַפריקע. צו דער אייגענער צייט אָבער שפּירן מיר די פּערזענ־לעכקייט פונעם שרייבער, וואָס האָט דעם איינפלוס פון די אַנדערע אַזוי שטאַרק פאַרייניקט, אַז וואָס ער האָט געשריבן, איז אָריגינעל אייגנס, פּערזענלעך איבערגעלעבט און יחידיש אַרויסגעבראַכט אויפן פּאַפּיר.

דער אמת איז, אַז דער סיפור המעשה איז נישט דער עיקר פון דעם ראָמאַן. דער עיקר איז גאָר די סביבה, דער לעבנס־שטייגער, די נאַטור־באַשרייבונגען, די עקזאָטיק פון אַ משפּחה, וואָס ראַנגלט זיך אַרויפצוהייבן אויף אַ העכערער קולטור־מדרגה. דער סיפור־המעשה איז אָבער אויך אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דעם ראָמאַן און דער שרייבער, פּיזול זיגעלבוים, האָט פאַרשטאַנען, אָדער אינטויטיוו־קינסטלעריש, די דער־ציילערישע זייט אָנגעלאָדן מיט אינטערעסאַנטע געשעענישן, אַז דעם לייענער זאָלן נישט פאַלן שווער די שטייגערישע באַשרייבונגען פון די

זולוס און די אַנדערע אַפריקאַנישע פעלקערשאַפטן. זיגעלבוים איז אַ דערציילער און פאַרמאָגט די מאָס־און־וואָג פון אַ דערציילונג, אַז זי זאָל נישט אַרויס פון די דערציילערישע גרענעצן, אַפילו אַז די באַשרייבונגען זענען דער סאַמע עיקר פון דער ראָמאַן...

ווער זענען „די אוהאַמאַס״? אין תוך גענומען זענען זיי דער סימבאָל פון דער אויפוואַכנדיקער נישט־ווייסער באַפעלקערונג אין דרום־אַפריקע. זיי זענען דער רוב פון די באַוווינערס אין יענעם וועלט־טייל, אָבער די קליינע מינדערהייט ווייסע הערשט איבער זיי מיט דער אייזערנער האַנט פון ווייסע, וואָס האָבן אין זייערע הענט אי די באַנקן, אי די טעכנישע געניטקייט, אי אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג. נאָר אין דער טיפעניש פון דער אומבאַהאָלפענער נאַטיווער באַפעלקערונג הייבט־אָן צו ברויזן פּראָטעסט קעגן די ווייסע באַהערשערס און זי דריקט זיך אויס נישט אין רעוואָלוציאָנערע אַקטן, נאָר אין דעם דראַנג זיך צו דערהייבן געזעלשאַפטלעך, זיך צו לערנען ביים ווייסן און אים מיט דער צייט איבערשטייגן. ער, זיגעלבוים, דערפירט נישט דעם ראָמאַן צו אַ דראַמאַטישן זיג פון די אוהאַמאַס, אָבער דאָס ווערק איז אָנגעלאָדן מיט פּולווער, וואָס איר שפּירט, אַז אָט־אָט וועט ער אויפרייסן.

פאַראַן יידיש־לייענער איז דער ראָמאַן נאָכמער אינטערעסאַנט דערפאַר, וואָס אונדזער אַלוועלטלעכע יידישע ליטעראַטור באַרייכערט זיך מיט נייע קינסטלערישע דערגרייכונגען, וואָס אין דעם בלומען־קראַנץ יידישע שאַפונג איז אַריינגעפלאָכטן נאָך אַן עקזאָטישע רויז.

ווי איך האָב געזען אויפן שערבלאַט איז אויסגערעכנט נאָך אַ פּאָר ביכער זיגעלבוימס, וואָס איך האָב זיי נישט געלייענט. וועל איך פּרווון זיי געפינען און לייענען, וואָרעם פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַ דערציילער פון אַ פיינעם פאַרנעם.

דאָס שטעטל איז דער העלד

יעקב זיפּער „צווישן טייכן און וואַסערן", אַרויסגעגעבן אין מאָנטרעאַל, 430 זייטן.

אין אונדזער ליטעראַטור האָט זיך דאָס שטעטל איינגעבירגערט נישט נאָר דערמיט, וואָס אין גרעסערע און קלענערע דערציילונגען איז די סביבה אַ שטעטלשע, נאָר וואָס דאָס שטעטל אַליין איז דער העלד. ביי אַש איז דאָס שטעטל אַ יום־טובדיקס. ביי י. מ. ווייסענבערגן איז דאָס שטעטל אָן אָרעמס, נאָר פול מיט דער דינאַמיק פון קאַמף. ביי אַנדערע שרייבער איז דאָס אַ בלייך, בלוט־אָרעם באַשעפעניש. אָפּגערעדט פון שלום עליכמס קאַסרילעווקע, וואָס איז רייך מיט קינסטלערישע גע־שטאַלטן, פּאַטעטישע און טראַגישע, יום־טובדיקע און וואָכעדיקע.

דאָס שטעטל האָט זיך געראַנגלט פאַרן אייגענעם קיום, פאַרן איינ־געשטעלטן לעבנסשטייגער פאַר דעם קאָלעקטיוון געשטאַלט זיינעם, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אין משך פון הונדערטער יאָרן. דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט אַ קאָלעקטיוון ווילן אויפצוהיטן די ירושה פון דורות. איז כאָטש דער יסוד פונעם שטעטל איז אומעטום געווען דער אייגענער, דאָך האָט יעדער שטעטל געהאַט אַ באַזונדער פּנים און האָט אַפילו פאַרמאָגט אַ מין אינדיווידואַליזם.

יעקב זיפּער לעבט יאָרנלאַנג אין מאָנטרעאַל. ער האָט ביז איצטער אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן צוויי גרעסערע דערציילונגען. איינע איז „געווען איז אַ מענטש", וואָס ער אַליין האָט זי איבערגעזעצט אויף העברעיש אונטערן נאָמען „היה איש". די דערציילונג איז

פון ר׳ ישראל בעל שם־טוב און איז מער לעגענדאַריש, ווי רעאַליסטיש. די צווייטע איז „אויף יענער זייט בוג״, וואָס האָט שוין אַ מער רעאַליס־טישן באַזיס. דאָס איצטיקע בוך איז דורכויס רעאַליסטיש׳ אָבער אינעם אופן שרייבן איז נאָך אַלץ דאָ אַ מין פאַרנעפּלטע לעגענדאַרישקייט.

אויף אַן אָריגינעלן אופן האָט יעקב זיפּער אויסגעוועבט די מעשה פונעם שטעטל אַרום די 7 בריקן, וואָס זענען אין שטעטל דאָ, אַרום די טייכן און וואַסערן, אַרום די גאַסן און געסלעך. האָט איר נישט קיין איין הויפּט־געשטאַלט, וואָס זאָל דורכגיין דורך דער גאַנצער דערציילונג. ביי יעדער בריק, טייך און גאַס וואַקסט אַרויס די באַזונדערע סביבה, מיט די פאַרשידענע מענטשן. איין פּאַדעם ציט זיך אָבער — דאָס קאָלעקטיווע געשטאַלט פונעם שטעטל. נישט נאָר דער הינטערגרונט פאַר די טיפּן איז דאָס שטעטל נאָר פאַר זיך איז עס אַ מין טיפּ.

דערציילן דערציילט זיפּער פון דער צייט האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַפילו פון די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה. אין קליין־פּוילן ליגט דאָס שטעטל זיינס און טשודנע איז, וואָס בעת איבער די יידישע שטעטלעך אין דער נאָענטער וואָלין און אוקראַינע האָבן זיך שוין געטראָגן די כוואַליעס פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, איז זיפּערס שטעטל נאָך אַלץ אַן איבערבלייב פון מיטן ניינצנטן יאָרהונ־דערט. ווו ער האָט אַזאַ שטעטל גענומען ווייס איך נישט, נאָר ביי אים איז עס אַרויסגעקומען אויטענטיש. דער חסידישער רבי איז נאָך דאָרטן אַלץ דער געביטער. די יוגנט כאַפּט זיך ערשט אויף פון דער לעטאַרגיע און לייענען אַ בלאַט צייטונג, אַ יידיש ביכל, איז נאָך אַלץ אַ רעוואָלו־ציאָנער געשעעניש.

אין דער צייט פון דער מלחמה, אַז עסטרייך האָט דאָס שטעטל פאַר־נומען, האָט זי דאָרטן אַוועקגעזעצט אַ מאַיאָר, וואָס איז, ווייזט אויס, גע־ווען אַ ייד, — כ׳זאָג „ווייזט אויס״, וואָרעם דער שרייבער זאָגט אונדז נישט, צי ער איז אַ ייד׳ — און דער דאָזיקער מאַיאָר וויל אַריינברענגען „ליכט״ אין שטעטל. טאַטעס און מאַמעס ווערן זיך קעגן דעם מאַיאָר, אָבער ער איז פאַרט מלכות, מוזן זיך די יידן בייגן פאַר אים. ער אָרגאַ־ניזירט אַפילו די יוגנט צו שפּילן טעאַטער און דאַכטן דאַכט זיך, אַז די

יסודות פונעם שטעטל הייבן זיך אָן צו וואַקלען, אָבער אַז דעם מאַיאָר נעמט מען צו, ווערט דאָס שטעטל צוריק שטעטל, עס בלייבט נאָר דאָס „גאַרנשטיבל" ווּהין די מער דערוואַגטע יוגנט כאַפּט זיך אַמאָל אַריין בגנבה, צו לייענען אַ ביכל.

דאָס געשטאַלט פון זיפּערס שטעטל איז נישט קיין טרויעריקס און נישט קיין פריילעכס, עס איז גרוילעך. פון די צענדליקער געשטאַלטן, וואָס ער צייכנט, וואַקסט אַרויס באַזונדער דאָס געשטאַלט פונעם דיין ר' דוד. ער איז, חלילה, נישט אָנגעשטעקט מיט דער נייער צייט' — ער איז גיכער דער געטרייסטער היטער פונעם אַלטן יידישקייט, — נאָר ער איז בטבע אַ מקיל, ער איז אין דער נאַטור אַ גוטער מענטש און, דער עיקר, ער פאַרשטייט, אַז ס'איז נויטיק נאָכצוגעבן אַביסל, כדי צו ראַטעווען אַ סך. קעגן דעם דוודן שטייען אויף קריגערס, אים איז נעבעך באַשערט צו לעבן אין שטענדיקע מחלוקתן, אָבער זיין גוטסקייט און דער זכות פונעם פאָטער זיינעם, — דעם פריערדיקן דיין, — זענען אַ פעסטונג פאַר אים. דער פרומער דיין ברענגט אַריין אַ מין פרייערן אָטעם אין דער אַלט־געדיכטעניש פונעם שטעטל אין קליין־פוילן.

אין זיפּערס שטעטל זענען דאָ גרויסע אָרעמעלייט, קלענערע אָרעמעלייט און עטלעכע נגידים. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען אויך דאָ באַל־מלאָכעס, וואָס פירן זיך אויף זייער אייגענעם שטייגער. די סאָציאַלע קאָנפליקטן זענען אָבער נישט קיין אָנזעעוודיקע. דער מחבר פון „צווישן טייכן און וואַסערן" ווייסט, אַז עס דאַרפן זיין אַזעלכע קאָנפליקטן, אָבער ער זעט מער דעם באַזונדערן טיפּ, איידער דאָס גאַנצע סאָציאַלע געוועב. ער פאַנטאַזירט אויס דראַמאַטישע געשטאַלטן, אָבער זייער ווייניק דראַמאַטישע צונויפשטויסן זענען ביי אים דאָ. ער האָט דאָס שטעטל צו־פיל באַפּעלקערט, — אַפילו דעם משיח־זעער האָט ער נישט אויסגע־לאָזט, — און אייך דאַכט זיך אַז דער שרייבער האָט געוואָלט צופיל זען, ער האָט געהאַט אַ דראַנג אָנצופילן דעם שטח צווישן די טייכן און וואַסערן מיט כלערליי מענטשן און נישט אַלע האָט ער קינסטלעריש אויס־געוואַרעמט.

איר זעט אָבער, אַז דער עיקר איז ביי אים געווען דאָס גאַנצע

שטעטל. ער באַמאָלט מיט אַ סך פּרטים יעדער בריק און בריקל, די קלאַד־קע און דאָס וואַסער. אַ קאַמענעצע, אַ מויערל, אַ וואַנט, אַ „פּאַטשענע״ זענען כמעט לעבעדיקע באַשעפענישן ביי אים.

דער שרייבער האָט אויף אַזוי פיל געוואָלט געבן דאָס פולע גע־שטאַלט פונעם שטעטל, אַז ער באַשרייבט אַפילו, אויף עטלעכע זייטן, ווי און ווו די מענטשן פון שטעטל טוען זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן, — הינטער פּלויטן, אויף לײדיקע ערטער. איז כאָטש איר טראַכט, אַז עס איז צופיל, באַשרייבט עס אָבער זיפער אויף אַזאַ אײדעלן אופן, אַז עס שאָקירט אײך נישט. בכלל איז יעקב זיפער אַ שרייבער מיט מאַניערן. דעם גרעבסטן מענטשן באַשרייבט ער אײדל און אַזאַ מענטש ווי פעלטע גאַרבער, וואָס איז אַן עם־הארץ און וויל זיך מישן אין קהלשע ענינים, קומט ביי אים אַרויס אײדעלער, ווי ער וואָלט אפשר געווען ביי אַן אַנדער שרייבער.

דורכגעווייקט מיט חסידות, זענען יעקב זיפערס חסידישע מענטשן קרעפטיקער געמאָלן. זיי זענען ביז אין אַ גראַד מיסטיש, זייער אמונה אינעם רבין איז נישט קיין דורכגעטראַכטע, נאָר אַ מין באַזונדערער חוש, וואָס מיט אים זענען זיי געקומען אויף דער וועלט. אָדער איבער־גענומען בירושה פון די אבות אבותם. אַמאָל דאַכט זיך אײך, אַז דער רבי איז דער שטאַרקסטער אָנשפּאַר זייערער, אָן דעם דאָזיקן אָנשפּאַר וואָלטן זיי אפשר נישט געהאַט קיין כוח דורכצולײדן דאָס שווערע לעבן, וואָס זיי איז אָנגעצייכנט. ער הייבט נישט אַרויס די אידייע פון חסידות, — דער לעבעדיקער חסיד דאַרף נישט קיין אידייע, וואָרעם אידייע איז שוין אין זיך אַליין אַן איבערטראַכטעניש און אַז דו טראַכסט איבער, קענסטו זיך נאָך דערטראַכטן צו כפירה.

זענען דאָ ביי זיפערן דראַמאַטישע געשטאַלטן ווי ר׳ מרדכי ברויער. וואָס איז אַ פרומער ייד. נאָר ער פירט זיך הייַנטוועלטיש. דער דראַמאַ־טיזם איז אָבער נישט קיין אינערלעכער, דער ייד ביי זיפערן האָט נישט קיין סכסוכים מיט זיך אַליין, דער סכסוך איז אַמאָל מיט אַ געשעעניש, מיטן גורל, מיט דעם אָדער יענעם. אויבנאויף קען זיך אויסדאַכטן, אַז אַזאַ אופן צייכענען מענטשן גראָבט נישט גענוג טיף אינעם מענטש־קאַמפּ־

לעקס. אַז איר לייענט אָבער איבער די אַלע פיר הונדערט זייטן, קומט איר צום געדאַנק, אַז אייגנטלעך איז דאָס געווען דעם שרייבערס ציל. דעם מענטשן האָט ער געוואָלט שאַפן אין זיין גאַנצקייט, כדי דערמיט אַרויסצוברענגען דאָס פולקייט פונעם שטעטל־געשטאַלט. איר קענט אַפילו פרעגן: ווו איז די זינד אין שטעטל? איז געווען אַ שטעטל אָן באַהאַלטענער זינד? אָבער זינדיקייט ברענגט שוין צו אינערלעכע קאָנפליקטן און יעקב זיפער, קוקט אויס, האָט זיי באַוווסטזיניק געוואָלט אויסמיידן.

וואָס איז געשען אין זיפערס שטעטל? גאָרנישט איז געשען. דאָס גאָרנישט געשען ווערט ביי אים פול מיט געשעענישן. די סטאַטיק איז אין זיך אַליין דינאַמיש. אַפילו, אַז שטעטלשע זין הייבן־אָן אוועקצופאָרן אין ווייטע לענדער, אָדער רייסן זיך צום גאָרנשטיבל, איז אויך דער טראַגיזם אַ מין לעגענדאַריש־אידילישער.

דאָס שטעטל לאָזט זיפער איבער אַביסל אָן אָנגעשפּאַלטנס, ווי אַ געזונט־ערדענע שיסל, וואָס איז ערגעץ אָנגעשפּאַלטן, נאָר איר זעט נישט ווו, איר הערט נאָר, אַז דער קלאַנג איז אַ דרינזשעדיקער. דאָס שטעטל דרינדזשעט ערגעץ אָבער עס איז נאָך שטאַרק און גאַנץ געזונט, אַז עס זאָל ווייטער שפינען דעם זיבן הונדערטיאָריקן לעבנסשטייגער. צו דער גרויסער דראַמאַטישער אָנגעשפּאַלטנקייט איז זיפער נישט דערגאַנגען.

אינעם בוך „צווישן טייכן און וואַסערן" זענען דאָ קאַפּיטלעך, וואָס איר לייענט זיי מיט פאַרשלונגענקייט. דער עיקר די באַשרייבערישע, ווו יעדער בריק און בריקל, וואַסער־שטראָם, געסל און ליקל האָבן זייער אייגן געשטאַלט, דערוואַקסן צו אַ סימבאָל פון יידישער איינגעזעסנקייט. אין די באַשרייבונגען איז דאָ ברייטקייט. דער דינער קינסטלערישער שלייער איבער זיי שאַפט אויך די אילוזיע פון טיפקייט. געראַנגלט האָב איך זיך אָבער מיט די „פּאָטשענעס", וואָס זיפער פאַרטייטשט דאָס וואָרט, אָבער פאַר מיר איז נאָך אַלץ נישט קלאָר, צי אַ „פּאָטשענע" איז אַ גאַניק, אָדער אַ טראָטואַר. און ווי אויף להכעיס זענען די „פּאָטשענעס" דאָ אומעטום...

יעקב זיפּער שרייבט אַ געזונטן פּוילישן יידיש. איר זעט אַפילו די שפּורן פון אַן אייגענעם סטיל; זיין לשון האָט אַ בילדלעכקייט, דער דיאַלאָג איז אַ פאָלקסטימלעך־פּוילישער, נאָר פאַרביק זענען ביי אים די ווייבערשע שמועסן, כאָטש קיין פּרויען מאָלט ער כמעט נישט.

אַ כאַראַקטעריסטישע באַשרייבונג וויל איך דאָ ברענגען:

„נישט ווייט פון דער מיל, אַביסל אין אַ זייט פון בריקל, רוישט און קנייטשט זיך דאָס וואַסער, און צעפּלאַשעטע, שוימיקע פלאַקסענע וואַסער־האָר שלאָגן זיך אָן און פאַרפּלאָנטערן זיך אין די פּאַליעס און שפּיציקע שטיינער, וואָס שפּאַרן אַרויס פון געראויש. רעדט מען דערפון און מען מיידט אויס דאָס אָרט, ווייל ווען מען קוקט לאַנג אויפן שוימען פון די פלאַקסענע וואַסער־האָר, וואָס זענען אָן אַן אָנהייב און אָן אַן עק, הייבט־אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן. עפּעס באַוועגט זיך, דאַכט זיך, אויף די שטיינער, עפּעס גליטשט זיך מיטן בלענדיק־ווייסן פעלז, עפּעס שוואַרצט זיך אויפן שטיין".

פּירט אייך אָט די באַשרייבונג אַריין אין אַ מיסטישער וועלט, וואָס וועבט זיך אַרום דעם „קורצן בריקל" און ממילא ווערן שוין די מענטשן אַרום דעם דאָזיקן בריקל אויך מיסטיש.

מאַי 1961

מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד

**יצחק יאַנאַסאָוויטש, „מיט יידישע שריי־
בער אין רוסלאַנד", פאַרלאַג „קיום",
בוענאָס איירעס, 1959, 322 זייטן.**

וויפיל מיר האָבן שוין נישט געלייענט וועגן דער דראַמע פון דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור, האָבן מיר זיך נאָך אַלץ נישט דער־גראָבן צום מוראדיקן, אויפטרייסלענדיקן גרונט אירן. מיר זענען פסי־כיש פשוט נישט דערוואַקסן, אָדער נישט דער־נידעריקט, צו פאַרשטיין די מאָראַליש־מענטשלעכע געפאַלנקייט. און די דראַמע איז נישט דער מאָרד־פינאַל, נאָר גראָד דער כלומרשטער נאָרמאַלער גאַנג אירער, אַפילו ווען די ליטעראַטור האָט אין סאָוויעטישן קלימאַט געבליט.

דאָס בוך, „מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד", פון יצחק יאַנאַסאָ־וויטש, שילדערט די דראַמע איידער זי האָט זיך אויפגעלייזט אינעם מאָרד־פינאַל. יאַנאַסאָוויטש, וואָס איז אַנטלאָפן פון פוילן נאָכן סטאַלין־היטלער פאַקט, און איז מיט אַנדערע יידיש־פוילישע שרייבער דורכגע־גאַנגען דעם פעריאָד פונעם סטאַלין־„אויסלייז", דערציילט אין זיין בוך פון זעקס יידישע שרייבער — דוד האָפשטיין, איציק פעפער, לייב קוויט־קאָ, דער נסתר, דוד בערגעלסאָן, פרץ מאַרקיש. זיי זענען געווען די וויכטיקסטע אין דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור. ער איז מיט זיי געקומען אין קאָנטאַקט אין די יאָרן פונעם סאָוויעטישן גלות זיינעם. ער דערציילט פון אייגענע דערפאַרונגען. פון זייער פאַרטרויליעכקייט און זייער פאַרשלאָסנקייט דערציילט ער. האָבן מיר פאַר זיך זעקס דראַמעס, וואָס אינאיינעם וואַקסן זיי אויס צו דער גרויליקסטער דראַמע פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אונטער דער פאָן פונעם סערפּ און האַ־מער.

יאַנאַסאָוויטש, וואָס קיין רוסלאַנד איז ער געקומען מיטן סטאַזש פון אַ יונגן פּאָעט, וואָס סיי אין דער אידייע און סיי אין געמיט איז ער גע־ווען רעבעליש קעגן דעם סאָציאַלן נוסח פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן, איז אַריינגעפאַלן אין דער סאָוויעטישער סביבה מיט דער אילוזיע פון אַ פרייערן יידישן לעבן און פון אַ יידיש־שרייבערישער ווערדיקייט. די דאָזיקע אילוזיע איז אים באַלד אויסגערונען ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער אין ביאַ־ליסטאָק. דער ערשטער צונויפטרעף מיט די שרייבער, וואָס מאָסקווע האָט זיי געשיקט קיין ביאַליסטאָק מדריך צו זיין די „נאָוואָבראַנצעס" אין סאָוויעטיזם, האָט געמאַכט טיפע קאַרבן אין זיין נשמה. ער האָט דער־זען מענטשן, וואָס רעדן אָדער מיט קאַזיאָנער אָנגעבלאָזנקייט, אָדער מיט אַזאַ געהיטקייט, אַז עס איז געוועזן אַ צער זיי צו הערן און אויף זיי צו קוקן.

„ער האָט גערעדט, מאַרקיש, און גערעדט שיער נישט אַז ישירדיק; ער האָט גערעדט פּאַטעטיש, צוביסלעך אויך ליריש, אָבער אַלע זיינע רייד זענען אונדז אויסגעקומען ווי פון אַ טעקסט־בוך אַרויס", דערציילט ער פון דער ערשטער באַגעגעניש מיטן לייב פון דער יידישער ליטע־ראַטור אין רוסלאַנד, פּרץ מאַרקישן, וואָס האָט געטראָגן דעם לעניך־אָרדן, און פון דערוויטנס האָט מען געמיינט, אַז ער איז דער פרייער פויגל, וואָס שוועבט אונטער די סאָוויעטישע הימלען מיט אַ זינגעוודיק געמיט.

אַז מיר הויבן־אָן צו לייענען דאָס בוך, באַפאַלט אונדז באַלד דער קאָשמאַר פון מענטש־געפאַלנקייט און צעפאַלנקייט. מיר קאָנען זיך אָבער נישט אָפּרייסן פון די בלעטער. מיר ווייטיקן, מיר פייניקן זיך, אָבער די מענטש־דראַמע, די יידיש־דראַמע, די נעץ פון אינטריגע, האַלט אונדז צוגעשמידט ביזן לעצטן בלאַט. יאַנאַסאָוויטש איז אַ טיפער אַריינדרינגער סיי אין סיטואַציעס און סיי אין מענטש־איבערלעבונגען. ער דערציילט קלאָר, בילדלעך, בעלעטריסטיש און עסעיִסטיש בולט. אין זיין דערציילן איז דאָ קינסטלערישע חכמה, און אין זיין ווערלן פאַרשטיין דעם מענטשן איז דאָ הויך־קינסטלערישע מענטשלעכקייט. יעדער פון די זעקס שרייבער איז אַ באַזונדער דראַמע, אָבער דער הינטערגרונט איז די דראַמע פון

דער ייִדישער ליטעראַטור און דעם ייִדישן לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. זיין ציל איז נישט געווען צו שרייבן פונעם ייִדישן לעבן בכלל, אָבער די פינצטערע ווירקלעכקייט וואַקסט סיי־ווי אַרויס פון די בלעטער.

אַן עפּיזאָד, וואָס יאַנאַסאָוויטש ברענגט אים אינעם נסתר־פּאָרטרעט, איז געגוג אויפצורודערן דעם לייענער און עפענען פאַר אים דעם טעראָר־תהום פון יענער צייט. ער דערציילט פון דריי שרייבער אין כאַרקאָוו — פינטשעווסקי, האַרצמאַן און איינער ב. דאָס איז געווען נאָך אין 1937, בעת דער סטאַלין־טעראָר האָט געבושעוועט אויף אַלע פראָנטן. די דריי פּאָעטן זענען אַרויס פון אַ רעסטאָראַן און זענען געווען אַביסל אונטער־געטרונקען. האַרצמאַן איז, ווייזט אויס, געווען מער אָנגעטרונקען, און אַז זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ ווינקל־גאַס וווּ עס איז געהאַנגען אַ ריזיקער סטאַלין־פּאָרטרעט, האָט ער אַ זאָג־געטאָן: „אָט ווער עס איז שולדיק אין אונדזערע צרות". און ווייטער וועל איך איבערגעבן דעם עפּיזאָד, ווי יצחק יאַנאַסאָוויטש דערציילט אים:

„אָפּגעזאָגט דאָס דאָזיקע, וואָס איז אים, און אויך אַלע אַנדערע, גע־לעגן אויפן האַרצן, האָט אָבער האַרצמאַן תיכף זיך אויסגעניכטערט פון שרעק און באַנומען, וואָס ער האָט דאָ מיט זיינע רייד אָפּגעטאָן. ער האָט זיך דעריבער געוואָרפן צו זיינע חברים, גענומען קושן זייערע הענט און בעטן, אַז זיי זאָלן רחמנות האָבן אויף זיין יונג לעבן און פאַרשווייגן דאָס, וואָס זיי האָבן געהערט. ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט און געבעטן, ביז זיינע חברים האָבן דאָס אים פייערלעך צוגעזאָגט".

איז דאָך, דאַכט זיך, געגוג דערנידעריקונג פון אַ מענטשן, אַ שריי־בער. איז אָבער נאָך דאָ אַ ממש מאַקאַברישער סוף צו דער מעשה. יאַ־נאַסאָוויטש גיט דאָס ווייטערדיקע איבער, ווי דער פּאָעט ב. האָט עס אים אַליין דערציילט.

„ווען איך בין אַהיימגעקומען", דערציילט ב., „האָב איך גענומען טראַכטן: נו, גוט, מען דאַרף ראַטעווען האַרצמאַנען, ווייל עס איז אויף אים טאַקע אַ גרויס רחמנות. וואָס וועט אָבער זיין, אויב פינטשעווסקי וועט נישט האַלטן זיין וואָרט און וועט יאָ אַוועקגיין דערציילן, וואָס ער האָט געהערט? דעמאָלט וועט דאָך אויסקומען, אַז איך האָב געהערט

און האָב די זאַך פאַרשוויגן! נו, וועט מען נישט אַמאָל אויסטייטשן מיין שתיקה, ווי אַ הסכמה צו האַרצמאַנס רייד? וועל איך אַמאָל נישט זיין די כפרה צוזאַמען מיט האַרצמאַנען? הכלל, איך האָב אַזוי לאַנג געטראַכט און געטראַכט, אַזוי לאַנג זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און מיט זיך אַליין געטעהנהט, ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָב איך באַשלאָסן, אַז חייך קודמין לחיי חברך, און איך האָב זיך אַנגעטאָן און בין אַוועק אין נ. ק. וו. ד. דערציילן די גאַנצע מעשה.

„אויפן וועג צו דער נ. ק. וו. ד. האָב איך געטראָפן... וועמען? פּינ־טשעווסקין? נו, געוויס! ער האָט דאָס זעלביקע, וואָס איך האָב גע־טראַכט וועגן אים, מסתמא געטראַכט וועגן מיר, און מחמת דעם האָבן מיר זיך ביידע געטראָפן אויפן וועג צו ווערן מוסרים. דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. שטעלט זיך פאָר, אַז מיר האָבן אין דער געביידע פון דער נ. ק. וו. ד. אויך געטראָפן... יאָ, מיר האָבן דאָרטן אויך געטראָפן האַרצמאַנען. ער ווייסט דאָך, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז מיר וועלן נישט האַלטן דאָס צוגעזאָגטע וואָרט און מיר וועלן יאָ דערציילן. נו, וויל ער זיך ראַטעווען און דערפאַר איז ער געקומען פריער, כדי צו זאָגן, אַז די דאָזיקע ווערטער האָט ער נישט געזאָגט, נאָר מיר האָבן זיי געזאָגט. אפשר וועט עס אים דורכגיין און ער וועט אַזוי אַרום ניצול ווערן פון דער סכנה..."

מענטשן, וואָס לעבן אין אַזאַ פּחד, אונטער אַזאַ טעראָר, פאַלן צום סאַמע נידער, און מיר, וואָס קאָנען אפילו נישט באַגרייפן אַזאַ טעראָר, האָבן נישט די מינדסטע רעכט זיי צו משפטן פאַר די אַלע בייזע מעשים זייערע. מיר קאָנען נאָך, פאַרקערט, באַוווּנדערן זייער כוח אָנצושרייבן אַפילו נאָר עטלעכע שורות אויפריכטיקע, ווי עס האָבן געטאָן אַ מאַר־קיש, אַ דוד האָפשטיין אָדער אַפילו אַ דוד בערגעלסאָן. שוין אָפגערעדט פון אַ נסתר, וואָס געהאַלטן האָט מען אים אין רוסלאַנד, צווישן די יידי־שע שרייבער, פאַרן צדיק.

דוד האָפשטיין, דערציילט יאַנאַסאָוויטש, איז געווען זיבן מענטשן אינאיינעם. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון שרייבער האָט ער אינמיטן דעריבען אַ געשריי־געטאָן: כי מציון תצא תורה... און דערנאָך אָנגעהויבן אויס־רעדן כל דבר אסור אויף ארץ־ישראל און דעם ציוניזם. ער איז געקומען

קיין מאָסקווע פון קיעוו און פאַר שרייבער געלייענט זיינע נייע לידער. געהייסן האָט ס׳ „אַ שעפּערישער אָונט״. די לידער זענען געווען שלעכטע, ממש גראַפאָמאַנישע, אָבער אין דער אינטימער סביבה פון שרייבער, וואָס צו זיי האָט ער געהאַט פולן צוטרוי, האָט ער געלייענט אַנדערע לידער, וואָס זענען געווען פול מיט יידישן צער, מיט ליבשאַפט צו יידן. בכלל האָבן יידישע שרייבער אין רוסלאַנד געשריבן פאַר זשור־נאַלן און... פאַרן טיש־קעסטל. די לידער, אָדער דערציילונגען, פונעם טיש־קעסטל זענען קיינמאָל נישט געווען געדרוקט, און ווער ווייסט וויפל שרייבערישע אוצרות עס זענען פאַרלוירן געוואָרן.

יאַנאַסאָוויטש האָט זיינע סימפּאַטיעס צו איין שרייבער און צו אַן אַנדערן האָט ער אַביסל אַנטיפּאַטיע. די גרויסע מעלה פונעם בוך איז אָבער, וואָס ער פּרוווט זיי אַלעמען פאַרשטיין. אַפילו אַ שרייבער, וואָס ער האָט נישט קיין גרויסע ליבשאַפט צו אים, וויל ער אויך פאַרשטיין, און ער פּרוווט אַריינדרינגען אין דער מענטש־דראַמע זיינער. אַזוי איז דער איציק פעפער פאַרטרעט. יאַנאַסאָוויטש שאַנעוועט אים נישט. ער כאַראַקטעריזירט אים ווי איינעם, וואָס זיין אַמביציע איז געווען צו ביור־ראָקראַטעווען. ער איז געווען אַן אינטריגאַנט און די גאַנצע צייט האָט ער אַלץ געגראָבן קעגן מאַרקישן. פאַרוואָס ? דערפאַר, וואָס מאַרקיש האָט געהאַט אַ העכערן אָרדן פון אים און האָט געהאַט מער אַנזען אין די קרעמל־קרייזן, אָדער ביי רוסישע שרייבער. אָבער אַפילו פעפערן שטעלט ער אַרויס אין מאָמענטן, וואָס האָבן אויפגעדעקט טיף־ליידנדיקע איבער־לעבונגען.

פיינלעך איז צו לייענען דעם פאָרטרעט פון דוד בערגעלסאָן. נישט דערפאַר, חלילה, וואָס יאַנאַסאָוויטש איז צו אים אומסימפּאַטיש, נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבן בערגעלסאָנען געהאַלטן פאַר אַ גרויסן יידישן קינסטלער, און דאָ זעען מיר אים אַזאַ נידעריק געפאַלענעם, אַז מיר שעמען זיך פשוט פאַר אים, פאַר זיך, פאַר דער יידישער ליטעראַטור. בערגעלסאָן קומט אַרויס קליין, קאָמיש, און צו דער אייגענער צייט, גרויס, טראַגיש. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז אים האָט די סאָוויעטישע מאַכט קיין אָרדן נישט געגעבן. ער האָט דערפאַר מורא געהאַט מער ווי אַלע אַנדערע, וואָרעם אַז מען האָט אים נישט באַלוינט

מיט קיין אָרדן, האָט מען דאָך אוודאי עפּעס קעגן אים. האָט ער דער־פאַר געוואָלט זיין כשרער פון די כשרסטע. געטראָפן האָט אָבער, אַז וואָס מער ער האָט געוואָלט זיין כשר, אַלץ מער האָט ער זיך אויסגעגליטשט. ביי אַ באַנקעט פון שרייבער, ווו געגעסן האָט מען פיש, האָט בערגעלסאָן, וואָס איז געזעסן אויבנאָן, אַריבערגעשריגן צו לעאָ פינקעלשטיינען, איך האָב דאָך געגעסן פיש ביי אייך אין וואַרשע, אָבער ווי קומען די קאַפּי־טאַליסטישע פיש צו די פיש אין אונדזער טייערן סאָוויעטישן לאַנד?" דאָס האָט דער גרויסער בערגעלסאָן געדאַרפט לאָזן וויסן, אַז אַפילו די פיש אין מאָסקווע זענען בעסער, ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. זאָל מען הערן, עס וועט מסתמא אָנקומען צו ווערמען עס דאַרף אָנקומען. נאָר פינקלשטיין האָט באַלד געענטפערט: „ווו האָט בערגעלסאָן געקאָנט אין וואַרשע עסן גוטע פיש, אַז נאָר די קאַפּיטאַליסטן קאָנען זיך אין קאַפּיטאַליסטישן פוילן פאַרגינען גוטע מאכלים? אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד איז אַנדערש, דאָ עסן דאָך די פּראָלעטאַריער די בעסטע מאכלים..." בער־געלסאָן איז ווידער אַריינגעפאַלן. ער האָט אויסגעגעבן, אַז ער האָט אין וואַרשע געהאַט מחזקות מיט קאַפּיטאַליסטן. דער באַנקעט איז שוין דעם גרויסן ייִדישן שרייבער נישט באַקומען.

דער עפּיזאָד קרים: צווישן ייִדישע שרייבער האָט מען גערעדט, אַז דער קרעמל האָט באַשלאָסן אַוועקצוגעבן קרים צו ייִדן. די דאָרטיקע באַווינערס האָט מען דאָך פאַרטריבן דערפאַר, וואָס זיי האָבן מיטגעאַר־בעט מיט די דייטשן, וועט מען דאָרטן באַזעצן ייִדן און זיי געבן אַ מין אויטאָנאָמיע. לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש אַליין האָט פאַרשפּרייט די ידיעה, און קאַגאַנאָוויטש איז דאָך אַ קרוב למלכות, — טאַקע סטאַלינס שוואָגער. האָבן זיך ייִדישע שרייבער געפרייט, די פאַנטאַזיע האָט זיך זיי ביי צע־שפּילט, מען האָט זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב, און בערגעלסאָן איז געווען דער יום־טובדיקסטער פון אַלע. אַ צייט שפּעטער האָט מען געלאָזט וויסן פון קרעמל: שלאָגט זיך אַרויס פון קאָפּ קרים. רעדט זיך נישט איין, אַז איר וועט קריגן אַן אויטאָנאָמיע... איז בערגעלסאָן געווען דער ערשטער צו קומען אין ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און ר'נדן הויך צו אַלעמען:

— ער האָט דאָך פריער געוווּסט, אַז עס איז אַ פּראָוואָקאַציע. וואָרעם

צו וואָס דאַרפֿן יידן האָבן קרים? איז זיי שלעכט ווו זיי זענען? איז יידישע שרייבער שלעכט אין מאָסקווע? צו וואָס דאַרף אונדזער טייערע סאָוויעטישע מלוכה אַוועקגעבן יידן קרים, אַז עס זאָל אַרויסרופֿן אַנטי־סעמיטיזם? עס איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע, האָט ער געזאָגט, און ער האָט עס פֿריער געוואָרנט... האָט בערגעלסאָן געמיינט, אַז איצטער האָט ער אָפּגעשאָסן דעם פֿויגל: מען וועט זיך שוין דערוויסן ווו מען דאַרף, אַז ער האָט געוואָרנט קעגן דער אילוזיע פֿון קרים. נאָר דאָ האָט זיך איי־נער אַ שרייבער אָנגערופֿן: וואָס הייסט, בערגעלסאָן רעדט פֿון מעגלעכן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוויעט־רוסלאַנד? אין סאָוויעטישן פֿאָטערלאַנד איז איז נישטאָ און קאָן קיין אַנטיסעמיטיזם נישט זיין... בערגעלסאָן איז גע־וואָרן בלייך, די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן בלאָנדזשען אין אַלע זייטן: ער האָט געזען, אַז ער איז ווידער אַריינגעפֿאַלן, און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן?...

נאָר ביי זיך אינדערהיים איז בערגעלסאָן געווען אַן אַנדערער: זיין חכמה האָט זיך צו אים צוריקגעקערט. ער האָט אַפֿילו אַמאָל זיך פֿאַר־גונען צו דערציילן אַ מעשהלע, וואָס האָט געהאַט אַ ווונק אויף קריטיק און נאָך מער טרויער. שרייבעריש, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, האָט בערגעל־סאָן געפּרוווט איבערשרייען אַנדערע. אַזוי האָט ער געשריבן אַ דערציי־לונג, ווו ער האָט געוואָלט באַווייזן, ווי גרויס עס איז די פֿעלקער־ברי־דערשאַפֿט אין סאָוויעטן פֿאַרבאַנד. דאָס האָט ער געטאָן, בעת דער קרעמל אַפֿילו האָט גוט געוווּסט, ווי גרויס עס איז די שנאה צווישן די פֿאַרשי־דענע פֿעלקערשאַפֿטן אין לאַנד. האָט ער טאַקע געשריבן, אָבער אין די הויכע פֿענצטער האָט מען אים נישט געגלויבט. און וואָס מער ער האָט געשפּירט, אַז מען גלויבט אים נישט, אַלץ מער האָט ער געוואָלט דע־מאָנסטרירן זיין געטריישאַפֿט צו דער סאָוויעטישער מאַכט, צום „גרויסן חבר סטאַלין". איז ער געווען אַ סך מאָל קאָמיש, ממש אים אויסצולאַכן. אָבער טיף אין אים האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ מוראדיקע דראַמע — די דראַמע פֿון אַ גרויסן יידישן שעפֿער, וואָס דער פּחד דערנידעריקט אים, נעמט ממש צו ביי אים דעם שכל, שוין אָפּגערעדט פֿונעם טאַלאַנט.

דער נסתר, וואָס אַלע האָבן אים ליב געהאַט און אים געהאַלטן פֿאַר אַ צדיק, איז געווען אַ גרויס יידיש געשטאַלט. גראַד דאָס, וואָס ער האָט

זיך נישט געחנפעט צו דער מאכט, וואס ער האט יארן־לאנג נישט גע־שריבן, אדער נישט געדרוקט, און זיך מפרנס געווען פון מי און הארע־וואניע, גראד דאס האט אים אוועקגעשטעלט פאר דער ליכטיקסטער גע־שטאלט אין דער סאוויעטיש־יידישער ליטעראטור. דער נסתר האט אפילו געהאט צו טאן מיט אונטערערדישע פרומע יידישע גרופעס, און קיינער האט אים נישט געמסרט. די גייסטיקע פעסטקייט זיינע האט ביי אלעמען ארויסגערופן דרך־ארץ. אויסגעקומען איז, ווי דאס געפאלענע שרייבער־געזינדל האט געוואלט האבן צווישן זיך כאטש איין צדיק און אלע האבן אים געהיט, אז קיין בייז זאל אים, חלילה וחס, נישט געשען.

לייב קוויטקאן, — דעם פאעט, וואס זיינע קינדער־לידער זענען איבערגעזעצט געווארן אין רוסיש, נאך איידער ער האט זיי געדרוקט אין יידיש, — קוויטקאן מאלט יאנאסאוויטש ווי דעם גרויסן מאמין אין קאר־מוניזם. קוויטקא איז אין זיין כאראקטער געווען א גלויבער. ער איז בטבע געווען א גאנצער מענטש און האט נישט געקאנט צולאזן צו זיך קיין ספק. אבער אפילו קוויטקא האט אויך דערפילט ספקות און האט איבערגעלעבט א טיפע טראגעדיע.

איז נישט שייך זיך צו שפארן מיטן מחבר פון די יידיש־סאוויע־טישע שרייבער־פארטרעטן, צי איז טאקע פעפער דערגאנגען צו תשובה, אפילו נאר אין מאמענטן. די פארטרעטן זענען געצייכנט קינסטלעריש־סוביעקטיוו, און דאס איז די גרויסע מעלה זייערע. אבער אין סוביעקטיוויקייט איז דא אן אביעקטיווער צוגאנג. יאנאסאוויטש איז אליין א בולטע שרייבערישע פערזענלעכקייט. ער זיפט־דורך דעם מענטשן דורך דער אייגענער יחידישער זיפ. אבער אפילו אז ער צייכנט א שרייבער מיט אלע נעגאטיווע שטריכן, זוכט ער אויך א זכות אויף אים, וויל ער מכפר־זיין די זינד זיינע. גראד דורך דעם זכות דערוואקסן די פארטרעטן צו מענטש־דראמעס, וואס זענען גרויס און טיף, יחידיש און יידיש־נאציא־נאל.

אינעם בוך זענען דא ערטער, ווו יאנאסאוויטש רעדט וועגן דער סאוויעטישער סיסטעם בכלל. דא איז ער טיף אריינדרינגלעך, עסעיס־טיש ארומנעמענדיק, און דער לייענער פרישט־אפ אין זיין באוווסטזיין דעם גאנצן רשעותדיקן, מבולבלדיקן דעגענערירנדיקן קאמפלעקס פון

אַן אידייע, וואָס האָט געדאַרפט קומען מיטן אַן אויסלייז־שליחות צו דער וועלט און האָט דאָס שליחות פאַרוואַנדלט אין דעם בלוטיקסטן קאָש־מאַר אין דער געשיכטע פון דער וועלט.

דאָס בוך „מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד" שעפּט־אויס ביזן גרונט דעם טרויער פון אַן עפּאָכע אין דער וועלט; דעם צער פון יידישן חורבן; די אימה פון מענטש־געפאַלנקייט.

די סודות פון אונדזער אלף־בית

וועגן אליהו ליפינערס „אותיות דערציילן״

דער מחבר פונעם בוך, וואָס מיר וועלן באַלד רעדן פון דעם, איז לפי ערך נאָך אַ יונגער מענטש. 51 יאָר איז ער אַלט. דערמאָנען מיר די עלטער זיינע דערפאַר, וואָס אַזעלכע ביכער שרייבן געוויינלעך יידן מיט אַ גרעסער פעקל יאָרן אויף די פּלייצעס. אָבער דער עיקר, וואָס מיר ווילן דערציילן, איז דער לעבנסגאַנג זיינער: ער איז געבוירן אינעם בעסאַראַבישן שטעטל יעדינעץ און דאָרטן געלערנט אין חדר ביים אייגענעם טאַטן, וואָס איז געווען אַ מלמד. צו פערצן יאָר איז ער געקומען קיין בראַזיל, צו זיינער אַ שוועסטער, וואָס האָט געוווינט אין סאַן פּאַולאָ.

אוודאי האָט ער שטודירט, געוואָרן אַן אַדוואָקאַט, — דאָס אַלץ איז קיין חידוש נישט, — אַ חידוש איז, וואָס אין דער גרויס־אינדוסטריעלער בראַזיליאַנישער שטאָט האָט אליהו ליפינער נאָך געלערנט אַזוי גרונטאָוונע יידישע לימודים און איז בקי נישט נאָר אין תלמוד, נאָר אויך אין זוהר און אין אַנדערע קבלה־ספרים, אַ חוץ וואָס ער האָט אַ ברייט וויסן אין דער ליטעראַטור אין עטלעכע לשונות און, פאַרשטייט זיך, אין דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער.

אין 1941, דאָס הייסט בעת ער איז אַלט געווען 25 יאָר, איז אַרויס זיין ביכל „אותיות דערציילן״, וואָס מיר האָבן אַלע געלייענט מיט גוואַלדיקער געשפּאַנטקייט. אינעם דאָזיקן קליינעם ביכל, — פאַרנומען האָט עס 119 זייטלעך, — איז געווען אַ מין אלף־ביתדיקער כישוף. איר האָט געשפּירט, ווי דער מחבר אַליין שטייט געפּלעפט פאַרן רעטעניש פון אונדזער אלף־בית, פאַר די תגין (די קריינדלעך) און די אַנדערע צייכנס פון אונדזער שיינעם אלף־בית. זינט ליפינערס גרינט־

לעכער אַרבעט אין יענעם ביכעלע האָב איך אַליין זיך אָנגהויבן צו־
צוקוקן צום אלף־בית און אים פאַרגלייכן מיט די אַלפאַבעטן פון אַנ־
דערע שפּראַכן. מיר האָט זיך אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז אונדזערער
איז טאַקע שענער. די שטריכעלעך, וואָס האָבן אַ טיפן מיין, האָבן
מיך ממש פאַראינטריגירט. היינט די נקודות אונטער די אותיות, אַמאָל
איינגמיטן אַן אות, — סע איז נישט אומזיסט וואָס ביי בעלי־קבלה,
אָדער ווי ליפינער רופט זיי, בעלי־סוד, זאָלן זיי געווען אַרויסגערופן
כל׳ערליי אויסטייטשונגען און אפילו מיינען, אַז זיי, די אותיות,
זענען געווען קודם מתן־תורה און האָבן גאָר אַ גרויסן חלק אין דעם
וועלט־באַשאַף.

ווייטער האָט ליפינער געפאָרשט די מיסטישע ספרים איבערן אַלף־
בית און ער האָט מיט איבער צען יאָר צוריק אָנגעשריבן נאָך אַ בוך,
וואָס האָט געהייסן „די געשיכטע פון אַ פאַרגעטערט כתב״. אין לעק־
סיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ווערט אָנגעגעבן, אַז דאָס
בוך איז דערשינען אין בוענאָס איירעס. דער אמת איז אָבער, אַז דאָס
בוך האָט קיינמאָל נישט געזען די ליכטיקע וועלט. ליפינער, אַז אים
איז דאָס בוך אָנגעקומען האָט ער געזען, אַז ס׳איז אַזוי פול מיט גרייזן,
אַז ער טאָר נישט דערלאָזן ס׳זאָל דערגיין צום עולם לייענער. ער איז
באַשטאַנען, אַז מען זאָל דאָס בוך גוזר זיין לגניזה, אָדער גאָר פּשוט
— פאַרברענען. אין 1959, אַז איך בין געווען אין סאַן פּאַולאָ, האָט
ער מיר דערציילט די געשיכטע און געזאָגט, אַז ער האָט אפילו נישט
איבערגעלאָזט ביי זיך קיין בוך לזכר.

דאָס איצטיקע בוך איז אַ נייע באַאַרבעטונג פון יענעם פאַרברענטן
בוך, נאָר אַ סך אַ גרעסערס, — כמעט צוויי מאָל אַזויפיל עמודים. פאַר־
שטייט זיך, אַז פון ליפינערס האַנט גייט נישט אַרויס קיין מעכאַנישע
אַרבעט. ער האָט ווייטער געפאָרשט, מער פאַרטיפט דעם צוגאַנג און
צירונג אויפן לבוש פון אונדזער ליטעראַטור אין יידיש.

נאָר איידער מיר גייען איבער צום בוך, איז נאָך אינטערעסאַנט
צו דערציילן, אַז דורך דער צייט, וואָס ליפינער האָט געאַרבעט אויף
די סודות פון אונדזער אלף־בית, האָט ער זיך געגריבלט אין דער
געשיכטע פון די יידן אין די שפּאַניש־אַמעריקאַנישע לענדער און האָט

איך אויפן דאָזיקן געביט אַ סך אויפגעטאָן. זיין בוך „ביי די טייכן פון פּאָרטוגאַל" איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער וואַנדער־ווונדער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. אַ חוץ דעם האָט ער אויסגעגראָבן די פאַרגעסענע כתבים פון דעם פּאָרטוגעזישן יידן ר' שמואל אושקי און האָט זיי אַרויסגעגעבן אי אין אָריגינאַל, אי זיי איבערגעזעצט אויף יידיש.

קומען מיר צום איצטיקן בוך, „די אידעאָלאָגיע פון יידישן אלף־בית" בלייבן מיר צום אָנהויב אַביסל צעטומלט: וואָס איז שייך אידעאָלאָגיע ביי אַן אלף־בית? אָבער, אַז מיר לייענען נאָר עטלעכע זייטלעך אינעם בוך, הייבט אונדז אָן אויפצוגיין אַ ליכט פאַר די אויגן: די יידישע אותיות האָבן בפירוש אַן אידעאָלאָגיע.

אין זיין נאָכוואָרט, וואָס ער רופט „אַ התנצלות פונעם מחבר", זאָגט ליפינער, אַז אים איז „אויסגעקומען צו אַרבעטן אויפן בוך במשך פון יאָרן. האָט אפשר דער לאַנגער צייט־געדויער געווירקט אויפן אַלגעמיינעם סטיל פונעם ווערק, אין וועלכן עס האָבן געקאָנט איבערבלייבן פאַרעלטערטע שיריים". איז דאָס דאָזיקע התנצלות אַן „איבערבלייב" פון דעם מחברס באַשיידנקייט. דער יידיש ליפינערס איז אַ זאַפטיקער און אַפילו בילדלעכער. אין גאָר אַ סך ערטער ווערט ער געפאַנגען פון דער פאַנטאַזיע ביי די מיסטיקערס און דער סטיל דער־הייבט זיך ביי אים ממש צו געזאַנג. איז כאָטש ער וואַרפט דאָ און דאָרטן אַריין אַ ניכטערע אויפקלערונג, איז די באַגייסטערונג זיינע אַזאַ לויטער־יידישע, אַז איר שפּירט ווי ער אַליין גלייבט אינעם מיס־טיציזם פון אונדזער אלף־בית. לכל הפחות, ער איז אַ שותף צום מיסטיציזם.

איז מכוח דעם בוך אַליין: ליפינער ווייזט אַרויס אַ גוואַלדיקע ערודיציע אין דעם ענין פון אונדזער אלף־בית. שטעלן אויף זיך וועל איך נישט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין וויכטיקן ספר, אָדער אפילו אַ דערמאָנונג, ווו די וואַנדער־געשיכטע פונעם אַלף־בית דערציילט זיך, ווי אַלט איז דער איצטיקער אלף בית, אָדער כתב אשורי? די גמרא זאָגט, אַז עזרא הסופר האָט איינ־געפירט דאָס איצטיקע כתב אשורי, וואָס מיינט אַרום פיר הונדערט יאָר

פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. אָבער מיטן כתב אשורי איז פאַרבונדן אַ דראַמאַטישע געשעעניש אין אונדזער געשיכטע: עזרא האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ ספר פון בבל, וואָס איז געווען געשריבן אין אשורישן כתב און אָנגענומען איז געוואָרן דאָס אשורישע כתב דערפאַר, וואָס די שומרונים האָבן זייער תורה געשריבן אין דעם אַלט־העברעישן כתב. דערפון דאַרפן מיר דערפאַר לערנען, אַז נאָך איידער עזרא האָט אין ארץ ישראל, ביים צוריקקום פון גלות בבל, באַנייט פאַרן פאָלק תורת משה, איז דאָס אשורישע כתב שוין געווען ביי יידן.

אַן אינטערעסאַנטן פירוש אויף דער אַנטשטייונג פון יידישע שפּראַכן גיט ליפינער. ער ווייזט אָן, אַז בעת יידן האָבן אין די פאַר־שידענע לענדער פון גלות איבערגענומען די שפּראַכן פון יענע לענדער, האָבן זיי אָבער דאָס כתב זייערס נישט איבערגענומען. זיי האָבן די שפּראַכן געשריבן מיטן יידישן אלף־בית און דערפאַר איז די שפּראַך ביסלעכווייז פאַריידישט געוואָרן. אַזוי איז אויך געווען מיט אונדזער יידיש, וואָס הונדערטער יאָרן האָט מען די שפּראַך גערופן יידיש־טייטש. דער עיקר באַווייז איז, אַז דער יידישער אלף־בית איז געווען דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דער אויספורעמונג פון יידישע שפּראַכן. דערפאַר וואָס דער אלף־בית איז ביי אונדז פאַר זיך אַליין אַ יש, אַ מין הייליקייט.

נישט שייך צו שרייבן אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג איבער ליפינערס בוך. מסתמא זענען דאָ פעלערן אין דעם, אָבער זיי ווערן בטל לגבי דער ברייט־אַרומנעמענדיקער אַרבעט. מיר באַקענען זיך מיט אַלע מיסטיקערס, און נישט נאָר מיט זייער אַריינטייטשן דעם באַטייט פון די אותיות אונדזערע, נאָר אויך מיט די שיטות זייערע אין דעם מיס־טיציזם. דער סאַמע עיקר ביי די בעלי־קבלה איז, אַז די אותיות זענען געווען נאָך פאַרן וועלט־באַשאַף און, ווי איינער פון די בעלי־סוד קלערט־אויף, איז דאָך נישט שייך, אַז עס איז געווען אַ וועלט איידער עס זענען געווען אותיות. וואָרעם אַז אַ זאַך ווערט נישט אָנגערופן איז זי דאָך נישטאָ, און ווי אַזוי רופט מען זאַכן, אויב נישט מיט אותיות?

דערנאָך הייבט זיך אָן אַ פלפול איבער די אותיות. איינער אַ בעל־סוד זאָגט, אַז נח האָט געדאַרפט זיין דער אמתער משיח, נאָר געוואָרן

איז ער עס נישט דערפאַר, וואָס דער נאָמען זיינער הייבט זיך אָן מיט אַ נון און דער נחש (שלאַנג) הייבט זיך אויך אָן מיט אַ נון.

ביז אפילו אונדזערע צייטן האָבן בעלי־קבלה געטייטשט די אותיות פונעם אלף־בית, אַריינגעלייגט אין זיי כלערליי מיינען און פאַנטאַס־טישע פונקציעס. דער צד־השוה אָבער פון אַלע טייטשן איז דער גע־דאַנק פון וועלט־אויסליז און, פאַרשטייט זיך, יידישן אויסליז. דאָס אייגנטלעך איז די אידעאָלאָגיע פונעם אלף־בית, ווי ליפינער זעט זי. אַלע בעלי־קבלה אָנגעהויבן פונעם זוהר, האָבן געזען דעם אלף־בית אין זייערע וויזיעס, אָבער דער לעצטער אויספיר איז, דער אלף־בית איז אינעם וועלט־באַשאַף באַשטימט צו ברענגען די גאולה שלימה.

דאָס לעצטע קאַפּיטל אינעם בוך איז „דער אלף בית אין פאָלקלאָר און אין ליטעראַטור". דאָ ווייזט דער מחבר ווי אין די פאָלקס־מעשה־לעך איז דער אלף־בית גאָר אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין שווערע צייטן פאַר יידן. אַ פאָלקס־מעשהלע דערציילט, ווי אויף יידן איז געהאַנגען די סכנה פון אַ שרעקלעכער גזירה און אַ ישובניק, אַן עם־הארץ, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן רבונו של עולם און די גזירה אָפּגעשריגן. ליפּי־נער ברענגט קינדער־לידער, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן און דער אלף־בית ווערט אין זיי שפּילעוודיק פאַרגעשטעלט.

וויכטיק אָבער איז אַרויסצוברענגען דעם פאַקט, אַז יידישע פאָעטן, וואָס האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט אין דער רייכער קבלה־ליטעראַ־טור וועגן דעם אלף־בית, האָבן אַליין אויסגעזונגען מיסטישע לידער צום אלף־בית, אָדער גאָר געשאַפן פאַנטאַסטישע מעשהלעך וועגן די אותיות אונדזערע. ער ברענגט אַ פריזיוו־ליד, וואָס איז געבויט אויפן אלף־בית:

> לאָמיר אָוועקלייגן אַלע זאַכן,
> לאָמיר זיך נעמען צו דער אלף:
> אַז מען פירט אַ יידן צו אַסענטירונג (פריזיוו),
> ליגט אויף אים דער חלף.

אַזוי גייען די וויטערדיקע סטראָפעס, אין יעדער סטראָפע אַן אַנדער אות. ער ברענגט אויך גלייכווערטלעך, וואָס זענען געבויט

אויפן אלף בית. למשל: דאָס וואָרט בצדק ווערט בדרך נוטריקין גע־לייענט ביז צו דער קעשענע... אָדער נעמען מיר אַזאַ ווערטל: דו ביסט בייז, בין איך גימל. אין יידיש האָט דאָס פאָלק דעם אלף בית אָנגע־שטעלט פאַר אַ שיינער שפיל, אַ סך מאָל מיט אַ הויך־עטישן אויספּיר.

ליפינער שעפּט פון דער העברעישער ליטעראַטור אַ סך אלף־בית מאָטיוון, אָבער אונדז אינטערעסירט דאָ די יידישע פּאָעזיע. ער הייבט, פאַרשטייט זיך, אָן מיטן מאַרק וואַרשאַווסקיס ליד „אויפן פריפּעטשיק", וואָס איז געוואָרן אַ פאָלקסליד. ער ברענגט לייב פיינבערגס ליד „ברע־נענדיקע פאַרמעטן", וואָס איז געבויט אויף דער תלמודישער לעגענדע וועגן ר' חנינא בן תרדיונס טויט, ווי די פאַרמעטן ברענען און די אותיות פורחות, — די אותיות פליען, נאָר —

אין קראַך פון דונערן און בליצנדיקע בליאַסקען,
דורך געוואָי פון אורווינטן רייסט זיך דורך אַ בת־קול:
נישט ביי תוהו־חושכן, ביים ערשטן ליד פון בראשית —
קיינער וועט נישט אויסלעשן די שווּעבנדיקע אותיות.

נאָך פּרץ מיראַנסקיס ליד, וווּ ער דערציילט ווי הירש גליק האָט פון צעשאָטענע אותיות צונויפגעשטעלט זיין געטאָ־הימן „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". ברענגט ליפינער אהרן צייט־לינס העברעישן ליד וועגן מיידאַנעק. דער מחבר זאָגט: „מיט דער אותיות־מיסטיק פון דער קבלה זענען שטאַרק פאַרבונדן אהרן צייטלינס לידער פון דעם נאָך־מיידאַנעק פּעריאָד. מען טרעפט אין זיי אָפט צע־וואָרפענע רמזים אויף גימטריא און צירופי אותיות".

כמעט אַ פולע אַנטאָלאָגיע פון יידיש־לידער אויפן אלף־בית האָט ליפינער צונויפגעשטעלט און, פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער אלף כ"ץ איז דער הויפּט־מחותן אין דער דאָזיקער אַנטאָלאָגיע: ער לאָזט אָבער נישט דורך אליעזר שטיינבערגן, וואָס האָט געשריבן שפּילעוודיקע קינדער־לידער מיט אלף־בית אותיות:

זעסט אַ דאָס—אַ, — ווי אַ שטעקעלע?
ס'איז אַ וואָוו! געדענק זשע, ברעקעלע.
און אַ נון איז, ווי אַ זעקעלע,
און אַ גימל ווי אַ שיכעלע, —
גיב אַ קוש אין ביכעלע.

ער ציטירט אלף כצ׳ס שיין פאַנטאַסטיש ליד „אין פּרדס פון שטויב״ און זאָגט, אַז „ער איז אַ מומחה אין דער קונסט פון סטיליסטישער אותיות־אויטאָנאָמיע״. מיר ווייסן וויפל שיינקייט יידישע פּאָעטן האָבן געפונען אינעם אלף־בית און אַפילו מיסטיק, כאָטש זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן די אותיות־מיסטיקערס אונדזערע.

אליהו ליפּינערס בוך איז אַ גרויס יידיש ספר און אונדזערער אַ ייד, אַז ער וויל זיך מתיחד זיין מיט די סודות פון די אותיות מרובעות, געפינט אינעם דאָזיקן ספר אַ סך וויסן, גרויס אויפטוערישקייט.

יאַנואַר, 1968

אַ בוך פון ד״ר שמואל מאַרגאָשעס

דאָס בוך פון דר. שמואל מאַרגאָשעס, „אין גאַנג פון דורות״ וואָס א. אַלפּערן האָט רעדאַקטירט, איז אין תוך אַ בוך פון אַ צייטונג־שרייבער, כאָטש עס איז איינס פון די ווערטפולסטע ביכער פון דעם כאַראַקטער, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען אין משך פון אַ לאַנגער צייט. דערמיט מיין איך צו זאָגן, אַז דער שרייבער, מאַרגאָשעס, האָט נישט געהאַט קיין שרייבערישע אַמביציעס מחוץ דער צייטונג, ער האָט זיך שרייבעריש פיל אויסגעלעבט אין די אַרטיקלען זיינע און דאָך פאַרמאָגן זיי עפּעס מער ווי צייטונג — זיי זענען אַ צוטראָג צו דער יידישער עסעיסטיק.

דורך די פול־אויסגעלעבטע יאָרן זיינע האָט שמואל מאַרגאָשעס קיינמאָל קיין בוך נישט אַרויסגעגעבן, און אַזוי ווי איך בין געווען אַ געטרייער לייענער זיינער כמעט פון די ערשטע טעג מיינע אין אַמע־ריקע, האָט זיך מיר אַ סך מאָל געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס נעמט ער נישט צונויף אין אַ בוך אַן אָפּקלייב פון זיינע צייט־עסעיען? דורך די יאָרן וואָס איך האָב אים געקענט נענטער האָט זיך ביי מיר געשאַפן דער איינדרוק, אַז אין אים איז דאָ — אינאיינעם מיט דער שרייבערי־שער זיכערקייט — אַן אומזיכערקייט, וואָס דערפירט אים אַפילו צו גרינגשאַצונג פון די אייגענע שרייבערישע דערגרייכונגען.

ער איז אָבער צו דער אייגענער צייט געווען אַ מוקיר סופרים און האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאַרן געשריבענעם וואָרט. פון וואַנעט נעמט זיך אָט די סתירה? מיר דאַכט זיך, אַז זי קומט דערפון, וואָס ער איז געווען איבערגעלאָדן מיט פעיקייטן. זינט איך האָב אים גע־קענט, האָט ער פאַרנומען דעם אויבנאָן, דאָ אין אייך באַוועגונג, דאָרט אין אַן אַנדערער, און אומעטום איז ער געווען נישט סתם דער אויבנאָן־מענטש, נאָר דער אינספּירירער און פירער.

זיין אַקאַדעמישע בילדונג איז געווען אַ ראַביישע, און אַפילו אַז ער איז פון ראַבייִזם אַריבערגעגאַנגען צו שרייבעריי, איז אויך געבליבן דער סאַמע קענטיקער שטריך אין זיין פערזענלעכקייט — דער ראַבייִזם. אַז ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס מיטן שווערן שטעקן, וואָס האָט געהאַט אַ זילבערנע גאָלקע, מיט דעם ברייטן הוט, וואָס פון אים האָבן זיך אַרויסגעשאַרט די נישט־דערשווירענע האָר, האָט איר תיכף געזען פאַר זיך אַ פירער פון אַן עדה יידן.

געשטאָרבן איז דר. שמואל מאַרגאָשעס אויפן 82־טן יאָר. ביז איבער די אַכציק האָט ער נאָך געשריבן מיט דער פולער פרישקייט, ווי אין די יינגערע יאָרן. אַז איך רעד אַזוי פיל פון זיין שרייבן, איז שוין צייט צוצוקומען צום בוך זיינעם, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג „המנורה״, אין תל אביב. נאָר עס איז פאַרט כדאי ווידער אָפּצונייגן און דערציילן, אַז דעם אָנהייב פון שרייבעריי האָט ער געמאַכט אין 1904, און דווקא אין העברעיש — אַ סקיצע אין דוד פרישמאַנס „הדור״. פאַרוואָס האָט ער מער נישט געשריבן קיין העברעיש? קיין „ווידוי״ פון אים אַליין האָב איך נישט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט שרייבעריש צופיל געפיבערט מיט די געשעענישן פון טאָג און אין העברעיש איז דעמאָלט, קרוב צו זיבעציק יאָר, נישט געווען קיין לייענער און נישט קיין צייטשריפט פאַר צאַפלדיקער פובליציסטיק.

דער ערשטער טייל אינעם בוך איז פאַרנומען מיט עסייען וועגן יידן אין אַמעריקע. מאַרגאָשעס איז אין די דאָזיקע עסייען איינער פון די געציילטע פאָזיטיוויסטישע יידישע שרייבערס לגבי אַמעריקע. אַ ברייט וויסן פון אַמעריקע וויזט ער אַרויס אין די דאָזיקע עסייען. דער אופן שרייבן זיינער איז אַ קלאָרער, דער יידיש איז אַ זשורנאַליסטישער, און דערמיט מיין איך צו זאָגן, אַז ער פרווט נישט צו בלישטשען מיט שפראַך־קאָזשעלקעס, נאָר אַרויסצוברענגען די געדאַנקען אַזוי פשוט און קלאָר, אַז דער לייענער זאָל זיי באַלד אויפנעמען.

אינעם סאַמען ערשטן עסיי, „וואַשינגטאָנס ירושה״, ברענגט מאַרגאָשעס אַרויס דעם פאַקט וואָס קיינער ביז אים האָט זיך, דאַכט זיך, אויף אים נישט אומגעקוקט, אַז אַמעריקע איז געווען אַ צונויפוואַנדער פון כלערליי פעלקערשאַפטן איבער דער וועלט און צו דער אייגענער

צייט איז זי געווען אַ צונויפוואַנדער פון כלערליי יידישע פעלקער־שאַפטן איבער דער וועלט. דער שרייבער פון די שורות קען עדות זאָגן אויף זיך אַליין, אַז איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער גע־ווען אין לענדער און אין גרעסערע שטעט, נאָר אַזאַ פילפאַרביק יידן־פאָלק האָט ער אין ערגעץ נישט געטראָפן. ווו האָט אונדזערער אַ ייד געזען אַן אינדישן יידן, אָדער אַ יידן פון די הימאַלאַיען ?

אין אונדזער איצטיקער צייט, וואָס מיר הערן אַ סך יידישע טענות צו אַמעריקע, איז כדאי צו ברענגען וואַשינגטאָנס ענטפער צו דער יידישער קהילה אין ניופאָרט, וואָס האָט אים באַגריסט צו זיין דער־וויילונג פאַר פרעזידענט. שוין דעמאָלט האָט דער ערשטער פרעזידענט פון אַמעריקע אַוועקגעשטעלט דעם גרונט־פּרינציפּ פון אַמעריקע, וואָס איז נאָך היינט גילטיק, און נעמלעך : „אַלע ביי אונדז באַזיצן פרייהייט פון געוויסן און יעדער שוץ פון בירגערשאַפט... עס איז אונדזער גליק, וואָס די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס גיט נישט קיין סאַנקציע צו פאָראורטייל און קיין הילף צו פאַרפאָלגונג, פאַרלאַנגט בלויז, אַז די דאָזיקע, וואָס לעבן אונטער איר שוץ, זאָלן זיך אויפפירן ווי גוטע בירגער און איר געבן ביי אַלע געלעגנהייטן זייער טיכטיקע אונטערשטיצונג.

ווייטער ווייזט ער אָן ,ווי כאַראַקטעריסטיש עס איז, וואָס ביי יידן אין אַמעריקע איז קיינמאָל נישט אויפגעקומען קיין קעמפערישע באַ־וועגונג פאַר אַסימילאַציע. אין די אָנהייב יאָרן פון דער יידישער אי־מיגראַציע איז נישט געווען מיט וועמען זיך צו אַסימילירן, ווארעם אַלע פעלקערשאַפטן, וואָס האָבן באַוווינט דאָס ריזיקע לאַנד, זענען געווען צוגעפאָרענע — אָדער דער ערשטער דור, אָדער דער צווייטער דור. אוודאי פאַרגעסט ער נישט דעם קאָנסיל פאַר דזשודאַיזם, אָבער גערעכט איז ער, בעת ער זאָגט, אַז דאָס איז אַן אומבאַדייטנדיק קליינע גרופּע, וואָס האָט נישט די מינדסטע ווירקונג אויפן אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

„אַסימילאַציע״ אין אַמעריקע האָט געטראָגן אַ באַזונדערן כאַראַק־טער : אַמעריקאַניזירן די יידן. מיט רעכט ווייזט ער אָן, אַז די „יאָהר־דים״, וואָס האָבן געוואָלט די מזרח־אייראָפּעישע יידן אַמעריקאַניזירן,

האָבן געוואָלט יידן צופּאַסן צו אַמעריקע, אָבער נישט דערפירן זיי צו פאַרשווינדונג, ווי די אַסימילאַציע אין אייראָפּע האָט געוואָלט.

אין דער זייער אינטערעסאַנטער און אינפאָרמאַטיווער אַרבעט זיי־נער „אויף דער שוועל פון פערטן יאָרהונדערט פון יידן אין אַמעריקע" ברענגט מאַרגאָשעס אַרויס די יידישע אַנדערשקייט פון די אַנדערע פעלקערשאַפטן אין אַמעריקע. אין דער דאָזיקער גרינטלעכער אַרבעט קומט ער צום אויספיר, אַז „עס קומט אויף אַן אַמעריקאַנער יידישקייט, וואָס קען נישט און טאָר נישט געמאָסטן ווערן מיט די מזרח־אייראָ־פּעישע מאָסן, נאָר פאַרקערט, מוז געשאַצט ווערן לויט איר צוגעפּאַסט־קייט צו די באַדינגונגען פון דער וועלט".

ער איז נישט סתם אַן אַפּאָלאָגעט פון אַמעריקע, נאָר ער איז פאַרגלייבט אין אַמעריקע, פאַרליבט אין אַמעריקע און פול מיט האָפע־נונגען אויפן אַמעריקאַנער יידנטום, אַז אויסוואַקסן וועט עס דער גרעס־טער שעפערישער כוח אין אונדזער גלות־געשיכטע.

אין בוך זענען אויך דאָ אַרטיקלען איבער שרייבער און ליטעראַטור בכלל. קיין גרויסע חידושים האָט ער אויף דעם דאָזיקן געביט נישט אַרויסגעוויזן, אַ חוץ וואָס געזען האָט מען, אַז ער איז אַ קוראַ וותיק און האָט בכלל אַ סך ליבשאַפט פאַרן קינסטלערישן וואָרט.

דב סדן — אַפּהיטער און שעפער

דב סדן איז אַ זעלטענע, און אפשר טאַקע אַן איינמאַליקע, דער־שיינונג אין אונדזער קולטור־שעפערישקייט. געווען ביי יידן גאונים, גרויסע קענערס געווען, בקיאים, חריפים, אָבער אַז אין איין מענטשן זאָלן זיין צונויפגענומען אַט־די אַלע מעלות, נאָך מיט אַ צוגאָב פון אומדערשעפּלעכער ענערגיע, איז נישט געווען, דאַכט זיך מיר, אַפילו אין די אַמאָליקע דורות.

זאָגט מיר אַ חבר־שרייבער: איך בין זיך מודה, אַז איך וועל אייב־געשרומפּן לעבן אים. געטראָפן האָב איך אים די טעג, טאַקע דאָ אין ניו־יאָרק, און ווי ער האָט מיך דערזען פונוויטנס, האָט ער צו מיר אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און איז באַלד צוגעקומען. ער האָט מיך דערמאָנט, אַז מיר האָבן זיך מיט אַ זיבן־אַכט יאָר צוריק באַגעגנט אין ירושלים און פון וואָס מיר האָבן דעמאָלט גערעדט. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס מיר האָבן זיך ביז איצטער געטראָפן, אי־דאָס נאָר אויף אַ צען מינוט, איז ביי אים איז געבליבן אין זכרון יעדער פּרט פון יענע צען מינוט...

אין יידיש זאָגט מען: „אַ וועלט מיט אַרבעט״, — צי אויף איינעם, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ וועלט מיט אַרבעט, צי אויף איינעם, וואָס האָט נאָך אָפּצוטאָן אַ וועלט מיט אַרבעט. אויף דב סדן, דעם גאַסט אונדזערן, איז די מאָס פון „אַ וועלט מיט אַרבעט״ צו אַ קליינע. דער אויפטו זיינער איז נישט נאָר אין די ספרים, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן ביז איצטער, אויך נישט אין די אַרטיקלען און עסייען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, נאָר מער נאָך אין דעם אָנזאַמל פון וויסן און געדאַנקען, וואָס ער טראָגט אין זיך און וואָס ער נעמט נאָך איצטער אַריין אין זיך.

יאָרן צוריק, אַז איך בין געווען אין ירושלים און אַריינגעקומען צו אים אין שטוב, האָט ער אַרויסגענומען פון אַ שופלאָד אַ ריזיקן קאָנ־

ווערט און געזאָגט: דאָ ליגט איר און וואַרט אויף אייער תיקון... וואָס איז געווען אינעם קאַנווערט? אַרטיקלען מיינע, לידער מיינע און קריטיק־אַרטיקלען איבער מיר. בין איך זיך מודה, אַז איך האָב זיך פאַרשעמט, ווארעם זאַכן, וואָס איך אַליין האָב נישט געהאַט, האָט ער, סדן, יאָ געהאַט. זאָגט מען טאַקע אין ישראל, אַז אַ שרייבער קומט־צו צו אים און פרעגט אים: געדענקסטו אפשר, ווען איך האָב געשריבן דאָס־און־דאָס אַרטיקל? איך האָב פאַרגעסן, ווען עס איז געווען. דוב סדן געדענקט די דאַטע, ווען דאָס אַרטיקל איז געווען געדרוקט, ווי עס האָט געהייסן און ווו עס האָט זיך געדרוקט.

דאָס איז אָבער נישט מער ווי זכרון, — טאַקע פענאָמענאַל, אָבער יידן געדענקערס האָב איך געקענט נאָך אין מיינע יינגלשע יאָרן. איינער אַזאַ ייד איז געווען ביי אונדז, וואָס אַז מען האָט אים געפרעגט, ווו אין דער גמרא עס שטייט די־און־די מימרא, האָט ער נישט נאָר אָנגערופן די מסכתא, נאָר אויך דעם דף און די שורה. דער זכרון איז אָבער נישט געווען קיין קאָנסטרוקטיווער, נאָר אַ מין מעכאַנישער. דוב סדן געדענקט מיט ברייטע און טיף־וויסערישע פליגלען. ער פאַר־ווענדט דעם פענאָמענאַלן זכרון זיינעם אויף גייסטיקן אויפבוי, אויף שעפערישקייט.

געלייענט האָב איך זיינע עסייען וועגן יידישע ווערטלעך. איז איז נישט שייך נתפעל צו ווערן פון זיין געדענקען אַזעלכע ווערטלעך, אָדער יידישע שפּראַך־ווענדונגען, וואָס זענען ביי אַנדערע זאַמלערס כלל נישט בנמצא, נאָר דער אופן ווי ער צעגלידערט זיי, כדי זיך צו דער־גרונטעווען פונוואַנעט זיי שטאַמען. איר ווערט נשתומם פון זיין הייר־מישקייט אין שפּראַכן. ער דערשמעקט אַ וואָרט, ווי אַ בלומענגערטנער דערשמעקט אַ זעלטענע בלום.

ער איז דער אויפהיטער און דער שעפער, — צוויי שרייבערישע אייגנשאַפטן, וואָס נישט אַלעמאָל גייען זיי האַנט־אין־האַנט. געוויינט־לעך איז דער אויפהיטער פון גייסטיקע גיטער נישט קיין שעפער. דער שעפער, ווידער, איז אַזוי פאַרטאָן אין זיינע אייגענע שאַפונגען, אַז ער האָט נישט קיין געדולד פאַר אויפהיטעריי. אין סדנען האָבן זיך

גליקלעך צונויפגעפּאַרט די בײדע אײגנשאַפטן אויף אַזאַ אופן, אַז מיר קענען נישט זאָגן וואָס ער איז מער.

געבוירן איז ער אין דער אַלט־ייִדישער שטאָט בראָד און דער נאָמען זײַנער איז דוב־בערל שפּערבער, ווי מיר לייענען אינעם לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, שטאַמט ער פון גרויסן יחוס, — נישט קיין נגידישן, חלילה, נאָר גײַסטיקן. אָבער ווי גרויס דער יחוס זײַנער זאָל נישט זײַן, איז דער יחוס עצמו זײַנער אַ סך גרעסער. אײנער אַ קלוגער ייִד האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַן עילוי קען מען זײַן נאָר ביז דרײַסיק יאָר, דערנאָך דאַרף מען ווערן אַ מענטש. אָבער בנוגע דוב סדנען מעגן מיר זאָגן, אַז ער שטײַגט אַריבער דעם באַגריף עילוי, וואָרעם בײַ אים איז נישט שײַך אָפּצוטײלן דעם מענטש פון זײַנע קענטעענישן, — ער איז, דאַכט זיך מיר, אײנער פון די האַרמאָנישסטע ייִדן, וואָס איך האָב אַמאָל באַגעגנט.

אוודאי וואָלט איך געקענט דערצײלן אַ סך פון אים, זײַן לעבנסגאַנג און אַפילו זײַנע געראַנגלען, — כאָטש ער איז אַזוי גאַנץ מיט זיך, האָט ער דאָך געהאַט טיף־אינערלעכע געראַנגלען, — נאָר דאָ איז מיר וויכטיק דער עיקר זײַן ליבשאַפט צו ייִדיש און זײַן גרויסער כוח בײַצושטײן אַלע מכשולים, וואָס דער עקסטרעמער העברעיזם אין ארץ־ישראל האָט אים געשטעלט.

אײדער דוב סדן איז געקומען צוגאַסט צו אונדז, איז ער געווען אַ גאַסט פונעם אַרגענטינער ייִדנטום און דאָרטן האָט מען אים געשטעלט דרײַ פראַגן, אַז ענטפערן זאָל ער אויף זײ בכתב און באריכות. די דריטע פראַגע איז געווען וועגן דער ייִדיש־קאַטעדרע בײַם ירושלימער אוניווערזיטעט און דעם מצב פון דעם ייִדיש־לשון אין ישראל. אויף דער דריטער פראַגע האָט ער געענטפערט, אַז „ס'איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס כמעט אין דער זעלביקער צײַט וואָס אויף דעם אוניווערסיטעט אין ירושלים איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ באַזונדערער לימוד יהדות זמננו, — הײַנטצײַטיק ייִדנטום, — איז אויך אויפגעקומען די קאַטעדרע פאַר ייִדיש".

דער געדאַנק זײַנער איז, אַז מיר קענען נישט דערלערנען אונדזער הײַנטצײַטיק ייִדנטום אָן דעם לשון ייִדיש, דער ייִדישער ליטעראַטור און

דעם פֿאָלקלאָר, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין משך פֿון אַרום אַכט הונדערט יאָר, — די יאָרהונדערטער פֿון דעם אויפֿבלי פֿונעם אשכנזישן יידנטום. ער האַלט דאָס יידישע לשון פֿאַרן סאַמע וויכטיקסטן אויפֿטו פֿונעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, וואָס ביז דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז עס געווען די אַקטיווסטע, שעפֿערישסטע טייל פֿונעם יידישן פֿאָלק איבער דער וועלט. אין תוך איז זיין צוגאַנג צו יידיש אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן אין דער פֿולקייט און גאַנצקייט פֿון זיין וועלט־באַנעם.

אויף אַ יידיש־סימפּאָזיום אין דער פּרץ־ביבליאָטעק פֿון תל־אביב האָט ער אויף אַזאַ אופֿן מסביר געווען זיין שטעלונג צו יידיש:

די וויסנשאַפֿטלעכע אָביעקטיוויקייט און דער נאַציאָנאַלער אינטערעס פֿאָדערן צו זען די גאַנצע מאַפּע פֿון דער יידישער קולטור, אין אַלע צייטן און געאָגראַפֿישע פּונקטן. אויף אַזאַ מאַפּע פֿאַרנעמט יידיש אַ חשוב אָרט, אויב נישט צוגלייך מיט תלמוד בבלי, — ווי אייניקע ווילן האָבן, — איז אָבער באַגלייך מיט אַנדערע גרויסע צווייגן פֿון אונדזער קולטור. העברעיש און יידיש, האַלט סדן, האָבן קיינמאָל צווישן זיך נישט געקעמפֿט, נאָר האָבן ווי אַ זיסער זיווג האַרמאָניש זיך צונויפֿגעגאָסן אין יידישן לשון און אינאיינעם געלעבט אין דער יידישער ליטעראַטור. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער ווייסט צו גוט פֿון די להכעיסן מצד די פֿאַנאַטישע העברעיסטן לגבי יידיש און דאָס אייגענע לגבי העברעיש מצד די פֿאַנאַטישע יידישיסטן. אָבער ער רעדט פֿון די הויכע גייסט־מענטשן, וואָס האָבן אַרומגענומען דאָס פֿולע יידישע גייסטיקע לעבן נישט פֿון די אָפּטרייסלערס און אָפּטרינערס.

דוב סדן האָט קיין קאַמף נישט געפֿירט פֿאַר דער אָנערקענונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור און די פֿאָלקלאָר־שאַפֿונגען. ער האָט קאָנסטרוקטיוו געבויט דעם געדאַנק זיינעם און ביסלעכווייז איז דער בויערישער כאַראַקטער פֿון זיין געדאַנק אַריינגעדרונגען אין לעבן פֿון דער יידישער מדינה, אַזוי, אַז היינט איז שוין נישט שייך צו הערן דערניידערונגס־רייד אויף יידיש. דאָס איז דער כוח פֿון טיפֿער אמונה, וואָס ער פֿאַרמאָגט, אויך דער כוח פֿון פּאָזיטיווע מעשים אין משך פֿון צענדליקער יאָרן, וואָס ער לעבט אין ארץ־ישראל.

שמואל ניגער — 60 יאָר ליטעראַטור־קריטיק

גראָד פאַלט אויס היינטיקס יאָר דער זעכציק־יאָריקער יובל, זינט שמואל ניגער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן ליטעראַטור־קריטיק, — לכל הדעות זינט ער האָט אָפּגעדרוקט אַ ליטעראַטור־קריטישע אַרבעט. געווען איז עס אין דעם ווילנער זשורנאַל „דאָס וואָרט" און געשריבן האָט ניגער איבער שלום אַש׳ס דראַמע „משיחס צייטן". אינטערעסאַנט איז, וואָס דעם ליטעראַטור־קריטיק אָנהייב זיינעם האָט ניגער געמאַכט מיט אַן עסיי איבער שלום אַשן און דורך די 48 יאָר, וואָס ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער יידישער ליטעראַטור, איז אַש געווען איינער פון די באַ־ליבטסטע שרייבער. הייסט עס, אַז דעם אָנהייב זיינעם האָט ער נישט אויסגעוויילט על־פּי צופאַל. נאָר אַ מין גורלדיקער אָנהייב איז עס געווען. „משיחס צייטן" איז שלום אַש׳ס שוואַכער דראַמאַטישער פּרווו און, ווי איך געדענק די דראַמע, איז זי מער אַ מין אידיליע, וואָס האָט נישט אין זיך דעם פּאַרטיפטן דראַמאַטיזם, וואָס אַש האָט דערנאָך אַנטוויקלט אין זיינע ווערק, אַפילו אַז דער אידילישער עלעמענט איז אַלעמאָל געבליבן ביי אים.

דאָס ליטעראַטור־אַרטיקל איז נישט געווען ניגערס ערשטער שריי־בערישער פּרווו. אין מאַי 1907 איז ניגער שוין אַלט געווען 24 יאָר. ער איז שוין געהאַט דורכגעגאַנגען עטלעכע אידעישע גלגולים, אָפּגערעדט פון די ערשטע יאָרן, ביז דער עלטער פון זעכצן, וואָס ער איז געווען אַ „לערנער" און האָט געדאַרפט גאָר דערגיין ביז סמיכות אויף רבנות. די „אידעישע גלגולים" זענען געווען די „באַוועגונגען", וואָס מיט זיי האָט געברויזט די יידישע יוגנט אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט. ער איז צוגעשטאַנען צו די מינסקער פּועלי ציון, וואָס אבא רובענטשיק און כייקע כהן, — די שפּעטערדיקע פרוי פון משה יודל שעליובסקי, — זענען גע־ווען די אידעישע באַגרינדערס זייערע. דערנאָך האָט ער איבערגעוואַנ־

דערט צו די סיימיסטן, זיך „אַריינגעכאַפּט" צו די טעריטאָריאַליסטן און געשריבן פּאַרטייִש־פּובליציסטישע אַרטיקלען אין זייערע זשורנאַלן. צי ער האָט פון אָנהייב־אָן געהאַט בענקשאַפטן צו ליטעראַטור־קריטיק, ווייסן מיר נישט, אָבער מיר מאָלן זיך אויס, אַז זיין שרייבערישער חלום איז געווען מיטן קריטיש־אַנאַליטישן וואָרט זיינעם העלפן בויען די יונגע יידישע ליטעראַטור. קרוב צו אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ער געוואַכט איבער דער יידישער ליטעראַטור, דער חלום זיינער איז געוואָרן אַווירקלעכקייט.

מיר מעגן זיך אויסמאָלן, אַז די ערשטע ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן האָבן פאַרמאָגט אַ קערנדיקייט, וואָרעם אין 1908, — אַ יאָר נאָכן ערשטן עסיי — איז ער שוין געוואָרן מיטרעדאַקטאָר פונעם ערנסטן זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן". די אַנדערע צוויי רעדאַקטאָרן זענען געווען א. ווייטער און ש. גאָרעליק. ניגער האָט אָבער אַלץ נאָך געשאַפן אין די פּאַרטייִשע ראַמען. דאַמאָלסט האָט די פּאַרטיי דערנענטערט דעם שרייבער און דער שרייבער האָט אין דער פּאַרטיי געפונען אַ מין אָנשפּאַר. דער פּאַרטייִשער אָנשפּאַר ניגערס איז אָבער אַלעמאָל געווען פון איין זייט אַ נאַציאָנאַלער און פון דער אַנדערער זייט — אַ סאָציאַליסטישער. דער עיקר, אָבער, דאַכט זיך מיר, האָט ער זיך געטוליעט צו יענע פּאַרטייען, וואָס יידישע קולטור איז ביי זיי געווען נישט סתם אַ צוגאָב, נאָר אַ צענטראַלע אידייע. און ווידער: נישט סתם קולטור, נאָר ליטעראַטור, וואָס ניגער האָט באַלד דערשפּירט דעם גרויסן שעפערישן כח אירן.

ווע֞ל איך פּרוּוון אַרומצונעמען זיין שרייבערישע אַרבעט און די קולטור־טוערישע פאַר אַ צוגאָב. אַז מע פאַרגינט זיך צו זאָגן אויף אַ מענטשן, אַז ער האָט „אָפּגעטאָן אַ וועלט מיט אַרבעט", איז דער דאָזיקער זאָג ממש אָנגעמאָסטן אויף ניגערן. נאָך אין רוסלאַנד האָט ער, חוץ דער ליטעראַטור־אַרבעט זיך אויך פאַרנומען מיט רעדאַקטירן די וויכטיקסטע זשורנאַלן פון יענער צייט. און וויסן ווייסן מיר, אַז ביי ניגערן איז רעדאַקטירן נישט געווען סתם אַ קוק־טאָן אין די מאַנוסקריפּטן, נאָר טאַקע בפירוש זיפּן דעם כתב־יד, קלייבן די זאַכן פאַרן זשורנאַל מיט גרויס אחריות, און אויך „פאַרריכטן". די תקופה פאַר אַמעריקע איז אין ניגערס

שרייבערישן גאַנג שוין אויסגעפּילט מיט אַ סך דערגרייכונגען, אָבער דער פּולער שרייבערישער בלי זיינער איז געווען ביי אונדז. געקומען איז ער קיין אַמעריקע אין 1920, בעת די עפּאָכע פון דער אימיגראַנטישער ליטעראַטור האָט שוין געהאַט אָפּגעזונגען איר שטורמיש־קלאַגעריש געזאַנג. מאָריס ראָזענפעלד האָט נאָך געלעבט, אָבער געווען איז אַ ביטערע דערמאָנונג פון דער אַמאָליקער גרויסקייט זיינער. באַכמער, אַפילו די „יונגע", וואָס האָבן די זינגערס פון דער אימיגראַנטישער עפּאָכע געקאַטעוועט סיי מיט זייער אופן שרייבן און סיי מיט די שאַרפע אַרטיקלען קעגן זיי, — אַפילו די „יונגע" זענען שוין אויך געווען אַן עטאַבלירטע פירמע און ניגער האָט זיי נישט געדאַרפט אויפכאַפּן. געקומען איז די אינזיך־גרופּע, נאָר ניגער האָט זיך נישט צוגעכאַפּט צו איר מיט גרויס חשק. ער האָט אָבער אַרויסגעוויזן באַזונדער וואַכיקייט צו לייוויקס שאַפונגען. און דאָ וויל איך אָנווייזן אויף אַן אינטערעסאַנטן פּרט:

ליב געהאַט בתכלית האהבה האָט ניגער שלום אַשן. לייוויק האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ מין קינסטלערישע אימה. אהרן צייטלין (אין די שפּעטערע יאָרן) האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ התבטלות, — ער האָט אַליין געזאָגט, אַז ער ווערט בטל פאַר צייטלינס ערודיציע. דער אופן שרייבן איבער די דריי איז געווען אַ ניגעריש, אָבער דאָך האָט זיך געפילט אַן אַנדערשקייט בנוגע יעדער איינעם פון זיי. איבער אַשן, אַז ער האָט געשריבן, האָט איר געפילט אַ וואַרעמקייט, אַ געזאַנגיקייט. אַפילו, אַז ער האָט אַמאָל עפּעס פאַרגעוואָרפן אַשן, איז עס אויך געווען פול מיט ליבשאַפט. איבער לייוויקן, אַז ער האָט געשריבן, איז אַן אימהדיקער ציטער, — באַוווּנדערונג און התפעלות, אָבער דאָס פייער פון ליבשאַפט האָט קוים־קוים אויפגעפלעמלט. צו צייטלינס לידער, אָדער גרעסערע פּאָעמעס, האָט ער זיך קוים דערנענטערט. געזאָגט וואָלט איך, אַז ער איז אין זיי אַריינגעקומען, ווי אַ ייד אַ משכיל אין דער באָדעליאַני ביבליאָטעק. מוז איך מודה זיין, אַז סע איז אַ הויכע מדרגה, אַז אַזאַ מענטש, ווי שמואל ניגער זאָל זיך קענען דערהייבן צו התבטלות פאַר אַ מענטשן, וואָס עלטער איז ער פון אים אויף צוואַנציק יאָר בערך.

האָט ניגער נישט ליב געהאַט אַנדערע ידישע שרייבערס אין אַמעריקע? דאַרף איך דאָ אויפקלערן, אַז גערעדט האָב איך פון דער איבער־

געגעבנקייט זיינער צו שרייבערס, וואָס ביי זיי האָט ער אויפגעכאַפּט יעדער שורה, אַרויסגעהויבן יעדער ווענד־און־קער. מאַני לייבן, למשל, האָט ניגער געגעבן די פולע אָנערקענונג, אָבער אין תוך איז דער פּאָעט פון די ליכטיק־שאָטנדיקע, דין־שפּילעוודיקע לידער, אים געווען פרעמד. משה לייבן ווידער האָט ער אויפגענומען, ווי אַ וויכטיקע דערשיינונג אין אונדזער פּאָעזיע, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָרעמט ביי זיינע צע־שטורעמטע פייערן. אַפילו, אַז ער איז אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעקו־מען מיט אַ סך לויב פאַר מנחם באָריישאָס „דער גייער", האָט ער דאָס ווערק אָוועקגעשטעלט אין דער קאַטעגאָריע פון אַ ספר. ניגער דער בר־אוריין האָט פאַר אַ ספר געהאַט גרויס דרך־ארץ, אָבער בדרך כלל איז דרך־ארץ אַ געפיל פון דערוויטערטקייט, און אוודאי איז אין דרך־ארץ נישטאָ קיין אינטימער צונויפבונד.

האָב איך פריער גערעדט פון ניגערס דערגרייכונג אינעם אַמעריקאַ־נעם פעריאָד זיינעם און סע איז נייטיק מוסיף צו זיין, אַז אינעם דאָזיקן פעריאָד האָט ער אָנגעשריבן די ביכער איבער שלום עליכמען, פּרצן, מענדעלען, שלום אַשן און לייוויקן. נישט אַלע ביכער זענען פון גלייכער קוואַליטעט, אָבער אין אַלע האָט ניגער אַריינגעלייגט אַ ים מיט אַרבעט. אינטערעסאַנט איז, וואָס כאָטש אַש איז געווען ניגערס ילד שעשועים, איז אָבער דאָס בוך איבער פּרצן, לפי דעתי, דאָס בעסטע, דאָס רייפסטע, דאָס קריטיש פולסטע און עסעיסטיש האַרמאָנישסטע. אפשר נעמט זיך עס דערפון, וואָס איבער די יינגערע שרייבערס האָט ער געשריבן עסעיען איבער זייערע ווערק בעת זיי זענען דערשינען און דערנאָך האָט ער זיי צונויפגעזאַמלט און פאַרונדיקט, אַז פון זיי זאָל ווערן אַ בוך, בעת דאָס פּרץ־בוך איז פון אָנהייב געווען געשריבן ווי אַ בוך.

צו דער אייגענער צייט, וואָס ניגער איז געווען דער געטרייער נאָכ־גייער נאָך דער ליטעראַטור, איז ער אויך געווען איר פאָרשער און אַריינ־דרינגער אין די טיפעניש אירע: דאָס בוך זיינס „די יידישע ליטעראַטור און די לעזערין", אַ חוץ די פאָרשערישע אַרבעטן איבער באַזונדערע שרייבערס, ווי אייזיק מאיר דיק א״א.

דער תמצית פון ניגערס קרוב צו פופציק יאָר ליטעראַטור־קריטיק און פובליציסטיק איז אויפצובויען אַ גאַנצן בנין. אין דער ליטעראַטור

איז דער בנין קודם כל געווען דער באַזונדערער שרייבער און דערנאָך דער גייסטיקער קאָלעקטיוו. אין דער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי זי קומט ביי אים צום אויסדרוק אין דער פּובליציסטיק, איז דער בנין — אַן איינ־טעגרירט יידיש לעבן אין אַלע זיינע עמאַנאַציעס. פון די באַזונדערע אויסשטראַלונגען זעט ער די גאַנצקייט פון איין יידישער זון. ער וויל די אַלע אויסשטראַלונגען צונויפזאַמלען אין איין שפּייכלער, אַ גייסטיק־פּולן, אַז אַלע זאָלן שיינען פאַרן יידישן פאָלק.

ניגער אין דער ליטעראַטור־קריטיק איז אין תוך דער אייגענער, וואָס ניגער אין דער פּובליציסטיק און אין דער געזעלשאַפטלעכקייט. דאָך גיט ער דער ליטעראַטור אַפּ די בכורה. דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס ער האַלט, אַז ליטעראַטור איז וויכטיקער ווי דאָס לעבן און אידעען פאַרן לעבן. פאַרקערט, סיי אין שרייבן און סיי אין רעדן האָט ער געהאַלטן אין איין שטעלן דעם טראָפּ אויף לעבן, אַרויסהייבן דאָס לעבעדיקע לעבן איבער דער ליטעראַטור. ביי אַ שרייבער איז אָבער דאָ אַ בכורה, וואָס ער אַליין וויל זי נישט אָנערקענען, וואָס ער ראַנגלט זיך אַפילו קעגן איר, אָבער זי איז אים גובר. אַז ניגער וואָלט דערקענט אין זיך די מער ליבשאַפט פאַר ליטעראַטור, וואָלט ער, מאָל איך זיך אויס, אַזוי אויפגע־קלערט דעם דאָזיקן שטריך אין זיין שעפערישער פּערזענלעכקייט: דער עיקר איז טאַקע ביי מיר דאָס לעבעדיקע לעבן, אָבער די ליטעראַטור איז די גייסטיקע אַקומולאַציע פון לעבן, דער דויערנדיקער סכום פון לעבן.

דאָס וואָלט אָבער אויך געווען נישט מער, ווי אויפגעקלערט. דער אמת, וואָס דאַרף נישט קיין שום פּירוש, איז גאָר אַ פּשוטער: די הנאה פון שרייבן איבער ליטעראַטור איז ביי אים אַן אַן ערך גרעסער, ווי ביים שרייבן איבער געזעלשאַפטלעכע ענינים.

יאַנואַר, 1967

אָרעמקייט און רייכקייט אונדזערע

צו שמואל ניגערס שלושים, איז כדאי זיך צו פֿאַרטראַכטן איבערן רושם פֿון זיין טויט אין אונדזער יידישער וועלט. זינט שלום עליכמס טויט, אין 1916, געדענק איך נישט, אַז די יידישע וועלט זאָל געווען זיין אַזוי אויפֿגערודערט, ווי פֿון ניגערס אומגעריכטן טויט. אויף יידיש־מענטשן, — די וואָס זענען זיך מתעסק מיט אונדזער ליטעראַטור און קולטור אויף יידיש, — איז ממש אָנגעפֿאַלן אַן אימה. קרייזן, וואָס שטייען ווייט פֿון יידיש, האָבן זיך אויך משתתּף־געווען אינעם טרויער און אויסגעקומען איז, אַז זיי דריקן־אויס צער דער יידיש־וועלט, וואָס איז מיט ניגערס אַוועקגיין אַזוי פֿאַראָרעמט געוואָרן.

צווישן אונדז אַליין האָט זיך געפֿילט אַ מין פֿאַרלוירנקייט אויף דער אבידה שאינה חוזרת. דער ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז מיר זענען גוואַלדיק פֿאַראָרעמט געוואָרן, אַז מיר בלייבן טרויעריק ווייניק, אַז דער טויט שעפּט־אויס די גייסטיקע כּוחות אונדזערע. די ערשטע טעג האָט זיך דער טרויער געלייגט אַזוי שווער אויפֿן געמיט, אַז סע האָט זיך נישט געוואָלט בלייבן מיט זיך. שרייבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו טוליען איינער צום אַנדערן. קריוודעס פֿון שרייבער צו שרייבער, וואָס פֿריער האָט זיך געדאַכט אַז זיי זענען מאורימדיק גרויס, זענען איצט געוואָרן אַזוי קליין, אַז שרייבער האָבן זיך פּשוט געשעמט מיט זיי. דער טויט פֿאַרגיט, לייטערט דעם לעבן־געבליבענעם מענטשן, רופֿט ביי אים אַרויס פֿאַרשטענדעניש ביים אַנדערן מענטשן.

דער עיקר אָבער האָט זיך געפֿילט דער עלנט פֿון פֿאַראָרעמטקייט. מיר האָבן עס געהערט פֿון שרייבער. מיר האָבן עס געהערט פֿון קולטור־טוער, פֿון לייענער. דער וואָלקן פֿון פֿאַראָרעמטקייט איז געהאָנגען איבער אונדזערע קעפּ, איז אַריינגעדרונגען אין אונדזערע געמי־

טער, האָט געלויערט איף אונדז סיי אַז מיר זענען געווען אַליין מיט זיך, סיי אַז מיר זענען געווען אין אַן אייגן־שרייבערישער חברותא. אַ סך מאָל האָט פאַרדראָסן, וואָס אונדזער טרויער אויפן יחיד, — אויפן מענטשן וואָס איז פון אונדז אַוועק, — ווערט פאַרשטעלט מיטן טרויער אויפן כלל, אויף דער פאַראָרעמטקייט פון אונדזער שעפערישקייט.

איז אפשר שווער זיך צו דערגרונטעווען אויף וועמען דער מענטש טרויערט מער — צי אויפן מענטשן וואָס איז אַוועק, צי אויף זיך, וואָס אים האָט דער אַוועקגאַנג אַזוי פאַרעלנט. נאָר געוויינטלעך איז דעם מענטשנס טרויער אויף טויט פול מיט צער אויף דעם, וואָס דער טויט האָט אים געטראָפן. דאָס בילד, ווי דער אָט־ערשט לעבעדיקער מענטש ליגט איצטער אין אַ גרוב און איז מער נישטאָ, — אָט דאָס בילד איז די שאַרפסטע איבערלעבונג ביים מענטשן.

ביי אונדז אָבער איז דער שטאַרקסטער מאָמענט, אין שייכות מיט שמואל ניגערס טויט, געווען: מיר זענען מוראדיק פאַראָרעמט גע־וואָרן. אַ ליידיקייט איז געבליבן ביי אונדז און סע איז נישטאָ ווער סע זאָל זי אויספילן. דער טויט האָט ביי אונדז אַזויפיל צוגענומען, אַז מיר ציטערן איבער יעדער איינעמס לעבן, בפרט אויף אַזאַ שעפעריש לעבן ווי ניגערס.

נאָר איצטער, צו שמואל ניגערס שלושים, נעמט דער טרויער אַן אַן אַנדער געשטאַלט. די שרעק פאַר אונדזער פאַראָרעמטקייט ווערט גאָר דער קוואַל פון טרויער. מיר דאַרפן אָנהייבן צו טראַכטן, אַז די אימה, וואָס רוקט זיך אויף אונדז מיט אַזאַ פינצטערן כח, איז אפשר גאָר אַ גרעסערער פאַרטיליקער, ווי דער טויט אַליין. מיר הייבן־אָן צו טראַכטן, אַז יעדער שעפערישער מענטש, וואָס גייט־אַוועק, פאַראָרעמט דעם פאָלקס גייסט. אָבער יעדער גרויס־שעפערישער מענטש לאָזט־איבער אַ גייסטיקע ירושה, וואָס בלייבט ביים פאָלק און ווערט גאָר דער קוואַל פון לעבן. פאַראָרעמט ווערט דאָס פאָלק נאָר רעלאַטיוו, וואָרעם אין דער ווירקלעכקייט איז דעם אַוועקגעגאַנגענעמס ירושה אַ תחית המתים פאַר אים. אין אל מלא רחמים זאָגן מיר: ויצרור בצרור החיים את נשמתו, — אַריינקנופן אינעם קנופ פון לעבן זיין נשמה. נאָכן טויט ווערט ערשט דעם מענטשנס נשמה אַריינגעקנופט אינעם

לעבן. און שמואל ניגער האָט איבערגעלאָזט אַזאַ רייכע נשמה פאַרן „קנופ פון לעבן", אַז דער באַגריף „פאַראַרעמט" איז אונדזערער, ער וואַקסט־אַרויס פון אונדזער יאושדיקייט בנוגע זיך, נישט פון דעם אַב־סטראַקטן אמת.

ביי די קברים פון אונדזערע אייגענע זאָגן מיר קדיש. זין זאָגן קדיש נאָך טאַטע־מאַמע אַ גאַנץ יאָר צייט, און דערנאָך אַלע יאָר צום יאָרצייט. דער קדיש איז פאַרן אַוועקגעגאַנגענעם, אָבער אין תוך איז ער פאַר די געבליבענע. דורכן קדיש פאַרבינדט זיך דער מענטש מיטן דור וואָס איז „אַריינגעקנופּט אינעם קנופּ פון לעבן". דער קדיש שטאַרקט דעם יתום, דערהייבט אים, פילט אים אָן מיט דער איבערלעבונג, אַז דער קנופּ איז נישט איבערגעריסן. נישט מיט דער פיזישקייט פונעם אַוועקגעגאַנגענעם פאַרבינדט זיך דער מענטש, נאָר מיט דער גייסטיקייט זיינער. אַ טויטער איז ביי אונדז אַן „אָפּגעשיידטער". דעם „אָפּגעשיידטן" שרייט מען אַריין אין קבר, אַז ער זאָל בלייבן אין זיין רו, מיט די לעבעדיקע זאָל ער זיך מער נישט אָנקערן.

אָבער ער קער זיך אָן מיט די לעבעדיקע. ער איז דאָ אין זייער דערמאָנונג, ער לעבט אין זייער געמיט. דער פשוטסטער מענטש לאָזט־איבער נאָך זיך אַן אַטמאָספערע, וואָס אין איר האָט ער געלעבט. ער לאָזט־איבער אַן אומגעזעענעם פאָדעם, וואָס בינדט און קניפּט דעם גייסט זיינעם צו די יורשים נאָך אים. די קדיש־ירושה איז דער צונויפ־בונד מיט דורות. אַ דור, מיינט עס, וואַקסט נישט אַרויס פון זיך אַליין, ער טראָגט אויף זיך דאָס אחריות צום פאַרגאַנגענעם דור. דערפאַר איז דער דור נישט הפקר, ער טאָר נישט זיין הפקר, ווייל סע איז דאָ אַ גייסטיק אויג פונעם אַוועקגעגאַנגענעם דור, וואָס קוקט אויף אים, אויף זיינע טואונגען.

דאָס אחריות צום פאַרגאַנגענעם דור איז די דאַמבע פאַר די טו־אונגען פונעם איצטיקן דור. צו דער אייגענער צייט איז דאָס אחריות צום אָפּגעגאַנגענעם דור דער ירושה־אָנוואַקס ביי אַ פאָלק. די גייס־טיקע רייכקייט פון אַ פאָלק ליגט אין דער ירושה, וואָס די פריערדיקע דורות האָבן נאָך זיך געלאָזט. פונעם טויט ווערט אַ פאָלק פאַראָרעמט, אָבער צו דער אייגענער צייט ווערט אַ פאָלק באַרייכערט פונעם טויט.

די נשמה פונעם פריערדיקן דור ווערט „אַריינגעקנופּט אינעם קנופּ פון לעבן", דורכדעם וואָס דער דור נאָך אים טראָגט אין זיך זיין ירושה.

אונדזער יאוש אויף שמואל ניגערס אַוועקגאַנג, דאָס געשריי, אַז מיר זענען פאַראָרעמט געוואָרן, נעמט זיך דערפון וואָס מיר שעפּן וויניק פון דער ירושה וואָס דער שעפערישער מענטש ביי אונדז לאָזט איבער. מיר פאַרטראַכטן זיך נישט, אַז מיר זענען דערגאַנגען צו אַ מדרגה, וואָס שעפערישקייט פון אַ מענטשן פאַרבינדן מיר נאָר מיט זיין לעבן, נישט מיטן נאָכן־לעבן זיינעם. מיר האָבן זיך אָפּגעוווינט פון מחיה־מתים זיין דעם שעפערישן מענטשן דורכדעם וואָס מיר קומען צוריק צו אים, נאָך זיין טויט, אַנטפּלעקן אים אין זיך דורך זיינע ווערק. מיר זענען פאַראָרעמט געוואָרן מיט שמואל ניגערס טויט, אָבער אַז מיר זאָלן זאָגן קדיש נאָך אים אינעם זין וואָס מיר וועלן נישט איבעררייסן דעם „קנופּ פון לעבן" זיינעם, וועלן מיר זיך אַרומקוקן, אַז מיר זענען באַרייכערט געוואָרן מיט דער אייביקייט פון אַ גרויסער. שעפערישער ידישער פּערזענלעכקייט, וואָס מיר האָבן נאָך אַ סך צו אַנטפּלעקן אין זיין גייסטיקער ירושה.

פאַראָרעמט וועלן מיר ווערן, אַז מיטן פיזישן אַוועקגאַנג זיינעם וועט ער פאַר אונדז אויפהערן צו זיין, ווי אַן אייביקער קוואַל פון פרישקייט און אַנטפּלעקערישקייט פון גייסט.

מיט זיך אַליין, מיט זיין אייגענער שעפערישקייט, האָט שמואל ניגער געוויזן, אַז ביי אים איז נישט שייך געווען קיין „פאַראָרעמט־קייט". ער איז געווען דער געטרייער אויפהיטער פון אונדזער גייס־טיקער ירושה. ער האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט די אוצרות פון דער אַל־טער ידישער ליטעראַטור. ער האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט די נייע שעפערישע קוואַלן אין אונדזער לעבן. איבער אַ יובל יאָרן איז ער געווען דער אָנזאָגער פון אויפגאַנג, דער אויסטייטשער פונעם אָפּגעגאַנגענעם. ער האָט דעם „קנופּ פון לעבן" קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו בינדן.

דערפאַר איז ביי אים נישט שייך געווען קיין „פאַראָרעמטקייט". ער האָט געהאַלטן, אַז דער ידישער גייסט ווערט קיינמאָל נישט פאַר־

אָרעמט. אַז די שפּעטער ווערן אַמאָל ווייניקער אין צאָל, איז דאָ אַ ירושה פון פריער, וואָס וועגט־אַריבער די פאַרמינערטע צאָל. און נאָך עפּעס האָבן מיר ביי אים אַרויסגעלייענט: קוים איז דאָ אַ רייכע גייסטיקע ירושה, איז די פאַרמינערונג אין צאָל נאָר אַ דערוויילִיקע. פון דער ירושה מוז מיט דער צייט ווידער אַרויסוואַקסן די צאָל.

היינטיקן זומער, אין שטילע, גאָלדענע פאַרנאַכטן, זענען מיר אַ סך מאָל געזעסן ביי אַ טייך אין אַ דאָרף. שמואל ניגער איז אַלעמאָל אַרויס־געקומען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, אָבער נישט קיין מידער, נאָר אַן אָפּגעפרישטער. און פון „פאַראָרעמטקייט" האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט, ער האָט זיך גאָר אַלעמאָל געפילט אַ באַרייכערטער.

מ. צאַנינס „אָרטאַפּאַנוס"

דער קריסטלעכער מיטלאַלטער האָט דערפונדן די מעשה פון דעם אייביקן ייד, וואָס איז פאַרשאָלטן צו וואַנדערן איבער דער וועלט, — נישט צו געכטיקן און נישט צו טאָגן, — אַ שטראָף אויף אים דערפאַר, ווייל ער האָט נישט אָנגענומען ישו'ן. אומעטום קומט ער; אומעטום דערכאַפּן אים די פרומע קריסטן און פאַרוואַרפן אים מיט שטיינער. די דיומאַס (פאָטער און זון) האָבן אַ ראָמאַן פונעם אייביקן ייד. און ווי איך געדענק פון זעכציק יאָר צוריק, בעת איך האָב דעם ראָמאַן געלייענט, איז ער נישט בפירוש אַנטיסעמיטיש, אָבער מיט צופיל ליבשאַפט צו יידן צייכנט ער זיך נישט אויס.

מרדכי צאַנינס צוויי בענד, — אָרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים" און „פּרעמדע הימלען", — זענען אַ קינסטלערישער פּרווו צו שאַפן אַ יידיש געשטאַלט, וואָס גייט דורך די יידישע געשיכטע, וואַנדערט איבער אַלע לענדער פון דעם יידישן גלות, ביז ער קומט צוריק אַהיים, — אין דער יידישער מדינה, אין ישראל, איז דער אָנהייב ביי צאַנינען דער צוריקקום אַהיים. און פון וואַנען נעמט ער זיך און פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען אָרטאַפּאַנוס?

אין דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע זאָגט זיך, אַז אָרטאַפּאַן איז געווען אַ העלעניזירטער ייד אין אַלעקסאַנדריע, מצרים, געלעבט האָט ער אינעם צווייטן יאָרהונדערט פון דער איצטיקער צייט־רעכענונג, און אָנגעשריבן האָט ער די געשיכטע פון די יידן, — אַ געוואַלדיק אַפּאָלאָגעטיש ווערק לגבי די יידן.

אַ סברה, אַז יוסף פלאַוויוס זאָל האָבן אַ סך געגנאַשט פון דעם דאָזיקן ווערק. אַנדערע היסטאָריקערס פרעגן אָפּ די אַרבעט אָרטאַפּאַנס. אַנדערע ווידער האַלטן דאָס ווערק פאַר אַ גאָר וויכטיקן צושטייער צו צו דער אַנטיקער יידישער געשיכטע. דאָס איז אין גאַנצן, וואָס מיר

ווייסן פון ארטאפאנוסן, וואס דער מחבר, מרדכי צאנין, האט אויף אים ארויפגעלייגט דאס שליחות דורכצוגיין די גאנצע יידישע געשיכטע, אין אלע אירע עפאכן און אין כמעט אלע לענדער.

האב איך ביים סאמע אנהייב געזאגט, אז דער ערשטער באנד, וואס הייסט „ארטאפאנוס קומט צוריק אהיים", הייבט זיך אן מיט דער היינטיקער ישראל. דער מחבר דערציילט ווי ער באגעגנט זיך מיט דעם פרעמדן ביים צופאר צו ירושלים; ווי ער רעדט זיך מיט אים דורך, און ווי יענער זאגט אים, אז ער הייסט ארטאפאנוס.

פרעגט אים דער מחבר:

„צי זענט איר עפעס א קרוב מיט יענעם ארטאפאנוס, וואס איז געווען א היסטאריקער און האט געלעבט אין אלעקסאנדריע, אין דעם צווייטן יארהונדערט פאר דער איצטיקער צייט־רעכענונג?"

ענטפערט ער אים:

„איך בין געבוירן געווארן הונדערט יאר נאך יענעם, און איך האב געהערט פון אים".

דא פארוויקלט זיך דער דערציילערישער פלאנטער, וואס דער מחבר וויקלט אים מיט געניטע שרייבערישע איינפאלן, מיט דערציי־לערישער מייסטערשאפט און א בילדלעכקייט, וואס מיר דערווארטן כלל נישט אין א ראמאן, וואס איז, נאך אלעמען, באשטימט פאר דעם פשוטן לייענער, — דעם לייענער פון א יידישער צייטונג, וואס דער עיקר ליטעראטור ביי אים איז, — פארוויילונג.

אוודאי זענען מיר נישט קיין משפטערס פון די היסטארישע פאקטן אין די דאזיקע צוויי בענד. מיר דאכט זיך, אז צאנין האט אויסגעקליבן פונקט דעם פארקערטן שרייבערישן מעטאד פון וויקטאר הוגאן, וואס אז מען האט אים אמאל געפרעגט, צי זענען אלע פאקטן אין זיינע היסטארישע ראמאנען באזירט אויף אמתע געשעענישן, האט ער גע־ענטפערט, אז אין זיינעם א ראמאן איז נישטא קיין איין פאלשער היס־טארישער פאקט. צאנין האט דעם הויפט־העלד זיינעם, ארטאפאנוסן אויסגעפאנטאזירט, א חוץ דעם נאמען, איז אלצדינג אינעם דאזיקן טיפ

הוילע בעלעטריסטיק, און פאַרשטייט זיך אַז די געשעעענישן זענען בע־לעטריסטישע, נישט קיין היסטאָרישע.

אָבער כאָטש צאַנין האָט זיך פאַרלאָזט אויף דער שעפערישער פאַנטאַזיע זיינער, האָט ער אָבער בלי ספק אַריינגעלייגט אַן אַן ערך פאָרשערישע און נאָכזוכערישע אַרבעט, כדי אויפצובויען דעם דער־ציילערישן בנין אין די צוויי ביז־איצטיקע בענד. בכיוון זאָג איך „ביז איצטיקע בענד", וואָרעם ער, דער מחבר, איז נאָך נישט פאַרטיק, און אַ סברה איז, אַז פאַרטראַכט איז דער דאָזיקער ראָמאַן אויף נאָך אַ דריי בענד. וואָרעם האַלטן האַלט ער ערשט ביים מיטלאַלטער, און כדי צו דערפירן דעם סיפור המעשה ביז צו אונדזערע טעג, האָט ער נאָך אַ ווייטן מהלך צו גיין, און אין אַ סך לענדער זיך אַריינצוכאַפּן.

אַרטאַפּאַנוס ווערט מגולגל אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע לענדער און אומעטום איז ער די צענטראַלע געשטאַלט. דער מחבר צאַנין, האָט גערדאַרפט דערציילן פון די פאַרשידענע לענדער, שאַפן די אַטמאָספערע זייערע, אויפבויען אַ רעאַליזם וואָס זאָל אונדז די לייענערס, אויסקוקן ווי די סאַמע וואָרעווירקלעכקייט. דאָ האָט ער באַוויזן די דערציילע־רישע באַגאַבונג זיינע: ער האָט געשאַפן ווירקלעכקייט, אַפילו אַז זי איז נישט דורכאויס באַזירט אויף דער ווירקלעכקייט. דאָ, אייגנטלעך, איז דער כוח פונעם קינסטלער, — צו שאַפן אַן אייגענע ווירקלעכקייט אויף אַזאַ שטייגער, אַז ביי דעם לייענער זאָל זיך נישט דערוועקן דער מינדסטער חשד, אַז דער שרייבער טראַכט אויס אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז כלל נישט בנימצא.

זאָג איך נישט, חלילה וחס, אַז צאַנינס באַשרייבונגען פון שטעט און ערטערשאַפטן זענען אַלע אויסגעטראַכטע. ביי מיר איז קיין ספק נישט, אַז ער האָט גאָר אַ סך געפאָרשט, כדי צו קענען דערציילן אַפילו פון אויף דער אַנדערער זייט טיבער אין רוים, ווו יידן האָבן געלעבט פאַרן חורבן. אָבער וויפל אַ שרייבער זאָל נישט פאָרשן, וועט זיין דערציילערישקייט קלינגען פאַלש, אויב ער וועט נישט אויסטראַכטן אַן אייגענע ווירקלעכקייט. גראַד די אויסגעטראַכטע ווירקלעכקייט איז אין דער ליטעראַטור אַ סך ווירקלעכער ווי די אמתע און כמעט פאָטאָ־

גראַפישעווירקלעכקייט. אויפקלערן אָט דאָס רעטעניש איז נישט אַזוי פּשוט, — נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דעם שרייבערס פּערזענלעכקייט שפּילט די אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דעם קינסטלערישן גורל פון אַ ווערק. וואָס מער דער חותם פון קינסטלערישער פּערזענלעכקייט עס איז אַריינגעבּרענגט אין אַ ווערק, אַלץ מער איז דאָס ווערק דורכגעדרונגען מיט דער לעבנס־ווירקלעכקייט.

די צוויי בענד, וואָס פון זיי רעדט זיך דאָ, זענען אויפגעבויט פון אַ מייסטער־דערציילערישער האַנט, און דער עיקר פון אַ דערציילערישן געמיט. מרדכי צאַנין קען דערציילן אַ מעשה, וואָס איז גאָר אַ הויכע מדרגה. אין ענגליש איז דער גאָר גרויסער לויב פאַר אַ בעלעטריסט, אַז מען באַצייכנט אים פאַר אַ „סטאָרי טעלער״, — אַ מעשה־דערציילער. אין אונדזער טראַדיציע איז דאָס גרויסקייט פון דעם חומש, — אַ חוץ די הויך־עטישע מאָמענטן, — דער אופן ווי דאָרטן ווערט דערציילט אַ מעשה. מיט יאָרן צוריק האָט זיך איינעם פאַרוואָלט צו לייענען די מעשה פון יוסף און זיינע ברידער, אינעם נוסח ווי טאָלסטאָי וועט זי דערציילן. נאָר דער חכם דער גוי האָט געזאָגט: איך וועל זיך צו דער מעשה פון יוספן נישט צורירן, וואָרעם דערציילן זי אַזוי ווי דאָס חומש דערציילט, וועל איך קיין מאָל נישט קענען.

מיר האָבן אין יידיש דערציילערס פון גאָר אַ הויכער מדרגה, נאָר מיר זענען אָרעם אין „סטאָרי טעלערס״. בין איך זיך מודה, אַז פאַר מיר איז געווען אַן אַנטפּלעקונג מרדכי צאַנינס אופן פון דערציילן אַ מעשה. די צוויי ביכער, וואָס פון זיי רעדט זיך דאָ, פאַרנעמען אַרום צוועלף הונדערט זייטן, און את חטאי אני מזכיר: איך האָב זיי ביידע איבערגעלייענט אין משך פון איין וואָך, און עס איז מיר געווען אַ שאָד, וואָס איך בין דערגאַנגען צו דעם לעצטן בלעטל פון דעם צווייטן באַנד.

די גרויסע מעלה, וואָס דאַרף אַרויסגעהויבן ווערן, איז אינעם ראָמאַן, וואָס אַרטאַפּאַנוס איז אומעטום דער אייגענער כאַראַקטער, אָבער פאַרט אַנדערש. די צייט, די סביבה, די לענדער, — זיי פאַרענדערן אים, כאָטש ער איז דער אייגענער אַרטאַפּאַנוס. די שפּראַך אין דעם

ווערק איז אויך כדאי אַרויסצוהייבן, וואָרעם דעם מחבר איז געלונגען צו שאַפן אַ באַזונדערן ידישן סטיל, וואָס איז אי נאָענט צו אונדזער צייט, אי ער פאַרמאָגט אַ ווידערקלאַנג פון ווייטע צייטן, און דער עיקר פון אַלע עיקרים:

אַרטאַפּאַנוס איז אַ ידישער אייביקער ייד, נישט קיין קריסטלעך־פאַרשאָלטענער.

משה גראָס־צימערמאַנס „יידן צווישן יידן"

אַ סך רעפּאַרטאַזשן וועגן ישראל האָב איך געלייענט און אַליין האָב איך אויך צוגעזינדיקט מיט ישראל־באַשרייבונגען, אָבער מ. גראָס־צימערמאַנס בוך „יידן צווישן יידן" איז פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג. דעם נאָמען משה גראָס, איידער ער האָט צוגעטשעפּעט דעם צימערמאַן האָב איך געקענט אין משך פון אַ פיר צענדליק יאָר. ער איז געווען די ווינער אויפלאַגע פון די ניו־יאָרקער „יונגע". זיינע ליטעראַטור־עסייען זענען געווען חנעוודיק־שקאַצעוואַטע. בעת אין ניו־יאָרק האָט מען פּרצן גערופן „דער ליטעראַט פון וואַרשע", האָט ער פּרצן צעגומען אויף קרישקעלעך און קיין גאַנץביינדל אים נישט איבערגעלאָזט. דערנאָך זענען אַוועק יאָרן און געהערט האָבן מיר פון אַ גראָס־צימערמאַן, וואָס פאָרט אַרום איבער די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, האַלט דרשות פאַרן קרן היסוד, זאַמלט געלט, פּראָפּאַגאַנדירט, נע־ונדעוועט.

איז זיך שווער געווען אויסצומאָלן, אַז דער פּראָפעסיאָנעלער ציוניס־טישער שליח איז דער אייגענער משה גראָס, וואָס מיר האָבן אים געקענט פון דער ליטעראַטור־קריטיק. דורך די צוואַנציק יאָר פון שלי‏אַנדער־וואַנדער האָט ער שרייבעריש כמעט אינגאַנצן געשוויגן, אָבער אַז דער נע־ונדישער גלות זיינער האָט זיך פאַרענדיקט, איז ער ווידער אויסגעוואַקסן און אינעם וואָרט אויסגעוואַקסן לייג איך אַריין בידע טייטשן: אויסגעוואַקסן, וואָס מיינט, מיטאַמאָל ווידער זיך באַוויזן אין דער ליטעראַטור און — אויסגעוואַקסן שרייבעריש, שעפעריש. מיר לייענען אָפט זיינע ליטעראַטור־עסייען אין „גאָלדענע קייט". מיר כאַפּן אַמאָל זיינס אַן אַרטיקל אין דער צייטונג „לעצטע נייעס", וואָס גייט אַרויס אין

תל־אביב און כמעט יעדע וואָך אַ קליין עסעיעלע אין „דבר״ (מ. גראָס־צימערמאַן שרייבט אויך אַן עלעגאַנטן עברית).

דער אייגענער משה גראָס, וואָס האָט צוואַנציק יאָר געשוויגן, איז צוריקגעקומען אַן אויסגעוואַקסענער, אַ געזעצטער, אַן אויסגעפורעמטער אין דער עלעגאַנץ פון סטיל, פון געדאַנק. פאַרוואָס ער האָט דעם נאָמען זיינעם באַלאָדן מיט אַ „צימערמאַן״, האָב איך אין מיינע אָפטע באַגעגענישן מיט אים, נישט געקענט דערגיין. מילא, זאָל זיין גראָס־צימערמאַן, דער באַלאָדענער נאָמען, אַבי דער שרייבער איז באַלאָדן מיט שיינקייט, מיט סטילגראַציע.

דאָס בוך „יידן צווישן יידן״ איז אין תוך אַ סעריע רעפּאָרטאַזשן פון ישראל, אָבער דער פאַרנעם פון די רעפּאָרטאַזשן, דער סטיל, דער בליץ פון געדאַנק פאַרוואַנדלט זיי אין הויך קינסטלערישער ליטעראַטור. גראָס־צימערמאַן שרייבט קלוג, דאָס וואָרט איז ביי אים פול מיט חכמה, אַפילו פּאַראַדאָקסיש. אין אַזאַ אופן שרייבן איז זייער גרינג אַריינצופאַלן אין ניהיליזם און אַמאָל אויך אין סטיל־פלאַנטער. גראָס־צימערמאַן באַוועלטיקט זיין פּיקחות און פאַרגינט זיך אַפילו צו זיין קינסטלעריש נאַריש, אָדער לאָמיר זאָגן — ליריש־ראָמאַנטיש. וואָס איז שייך, ווידער דעם סטיל, איז ער ביי אים לויטער, ממש דורכזיכטיק. בייגעשטאַנען איז אים די גרויסע ליבשאַפט צו ישראל, די טיף־איינגעוואָרצלטע יידישקייט, די יידישע פעסטקייט, דער גלויבן אינעם יידיש־היסטאָרישן גאַנג צוריק אין אייגענעם גאַנג.

אינעם עסיי „מיטאָלאָגיע 1948״ זאָגט ער :

„פאַרצייטנס האָבן מיר געהאַט אין גלות צו אונדזער רשות אַ געענדיקטן אָנהייבער : דער גוי. ער האָט געלייגט די פונדאַמענטן, דאָס דאָרף, דאָס ברויט, — מיר יידן האָבן צוגעגעבן נייע אויפטוען. מיר האָבן שפּעטער אַנטוויקלט און פאַרבעסערט זאַכן, וואָס ער האָט געמאַכט דער ערשטער. אין ישראל איז יעדער ייד „זיין אייגענער גוי״ : דער פויער און דער מולער אויף די רושטעוואַניעס און, וואָס דרייט אייזן אין פאַבריק און האַקט שטיינער אין די בערג און אויפן שאָסיי, און וואָס טריקענען־אָפּ זייערע ביינער אין גלי פון טויטן ים, און דער מאַטראָס אין אילת, און די יינגלעך אין נגב...״

אַט־די עטלעכע שורות זענען דער טיפער יסוד פון גראַס־צימער־מאַנס שרייבערישער פעסטקייט, זיך נישט אויסצוגליטשן אויפן סטיליס־טיש־בלענדנדיקן אייז און נישט נכשל צו ווערן מיט ניהיליזם. האָט איר אין זיין בוך די ווונדערלעכע קאָמבינאַציע פון פיקחות און ראָמאַנ־טיק, פון ממש־רירנדיקער אהבת ישראל און וואָרט־שפּיל, וואָס דער־גייט ביז פּאַראַדאָקסאַלישקייט. אויף די עולים, וואָס זענען די ערשטע יאָרן פון דער מדינה געקומען קיין ישראל, זאָגט ער, אַז זיי זענען אָנ־געשטאָפּט מיט „קורחס אוצרות אָרעמקייט”. קורחס אוצרות און אָרעמ־קייט זענען זיך, דאַכט זיך, סותר איינס דאָס אַנדערע, אָבער ביי אים ווערט פון זיי אַ גאַנצקייט.

אַז ער רעדט פון יידן, וואָס האָבן צוויי טויזנט יאָר געלעבט מיט פסוקים, מיט „אָפּגעלייגטע משיחס צייטן”, זאָגט ער: „אָבער אָט האָבן גענומען מקוים ווערן אויף אַן אמת: שטיקער עמוס און צפניה און טאַקע ישעיהו אַליין”... אין די פּאָר שורות איז דאָס וואָרט אָנגעלאָדן מיט פּאַטאָס, אָבער צו דער אייגענער צייט מיט חכמה. גראַס־צימערמאַן צוימט דעם פּאַטאָס מיט דער חכמה און די חכמה — מיט ליבשאַפט, ליריזם, פּאַטאָס, און די סטיל־פּאַראַדאָקסן לייטערט ער אַזוי אַז זיי ווערן קלוגע חנדלעך.

אַז ער רעדט פונעם יום־העצמאות, זאָגט ער, אַז אין „גלות זענען זענען מיר יידן געווען גרויסע בריות אויף נייע תעניתים” און דערווייל דערציילט ער פון זיין רבין, וואָס איז אַ מיסטישער נאַשער געווען, מיט אַ שטאַרקן יצר־הרע צו מצוות. איז ווידער: יצר הרע און מצוות, וואָס זענען אַ תרתי דסתרי. ביי אים באַקומט זיך אַ סטיליסטישער חן וואָס איז אַריינגעוואָקסן אינעם אופן שרייבן זיינעם. דער פּאַראַדאָקס איז ביי אים נישט צעקריגט מיטן ערנסט פונעם געדאַנק, ער טוט אים נישט אָפּ אויף להכעיס. פאַרקערט, ער פירט גאָר דורך דאָס באַזונדערע שלי־חות דעם געדאַנק שאַרפער אַרויסצוברענגען, אים צו פאַרטיפן.

דאָס בוך „יידן צווישן יידן” איז פול מיטן קלוגן פּאַטאָס פון אַ שרייבער, וואָס ווייסט, אַז פּאַטאָס מיט אַ ביסל פעפער איז באַטעמטער. וואָס עלעגאַנטער דער פּאַטאָס איז, אַלץ מער ווירקט ער און אַלץ מער שפּירט איר אין אים דעם ציטער פונעם שרייבער. זאָגט ער טאַקע:

„יאָגנדיקערהייט מוזן מיר נאָך זיין קלוג אויך, — דאָס איז גאָרנישט פון די לייכטע זאַכן, — אָבער אָן חכמה, אין ברייטסטן און העכסטן זין פון וואָרט, וועלן מיר נישט אויסקומען״. און ווייטער: „אַ שווערע אויפּגאַבע, אַוודאי שווער, אָבער לייכט איז אייגנטלעך נאָר אונטערצוגייך״...

מאָלט גראָס־צימערמאַן די לאַנדשאַפט פון ירושלים, זאָגט ער:

„דאָס איז אַ לאַנדשאַפט אַ שטרענגע, אַ מאָנערישע, אַ לאַנדשאַפט פון בונט און גלויבן, פון געראַנגל מיטן מלאך, פון ווידעראַנאַנד מיטן הימל, פון אויסגעזונגענע קינות און מזמורים. אַ לאַנדשאַפט מיט מוט צו דער אייגענער האַרבקייט, מיט פאַראַכטונג פאַרן פרעמדן באַרבאַרן־גלאַנץ שווערער הינטערגרונט פאַר דער קליינער רעזידענץ פון אַ גרויס פאָלק — אונדזער ירושלים״.

ווער עס קען ירושלים, דערשפּירט אין די עטלעכע שורות נישט נאָר די פּאָעזיע פון דער „קליינער רעזידענץ פון אַ גרויס פאָלק״, נאָר אויך דעם פולן היסטאָרישן תוכן אירן. ער דערשפּירט דעם אמת פון דער „פאַראַכטונג פאַרן באַרבאַרן־גלאַנץ״, וואָס ירושלים טראָגט אין זיך, אַפילו אַז זי האָט זיך שוין אַ קאַפּיטשקע מאָדערניזירט.

האָב איך פריער געזאָגט אַז גראָס־צימערמאַן איז אַ אוהב ישראל, — ער האָט ליב דאָס פאָלק ישראל און די מדינה ישראל. דערביי ווערט ער קיינמאָל נישט אָן די חכמה, אַז דער פּאַטאָס זאָל נישט ווערן לאָקריצדיק־נודנע. למשל, ער דערציילט ווי קיין ירושלים קומען אַלע, אַפילו „געשווירענע פריידענקער, וואָס האָבן ליב צו לייקענען מיט „אַטמאָספערע״. מחוץ די טויערן פון ירושלים וועט זיי אפשר גאָרנישט איינפאַלן צו זיין אַזוי זיכער, אַז עס איז „אינגאַנצן קיין גאָט נישטאָ״. קומען זיי קיין ירושלים און „פּראַוועון דאָ כפירה אויפן הינטערגרונט פון אמונה״. איז אין דעם דאָ איראָניע, אָבער צו דער אייגענער צייט אויך ליבשאַפט. אַ חוץ וואָס עס איז אויך דאָ טיפער פּסיכאָלאָגישער אַריינדרונג.

גראָס־צימערמאַן וואַרפט־דורך אין די עסייען בעלעטריסטישע קאַפּיטלעך. ער מאָלט מענטשן מיט דער אייגענער שאַרפקייט, ווי ער רעדט וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און אידעישע ענינים. די מענטש־

כאַראַקטעריסטיק איז ביי אים אויך קלוג, אַמאָל אַפילו שפּיציק, אָבער קיינמאָל רעדט ער נישט קיין שלעכטס אויף מענטשן, אַפילו אַז ער ברענגט זיי אַרויס גראָטעסק. אַזוי באַמאָלט ער די כנסת מיט דער־ציילערישן איינפאַל, אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן צייכנט ער, יעדער איינער קומט אַרויס לעבעדיק, באַהנט פּונעם שרייבערס גוטמוטיקייט, ליבשאַפט.

דער עסיי „אין שכנות פונעם באַרג סיני" הייבט זיך אָן אַזוי: „דאָס איז אַ באַרג נישט אויף לאַנדשאַפט און נאַטור און אוודאי נישט אַ באַרג אַדיף אַפּצורוען. אין תוך איז דאָס בערגל אָן אומרו, אַ ברען, איבערגעלאָדן מיט פּאַטאָס און גורל; אַ בערגל, וואָס שטייט נישט, נאָר ברויזט און לאַכט פון אַלע פּיזיקאַלישע געזעצן, וואָס זענען חל אויף שווערע, האַמעטנע, גוייִשע בערג". דערנאָך צעזינגט זיך דער שרייבער צום סיני, נעמט אַריין אין זיין געזאַנג אילת און פאַרן לייענער וואַקסט־אויס אַן אייגנאַרטיק בילד פון יידישער גורלשאַפט, וואָס דער הינטערגרונט אירער איז דער סיני. און דאָס אַלץ מייסטע־רעוועט ער אויס אין דריי בלעטלעך.

וואָלט איך געקענט ציטירן שטיקער פון די עסייען און אַליין הנאה האָבן פון דער הנאה, וואָס דער לייענער וועט פון זיי האָבן. נאָר אָטאָ מיש איך אויף אַ קאַפּיטל, וואָס הייסט „דער זיידע" און פאַר מיר צעוויקלט זיך גראָס־צימערמאַנס בעלעטריסטישער טאַלאַנט, — דער זיס־טערפּקער און פּקחותדיק־לירישער. דער זיידע איז אַ בייער עולה, וואָס דער שרייבער טרעפט אים אין אַ ווינטערדיקער נאַכט ערגעץ אויפן צפון תל־אביב. דאָס „דריבנע יידעלע" איז אַ וועכטער ביי אַ הויז וואָס בויט זיך. ער איז אַ „זיידע אָן אייניקלעך, מיטלפּונקט, פון וועלכן עס האָט זיך אָפּגעטראָגן דער היקף". ער איז אַ „נאַכט־וועכטער מיט אַ דיפּלאָם: געענדיקט אויף נישט שלאָפן. זינט קאַרגע צען יאָר, זינט ער האָט פאַרלוירן אַלץ אין דער וועלט, מאַכט ער קיין אויג נישט צו. ביינאַכט זענען ביי אים די אויגן אָפן־אויפגעריסן, — און מיט אָפענע אויגן ביינאַכט זעט מען אַלץ שאַרפער און קלאָרער"... איז דער זיידע, וואָס אין גאַליציש שטעטל האָט ער געפראַוועט גבירי־שאַפט, דאָ אין תל אביב אַ וועכטער און האָט הנאה דערפון. די קליינע

דערציילונג איז אַ פּערל אין דער ליטעראַטור וועגן ישראל. דער טראַגיזם אירער איז אַזאַ געלייטערטער, אַז ער פינקלט מיט ריינקייט.

אַלע פּאַזן פונעם לעבן אין דער ידישער מדינה נעמט גראָס־צימערמאַן אַרום און אומעטום געפינט ער רק גוטס, רק דערהויבנקייט. נעמט, למשל, דעם עסיי „שבת און יום־טוב", איז שוין דער אָנהויב, ווי אַ טויער, וואָס עפנט אויף פאַר אונדז אַ הויף פול מיט יום־טוב:

„שבת און יום־טוב האָבן באַקומען זייער תיקון אין ישראל. זיי זענען ווידער אין דער היים, צווישן ייִדן. זיי מעגן הנאה האָבן פון זיך אַליין, נישט היטן זיך פאַרן אַרום. דער אַרום איז אַן אייגענער, ער וויל אויך הנאה האָבן". און, ווי אומעטום אין זיינע עסייען, רופן שבת און יום־טוב אַרויס ביי אים די אַסאָציאַציע פון דעם אַמאָל: „קומט דער טאַטע פון קלויז אַ צעזונגענער. ער קומט אינאיינעם מיט די מלאכים און מיט די קינדער און מיט אַ פרעמדן ייִדן, אַן אורח". און שבת און יום־טוב אין ישראל: „היינט אין ישראל האָט זיך ייִדישקייט צעבליט אויפסניי. אַרום און אַרום, אינדרויסן און אינעווייניק, אין אונדזער שבת און יום־טוב און אין אונדזער פאַרהאַרעוועטן אינדער־וואָכן"...

דאָס בוך „ייִדן צווישן ייִדן" איז פול מיט שפּראַך־רייכקייט, מיט אַ ייִדיש לשון, וואָס איז אַ גליקלעכע קאָמבינאַציע פון פאָלקסטימלעכ־קייט און ייִדיש־שרייבערישן סטיל.

משה גראָס־צימערמאַן — דער פינף־און־זיבעציקער

הלוואי אויף אַלע שעפערשע מענטשן געזאָגט געוואָרן, אַז ביי זייערע 75 יאָר זאָלן זיי זיין אַזוי פריש, — אין זייער געדאַנק, אין זייער שטימונג, אין דעם אינערלעכן שרייבערישן ריטם, — ווי משה גראָס־צימערמאַן איז. ער איז דער קינסטלער פון דער עלעגאַנטער געמיטלעכקייט. ער האָט טאַקע ליב צו האָבן אַ שרייבער, אָבער אַפילו נישט ליב צו האָבן האָט ער אויך ליב. האָט דעם טאַלאַנט מבטל־צו מאַכן מיט אַזויפיל וואַרעמקייט, אַז די ביטערע אָפעראַציע ווערט־אָן דעם פיינ־לעכן שניט־ווייטיק. און דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס ער איז אַזאַ „דימענטענער" מענטש, נאָר דערפאַר, וואָס ער איז בכלל אַ וואַרעמער שרייבער.

אין דער היפשער יידיש־שרייבערישער משפחה פון ישראל איז גראָס־צימערמאַן נישט נאָר דער עלטערער קאָלעגע, נאָר אויך דער טאַטע. נישט קיין עצה־געבער איז ער, נישט קיין מבינות־זאָגער, נאָר בפירוש אַ טאַטע, וואָס אַפילו אַז ער שייגעצט־אויס האָט מען אויך פאַר אים דרך־ארץ און ליבשאַפט אוודאי. די גרויסע מעלה זיינע איז נאָך, וואָס ער איז אַ טאַטע, וואָס האַלט זיך גלייך־אויף־גלייך מיט די זין און טעכטער, די יינגסטע אַפילו, די „צניפלעך".

כדי אָבער דער לייענער זאָל וויסן אַביסל מער וועגן דעם 75־יאָריקן משה גראָס־צימערמאַן, דאַרף איך דאָ דערציילן, אַז אַ יידישער שרייבער איז ער שוין אַ קימאַ־לן איבער פופציק יאָר. אָנגעהויבן שרייבן האָט ער נאָך אין זיין גאַליצישן היימלאַנד. שפּעטער, אַז ער האָט געלעבט אין ווין, איז ער געווען פון דער גרופּע יונגע גאַליצישע שרייבער וואָס פון זיי איז דערנאָך אַרויסגעוואַקסן א. מ. פוקס און אַנדערע יידיש־קינסטלער. גראָס־צימערמאַן איז, בעתן אויפקום אין

אַמעריקע פון דער שרייבערישער גרופּע „יונגע״, געווען אַ מין אַמ־באַסאַדאָר אירער אין אייראָפּע. ער האָט געשריבן טיף־דורכגעטראַכטע עסייען איבער ליטעראַטור בכלל און איבער פּאָעזיע בפרט, און האָט געהאַלטן, אַז אַ קינסטלערישן ליד איז אַ יש פאַר זיך אַליין, אָן דעם נאָכשלעפּ פון אידייע פון סאָציאַלן אָריינטיטעט.

אַ ציוניסט איז ער געווען דאָס גאַנצע לעבן זיינס און אין משך פון יאָרן איז ער אַרומגעפאָרן איבער דרום־אַמעריקע און מיט זיין שפּילעוודיק־שאַרפן אופן רעדן האָט ער פאַרקויפט די יידן אין יענע לענדער דעם בנין הארץ. דער אַרומוואָגלערישער שרייבער האָט, פאַר־שטייט זיך, אויף זיין וואָגל ווייניק געשריבן. אָבער אַז ער איז צוריק־געקומען קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין לאַנד, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין אַלטער ליבשאַפט: ליטעראַטור.

אַז מיר נעמען זיין בוך אינטימער ווידעראַנאַנד, און מישן די בלעטער, קומען אונדז אַנטקעגן לויכטנדיקע שורות. די שורות לויכטן, אָבער זייער שיין איז אַזוי קלוגע, אַז זי האָט אַפילו שכל צו וויסן, ווען זי דאַרף זיך אַביסל צוטונקלען. איבערגעכאַפּטע חכמה ווערט אַמאָל פאַרבלענדט פון זיך אַליין און ווערט־אָן דעם תמצית פון חכמה — באַשיידנקייט. זי פּוצט זיך מיט זיך אַליין, און אַלצדינג, וואָס איז געפּוצט, טויג נישט. אין דער אומגעפּוצטקייט איז דאָ באַהאַלטן דער טיזנטסטער חן פון שיינקייט.

משה גראָס־צימערמאַן, וואָס איר וועט מסתמא נישט גלויבן, אַז איך קען אים אַ קימא־לן פון אָט־אָט פערציק יאָר — איז דער שריי־בער, וואָס שרייבט קעגן תכלית אין דער ליטעראַטור מיט אַזויפיל תכלית, אַז איר פילט, ווי איר קאָנט זיך אָנשפּאַרן אויף אים, כדי זיך אויסצוהיטן פון שטרויכלונגען. מאַלע וואָס עס טרעפט זיך מיט אַ שריי־בער. איז ביי דיר דאָ אַ זיכערקייט, אַ פעסטקייט, אַז דו כאַפּסט אַריין עטלעכע פּסוקים ווידעראַנאַנדן און דורך זיי דעראָבערסטו זיך צו דער העכסטער האַרמאָניע. גראָס־צימערמאַנס כוח: תכלית אין אומתכלית. האַרמאָניע אין ווידעראַנאַנד.

דערפאַר וואָס ער איז דורכגעדרונגען מיט טיפער אמונה, שפּילט ער מיט כפירה. ער איז אַזוי אָנגעוואָרעמט מיט גלויבן, אַז ער קאָן

זיך שוין פאַרגינען נישט צו גלויבן. אין וואָס, אַ שטייגער, גלויבט ער? אַ, ער גלויבט אין גלויבן. האָב איך איבערגעלייענט די ערשטע קאַפּיטלעך אינעם בוך אינטימער ווידעראַנאַנד, און געקומען בין איך צו דער מסקנא, אַז דער אימהדיקער אומגלויבן אין דער סאָלידקייט פונעם גלות האָט אים דערפירט צום איבערגלויבן אינעם אומגעהויערן אויפלעבערישן כוח פון ישראל. און דאָס אַלץ אין שייכות מיט יידי־שער שעפערישקייט און נישט סתם נאַציאָנאַלן אויפלעב.

מישן מיר ווייטער, און פון די צעוואָרפענע דימענטלעך שטעלן מיר צונויף אַ דיאַדעם, וואָס מיר מאָלן זיך אויס, אַז מיר טוען זי אים אָן אויפן קלאַסישן קאָפּ זיינעם, — קלאַסיש מיטן האַלב־פאַרקיילע־כיקטן געבוי און מיטן אויסדרוק, וואָס איז כלל נישט שייך אין סתם אַ קאָפּ. משה גראָס־צימערמאַן האָט נישט דאָס גרויסהאַלטעריי אַוועק־צושטעלן כללים פאַר פּאָעזיע, אָדער פּראָזע. אָבער די כללים וואַקסן סיי־ווי אַרויס פון די קריטיקן אויף באַזונדערע שרייבער. ער איז, וואָלט איך געזאָגט, פאַרליבט אין משה לייבן און אין מאַנגערן. הייבט מיך נישט אָן צו אַרן, וואָס מייך ליבער־טעמפּעראַמענט צו די צוויי פּאָעטן איז היפשע עטלעכע גראַד נידעריקער. דער עיקר איז, וואָס פאַרליבט איז ער אַזוי עלעגאַנט און אַזוי פולגעמיטיק, ווי ער וואָלט נאָך געווען אַ יונגערמאַנטשיק. און נאָך עיקרדיקער איז, וואָס ער האָט דעם כוח מיך אַריינצוקלאַמערן אין דער ליבשאַפט. און אָט־דער כוח נעמט זיך נישט נאָר פון געדאַנקלעכקייט, נאָר אויך פון טיפער איבערלעבונג, — אַז איר ווילט, אַפילו פון דער שכינה, וואָס רוט אין אים בעתן שרייבן. ניש־קשה, צו אַזאַ אָריגינעל־שעפערישן יידן, ווי גראָס־צימערמאַן, מעגן מיר זיך פאַרגינען מטריח־צו־זיין די באַנאַלע שכינה. אַנדערע ווערן ניזוק דערפון, ער ווערט דערפון קאָלירפולער. עס איז מיר אַלעמאָל אַ רעטעניש, ווי אַזוי ר׳ משה צינדט־אָן די ניכ־טערע רייד זיינע מיט אַזוי פיל פייער פון שטימונג. האָב איך שוין פריער געזאָגט, אַז משה גראָס־צימערמאַן איז נישט קיין תכלית־ייד אין דער ליטעראַטור־קריטיק זיינער. ער האָט אָבער דאָס בילדלעכ־קייט, דעם פאַנטאַסטישן פלי אין דער פּאָעזיע, די סאַמע לויטערסטע עסטעטיק דערהויבן צו אַזאַ מדרגה, אַז זי איז געוואָרן אַ סך תכלית־

דיקער, ווי די געוויינלעכע תכלית־קריטיק. לייענט זיינע עסייען איבער סוצקעווערן, וועט איר דערזען, ווי טיף־תכלית ער איז אינעם אפשאַץ פון סוצקעווערס גרויס־פאַרנעמערישער בילדלעכקייט.

אַ סוד וועל איך דערציילן: משה גראָס־צימערמאַן ווייסט נישט, אַז איך וואָלט אים דעמאָלט געזאָגט: ר' משה, כ'האָב אייך געכאַפּט, דער קוק זיינער איז בעתן שרייבן אַ ווייטער, ווי ביי אַ ליאַדע פּאָעט. אַז איך וואָלט אים דעמאָלט געזאָגט: ר' משה, כ'האָב אייך געכאַפּט, וואָלט ער זיך אוודאי פאַרשעמט. וואָרעם ווי קומט צו אַ פינקלדיק־קלוגן מענטשן אַ ווייטער, לויטערער און דאָך פאַרהויכטער קוק? האָט זיך מיר דעמאָלט אויסגעמאָלט, ווי נישט נאָר מיט די אויגן זעט ער דעם קאָליר פון די ווערטער, נאָר אויך מיטן גרויסן שטערן זיינעם. די גאונישע יידישע שטערנס, ווייסט איר דאָך, זענען אַ טייל פון אונדזער פאָלקס־מיטאָס. און מיר האָבן דאָך געהאַט אַ יוסף קארו, וואָס פון איין זייט, האָט ער מחבר געווען דאָס סאַמע טרוקנסטע ספר ביי אונדז — דעם שולחן ערוך — און, פון דער צווייטער זייט, האָט ער אויסגעחלומט דעם מגיד מישרים, וואָס איז פול מיט מיסטיציזם, מיט ריינסטער קבלה־פאַנטאַזיע. וואָס איז נוגע די אומות העולם, ווייס איך נישט, נאָר ביי אונדז איז דאָ די אייניקייט פונעם גרויסן מוח מיטן טיפסטן מיסטיציזם. אפשר נעמט זיך עס דערפון, וואָס מיר זענען דערגאַנגען צום אחד איידער די אומות העולם האָבן אַפילו אַ טראַכט־געטאָן פון אים. און דער אחד איז כולל נגלה און נסתר.

ביי מיר אַליין, זעט איר, האָט זיך צעבראָכן דער פאַרפרוירענער טייך און אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט צעזוניקטע שטראָמען. דאָס איז דער סימן מובהק פון אַ שעפערישן מענטשן, — נישט פון מיר רעדט זיך עס, נאָר פונעם בעל־יובל, — וואָס ביים פאַרטראַכטן זיך איבער אים, ביים לייענען אים, ווערסטו אַליין איבערגעאַנדערשט.

פעברואַר, 1967

אַ נײַ בוך ליטעראַטור עסייען

מיט דעם בוך „אינטימער ווידעראַנאַנד״, וואָס דער מחבר דערפון איז מ. גראָס־צימערמאַן, איז זיך שווער צו ספּראַווען. אויבנאויף זענען די עסעיען אין דעם בוך קאַפּריזנע, שפּילעוודיקע און ווי דער נאָמען, אַפילו סתירהדיק. אין דער טיף זענען זיי אָבער ליריש און גאָרנישט אַזוי ווידעראַנאַנדיק ווי דער נאָמען וויל אונדז פאַרפירן. דער „אינטימער ווידעראַנאַנד״, דערטראַכטן מיר זיך ביים לייענען דאָס בוך, איז אַ שרייבערישע מאַסקע, — אַ סך מאָל אַפילו כדי נישט צו קוקן זיך אַליין אין די שעפערישע אויגן. דער פרוור־שטיין פאַר אמתער שעפערישקייט טראַכט איך אַמאָל, איז דעם שרייבערס שעמעוודיקייט, אַפילו, אַז ער זאָגט אַרויס די העזהדיקסטע געדאַנקען. ווי אַזוי מיר כאַפּן דאָס שעמעוודיקייט ביים שעפערישן מענטשן איז שווער צו זאָגן. מיר דאַכט זיך, אַז וואָס אחריותדיקער דער שרייבער איז פאַרן וואָרט, אַלץ שעמעוודיקער איז ער ביים אַרויסברענגען עס אויף די ליפּן פון׳עם פּאַפּיר. און נאָך מער, אַז דאָס וואָרט איז אַ געדאַנק אָדער דער אויפשטראַל פון אַ געדאַנק.

דעם אַריינפיר צום בוך קריטישע עסעיען רופט מ. גראָס־צימערמאַן אָן „אימתא דדיבורא״, — אַן איבערשפּיל פון אימתא דציבורא. איז אָבער די מעשה, וואָס אינעם אויבנאויפיקן וואָרטשפּיל איז דאָ אַ טיפער אמת.

נאָך פון פאַר די צוואַנציקער יאָרן, בעת דעם פולן צעבלי פון די „יונגע״, געדענק איך דעם שרייבער פון ווין. דעמאָלט האָט ער דעם נאָמען זיינעם נאָך נישט געהאַט אונטערגעפּעלצט. געהייסן האָט ער נאָר משה גראָס. ווי אַזוי דער צימערמאַן איז צוגעוואָקסן ווייס איך נישט. נאָר אין יענער צייט האָט דער גאָר יונגער גראָס געשפּילט אַ

שרייבערישן ראָמאַן מיט די „יונגע", געשריבן וואָגיקע ליטעראַטור־אַרטיקלען, וואָס עטלעכע פון זיי האָט ער אַריינגענומען אינעם איצטיקן בוך. און סע איז אינטערעסאַנט, ווי מיטן לייכטערן נאָמען זיינעם, — פּשוט משה גראָס — האָט ער געשריבן אַ ביסל שווערלעך. און גראָד, אַז צו דעם נאָמען האָט ער צוגעגייט דעם צימערמאַן אונטערשלאַק, איז זיין שרייבן געוואָרן שפּילעוודיק, עלעגאַנט. וואָס ווייטער ער איז אַוועק פון ווין, אַלץ מער ווינעריש איז ער געוואָרן. נאָר זיין ווינעריש־קייט איז פון אַ באַזונדערן מין: טיף־יידישלעך, אַ סך מאָל למדניש, און נאָך מער — טיף איינגעוואָרצלט אין פאָלקישקייט.

צו דער שרייבערישער ביאָגראַפיע זיינער דאַרפן מיר מוסיף זיין, אַז אַ שיינע פּאָר צענדליק יאָר האָט ער כמעט ווי נישט געשריבן. ער איז געווען אַ ציוניסטישער נע־ונדניק, האָט זיין דאַרשט נאָכן וואָרט אויסגעשפּילט אויף טריבונעס איבערן רוב ישובים פון דרום־אַמעריקע און גרויסן האָבן מיר אָפּגענומען פון אים, אַז דער באַזונדערער אופן רעדן זיינער האָט ביי ידן אין יענע לענדער זייער שטאַרק אויסגענו־מען. דערווייל האָט ער זיך מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק באַזעצט אין ארץ ישראל, אָנגעהויבן שרייבן עברית און אַנטוויקלט אַן אייגענעם סטיל, וואָס אַ סך „קאַרענאַסטע" העברעישע שרייבער באַוווּנדערן אים און זענען אים אַפילו מקנא.

זענען מיר שוין פאַרטיק מיט די קליינע קאַרידאָרעלעך צום בוך? ניין, מיר דאַרפן נאָך אַ קוק טאָן אויף דעם מחבר סתם אַזוי. פון איין באַגעגעניש געדענק איך אים, — אין 1927. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר זענען דורכפאָרערס אין ווין, אָבער שוין ביים אַוועקפאָר. איז ער געקומען צו לויפן צו דער באַן אָפּגעבן שלום עליכם און זיך געזעגע־נען. אַ יוגנטלעכער, אַ הויכער, אַן אָפן פּנים, נאָר די נאָז אַ שאַרפלעכע. ביים צווייטן צונויפטרעף שוין אין ישראל, האָט ער זיך פאַר מיר אַנט־פּלעקט אַ קאָלירפולע שרייבערישע פּערזענלעכקייט. אַ ייד אַ תלמיד חכם, וואָס די חכמה האָט ביי אים נישט גענומען די אויבערהאַנט איבערן תלמיד. ווי ביי וועמען, ביי מיר איז עס אַ הויכע מדרגה.

אַ בוך פון איבער דריי הונדערט זייטן, וואָס נעמט אַריין דרייסיק ליטעראַטור עסייען, לייענט איר געוויינטלעך מיט אַ מין „אָפּכאַפּן דעם

אָטעם". קודם, נישט אַלע שרייבער, וואָס דער קריטיקער שרייבט איבער זיי, אינטערעסירן איך. לכל הפחות נישט גלייכמאָסיק. ווייטער, אויף אַזאַ בוך לויערט די סכנה פון נוסח, וואָס ווערט אַ מין רוטין. גראָס־צימערמאַן האָט פון איין זייט אויסגעמיטן די סכנה פון נוסח, און פון דער אַנדערער זייט איז ער אַזוי שפּרודלדיק איינפאַלעריש, אַז אין יעדער עסיי באַנייט ער זיך אַליין. איר דאַרפט נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, נאָר אים איינהאַלטן, כדי זיך צוריקצוקערן צום פריער גע־לייענטן און נאָכאַמאָל טועם זיין דעם שאַרפן, קלוג־לירישן טעם פונעם וואָרט און געדאַנק־געטראַנק.

נאָך אַ סכנה איז דאָ אין אַזאַ בליציקן אופן שרייבן: אַז דער אויפ־בליץ זאָל נישט פאַרבלענדן דעם תוכן. דער שרייבער אַליין ווערט אַ קנעכט צום וואָרט־שפּרודל און זאָגט אפילו קאַפּריזער דעם אייגענעם געמיט. עס זאָל זיך נישט טרעפן, ווי עס טרעפט זיך ביי שרייבער, וואָס הענגען אויף פאַטשערקעס און פאַרשפּילן זיך מיט זיי, ביז זיי פאַרלירן דעם פאָדים.

אַזוי ווי ביים ליטעראַטור־עסעיסט איז, ווי איך טראַכט, דער עיקר אָט־דער פאָדים, וואָס זיין דאַרף ער די רוקנביין־פאָדערונג צו ליטעראַ־טור, האָב איך מורא געהאַט, אַז אין בוך „אינטימער ווידעראַנאַנד", וועל איך דעם פאָדים נישט געפינען. נאָר אַ נחת איז פאַר מיר געווען, וואָס איך האָב זיך אָפּגענאַרט. משה גראָס־צימערמאַן איז אומעטום דער אייגענער מאַנער, דער אייגענער געדאַנקען־פעדעמער בנוגע דעם שריי־בער.

און וואָס איז דער צענטראַלער צוגאַנג זיינער צו ליטעראַטור? אין דער פּאָעזיע: בילדלעכקייט פון געדאַנק און געדאַנקלעכקייט פון בילד. אין דער פּראָזע: געשטאַלטיקייט, וואָס אין איר זאָל זיין פאַנטאַסטישעווירקלעכקייט. „פאַנטאַסטישע ווירקלעכקייט" דאַרף אפשר אַ שטיקל פירוש. אַ רעאַליסטיש געשטאַלט אין אַ דערציילונג, אָדער ראָמאַן, איז נאָר דעמאָלט הויכער רעאַליזם, אַז זי איז אויסגעפאַנטאַזירט פונעם שרייבער. די קינסטלערישע ווירקלעכקייט דאַרף נישט זיין קיין „שפּיגל פון לעבן", ווי לייענער טראַכטן געוויינלעך, נאָר דאָס לעבן דאַרף זיך שפּיגלען אין איר, און ווידער מאָנט גראָס־צימערמאַן אַ

אפרים אויערבאך

יחידיש־קינסטלערישן וואָרט־אַראָמאַט, — דער עיקר אין דער פּאָעזיע.

אינעם אַריינפיר־וואָרט זאָגט גראַס־צימערמאַן:

„די עסעיען, וואָס זענען אַריין אין דער דאָזיקער זאַמלונג, זענען אָפּגעקליבן אָן אַ סיסטעם און יענע, וואָס זענען דאָ נישט אַריין, ווייסן דען פאַרוואָס נישט? פאַראַן אַ שיטה אַרומצונעמען אַן עפּאָכע, — אָבער „אַרומנעמען" קען מען אַלעמאָל נאָר, אַז זי לאָזט זיך. דערנאָך ערשט איז שווער. יעדער שרייבער איז אַ לעבעדיק שטיק אויסטערלישקייט און אַלע אינאיינעם האָבן בשותפות בלויז איין זאַך; זיי קערן זיך קנאַפּ אָן איינער מיטן אַנדערן".

דאָס איז, טראַכט איך, גראַס־צימערמאַנס אני מאמין אין דער ליטעראַטור: שרייבער זאָלן זיך קנאַפּ אָנקערן איינער מיטן אַנדערן. דער עיקר, הייסט עס, זוכט ער די קינסטלערישע פּערזענלעכקייט וואָס די טבע אירע איז זיך נישט אָנצוקערן מיט קיינעם, נאָר מיט זיך.

ער זאָגט אַפילו, אַז ווערטער „האָבן דערשטיקט דאָס קול פון מחשבה און געוויסן, דאָס געפיל פאַר מאָס און מידות, די לויטערקייט פון ניגון". אין די עטלעכע שאַרף־אויסגעדריקטע ווערטער איז דאָ דער תמצית פון זיין פאָדערונג צו ליטעראַטור. אין כלערליי אויסדרוק־אופנים פּירט ער דורך דעם דאָזיקן תמציתדיקן געדאַנק, און ווידער, וואָס איז שייך דעם זאָג, אַז די עסעיען זענען אָפּגעקליבן אָן אַ סיסטעם, איז לפי מיר, נאָר אַ פשרהדיק חנדל. גראַס־צימערמאַן איז צו באַוווסטזיניק שרייבעריש, אַז ער זאָל נישט געוועזן זיפּן דורך זיבן זיפּן דעם אָפּקלייב זיינעם. נישט דאָס געמיט, נישט דער געדאַנק און נישט דער אָפּקלייב־חוש זענען ביי אים אויסגעשטעלט צום הפקר פון צופאַל.

אינעם עסעי „ישראל, דער יידישער שרייבער און די יידישע וועלט", קומט נאָך בולטער צום אויסדרוק זיין שפּעפערישער אני מאמין. אודאי, זיין פּאַטאָס, די אמונה זיינע אין דער היסטאָרישער שליחות פון יידיש איז נישט געמינערט אויף אַ האָר, שוין אָפּגערעדט פון די קינסטלערישע דערגרייכונגען אין יידיש, ער האַלט, אָבער, אַז „אַ דיכטער קען נישט לעבן פון אויסגעטראַכטע טעמעס". ער זעט אין ישראל „די באַנייונג פונעם פאָלקס־מיטאָס, און דאָס דאַרפן מיר ווי אַ שטיקל ברויט פאַר דער ליטעראַטור". דערביי דערציילט ער פון זיינע אייגענע

איבערלעבונגען, וואָס שפּאַנען ווייט אַריבער די שפּילעוודיקייט פונעם סטיל און דעם ריטעם פון וואָרט. זיי ווערן דערהויבענער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס.

„אַמאָל", זאָגט ער, „האָט דער יידישער שרייבער געהאַט אַ חזקה אויף געזיכערטער צעריסנקייט אין צוויי וועלטן: די אַרומיקע, גויִשע וועלט, און די וועלט פון יידיש בלוט. דערפון האָט ער געלעבט גייסטיק. דאָס געראַנגל צווישן די צוויי וועלטן איז געוואָרן ליטעראַטור. איינגערעדט האָט מען זיך, אַז עס איז פאַראַן אַ סינטעז. דערצו איז צוגעקומען די האָריזאָנטאַלע דימענסיע: אַ וועלט מיט יידיש. די דאָזיקע וועלט איז אונטערגעגאַנגען. בלייבט דער ווערטיקאַלער אַרויף, אַרויף צו די לעבעדיקע יידישע יאָרטויזנטער".

קען זיך אָבער אַ ליטעראַטור שפּייזן מיטן „אַרויף צו די לעבעדיקע יידישע יאָרטויזנטער?" אין ישראל זעט ער דעם ווידער־צונויפטרעף פון די יאָרטויזנטער מיט אַ באַנייטער יידישער ווירקלעכקייט. אַז ער איז געשטאַנען אין אילת, ביים ים־סוף, האָט ער געפילט דעם „נייעם גורלדיקן גערודער אין דער חומשדיקער לאַנדשאַפט". און כאַראַקטעריסטיש איז פאַר אים דער טיפער ערנסט, וואָס ער פאַרשפּילט אים מיט וואָרט־געדאַנק. אַמאָל, זאָגט ער, האָט ער געטראַכט: „סטייטש, אַזאַ אָרעם פאָלק, ווי מיר יידן, האַלט זיך אַ באַזונדערן ים אויף פסח, וואָס מען נוצט אים אינגאַנצן נישט אין דער וואָכן: ים־סוף. וואָרט ער אין חומש און אין דער הגדה פון איין סדר צום אַנדערן. צי איז געמאָלט ביי אַן אַנדער פאָלק אַזאַ אויסברענגעריי?" ווילט זיך זאָגן דעם עלעגאַנט־טראַכטערישן שרייבער, אַז עס איז בכלל נישט געווען קיין אויסברענגעריי. אַ היבשן חלק פון אונדזער קיום האָבן מיר אָפּגעגעבן דעם „באַזונדערן ים אויף פסח". אָבער דער תוכיקער געדאַנק זיינער איז אַ ריכטיקער; די ליטעראַטור אונדזערע מוז אַריינוואַקסן אינעם „גורלדיקן געדודער פון דער חומשדיקער לאַנדשאַפט", ווו דער ים־סוף איז אַרויס פון דער הגדה און איז אַריין אין לעבן.

און ווידער פונעם אייגענעם עסעי אַ זייער שאַרפער זאָג. אַז ער האָט געליינט טאָמאַס מאַנס „יוסף און די ברידער", האָט ער געהאַט דאָס געפיל „אַז די בונטע פּאַנאָראַמע פון ביבלישע געשטאַלטן, וואָס

אפרים אויערבאך

ער האָט דאָ אָנגעיאָגט איז געגליכן צו אַן עפּישן וואָלקנקראַצער, וווּ דעם ייִדנס שטיבל איז געשטאַנען. דער וואָלקנקראַצער איז אוודאי אימפּאָזאַנטער און האָט זיך זיין שיינקייט, אָבער דעם ייִדנס שטיבל איז אונדזער ירושה.

האָב איך אַביסל מאריך געווען וועגן דעם דאָזיקן עסעי, דערפאַר, וואָס אין אים איז דאָ אי דער שעפערישער אני מאמין זיינער, אי זיין פאַרפוצטע געדאַנקלעכקייט, וואָס אונטערן פּוץ טוליעט זיך דער טיף־איינגעוואָרצלטער ייִדישער פּאַטאָס פון אמונה.

און דאָס איז גראָס־צימערמאַנס אויפטו אין דער ליטעראַטור־עסעיִסטיק: דער צונויפגעזאַנג פון אַלטער ייִדישקייט מיט דער יוגנט־לעכקייט פון סטיל און וואָרט־קאָמבינאַציע.

איז נישט שייך איבערצודערציילן דעם תוכן פון די קריטישע עסעיען. זיי זענען אַזוי געשריבן, אַז תוכן מיט פאָרעם ווערן איין גאַנצ־קייט. זיי דרינגען אַריין אינעם לייענער מיט זייער אַפאָריזמישקייט. אַמאָל מיטן קאַפּריערישקייט זייערן. נאָר דער „רויטער פאָדעם" פון זיין פאָדערונג צו ליטעראַטור, בפרט ייִדישער, איז קיינמאָל נישט איבערגעריסן.

אין די גאָר־רייפע יאָרן דעם מחברס איז דערשינען דאָס ערשטע עסעיען־בוך זיינס. איר שפּירט, אַז אויסגעוואָרעמט האָט זיך עס אין זיין געמיט און געדאַנק. אויך אין די איבערגערייפטע יאָרן פון אונדזער ליטעראַטור איז דאָס בוך אַרויס.

שפּעטע יאָרן. רייפע יאָרן, געבענטשטע יאָרן.

נאָוועמבער, 1964

וואַרשעווער הינטערגעסלעך

משה קנאַפּהייס „אַ יינגל פון וואַרשע״, יובילעי־אויסגאַבע, ראָמאַן אין צוויי טיילן, אַכט רינגען, צוויי בענד, בוענאָס־איירעס, 1960.

משה קנאַפּהייס איז אַ פּאָעט, וואָס איז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געקומען קיין בוענאָס איירעס און האָט דאָרטן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער״. אין דער פּאָעזיע איז קנאַפּהייס אַ ליריקער. וואָס איז אָבער זייער אָפּגעהיט זיך אַליין נישט צו אַנטפּלעקן. ער שרייבט דאַכט זיך לירישע איבער־לעבונגען, אָבער זיי זענען אַלגעמיינע, די פּערזענלעכקייט פונעם פּאָעט בלייבט פאַרן לייענער פאַרהוילן. ער בויט אַ גוטן פערז, אַ סך מאָל צו פאָרמאַליסטיש, אָבער איר האָט פאַרט אַן עסטעטישע הנאה פון זיינע לידער. ער וואַרעמט נישט אָן, ער פוצט זיי אויס און, אַפילו די חורבן־לידער זענען ביי אים שפּילעוודיק שיין.

צי משה קנאַפּהייס האָט שוין געשריבן דערציילונגען, ווייס איך נישט. דאָס בוך „אַ יינגל פון וואַרשע״ איז דאָס ערשטע וואָס איך לייען ביי אים. נאָר גראָד אין דער פּראָזע אַנטפּלעקט ער זיך מער ווי אין דער פּאָעזיע. דאָס ערשטע בוך פונעם ראָמאַן איז, נאָך אַלע סימנים, אויטאָ־ביאָגראַפיש. דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן איז אַ יידיש בחורל, וואָס הייסט משה מעט, און דער אימפּעט פון דעם נאַראַטיוו שאַפט דעם איינ־דרוק, אַז דער שרייבער דערציילט פון זיך אַליין. קאָווירן דערפאַר וועל איך נישט, נאָר דער אינטימער טאָן אין דער דערציילונג, — אַ סך מער ווי די לידער זיינע, — איז אַן אָנצוהערעניש, אַז ער אַליין האָט אַ שייכות מיט דער מעשה.

אפרים אויערבאך

כאַטש דער אָנהייב פון דער דערציילונג איז אין דער צייט פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און ציט זיך אַריין אין די פּילסודסקי־יאָרן, און משה קנאַפּהייס איז ערשט געוואָרן פופציק יאָר, קענט איר זיך דאָך נישט באַפרייען פונעם איינדרוק, אַז דערציילט דערציילט ער פון די פערזענלעכע דערפאַרונגען. איר זעט, אַז ער איז היימיש אויף די וואַרשעווער הינטערגעסלעך, אַז ער האָט אַן אייגענע דערפאַרונג מיט דער וואַרשעווער אונטערוועלט. לכל הפּחות שפּירט איר דעם שרייבערס נאָנטשאַפט מיט די העלדן, וואָס ער באַשרייבט, בפרט מיטן הויפּטהעלד.

דאָ האָב איך זיך געפרעגט: פאַרוואָס דאַרף אַ פּויליש־יידישער שרייבער שעפּן דעם מענטש־מאַטעריאַל זיינעם פון די הינטערגעסלעך און דער אונטערוועלט? די פּויליש־יידישע ליטעראַטור צווישןביידע וועלט־מלחמות איז געווען פול מיט נעגאַטיווע און אַפילו אָפּשטויסנ־דיקע טיפּן. אַז דער צוקונפטיקער יידישער היסטאָריקער, אָדער גאָר אַ נישט־יידישער, אַז ער זאָל קומען פאָרשן דאָס יידישע לעבן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות און דאָס ערשטע וועט ער זיך וואַרפן אויף דער יידישער ליטעראַטור, וועט ער קוועטשן מיט די פּלייצעס. ער וועט פרעגן: ווו איז דאָס גרויסע יידישע לעבן, וואָס דער נאַציזם האָט אומ־געבראַכט? און אַז דער היסטאָריקער זאָל דאָס יידישע לעבן צווישן ביידע וועלט־מלחמות שילדערן נאָך דער ליטעראַטור פונעם דאָזיקן פּעריאָד וועט אַן ספק אַרויסקומען אַ פאַלש בילד, אַ פאַרקרימט און צעקאַליעטשעט בילד.

זאָג איך דאָס דערפאַר, וואָס משה קנאַפּהייס, וואָס פאַרמאָגט אַזויפיל וואַרעמקייט אין זיין דערציילן, איז אויך אַריין די וואַרשעווער הינטערגעסלעך און די מענטשן, וואָס ער מאָלט, זענען אָדער פולע אונטערוועלטניקעס, אָדער זיי שטייען אויף דער גרענעץ פון דער אונטערוועלט. אַפילו אַז קנאַפּהייס איז אויסגעוואַקסן אויף דער דזשיקע גאַס, אָדער נאָך מער הינטערגעסלדיקע גאַסן, איז אויך אַביסל קשה צוואָס ער דאַרף איצטער מאָלן אַזעלכע טיפּן. וואָס פאַרמאָגן נישט אין זיך די מינדסטע יידישע אידעע, אַ פונק פון דער יידישער שיינ־קייט אין פּוילן.

משה קנאַפּהייס איז אַן אימפּעטיקער דערציילער, דער נאַראַטיוו יאָגט אים אַזוי, אַז ער האָט נישט קיין צייט פאַר פּסיכאָלאָגישן אַריינ־דרינג. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, קומען די מענטשן ביי אים אַרויס פול, דער עיקר פולבלוטיק. דאָס בוך איז פול מיט באַוועגונג, מיט דער־ציילערישן דינאַמיט און אַמאָל האָט איר דעם איינדרוק, אַז דער עיקר איז ביי אים געווען דערציילן די מעשה, נישט פאַרטיפן זי. קענען דערציילן אַ מעשה איז אַ מדרגה, נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור, בפרט נאָך אין איצטיקן פעריאָד, בפרט שבפרט נאָך פון פוילן, ווילן מיר דעם „אפשר נאָך העכער". מיר האָבן נישט דעם מוט צו מאָנען ביי אַ שרייבער דרך־ארץ פאַרן יידישן מענטשן, וואָס איז ביי אונדז געוואָרן אַ קדוש. וואַרשע, וויסן מיר, האָט געהאַט אַ טייערע איבער־וועלט, שיינע יידן, דערהויבענע מענטשן, פאַרוואָס זאָל זיך אַ שרייבער ראַיען אינעם מענטש־מיסט?

נאָר דאָס האָט נישט קיין שייכות צו דער קוואַליטעט פונעם בוך. משה קנאַפּהייס, האָב איך געזאָגט, איז אַן אַנגעהיצטער דערציילער. צו די מענטשן, וואָס פון זיי דערציילט ער, איז ער כלל נישט קינסטלעריש גלייכגילטיק. ער זיצט נישט אינעם שרייבערישן אייבערשטיבל, בעת ער דערציילט פון זיי. ער איז מיט זיי אויסגעמישט, געזאָגט וואָלט איך, אַז ער לעבט מיט זיי מיט די געשעענישן. פון איין זייט איז דאָס אַ מעלה, וואָרעם דער לייענער פילט דעם הייסן אָטעם פונעם שרייבער. פון דער אַנדערער זייט שטערט אייך דאָס צופיל פון אינטימקייט מיט די העלדן. סע איז אָבער קיין ספק נישטאָ, אַז בעת איר הייבט־אָן צו לייענען די דערציילונג, שלעפּט זי אייך, איר ווילט דערגיין ביז צום סוף, וויסן וואָס ווייטער איז געשען. משה קנאַפּהייס האָט דערציילעריש בלוט, ער האָט דאָס לשון פאַר דערציילונג, כאָטש אים פעלט די קינסט־לערישע רויִקייט אויסצוּוועבן אַ דערציילונג. איז קינסטלערישע אומרו אָפט אַ מעלה אויך ביי אַ דערציילער, אָבער די אומרו איז ביי קנאַפּ־הייסן נישט אַרויסגערופן פון די טיפע איבערלעבונגען ביי זיינע העלדן, נאָר גיכער נעמט זי זיך דערפון, וואָס ער וויל וואָס מער דער־ציילן, וואָס מער אויפרעגנדיקע געשעענישן ברענגען. אַזאַ אומרו איז נישט אַלעמאָל פון ריינסטן קינסטלערישן שטאָף.

אַזוי־ווי אָבער דאָס איז די ערשטע גרעסערע דערציילונג זיינע, קענען מיר האָפן, אַז ווען ער וועט זיך אויסלערנען ווי צו צוימען דעם אימפעט, וועט קנאָפּהייס ווערן אַ וויכטיקער דערציילער.

משה קנאָפּהייס האָט בטבע ליב אויסגעפּוצטקייט, דעקאָראַטיווקייט. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין אַכט רינגען, וואָס איז אַ מין פֿאָעטישער אָנשטעל. אַ חוץ דעם איז עס געדרוקט אויף אַזאַ שטייף פּאַפּיר, ווי סע וואָלט געווען פּאַרמעט. דאָס שער־בלאַט איז געדרוקט מיט גרינער טינט און באַצירט מיט צייכענונגען. הכלל, דאָס אויסערלעכע אויסזען איז אַ יום־טובדיקס. נאָר, אַז איר קומט אַריין אינעווייניק, באַפאַלט אייך אַ גרויל לעבן, אַ רוי לעבן, פול מיט שיכורים, שלעגערס, זינדערס און פאַרברעכערס. איר טראַכט דערביי: הלוואי וואָלט דאָס בוך אויסערלעך געווען וואָכעדיקער און אינעווייניק יום־טובדיקער, יידיש דערהויבענער.

דעם סיפּור המעשה איז שווער איבערצוגעבן, וואָרעם דער עיקר אין איר איז, וואָס ער איז אַזוי אָנגעפּאַקט, אַזוי אימפּעטיק. דאַכט זיך, אַז די צוויי בחורימלעך, וואָס ער מאָלט, משה מעט און זיין חבר וועלוול מאַגיד, זענען יידישע קינדער, פון אונדזער סביבה. איינער פון זיי, וועלוול מאגיד איז „אַ קליינטשיק, זשוואַווע בחורל, — מיט גוטע, ברוינע הירשן־אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף אַלעמען מיט אַן אומעט, ווי דורך אַ נעפּל“, און דאָך ווערן זיי עפּעס נישט יידיש אינעם גאַנג פון דער דערציילונג. ער פירט זיי אַריין אין וועלט פון פיזישער און גייסטיקער רויקייט אין גוישע שענקען, צווישן אונטערוועלטניקעס און זיי אַליין ווערן אין דער דאָזיקער רויער וועלט אַריינגעוואַקסן.

די צוויי חברים, משה מעט און וועלוול מאַגיד, זענען געווען אויפן פראָנט קעגן די באָלשעוויקעס, ביידע האָבן געהאַט אַ טונקעלע איבער־לעבונג, אַז זיי קעמפן ווי יידן, צו געווינען פאַרן פוילישן יידנטום מער אָנזען. זיי האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיט העלפן פוילן אין איר גרעניצ־קעגן דעם נייעם רוסישן יאָך, דעם סאָוויעטישן, וועלן זיי באַפרייען יידן אין פוילן פונעם אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז אפשר דער תוכן פון דער דערציילונג. אַז זיי קומען צוריק, טרעפן זיי נאָך אַ מער צעפלאַקערטן אַנטיסעמיטיזם און מיט אַט דערשיינונג איז פאַרנומען דער ערשטער

באַנד פון „אַ ייִנגל פון וואַרשע”. נאָר קנאַפּהייס איז צופיל אימפּעטיק. דער דערציילערישער אימפּעט לאָזט אים נישט זיך צו פאַרהאַלטן אויף די טיפערע טעמאַטישע פּרטים. ער איז רק דאָרשטיק צו דערציילן געשעענישן און דער תוכן טרינקט זיך ממש אינעם געלויף פון פּאַסירונגען.

וואַרשע נאָך דער באָלשעוויסטיש־פּוילישער מלחמה, איז גוט געמאָלן, נאָר פאַרוואָס דער שרייבער האָט דווקא געדאַרפט אַוועקגיין צו די נידעריקסטע טיילן פון דער שטאָט און נישט צוקומען אַביסל נענטער צו דער אינטעליגענץ — דער יידישער, — וואָס האָט אין פּוילן געפירט אַזאַ העראָישן קאַמף, איז אַביסל קשה.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, פאַרמאָגט משה קנאַפּהייס אַ געזונט יידיש לשון, כאָטש מיט צופיל לאָקאַליזמען. מכח לאָקאַליזמען איז כדאי צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. דער שרייבער פון די שורות זינדיקט אויך מיט לאָקאַליזמען, — נישט פּוילישע, נאָר בעסאַראַבישע. איז ער דערפאַר נישט קיין שונא פון לאָקאַליזמען. פאַרקערט, ער האַלט, אַז לאָקאַליזמען באַרייכערן דאָס יידישע לשון. סע איז אָבער דאָ אַ גרענעץ: אין איבערגעבן אַ שמועס מוז דער שפּראַך־לאָקאַליזם אַריינקומען, אָבער נישט אין סתם באַשרייבונגען. נאָר דאָס איז דרך אגב. בדרך כלל האָט איר הנאה פון דעם שרייבער משה קנאַפּהייס, ווי ער בויט אַ זאַץ, ווי ער צייכנט דעם מענטשן, ווי ער בינדט צונויף די פעדעם פונעם נאַראַטיוו. נאָר וואָס ער האָט צו טאָן נאָר מיט יידן, וואָס זענען מיט זייערע אינסטינקטן יידן מער ווי מיט זייער באַוווסטזיין, איז אייך אָפּט פריקרע און איר ווילט פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון אַ טאַלאַנטפולן דערציילער, וואָס פאַרכליניעט זיך פון רויקראַפט.

דאָס ערשטע בוך פון משה קנאַפּהייס איז אַ גוטער צוזאָג. ער האָט עס צוגעטראָגן דער ליטעראַטור אונדזערער צום פּופציקיאָריקן יובל זיינעם. פּאָעטן, אַז זיי וואַרפן זיך אַריבער אין זייער רייפער עלטער אויף פּראָזע, זענען אָפּט ראָמאַנטיש, אַפילו סענטימענטאַל. משה קנאַפּהייס האָט די אַלע חסרונות אויסגעמיטן. ער איז פּראָזאַיִש אויסגעשטאָלט, פון דער פּאָעזיע האָט ער נאָר אַריבערגענומען דאָס בילדלעכקייט פונעם לשון. אַז ער וועט זיך נאָך באַפרייען פון צו האַסטיקן אופן דערציילן, אַז ער

װעט זיך, װאָלט איך געזאָגט, אויסניכטערן פונעם נאַראַטאָרישן שיכרות, װעט אין אונדזער ליטעראַטור צוקומען אַ װיכטיקער בעלעטריסט.

מיט די אַלע קריטישע איינװענדונגען, האָלט איך דאָך, אַז קנאַפּהייס האָט מיט זיין ערשטן בוך פּראָזע, לכל הפחות ערשטן, װאָס איך האָב געלייענט, געגעבן אַ סך מער אויסדרוק די לירישע שטימונגען זיינע, װי אין די לידער.

„דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן" פון מלך ראַוויטש

צו זיין פולן שרייבערישן יובל — פופציק יאָר זינט ער האָט אָפּגע־דרוקט דאָס ערשטע בוך לידער זיינס, — האָט מלך ראַוויטש אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד פון „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן". אינעם דאָזיקן באַנד, וואָס האָט 64 קאַפּיטלעך, איז ער דערגאַנגען ביזן 15־טן יאָר פון זיין לעבן. ווי ראַוויטש זאָגט אויף זיך אַליין, האָט ער געלעבט אויף אַלע פינף קאָנטינענטן פון דער וועלט, און צונויפגעטראָפן האָט ער זיך מיט די וויכטיקסטע יידישע שפּעטערס אין משך פון כמעט צוויי דורות. ער איז דורכגעגאַנגען — אי ווי אַן אַקטיווער באַטייליקטער און ווי אַ נאָענטער צוקוקער, — די שטורמישע יאָרן פון פאָלקיש־יידישן אויפבלי און די טראַגישע יאָרן פון פאַרלענד. ער איז געבענטשט מיט אַ קינסטלעריש־רעפּאָרטעריש אויג אין אַ הויך געלייטערטער מאָס. מעגן מיר דערוואַרטן, אַז דער פאַרנעם פון זיין „מעשה־בוך" זאָל זיין דאָס מעשה־בוך פון צוויי דורות יידיש־שעפערישקייט, צוויי דורות יידישע שעפערישע געשטאַלטן.

דער ערשטער באַנד גיט אונדז אַ מוסטער פונעם ברייטן פאַרנעם ראַוויטשעס. דאָ דערציילט דער מעשה־דערציילער נאָר פון זיין היים, פון זיין שטעטל אין גאַליציע, פון דער משפחה זיינער, — אַ קליין וועלטל דאַכט זיך, אָבער צענדליקער געשטאַלטן שטייען דאָ אויף תחית המתים. יעדער געשטאַלט האָט אַן אייגן פּנים, איז אויסגעפורעמט רעאַ־ליסטיש, אָבער דער רעאַליזם ביי ראַוויטשן איז אין תוך שרייבערישע פאַנטאַזיע. ער רופט אָן מענטשן מיט זייערע אמתע נעמען, ער נעמט דאָס רויע לייִם זייערס און קנעט פון זיי אויס מענטשן, וואָס נאָר ער האָט זיי אַזוי געזען.

געהייסן האָט ער, — וקרא שמו בישראל, — זכריה חנה (און חנה דווקא מיט אַ הא, נישט מיט קיין אלף), — נאָר גערופן האָט מען אים

זוזי און זיגמונט. דער פאַמיליען־נאָמען זיינער איז בערגנער, נאָר פון די אַלע נעמען האָט ער פון זיך אויסגעפורעמט מלך ראַוויטש. איך זאָג באַוווסטזיניק, אַז ער האָט „פון זיך אויסגעפורעמט", ווארעם נאָך יאָרן צוריק האָבן מיר זיך נישט געקאָנט אויסמאָלן, אַז מלך ראַוויטש האָט באַהאַלטן הינטער זיך אַנדערע נעמען. דאַכט זיך, אַז אונטער אַן אַנדער נאָמען וואָלט ער נישט געווען דאָס אייגענע געשטאַלט. פאַרוואָס ער האָט זיך „פאַרשטעלט" פאַר מלך ראַוויטש האָט ער אונדז נאָך נישט דערציילט. — ער זאָגט־צו צו דערציילן די מעשה פון זיין נאָמען. נאָר וואָס ער זאָל אונדז נישט דערציילן וועלן מיר זיך סיי־ווי נישט אָריינלעבן אינעם אַנדערן, דעם אידערדיקן מלך ראַוויטש.

עפּעס קען איך זיך נישט דערמאָנען קיין זכרונות־ביכער פון גאַליציע, דער עיקר פונעם קליינעם שטעטל. פאַרשטייט זיך, אַז שלמה ביקלס „אַ שטאָט מיט יידן" געדענקט זיך, אָבער טאַקע מער נישט. משה נאַדיר האָט יאָ אָנגעהויבן צו שרייבן די מעשה פון זיין שטעטל, אָבער ביי אים האָט איר נישט געקענט וויסן, צי ער שפּילט דעם ניגון פון זיין שטעטל, צי ער האָט גענומען אַ פרעמדן ניגון און אים אַריינגעזונגען אין זיין שטעטל. די וויכטיקסטע זכרונות פון בער באָלעכאָווער, אָבער זענען פון אַ גאָר עלטערער עפּאָכע. אַביסל נענטער צו אונדזער צייט זענען די זכרונות פון ר' יוסף מאַרגאָשעס. מלך ראַוויטש האָט אונדז געגעבן קודם די משפחה זיינע און דורך איר איז אויסגעוואַקסן דאָס קליינע גאַליצישע שטעטל.

בכלל איז מלך ראַוויטש אין זיין פּראָזע אַביסל אויף אַ העכערער טרעפּ, ער רעדט די פּראָזע זיינע מיטן אייבערשטן טראָפּ. אינעם ערשטן בוך פון זיינע זכרונות איז ער דערגאַנגען צו דער מדרגה פון געלייטערטער פשטות. אין דער הקדמה פאַרגינט ער זיך נאָך צו זאָגן, — אַ היבש ביסל דראַמאַטיש, — „גיי דיר געזונט, דו מעשה־בוך פון מיין לעבן, מיין איצטיקן גילגול, גיי אַוועק פון מיר און בלייב אַליין, שטאָט מיין לעבן און מיין לייב. עפן דיך, בלעטער דיך, ווער געלייענט, ווער איבערגעלעבט". אין די קאַפּיטלעך, וואָס דערציילן די מעשה פון זיין לעבן, איז נישטאָ דער מינדסטער שפּור פון דראַמאַטיזם, נאָר דערציילט און געמאָלן.

אדיפקלערן דאַרף איך נאָך דעם זאָג „מיין איצטיקן גילגול״. ראַ־וויטש גלויבט, ווייזט אויס, אין גילגול. עס איז איינער פון זיינע גלויבנס, וואָס זענען היבשלעך מיסטיש. אין די מעשיות איז ער גאָר־נישט מיסטיש, די מענטשן זעט ער מיט אַ געזונטן, רעאַליסטישן חוש.

וואָס איז געווען דער טרייב־קראַפט אין ראַוויטשן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין איבערוואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד, פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט? דאָס האָט ער אונדז נאָך נישט אויפגעקלערט. פאַר־קערט, די משפּחה זיינע איז געווען אַן איינגעוואָרצלטע אין דער סביבה. אפשר וועט ער אונדז אויפקלערן דעם וואַנדער־לוסט אין אים אין די ווייטערדיקע בענד. אינעם איצטיקן בוך פּרוּווט ער נאָך אָנצוווּנקען פאַרוואָס ער איז אַ וועגעטאַריער און פאַרוואָס ער האַלט זיך פעסט ביי אַ קאָדעקס מידות — אַ מין עטיק, וואָס ער האָט אין זיך אויסגע־האַרעוועט. דאָס איז אָבער נישט דער עיקר פונעם בוך, נאָר די מענטשן, די סביבה, דער ייִד — און מענטש־קלימאַט.

די ראַוויטש־משפּחה איז געווען, ווי דער מחבר דערציילט אונדז, אַ האַרמאָניע פון יידישער טראַדיציאָנעלקייט און היינטוועלטיקייט. די מאַמע זיינע איז געווען אַ מלומדת, אָבער נישט סתם אין די „קליי־נע פינטעלעך״, — זי איז געווען היימיש אין דער דייטשער ליטע־ראַטור, אין דער פּוילישער און האָט געדענקט אויף אויסנווייניק די פּאָעזיע פוןביידע לשונות. דער טאַטע איז געווען אַ וועלט־מענטש, זיך געקליידט דייטשמעריש, אַרומגעפאָרן פאַר מסחר אין ווייטע מקומות. ראַוויטש באַשרייבט אויף אַ וווּנדערלעכן אופן דעם טאַטנס קליידער־שאַפע, די עטלעכע צילינדער־היט, וואָס ער האָט געהאַט, די בגדים פון כלערליי צייטן פון יאָר, אַפילו צייטן פון טאָג. אָבער שבת און יום־טוב האָט ער געטראָגן אַ קאַפּאָטע, אַ גאַרטל און אַ שטריימל. אַזאַ טיפּ ייִד איז פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג, ווי די גאַנצע משפּחהדיקע סביבה ראַוויטשעס איז פאַר מיר אַן אַנטפּלעקונג.

אין דער משפּחה איז געווען יידישע פרומקייט. ראַוויטש דערציילט אָבער אויך פון צעלאָזנקייט אין דער משפּחה, פון שמד אַפילו און פון אַ מיידל אַ שוועסטערקינד, וואָס איז געוואָרן אַ פּראָסטיטוטקע. אַזוי ווי ביי אים איז נישט דער עיקר אַרויסצוברענגען דעם פּסיכאָלאָגישן

פלאָנטער אין די מענטשן, וואָס ער מאָלט, — דעם מענטשנס דרך נעמט ער אָן ווי אַ מין גזר־דין, — בלייבן אונדז די שפּיציקע זייטן נישט אויפגעקלערט. און אפשר איז טאַקע פאַר אַ משפּחה־כראָניקער נישט נויטיק אַריינצודרינגען צו טיף אין די פּסיכאָלאָגישע פאַרדרייענישן פון מענטשן. ער קען נישט נעמען אויף זיך די עובדה פונעם בעלעטריסט, וואָרעם ער איז דאָך סוף־כל־סוף אַ צד און ער קען נאָך נכשל ווערן מיט צופיל מלמד־זכות זיין אויף די משפּחה־מענטשן.

טאַטע־מאַמעס זיינע האָבן געהאַט דריי זין, אָבער אַזוי ווי דאָס בוך ענדיקט זיך ביים מחברס פּופּצניאַריקער עלטער און דער יינגסטער ברודער, הערץ בערגנער, איז דאַמאָלס געווען נישט מער ווי 2 יאָר, וואַקסן אַרויס נאָר די צוויי ברידער: דער עלטערער משה און דער שרייבער אַליין. משה איז עלטער געווען נישט מער ווי אויף אַ יאָר, ביידע זין, הייסט עס, זענען געוואַקסן אינאיינעם, אין איין סביבה, אין איין פּסיכיק. מאָלט ראַוויטש דעם עלטערן ברודער, ווי לגמרי אַנדערש ער איז געווען פון אים. זיך אַליין מינימיזירט ער כמעט, משהן שטעלט ער אַוועק פאַרן שטאַרקן כאַראַקטער, פאַרן אויסגעהאַלטענעם, בעת זיך האַלט ער פאַרן שוואַכערן. צי איז דאָ נישט גובר ראַוויטשעס מידה פון עטישקייט? אַ טראַגישער איז משה געווען. פון די קינדערשע יאָרן אָן האָט ער זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע קינדער אין דער משפּחה, ער האָט געטראָגן אין זיך אָן עלנט, וואָס קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען. קיין שום שטראָף האָט אים נישט געקאָנט בייגן. צען יאָר האָט ער געלעבט אין ארץ ישראל, געלערנט מאָלעריי אין דער בצלאל שולע, געקומען קיין ווין, אַריין אין דער דאָרטיקער קונסט אַקאַדעמיע, אָבער אין דער עלטער פון 28 יאָר האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן. ראַוויטש פּרוּווט נישט אויפקלערן דעם טראַגיזם פון זיין עלטערן ברודער, אָבער ס'וואַקסט אַרויס אַ מענטש, וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַ סך טאַלאַנטן, נאָר נישט מיטן טאַלאַנט צו קענען לעבן.

דער פאָטער ראַוויטשעס איז געווען אַ מענטש מיט אַ באַזונדערן לעבנס־דרך: גבירישקייט האַרמאָניזירט מיט באַשיידנקייט. ער האָט זיך געפירט ברייט־באַלעבאַטיש, אָבער אין זיך איז ער געווען אַ סך

מאָל געפאַלן. אפשר האָט זיך עס גענומען דערפון, וואָס די מאַמע, הינדע, — דאָס ווייב, — איז געווען אַזאַ פאַרביקע פערזענלעכקייט? אפשר דערפון, וואָס פונעם שווערס צד איז דאָס רייכקייט געקומען, נישט פון זיינעם? דער טאַטע גייט־דורך אַלע קאַפּיטלעך אַן אַריינ־געוואַקסענער אין דער משפחה, אָבער צו דער אייגענער צייט אַ פרעמדלעכער.

פון דער מאַמען איז אָפּגערעדט. ראַוויטש דערציילט, ווי זי האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז אין שטעטל האָט מען זיך צו איר געשדכנט, נאָר זי איז „פאַרזעסן" ביז דער עלטער פון צוואַנציק יאָר, דערפאַר וואָס זי איז געווען אַן אויסקלייבערין. זי האָט אַלע מאָל געזאָגט צו די דריי זין אירע, „אַז זי האָט אונדז געזען אין אירע חלומות און זי האָט נישט געוואָלט, אַז אַבי ווער זאָל זיין אונדזער טאַטע. נאָר זי האָט געוואָלט, אַז טאַקע אונדזער טאַטע זאָל זיין אונדזער טאַטע... און זי האָט אויסגעפירט". זי איז געווען אַ מערקווירדיקע פרוי און דער מעשה־דערציילער פון זיין לעבן רעדט פון איר אי מיט ליבשאַפט, אי מיט גרויס דרך־ארץ.

מלך ראַוויטש דערציילט פון פעטערס און מומעס, פון שוועסטער־קינדער און סתם יידן אינעם קליינעם גאַליצישן שטעטל רעדים, אָבער די אַקס פון דער משפחה איז געווען דער מאַמעס טאַטע, יאָסל ראָזנ־בלאַט. די מאַמע הינדע איז טאַקע אַן אינטערעסאַנטער מענטש, גראָד דערפאַר וואָס זי איז שוין געווען אַן „אויפגעקלערטע", ווערט דאָס געשטאַלט אירס געמיינערט לגבי דעם טאַטן אירן, וואָס „איז געווען אַ פשוטער, אָבער זייער סטאַטעטשנער ייד, וואָס איז פון דלות, דורך מזל און גרויס פלייסיקייט, אַריבער צו גרויס עשירות. ניין, טאַקע צום גרעסטן גביר פון שטעטל". אָט דער פשוטער ייד, וואָס האָט זיך אַפילו אויף פויליש נישט געקענט אונטערשרייבן, האָט ממש אויפגעבויט אַ גאַנצע משפּחהדיקע מלוכה. אַלע פון דער משפחה זענען געווען אונטער זיינע פליגל. זיך אין אַ גרויסער מאָס מפרנס געווען פון אים און צוגע־בונדן צו אים. ער האָט די מלוכה זיינע געפירט אויף אַ ברייטן פאַר־נעם, האָט פאַרמאָגט אַ סך גוטע מידות, אָבער ער איז אויך געווען אַ שטיקל הערשער.

איינס פון די שענסטע קאַפּיטלעך אין בוך איז, ווי דער זיידע וויל צו 78 יאָר ווערן אַ חתן. דאָס קאַפּיטל הויבט ראַוויטש אָן מיט אַ ציטאַטע פון זיין מאַמעס הינדעס בוך „אין די לאַנגע ווינטער־נעכט". דערציילט הינדע בערגנער אַזוי:

„די מאַמע מיינע האָט געלעבט 73 יאָר. אָבער צוואַנציק יאָר איז זי געווען קראַנק. דער טאַטע האָט זיך געפּילט באַעוולהט דאַדורך. איך געדענק, ווי ער פלעגט אַ סך מאָל זיין פאַרקלערט און אומעטיק, און זיך שטילערהייט זינגען אַ פאַרבענקטן ניגון. און אַפילו ליב געהאַט איינצוטענהן מיט אַ שכנה און האַלטן איר האַנט"...

נאָך דעם ווייבס טויט, דערציילט שוין ראַוויטש אַליין, „האָט זיך געבומען שטאַרקן אין מיין זיידנס נשמה „דער פאַרבענקטער ניגון" און איז געוואָרן אַ הויך געזאַנג אין זיין אַלט האַרץ. דער זיידע יאָסל האָט געוואָלט חתונה האָבן. ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן צו נעמען אַ דאָרפס מיידל פון אַכצן יאָר... האָט געדאַרפט זיין דער „באַשוי", — ביידע צדדים זאָלן זיך אָנקוקן. דורכפירן דעם „באַשוי" האָט מען גע־דאַרפט אין דער שטיל, די קינדער זאָלן זיך נישט דערוויסן. קומט דאָ אַ קלאַסישע סצענע, ווי אין אַ זומערדיקער נאַכט כאַפּט זיך אַרויס דער אַלטער פון זיין „קאַמעניצע" און פרוווט אַריבערלויפן די קורצע שטרעקע, וווּ דער „באַשוי" האָט געדאַרפט פאַרקומען. נאָר געטראָפן האָט, אַז אין דער פול־לבנהדיקער זומערדיקער נאַכט זענען די קינדער געזעסן שפּעט אוּן זיי האָבן געזען, ווי ר׳ יאָסל גייט, „זייך באָרד זיל־בערט זיך אין לבנה ליכט אויף זיין שיינער, לאַנגער בעקעשע, אין דער רעכטער האַנט זיין גרויסער שטעקן, אין דער לינקער אַ לאַמ־טערן...

דער „באַשוי" האָט זיך געענדיקט טראַגיש פאַרן זיידן: אין דער לבנהדיקער זומערדיקער נאַכט זענען די קינדער און אייניקלעך געזעסן אין דרויסן און האָבן דעם זיידן „געכאַפּט ביי דער האַנט". אַ פאַר־שעמטער האָט זיך דער זקן געלאָזט לויפן צוריק און דער עלטסטער איידעם, אברהם הערש, האָט געזאָגט: „פון היינט אָן וועל איך יעדע נאַכט נעכטיקן ביי אייך"... אין אירע זכרונות האָט ראַוויטשעס מאַמע

פאַרשריבן עטלעכע ווערטער פונעם דאָזיקן אינצידענט: „אָבער וואָס אַן אמת, די קינדער האָבן נישט דערלאָזט"...

אַן אַדיסערגעווייגלעך קאַפּיטל איז „מיין טאַטנס און מיין מאַמעס ניגונים", ווו ראַוויטש דערציילט, אַז דער טאַטע האָט געהאַט אַן אייגענעם ניגון און די מאַמע האָט געהאַט אירס אַ ניגון, „וואָס דאָס איז געווען דער לעבנס־ניגון פון יעדנס לעבן". דער מאַמעס ניגון איז געווען פון אַ פּוילישן ליד וועגן אַ בין און דעם טאַטנס ניגון האָט קיין ווערטער נישט געהאַט. ער דערציילט: „די מאַמע האָט געהאַט אַ טבע צו זיצן שעהן־לאַנג און קוקן פאַר זיך און שווייגן. ביים סוף פון אַזאַ שווייגן און קוקן פאַר זיך, פלעגט זי זיך פּלוצים צעזינגען, זינגען איר ניגון, און דאָס האָט איר געגעבן כוח אויפצושטיין און צו טאָן, וואָס זי האָט געדאַרפט גראַד טאָן". דעם טאַטנס ניגון האָט קיין ווערטער נישט געהאַט: „קודם פלעגט דער טאַטע אַזוי שטיין און שווייגן. אַ פערטל שעה. אַ האַלבע שעה. און אַט האָט ער אָנגעהויבן שטיל, שטיל צו זינגען זיין ניגון. און וואָס ווייטער, אַלעמאָל העכער און העכער, אָפטמאָל אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד"... לייענט איר פון די ניגונים און אייך דאַכט זיך, אַז איר הערט זיי. די מענטשן ווערן פולער אין דער באַשרייבונג פון זייערע ניגונים.

מלך ראַוויטש, וואָס איז אין זיינע לידער אַ בעל־תכלית, — עטישן תכלית, — איז אין די זכרונות נישט תכליתדיק, דורכאויס דערציילער־ריש איז ער און דאָס איז איינע פון די גאָר גרויסע מעלות אַן בוך. כאָטש די זכרונות זענען איינגעשלאָסענע אין דער משפחה, וואַקסט דאָך אַרויס דאָס געשטאַלט פון אַ ידיש שטעטל אין גאַליציע, — מיט די פּירונגען, מיט די פּרנסות, מיט אַן אַ צאָל געשטאַלטן, וואָס שניידן זיך איין אין דעם לייענערס געמיט.

אַ ידישע וועלט האָט מלך ראַוויטש אויפגעבויט. ער האָט דעם בנין נישט באַפּוצט. נישט אויפגעהאַנגען קיין פליטערלעך אויף אים. איר פילט אָבער דעם קינסטלערישן אונטערשטראָם פון ליבשאַפט צו דער דאָזיקער וועלט.

יולי, 1962

מנוחה ראַמס נאָוועלע וועגן סיביר

אין סיביר זענען די פאַרשיקטע ייִדן דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום. אין סיביר, ווו סטאַלין האָט זיי כלומרשט געראַטעוועט פון היטלערס הענט, האָבן ייִדן געהאַקט וועלדער, געהונגערט און געבויט ישובים. סיביר איז געווען פאַרן רוב פּוילישע ייִדן, וואָס זענען אַנט־לאָפן פון די נאַצישע חיילות, אַ ביטערע דערפאַרונג, וואָס אַ סך פון זיי — נאָך יאָרן אין ישראל, אַמעריקע, אָדער אַנדערע לענדער — זענען נאָך אַלץ קראַנקע, צעבראָכענע מענטשן.

פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אָבער, אַז מיר קוקן אויף איר אין דער שייַן פון אַנטוויקלונג און וווּקס, פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור האָט סיביר גאָר אַ סך אויפגעטאָן. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז נישטאָ קיין שום ליטעראַטור אין דער וועלט — פון דער רוסישער רעדט מען נישט, וואָרעם עס איז דאָך איר סיביר — וואָס זאָל געווען אין משך פון אַ צוואַנציק יאָרן באַרייכערט ווערן מיט אַזוי פיל נייע מאָ־טיוון בכלל און סיבירער מאָטיוון בפרט, ווי די ייִדישע.

ייִדיש־שרייבערס, אַ חוץ ה. לייוויק, זענען נישט געווען פאַר־שיקט קיין סיביר. איז לייוויק טאַקע געווען דער גרויסער אָנהייבער פון סיבירער מאָטיוון אין דער פּאָעזיע. אָבער אַפילו אַזוי איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן די פּוילישע ייִדן, וואָס זענען אין דער צווייַ־טער וועלט־מלחמה פאַרטריבן געוואָרן קיין סיביר און אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטן, ווי לייוויק איז געווען. די פּוילישע ייִדן זענען קיין אַרעס־טאַנטן נישט געווען, דער זשאַנדאַר האָט איבער זיי נישט געבאַלע־באַטעוועט, ווי איבערן פּאָליטישן פאַרשיקטן פון די צאַרישע צייטן. אין אַ זין זענען זיי פרייַ געווען צו טאָן וואָס זיי ווילן, אָבער דערפאַר האָט דער זשאַנדאַר נישט געזאָרגט פאַר זייער אויסקומעניש און זיי האָבן זיך געדאַרפט ראַנגלען פאַרן שטיקל ברויט.

איז זינט דער סוף פון דער צווייטער וועלט מלחמה די יידישע ליטעראַטור באַרייכערט געוואָרן מיט זכרונות און אַפילו פולע ראָמאַנען, וואָס סיביר איז אין זיי דער סאַמע עיקר. אמת, מיר האָבן סוקצעוורס וווּנדערלעכע באַלאַדעס פון סיביר — באַלאַדעס אַפילו אַז זיי זענען געשריבן אין פּאָעזיע — אָבער זיי פאַרמאָגן נישט דעם נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, וואָס די סיבירער ווערק פון די לעצטע יאָרן. ביי סוקצעווערן איז סיביר נישט קיין נאַציאָנאַלער טראַגיזם, בעת ביי די שרייבערס, ווי אברהם זאַק און אַנדערע, איז סיביר געווען אַ שטיק פון דער נאַציאָנאַל־יידישער טראַגעדיע. זיי האָבן אין סיביר אויסגעפייניקט דעם טרויער פון פוילישן יידנטום, מיט אַ צוגאָב נאָך פון אַ מין טראַגישן אונטערבאַוווסטזיין, אַז אַ סוף איז געקומען צום גאַנצן מזרח־איראָפּעיִשן יידנטום.

מנוחה ראַם איז אַ שרייבערין, וואָס דערקענט האָבן מיר זי ערשט אין די לעצטע עטלעכע יאָר. זי איז מגולגל געוואָרן קיין פּאַריז, ווו זי מיט איר מאַן משה וואַלדמאַן האָבן אויפגעבאָוועט אַ שיינע פאַמיליע און אין זייער היים וואַרעמט זיך דאָס ביסל יידישע ליטעראַטור פון פראַנקרייך. צוריק מיט עטלעכע יאָר איז אַרויס אַ קליין ביכל דערציילונגען אירס, וואָס מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב זיך אָפּגערופן זייער גינציק אויף דעם. אָבער דאָס קליינע ביכל פון יאָרן צוריק איז געווען נאָר אַ מין פּרוזדור פאַר איר ווייטערדיקן גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור. נאָך דעם איז געקומען דאָס גרעסערע בוך, „ווינטן", וואָס איז שוין אַ פאַרמעסט צו געבן אַ פול־אויסגעפורעמטע דערציילונג. און טאַקע איבערן דאָזיקן בוך, „ווינטן", איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן מער באריכות.

אין ווייטן צפון בושעווען די ווינטן פון מנוחה ראַמס נאָוועלע. עטלעכע יידישע פרויען זענען פאַרוואָרפן געוואָרן אינעם דאָזיקן פאַרווילדעוועטן העק. זיי האָבן מיט זיך קליינע קינדער, נאָר די מענער זענען פאַרשיקט אַ סך ווייטער, און קיין ידיעות פון זיי האָבן די ווייבער נישט. איז אין דער נאָוועלע נישטאָ קיין פולער נאַראַטיוו. איר האָט נישט קיין דערציילונג, ווי עס פירט זיך ביי נאָוועליסטן, אַז איר זאָלט וועלן וויסן וואָס מיט דעם העלד איז געוואָרן און וואָס

עס געשעט מיט אַן אַנדערן. איז דער עיקר נישט די דערציילונג, נאָר די סביבה און די מענטשן, וואָס יעדער פון זיי איז אַ באַזונ־דערער, בולטער טיפּ.

מלחמה־צייט איז עס, אין דאָרף זענען געבליבן בלויז די פרויען, די אַלטע מענער און די גאָר יונגע קינדער. אַלע דאַרפן זיי זיך דורכשלאָגן און זיי האָרעווען שווער, באַזונדערס קומט־אָן שווער די ייִדישע ווייבער וואָס האָבן קליינע קינדער און דאַרפן זיך אַליין מפרנס זיין אין דער גרויסער אָרעמשאַפט פון דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף.

מוז איך זאָגן, אַז עס פאַרשאַפט מיר אַ סך פרייד, וואָס איך קען מיטן פול־ריינעם געוויסן מיינעם זאָגן, אַז מנוחה ראָם איז אַ דער־ציילערין בחסד עליון און אַז זי האָט פאַר אונדז אָנגעצייכנט אַ שטיק לעבן, וואָס אָן איר וואָלטן מיר נישט געוווּסט דערפון. אוודאי, מיר האָבן אַנדערע שרייבערס פון דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט וואָס האָבן זיך אויך אַרויסגעוויקלט פון די שנייאיקע סיבירער סטעפּעס, אָבער מנוחה ראָם איז אַ באַזונדער קאַפּיטל: אַ חוץ וואָס זי דערציילט מיט אַ הויך־קינסטלערישער רויִקייט, אַפילו דער נאַראַטיוו איז פול מיט אומרו, איז זי נאָך געבענטשט מיט אַן אייגנאַרטיקן חן אין דעם אופן דערציילן.

די שרייבערין איז אַ פרומע ייִדישע טאָכטער — נישט פון רע־ליגיעזער פרומקייט רעדט זיך דאָ, נאָר פון מענטש־פרומקייט. נעמען נעם איך עס דערפון, וואָס זי דערציילט פון זאַכן אין דאָרפישן לעבן, וואָס ביי אַן אַנדערן שרייבער וואָלטן זיי געוואָרן ווולגאַר און צע־לאָזן. ביי איר — זי פאַרשווייגט נישט די זינד פון די פויערישע ווײַ־בער, נאָר איבער זיי איז דאָ אַ מין פרומער שלייער, ווי ער וואָלט געוואָרנט: ווייטער קוק נישט... גענוג דער אָנווינק.

אַ חוץ דעם וווּנדערט איר זיך פונוואַנעט עס האָט זיך גענומען צו דער דאָזיקער פרוי, וואָס איז געוואַקסן אויף דער גרענעץ פון ליטע, אַזאַ טיפע קענטעניש פונעם פויערישן לעבן און פון די מינדסטע פּסיכאָלאָגישע דינקייטן, וואָס זי דרינגט אין זיי אַריין, ווי

דאס גאנצע לעבן אירס וואלט זי אפגעלעבט צווישן פויערים און געטיילט מיט זיי איין גורל.

אין דער צייט, וואס איך האב דאס בוך געלייענט, האט זיך מיר געדאכט, אז דאס איז א גרויסער חסרון. די נאוועלע לייענט זיך, ווי זי וואלט געשריבן געווארן פון א רוסישן שרייבער און א טראכט האב איך געגעבן: ווער ווייסט ווו זי האט געכאפט אט די סביבה? נאר אז איר לייענט ווייטער און ווייטער, דערשפירט איר דעם איי־גענעם שרייבערישן אטעם מנוחהס און נאך מער — איר דערשפירט, אז אויסגעוויי־טיקט די סביבה האט זי אליין, נישט קיין אנדערער, וואס ביי אים וואלט זי געקענט באדגן.

די יידישע טיפן זענען דורכאויס פרדיען, ווארעם די מענער זענען דאך פארשיקט אין די טיפסטע טיפענישן פון דער פארפרוירענער סיביר. איז צו באוואונדערן דעם ווייבערישן אויסדויער, ווי מנוחה ראם מאלט אים. אסתרן גייט נאך א שייגעץ, פעטיא הייסט ער, און די שרייבערין מאלט אים מיט א סך ליבשאפט, אפילו פארליבטקייט. ער איז גרייט פאר איר אפצוגעבן דאס לעבן זיינס, און זי אליין איז כלל נישט גלייכגילטיק צו אים. אבער דאס יידישע צניעות איז איר, אסתרן, בייגעשטאנען און זי האט זיך איבערגעשטארקט איבער דעם צוצי, וואס פעטיא האט געהאט פאר איר.

איין סצענע מאלט זי, ווי א יידישע פרוי האט זיך אריינגעצויגן צו א פויערטע אין דער כאטע. אז עס איז געקומען פרייטיק פאר־נאכט, האט זי אויפגעמאכט דאס רענצל, ארויסגענומען צוויי לייכ־טערלעך, איבערגעבראכן א ליכט אויף צווייען — מען דארף דאך בענטשן ליכט. נאר אזוי ווי זי האט שוין געוואלט אנצינדן די ליכט און מאכן די ברכה, האט זי דערזען די ישר־סטאטוע איבערן בעט ביי דער פויערטע און זי האט זיך דערשראקן: ווי אזוי וועט זי מטמא־זיין די הייליקע ליכט אויף שבת אין פנים פון דער געצקע?

א סך אזעלכע סצענעס זענען דא, וואס קריצן זיך אייך איין אין געמיט. איר ווערט דורכגענומען מיטן טרויער פונעם סיבירער דארף, מיטן וואונדערלעכן אויסדויער פון די יידישע פרויען, מיט דער צניעות זייערער און דער טיף־יידישער אמונה — דער אויבערשטער וועט

אפרים אויערבאך

העלפן, מיר וועלן נאָך דערלעבן צו זען די מענער אונדזערע געזונט און שטאַרק.

איר לייענט דאָס בוך און ווערט נתפּעל פון דער פילקאָליריקייט פון דער יידישער ליטעראַטור אונדזערער, וואָס האָט אין די סאַמע טראַגישסטע יאָרן פון אונדזער געשיכטע זיך באַרייכערט מיט אַ נייעם ווינקל אין דער וועלט — מיט סיביר.

יאַנואַר, 1970

רייכע אָרעמקייט

דערציילערס זענען דאָ, וואָס דער עיקר ביי זיי איז דער נאַראַטיוו. מיר הייבן־אָן זייערס אַ בוך מיט אַ לייכט געמיט און איידער מיר קוקן זיך אַרום, זענען מיר אַריינגעוועבט אין סיפּור המעשה און קענען זיך פונעם בוך נישט אָפּרייסן. דער שרייבער פאַרגינט זיך נישט אָפּצר־שטעלן דעם לויף פון דעם סיפּור. ער ווערט געטראָגן פון די שטורמישע דערציילערישע כוואַליעס און דער לייענער האַלט אים נאָך מיט שפּאַ־נונג, אַפילו מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.

אַן אַנדער אופן פון דערציילן איז דעם סיפּור המעשה צונויפ־צוּוועבן מיט פּסיכאָלאָגישע אַנטוויקלונגען, אַז אַרויסוואַקסן זאָל דער מענטש אין זיין פולקייט און פילזייטיקייט. דער דערציילער דאַרף שוין זיין פון אַ העכערער מדרגה, אָדער פון אַן אַנדער קאַליבער. דער פראַנ־צויז האָנאָרע באַלזאַק האָט נישט ווייניקער אויפגעטאָן פאַר דער ליטע־ראַטור, ווי דער דאָסטאָיעווסקי, כאָטש ביי באַלזאַקן איז דער סיפּור המעשה געווען דער סאַמע עיקר און די פּסיכאָלאָגישע באַגרינ־דונג, דער כאַראַקטער פון דעם מענטש איז אַמאָל אַרויסגעקומען מטושטש.

אפשר איז גרייזיק אָוועקצושטעלן באַלזאַקן ווי אַן אַנטיפּאָד פון דאָסטאָיעווסקין. אַז מיר ווען נעמען דאָסטאָיעווסקיס אַ ראָמאַן, זעען מיר ווי פול ער איז מיט כמעט סענסאַציאָנעלע מעשות. דער נאַראַטיוו ביי אים איז כמעט אַ שונדישער: מאָרד, פאַרראַט, אינטריגעס און אַלצדינג, וואָס אַ שונד־מעשה פאַרמאָגט. נאָר דאָסטאָיעווסקי האָט פאַרמאָגט דעם קינסטלערישן כח די שונדישע מעשה צו דערהייבן צו דער העכסטער קונסט דורך פאַרוועבן אַ פּסיכאָלאָגישן פלאָנטער און די טיפן אַזוי אויסצוטיילן, אַז זיי זאָלן בלייבן לעבעדיקע געשטאַלטן.

צונויפפירן אַ וואָנט מיט אַ וואָנט און נישט אָפּקערן זיך פון רייך־

קינסטלערישן דרך, איז אפשר די העכסטע שרייבעריש־דערציילערישע דערגרייכונג. פאַרשטייט זיך, אַז אַנווענדן די מאָס פון דאָסטאָיעווסקין טאָר מען נישט בכלל: דער איינציקער אין דער וועלט־ליטעראַטור איז ער געווען און, ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט בלייבן דער איינציקער.

די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט גרויסע דערציילערס, דער עיקר פון דער אַרעמשאַפט אונדזערער. שלום אַש האָט געפרווט אָפּקערן פון דער שרייבערישער טראַדיציע און שאַפן שטעטלשע טיפּן תקיפות־דיקע, ווי אַ יחזקאל גאַמבינער, אַ שלמה נגיד און אַנדערע. ער איז אָבער מיט אַ סך פון זיי נכשל געוואָרן. די אַרעמשאַפט איז געבליבן דער וויכטיקסטער קענצייכן פון דעם רוב דערציילונגען אין אונדזער ליטעראַטור. נאָר אין דער אַרעמשאַפט זענען אַלץ דאָ גראַדאַציעס. אַן אַרעמשאַפט, וואָס אויף איר שוועבט די ליכטיקייט פון דעם שאַפער און זי איז דערפאַר דורכגעוועבט מיט דינע שטראַלעכלעך זון.

ישעיהו שפיגל איז געבוירן אין דער לאָדזשער אַרעמשאַפט, גע־וואַקסן אין איר און געלעבט אין איר ביז דער רייפער עלטער זיינער. די לעצטע זאַך זיינע, וואָס איך האָב געלייענט, איז „שטיגן צום הימל״. אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק איז עס און דאָס איז די גרויסע מעלה דערפון, אָבער אין איין זין אויך דער גרויסער חסרון. שפיגל דערציילט אין דער ערשטער פּערזאָן, קומט־אויס, אַז בעת ער דערציילט פון זיך, ווי ער ליגט נאָך אין וויגל און ווי ער נעמט־אויף זאַכן, קלינגט עס מיר אַביסל געקינצלט. אַז אַ שרייבער דערציילט פון אַן עופה׳לע אין דער דריטער פּערזאָן, האָבן מיר נישט קיין טענות, וואָס ער גיט אים אַזעלכע געדאַנ־קען און האַנדלונגען, וואָס זענען נישט אַנגעמאָסטן פאַר אַ קינד אין אַזאַ פריער עלטער. דער שרייבער האָט די פּריווילעגיע צו זען ווי טיף ער קען נאָר און מיר פרעגן אים נישט אָפּ. אָבער אַז ער דערציילט פון זיך: איך האָב אין מיין קינדער־וויגעלע אַזוי געטראַכט, אַזוי געזען, האָבן מיר שוין אונדזער חשד, צי אַ קינד איז פעיק אַזוי צו זען און אַזוי צו האַנד־לען, אַז ער זאָל דערנאָך עס קענען נאָכדערציילן.

אַז מיר קאַראַבקען זיך אַרויס פון דער קינד־פּעריאָדע און קומען אַריין אין די דערוואַקסענערע יאָרן, ווערט די דערציילונג אונדז נענטער און אַפילו ליבהאַרציקער. די אָרעמקייט שפּיגלס איז אַ גוואַלדיקע, אָבער

דער שרייבער באַלויכט זי מיט זיין רייכן געמיט און פאַר אונדז וואַקסט אויס אַ רייכע אַרעמקייט.

זיבן יאָר איז שפּיגל אַלט און ער באַשרייבט דעם אָרום זיינעם און די אייגענע וועלט. מיר האָבן אין אונדזער ליטעראַטור אַרעמקייט פינצ־טערע, ווי יונה ראָזנפעלדס. מיר האָבן באַלעבאַטישע אַרעמקייט, ווי שלום אַשס. שפּיגלס אַרעמקייט וואַקסט זיי אַריבער, אָבער דאָך פאַר־מאָגט ער דעם טאַלאַנט די אַרעמקייט צו באַשיינען מיטן ליכטיקן געמיט, וואָס ער אַליין פאַרמאָגט.

ער דרינגט טיף אַריין אין דעם מענטשן, ער דערהייבט דעם מענטשן צו מעשים טובים און איר לייענט אים מיט דאַנקשאַפט, וואָס דאָס פינצ־טערניש ביי אים לויכט מיט גוטסקייט.

בכלל איז שפּיגל געבענטשט מיט אַ קינסטלערישן טאַלאַנט פאַר גוטסקייט. ער האָט דעם כח דעם לייענער אַריינצורעדן גוטסקייט, אַפילו אַז איר כאַפּט זיך, אַז אין דער אמתן איז גאַרנישט אַזוי גוט. מיר גייען אים נאָך, ווי ער פירט אונדז מיט דער וואַרעמער האַנט זיינער און גע־טרויען זיך אים, וואָרעם ער איז פול מיט פאַטערלעכקייט צום מענטשן.

אַ זיידן האָט ער, זאָגט ער אויף אים, אַז ער איז „מקובל". מיט וואָס איז ער אַ מקובל זאָגט ער אייך נישט, אָבער דער גוטער זיידע איז אונדז נאָענט, אַפילו אַז מיר טשעפּען נישט צו אים צו דאָס בלעטל „מקובל". פון אַ מומען אַ פּראָסטיטוטקע דערציילט ער, וואָס רופן רופט מען זי „דער שטרויספויגל". מאַכט ער זי נישט פאַר קיין העלדעכע, ער איז נישט מגזם איר ווידערווילן צו דער „פינצטערער פרנסה" אירער און טאַקע דערפאַר איז זי אונדז אַ סך נענטער.

אַ ליכטיקער שרייבער פון דער ייִדישער פינצטערניש איז ישעיהו שפּיגל.

דער שרייבער פון מצוות און מעשים טובים

משה יודל שעליובסקי, וועמען די זשורי האָט צוגעטיילט דעם טייל פון דער לייב האָפער פרעמיע פאַר דערציילונגען, האָט די אויסצייכענונג פאַרדינט פאַר דעם אייגענעם גאַנג זיינעם אין דער ליטעראַטור אונדזערער. שעליובסקי, וואָס עס איז שוין באַלד פופציק יאָר זינט ער האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשטע דערציילונג אין וואַרשעווער „מאָמענט", איז יאָרנלאַנג געווען אַ שותק. צוריק אָנגעהויבן דרוקן זיינע דערציילונגען האָט ער בעת ער איז שוין געווען אין די רייפע יאָרן, און באַלד ווי די ערשטע דערציילונג פונעם צוריקגעקערטן שרייבער האָט זיך אָפּגעדרוקט, האָט מען געזען, אַז אין זיך, אין די אייגענע איבערלעבונגען, אין דער אייגענער שרייבערישער פאַנטאַזיע־וועלט, איז ער נישט געווען קיין שותק, — ער האָט גערעדט צו זיך, צום אייגענעם שרייבערישן האָב־און־גוטס, וואָס געזאַמלט האָט ער עס מיט ליבשאַפט, ווי אַ פרומער ייד זאַמלט מצוות און מעשים טובים.

צוריקגעקומען איז משה יודל שעליובסקי אַ רייפער, — מיט אַן אייגענעם סטיל, מיט איינענער שפּראַך־רייכקייט, און דער עיקר, מיט אַן אופן שרייבן, וואָס איז דער פולער אויסדרוק פון אַ לירישער פערזענלעכקייט. דאָס בוך „אין דער וועלט אַריין", וואָס די זשורי האָט פרעמירט, איז אין געמיט, אין בילדלעכקייט, אין סטיל אַ המשך פונעם ערשטן בוך זיינעם, „אויף דער פולער וואָך", נאָר אינעם איצטיקן בוך איז אַ סך בולטער די קינסטלערישע בענקשאַפט צו טיף־יידישער עטיק. עס איז אַ בוך פון מצוות און מעשים טובים, און כאָטש אין בוך זעבען אויך דאָ זינדיקע מענטשן, שפּירט איר אָבער, אַז די גרויסע קינסטלערישע הנאה האָט דער שרייבער פון די מעשים טובים ביי זיינע העלדן.

שעליובסקי וויל שאַפן די מיטאָלאָגיע פון זשירעווע, וואָס פאַרמאָגט נישט מער ווי צוועלף יידישע משפחות. אָבער זשירעווע איז פאַר

אים אַ גאַנצע וועלט, און זיך דוד לייב אין דער דערציילונג „די בויד״, זאָגט: „מיינסטו, טאַטע, אַז די גרויסע וועלט איז ברייטער, גרעסער פון דיין ענגער, אָפּגעלאָזענער שטוב״? אין דער כמעט מיטאָלאָגישער זשירעוווע זענען דאָ אַלע יצר הרעס און יצר טובס פונעם מין מענטש, אַלע זינד און אַלע מצוות. נאָר זשירעווע איז פאָרט אַנדערש, אין קאָרגע דריי שורות כאַראַקטעריזירט שעליובסקי דעם ישוב אַזוי: „די זשירע־ווער יידן פרייען זיך און קריגן זיך צוזאַמען. מען זעט ווען ביי עמיצן איז אַ שמחה און מען פאַרמאַכט נישט די אויגן ווען ביי עמיצן איז, חס ושלום, אַן אומגליק״.

נישט אַנאַליזירן שעליובסקיס דערציילונגען באַזונדער וויל איך דאָ, נאָר אָנווייזן אויף דער גאַנצקייט און פולקייט זייערער. אַן אָרעאָל פון יידישער פרומקייט טראָגן זיי אויף זיך, נאָר צו דער אייגענער צייט איז אין זיי דאָ פּסיכאָלאָגישער פלאַנטער, וואָס דער שרייבער לייטערט אים אויס מיט זיין אידלקייט, מיט קינסטלערישער דינקייט, מיט כמעט ווייטיקדיקן פאַרשטאַנד פאַר די מענטשלעכע תאוותס, וואָס זענען אַ סך מאָל שטרויכלונגען פאַר אים.

שאַיע דער שמיד, — אַ לעגענדאַרער ר׳בי ארום זשירעווע, — זאָגט אַזוי:

„איר זעט, קינדער, דאָס שטיקל אייזן? עס איז געגליכן צו אַ מענטשן: אַז ס׳איז קאַלט, איז עס האַרט און מען קען פון דעם גאָר־נישט מאַכן. אַז מען ברענט עס אָבער אָן אויפן פייער, און מען לייגט עס אַוועק אויף דער קאָוואַדלע, ווערט עס ווייך און מען קען מיטן האַמער אויסהאַמערן, מיט דער אָפּצווענגע אויסבויגן, אַזוי ווי מען קען אויס אַ שטיקל טייג״.

און דער אויספיר זיינער איז, אַז אַ ייד, וואָס „צינדט זיך אָן מיט גאָטס תורה, מיט מעשים טובים, ווערט ווי דאָס שטיקל אייזן, וואָס ליגט אָנגעברענט אויף דער קאָוואַדלע. פון זיין לויטערקייט פליען פונקען, ווי פונעם אָנגעברענטן אייזן, און באַלויכטן אַפילו די מענטשן, וואָס בלאָנדזשען נעבעך אין דער פינצטערניש״...

דער פאָלקישער מאָטיוו אין זיינע דערציילונגען טאָר אונדז נישט פאַרפירן, — ער איז כלל נישט פאָלקיש, נאָר יחידיש-ליריש. דער

קינסטלערישער אויפטו זיינער איז טאַקע, וואָס ער מישט צונויף די צוויי עלעמענטן, — פאָלקישקייט און יחידישן ליריזם, — אויף אַזאַ אַלכעמישן אופן, אַז זיי ווערן איין עלעמענט, איין קינסטלערישע גאַנצקייט.

זיין דערציילונג „פעדערן" הויבט ער אָן ווי אַ לירישע פּאָעמע, — ווי ער קוקט פון פענצטער אין דער ווייטקייט אויף דער אַנדערער זייט האַדסאָן, נאָר „דער שטח פון מיין בליק איז געוואָרן ענג, ענגער" און „איך האָב זיך אָבער איינגעשפּאַרט און געוואָלט דורכבליקן די גרויקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אינעם נעפּל, אָט אַזוי ווי מען וויל אויפכאַפּן אַ קול, וואָס אָטעמט אויס דעם לעצטן קלאַנג אין דער פינצטער". אַז ער זעט דערנאָך דערשראָקענע טויבן, וואָס אין זייער פלי שפּרייטן זיי פעדערן, וואַקסט אין אים אויס דאָס טראַגישע מעשהלע פון זשירעווע, — די יחידישע איבערלעבונג אַנטוויקלט זיך אין אַ ברייט־לייוונטיקער דערציילונג.

אינעם בוך זענען צעוואָרפן בילדערישע אויסדרוקן, וואָס איר פּאַר־האַלט זיך אויף זיי, לייענט זיי איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. דעם גאַנצן תוך פון בוך זאָגט, דאַכט זיך, אַרויס דוד לייב, אין דער דערציילונג „די בויד". שעליובסקי גיט אַזוי איבער דוד לייבס געדאַנק:

„זיינע רעיונות ציטערן אָבער, ווי בליצן שפּאַלטן זיך אָפּ ביינאַכט פון אַ דונער, און זיי שלאָגן זיך אָפּ אויף טאַמערלען מיט דוניעס קול: יעדער מענטש לייכט־אויף מיט זיין גוטסקייט, ווען דו דערזעעסט דעם צער אין זיינע אויגן"...

שעליובסקי זעט דעם מענטשס צער און דערפּאַר אויך זיין גוטסקייט.

צווישן דעם רהיין און דעם באָספאָר

אינעם אַריינפיר צו זיין בוך זאָגט משה א. שולוואַס, אַז וואָס מער ער פאַרטיפט זיך אין דער ידישער געשיכטע פון די לעצטע הונדערטער יאָרן, אַלץ מער באַוואונדערט ער די וויטאַליטעט פונעם אשכנזישן ידנ־טום. ד״ר שולוואַס איז אַ היסטאָריקער, וואָס האָט ביז איצט ניי באַ־לויכטן באַקאַנטע פאַקטן פון ידישן לעבן אין איטאַליע און האָט זיך דערגראָבן צו נייע דאָקומענטן, וואָס זענען אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע־קענטעניש פון די ידן אין יענעם לאַנד, אָדער לענדער. ער וויזט־אָן, אַז ווייניק איז געווען באַקאַנט דער גוואַלדיקער איינפלוס פונעם אשכנזישן ידנטום אויפן איטאַליענישן ידנטום. אַז אינעם איצ־טיקן בוך זיינעם, וואָס איז דערשינען אין ענגליש און באַשטייט פון עטלעכע עסייען, גיט ער אַ נייע באַלויכטונג פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, ווען ידן פון אשכנז (דייטשלאַנד) האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די איטאַליענישע פּראָווינצן.

שולוואַס האָט די גרויסע מעלה, וואָס ער איז נישט נאָר אַ היסטאָ־ריקער, נאָר אויך אַ שרייבער. אויבנאויף קען עס קלינגען פּאַראַדאָק־סאַל: וואָס הייסט אַ היסטאָריקער זאָל נישט זיין קיין שרייבער? כדי איבערצוגעבן דאָס וויסן זיינס, מוז דאָך דער היסטאָריקער אָנשרייבן עס, איז ער דאָך אין דער בחינה פון אַ שרייבער. דער אמת איז אָבער, אַז עס זענען דאָ גוטע היסטאָריקער, וואָס אויף די היסטאָרישע פאַקטן זייערע און דער באַלויכטונג אַפילו קען מען זיך סומך־זיין, אָבער וואָס איז שייך שרייבן זענען זיי נישט קיין גרויסע בריות. שרייבן געשיכטע און דערביי קענען די מלאכה פון שרייבן, — דאָס איז אַ טייער שותפות. און שולוואַס איז געבענטשט מיט שרייבערישע פעיקייטן. דער סטיל זיינער איז אַ קלאָרער, — אין ידיש איז ער גאָר אַ געהויבענער, — און

די הנאה ביים לייענען איז נישט נאָר פון דערוויסן זיך אינטערעסאַנטע היסטאָרישע פאַקטן און אַ מין פערזענלעכן היסטאָרישן קוק, נאָר אויך פונעם שיינעם אופן שרייבן, פון דער בילדלעכקייט און דעם שפּראַכלעכן בייג־און־ווענד.

דאָס בוך, וואָס איז אַרויס אין ענגליש, אָבער דער רוב עסעיען איז איבערגעזעצט פון יידיש און העברעיש, רעדט כלל נישט פונעם יידישן חורבן אין אייראָפּע, אָדער פון דער אייראָפּעישער תקופה. אָבער אין די עסעיען, וואָס זענען כמעט אַ געזאַנג פאַר דער גרויסער שעפערישקייט פונעם אשכנזישן יידנטום, איז דאָ אומדירעקט אַ געוויין אויפן פאַרלענד און יידן־אומברענג. מיר זוכן אַלע איצטער צו פאַראייביקן דאָס אומגעבראַכטע מזרח־אייראָפּעישע יידנטום. דערציילערס און פּאָעטן טוען עס אויף זייער שטייגער. היסטאָריקערס טוען עס אויף זייער שטייגער. משה אביגדור שולוואס איז דורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין פון חורבן און ער פּרוווט אויף זיין שטייגער אויפצובויען די איבער טויזנטיאָריקע אשכנזישע עפּאָכע: געשיכטלעך זיך דערגרונטעווען צו איר שעפערישער גרויסקייט, צו איר תמצית.

ביים לייענען דאָס בוך, איז מיר נישט ווילנדיק געקומען אויפן געדאַנק די פיינלעכע קשיא: וואָס מיינט אַ פאַרענדיקט געשיכטלעך קאַפּיטל? מיר הערן און מיר זאָגן אַליין: דאָס קאַפּיטל פון טויזנט יאָר יידישער געשיכטע אין אייראָפּע האָט זיך פאַרענדיקט. עפּאָכעס הייבן זיך טאַקע אָן און ענדיקן זיך, אָבער סע איז אַלעמאָל דאָ אַ המשך פון איין עפּאָכע צו דער אַנדערער. אַ געשיכטלעכע עפּאָכע איז נישט, ווי אַ הויז וואָס מען הייבט־אָן בויען און מע פאַרענדיקט עס. פון איין עפּאָכע ציען זיך פעדעם צו דער אַנדערער. איין עפּאָכע ווירקט אויף דער אַנדערער. קיין פולשטענדיקער איבעררייס איז נישטאָ.

אין בוך שולוואסעס, וואָס דערפון רעדן מיר, זעען מיר טאַקע, ווי די עפּאָכע פון דייטשן יידנטום, אַפילו אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן אויסצולאָזן, האָט זי נישט אויפגעהערט צו ווירקן דער איבערוואַנדער פון יידן קיין פּוילן איז געווען באַלאָדן מיט גרויסע יידישע גייסטיקע אוצרות. יידן פון דייטשלאַנד, אַז זיי זענען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד, ווו זיי זענען געווען אין שטענדיקער סכנה פון די קרייצציגלערס, האָבן מיט־

געגומען מיט זיך די תורה. אין נייעם לאַנד, פוילן, האָבן זיי דאָס ערשטע איינגעפלאַנצט דאָס ייִדישקייט, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט, און נישט סתם איינגעפלאַנצט, נאָר מער פאַרטיפט און ברייטער צע־צווייגט.

איז נישט שייך צו רעדן פון אַ פאַרענדיקטער עפּאָכע ייִדיש לעבן אין דייטשלאַנד. סע איז געווען אַ המשך. אַ ווייטערדיקער גאַנג איז געווען. וואָס איז שייך אונדזער מזרח־אייראָפּעיִשער עפּאָכע, איז די סיטואַציע אַ סך אַנדערש. אמת, מיר האָבן זיך איבערגעפלאַנצט אינעם מערב. מיר האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין דער אייגענער מדינה אויפן נאָענטן מזרח. אָבער ווי טיף איז דער איבערפלאַנץ, ווי ווייט איז דער המשך? שולוואַס רעדט נישט דערפון, ער שטעלט זיך נישט די דאָזיקע פראַגע. אָבער ביים לייענער, וואָס לייענט די דראַמאַטישע באַשרייבונג פון ייִדישן איבערוואַנדער קיין פוילן, פון די ישיבות, וואָס זיי האָבן געבויט, פון די רבנים־גאונים, דערוועקט זיך די פראַגע: ווו איז דאָס באַוואָרעניש פונעם המשך פון אונדזער עפּאָכע?

אינעם עסיי וועגן די קרייץ־צוגן און ייִדישער מאַרטירערשאַפט אין דייטשלאַנד, דערציילט אונדז שולוואַס, ווי אַפילו בעת אין פראַנקרייך האָבן די קרייצציגלער שוין פּאָגראָמירט ייִדן, האָבן נאָך אַלץ ייִדן אין דייטשלאַנד נישט געגלייבט, אַז אויף זיי קומט אויך דאָס אומגליק. איז מיטלאַלטערלעכן דייטשלאַנד האָבן ייִדן געלעבט אונטער דער שוץ פון די פרינצן און בישאָפן. זיי האָבן דורכגעפירט אַ וויכטיקעווירטשאַפט־לעכע פונקציע אין די פריצנטומס. מאַלע וואָס אין דער נאָענטער פראַנקרייך פּאָגראָמירן די קרייצציגלערס ייִדן? אין דייטשלאַנד זענען זיי באַשיצט. אָבער געשעען איז, אַז איבער נאַכט זענען די „קריסטלעכע פריינט" פון די ייִדן געוואָרן זייערע בלוטיקסטע שונאים און די פּאָגראָ־מען אין דייטשלאַנד זענען געווען נאָך בלוטיקערע, ווי אין פראַנקרייך. וויאַזוי איז געקומען אַזאַ פּלוצלינגדיקע ענדערונג?

שולוואַס פרוווט געבן אַן אויפקלער, וואָס איז שכל־הישרדיק, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז קיין שכל איז דערביי נישט געווען, — איך מיין אין דער ענדערונג צו ייִדן. סיבות וועלן מיר געפינען כלערליי, אָבער אין אונדזער געשיכטע האָבן מיר געזען, אַז די אייגענע סיבות האָבן אין

מאָל געווירקט אַזוי און אַן אַנדער מאָל אַנדערש. דער עיקר, דאַכט זיך מיר, איז געווען די אומגעראַמאַלע לאַגע, וואָס יידן האָט מען פאַרבעטן, נישט זיי זענען אַליין געקומען. זיי זענען אין די בעסטע צייטן געווען אַ נייטיקע באַקוועמלעכקייט פאַר דער באַפעלקערונג און סע האָט דער־פאַר געקענט געשען, אַז שפּעטער, ווען די נייטיקייט האָט אויפגעהערט, זאָל מען זיי, די יידן אָדער אַרויסטרייבן, אָדער באַגרענעצן אין זייער רעכט, אָדער סתם אויסמאָרדן.

דער מחבר־היסטאָריקער בויט־אויף אַ שיינעם היסטאָרישן בנין פון דער יידישער קהלה אין ווירצבורג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1250 און זיך פאַרענדיקט אין יאָר 1350. ער שטיצט זיך אויף היסטאָרישע אַרבעטן וועגן ווירצבורג פון פריערדיקע היסטאָריקער, אָבער ער האָט דורכגעפירט אייגענע פאָרשונגען און מיר האָבן דערפאַר אַ פול בילד פון אַ יידישער קהילה אין דייטשלאַנד, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך אַנדערע יידישע קהילות דאָרטן.

אַ וויכטיקע אַרבעט אין בוך איז דאָס קאַפּיטל „דער יידישער גורל אין מזרח־אייראָפּע". דער מחבר נעמט־אָן די היסטאָרישע אויסגעפינעכצן, אַז דער יידישער ישוב אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער, ווי דער איבערוואַנדער פון דייטשלאַנד קיין פוילן. יידן זענען קיין מזרח־אייראָפּע געקומען גלייך פון דעם אָריענט, אַפילו פון ארץ־ישראל. זיי זענען דורכגעגאַנגען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און זיך צוגעשלאָגן צו דער היינטיקער קאַווקאַז וואָס איז נאָך כלל נישט געווען רוסלאַנד. יידן, הייסט עס, זענען אויפן שטח פון דער היינטיקער רוסלאַנד געווען אַ סך פריער ווי די רוסן אַליין. שפּורן פון יידן געפינט מען דאָרטן נישט נאָר פון די כאַזאַרן, נאָר פון פאַרשידענע דאָקומענטן און אַפילו באַשרייבונגען.

אָבער געשיכטלעך זענען יענע פרי־געקומענע יידן, וואָס האָבן דער־גרייכט רוסלאַנד אַפילו דער וואָלגאַ, נישט געווען דער שעפערישער עלעמענט, וואָס די יידן, וואָס זענען קיין מזרח־אייראָפּע געקומען פון דער אַנדערער זייט, — פון דער דייטשישער. די סיבה דערפאַר איז ווידער ספּעקולאַטיוו, אָבער דער גורל האָט געפירט, אַז סיי אין גייסט און סיי אין צאָל זאָל דאָס אשכנזישע יידנטום, וואָס איז געגאַנגען פון

דייטשלאַנד קיין פוילן, ווערן דער גרויסער גייסטיק־יידישער כח אין דער גרויסער געשיכטע אונדזערער. פאַרשטייט זיך, אַז סע איז נאָך אַלץ צו פרי אונטערצופירן דעם סך־הכל פון דער ערשט־פאַרענדיקטער עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז איצטער לער־נען מיר דערוויל דערפון, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, וואָס אונדז פעלט מיטן אונטערגאַנג פונעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, ווי פון דעם, וואָס סע איז געשאַפן געוואָרן אין משך פון די טויזנט יאָר.

דאָס גרעסטע קאַפּיטל אין בוך איז וועגן תורה־לימוד אין מזרח־אייראָפּע. שולוואַס רופט דאָס קאַפּיטל „דהי סטאָרי", — און דאָס קאַ־פּיטל לייענט זיך בפירדוש ווי אַ מעשה. דאַ גייען דורך די מעשות פון די גרויסע גאונים, וואָס די עפּאָכע האָט אַרויסגעגעבן. שולוואַס ווייזט דאַ אַרויס אַ סך ערודיציע און, דער עיקר, דער אופן ווי ער שאַצט־אָפּ אַ מחבר, שטעלט אים אַוועק אין דער געשיכטלעכער ראַם און דער ווירקונג זיינער אויפן ווייטערדיקן גאַנג פון יידישקייט. געקריוודעט, דאַכט זיך מיר, האָט ער דאָס חסידות. אמת, חסידות האָט זיך נישט געהאַלטן דער עיקר אויף לימוד התורה, אָבער פאָרט איז דער גאַנצער דרך פון חסידות געווען געבויט אויף תורה. און אַפילו דעם גרינדער פון חב"ד, ר' שניאור זלמן, מידט ער אויס צו געבן די שיטה זיינע אין חסידות. אָבער בדרך כלל איז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל גאָר אַ וויכטיקס און דער נישט־באַהאַוונטער לייענער וועט דערפון באַרייכערט ווערן.

באַזונדערס אויפטועריש איז שולוואַס אין דער געשיכטע פון יידן אין איטאַליע. יעדער היסטאָריקער האָט זיין געביט. שולוואַס האָט זיך פאַרנומען מיט איטאַליע און דורכגעפירט גאָר אַ סך אייגענע פאָרשונ־גען, וואָס האָבן באַרייכערט אונדזער וויסן פון די דאָרטיקע יידן. איז גאָר אינטערעסאַנט זיך אָנווייזן, אַז אשכנזישע יידן האָבן געהאַט גאָר אַ גרויסע ווירקונג אויף די איטאַליענישע יידן. אין די צייטן פונעם רע־נעסאַנס זענען יידן פון דייטשלאַנד אַריינגעדרונגען קיין איטאַליע און געשאַפן דאָרטן קהילות. זיי האָבן אַפילו דאָרטן פאַרפלאַנצט יידיש, ווי מיר זעען עס פון אליהו בחור און אַנדערע מחברים אויף יידיש.

מיר מעגן טראַכטן, אַז וואָס ווייטער וועלן אַלץ מער פאָרש־אַרבעטן

דערשיינען וועגן אשכנזישן יידנטום. ביז איצט איז קוים אָנגערירט גע־
וואָרן די סאַמע דינסטע אייבערשטע שיכט פון דער עפּאָכע, וואָס מיר
זענען געוועזן די טרויעריקע עדות פון איר פאַרטיליקונג. משה אביגדורס
בוך איז אַ צוטראָג צו דער געשיכטע־פאָרשונג פון דער גרויסער גע־
שיכטלעכער עפּאָכע.

אפרים אויערבאך

אויגוסט, 1952

آ

יאַנקל עליע פּעסיעס

(אַ קאַפּיטל זכרונות וועגן יעקב פיכמאַן)

עליע פּעסיעס האָט געוווינט הינטער אונדזער שטוב, אויף אַ גאַס, וואָס איז קיין גאַס נישט געווען. אַ גאַס איז זי געווען, נאָר קיין נאָמען האָט זי נישט געהאַט. אַז מען האָט געזאָגט „הינטן אין גאַס", האָט מען געוווּסט, אַז מיינען מיינט מען די עטלעכע שטיבלעך, מיט די שטרויענע דעכער און גרויסע קוימענס, וואָס תמיד האָט פון זיי געזעצט אַ רויך. פאַרוואָס גראָד פון די קוימענס „הינטן אין גאַס" האָט זיך דער רויך תמיד געדרייט אַרויף צום הימל, האָב איך נישט געוווּסט. די שטיבלעך „הינטן אין גאַס" האָבן לרוב געהאַט פּריזבעס, בעת די שטיבער אויף דער פּעיטערבאַרגער גאַס — אונדזער גאַס — האָבן געהאַט טאַרנאַצן — הילצערנע גאַניקלעך, מיט געשניצטע שטאַכעטלעך און אַפילו אַ פּאָר טרעפּלעך.

באַלד הינטער דער אָבאָרע אונדזערער איז געווען אַ קערניצע, וואָס דאָס וואַסער אירס האָבן יידן נישט געטרונקען. דאָס קערניצע־וואַסער איז געווען אָנצוטרינקען די בהמות, וואַשן וועש, אין אַ זומערדיקן טאָג אויסגיסן אויף דער אָבאָרע, אַז דער פּאַראָך זאָל נישט פאַרפּראָשען די אויגן, און מאַלע אויף וואָס מע דאַרף אַמאָל וואַסער. אין דער אָבאָרע ביי אונדז האָט זיך געיאָוועט אַ יאָזש, האָבן מיר אָנגעשעפּט צוויי עמערס וואַסער, אַריינגעגאָסן זיי אין אַ באַליע און דעם יאָזש אַריינ־געוואָרפן אין איר. וויאַזוי נעמט מען אַ יאָזש און מען וואַרפט אים אַריין אין אַ באַליע, אַז ער שטעלט־אויף די שטעכערס זיינע? איז אויף דעם דאָ אַן עצה: מען נעמט דעם עמער, מען בויגט אים אויס און מיט אַ לאָפּעטע שטופּט מען דעם יאָזש אַריין אינעווייניק. אַ יאָזש האָט אַ טבע, אַז ער לאָזט זיך שטופּן, אַבי דו האָסט נאָר קיין מורא נישט פאַר די שטעכערס זיינע. אַריינוואַרפן אים פונעם עמער אין דער באַליע, וואָס איז געווען פול מיט וואַסער, איז שוין געווען אַ שפּילעכל. מיר האָבן געבראַכט אַ טאַץ, אַ ליימענעם טאָפּ און עטלעכע לעפל. מיט די „כלים"

האָבן מיר געקלאַפּט און מסתמא איז ביים יאָזש אויסגעקומען, אַז אַ קאַר־פּעליע שפּילט פאַר אים און ער האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן. מיר האָבן געפּויקט אין דער טאַץ, אינעם טאָפּ — די לעפל און די גאָפּלען — און דער יאָזש איז אַרויסגעשפּרונגען פונעם וואַסער און צוריק אַריינגע־שפּרונגען. אַריבערצוכאַפּן זיך אויף דער אַנדערער זייט באַליע האָט ער, ווייזט אויס, קיין שכל נישט געהאַט. נאָר ווער ווייסט, צי אַ יאָזש האָט שכל, צי נישט?

די מאַמע האָט פון דער קערניצע נישט געהאַלטן. זי האָט איינ־געטענהט מיטן טאַטן, אַז אַ קערניצע באַלד ביי דער שטוב איז אַ סכנה. ערשטנס, אַ קינד קען זיך אַריבערבייגן און, חלילה, אַריינפאַלן. ווייי־טער, ביי דער קערניצע איז זומער תמיד נאַס און גליטשיק און ווינטער פול מיט אייז. אַ מלאכה, אַז אַפילו אַ דערוואַקסענער זאָל זיך אויס־גליטשן, היינט אַ קינד? וואָס דאַרפסטו אַ סך, האָט זי געזאָגט, פאַר צווייי־יאָרן האָט זיך דאָס קעלבל אויסגעגליטשט ביי דער קערניצע און זיך צעבראָכן אַ פוס.

דער טאַטע האָט גראָד יאָ געהאַלטן פון דער קערניצע. קודם, אַז ס'איז דאָ אַ קערניצע, איז זי דאָ. וועסט זי צונעמען? און ווייטער איז זי דיר ממש אונטער דער האַנט. גוט, פּוסי וואַסער־פירער ברענגט טאַקע וואַסער פונעם שטיינדל, אָבער אַמאָל אַז עס זאָל זיך נישט טרעפן, ווי ס'טרעפט זיך, און ער איז נישט מיט אַלעמען און איידער אָן אַנדער וואַסערפירער איז זיך מרחם, זיצט מען דערווייל אָן וואַסער. און ווידער, קינדער דאַרפן זיך לערנען צו שעפּן וואַסער. פאַרשטייסט, חיה, האָט דער טאַטע אויסגעברייטעט, אַ מענטש דאַרף זיך נישט פאַרלאָזן נאָר אויף יענעם. ער דאַרף זיין בכוח זיך צו פאַרלאָזן אויף זיך אַליין: נעמען צוויי עמערס און גיין צו דער קערניצע.

נאָך דער מעשה מיטן יאָזש האָט די מאַמע מער נישט אויפגעהויבן קיין טענות קעגן דער קערניצע. זי אַליין האָט דאָך אָנגעטייעט פונעם יאָזש, ווי ער האָט געטאַנצט אין דער באַליע וואַסער. אַז עס וואָלט נישט געווען קיין קערניצע, וואָלט דאָך קיין וואַסער נישט געווען. וואָסזשע, מען נעמט וואַסער פונעם פאַס און מען גיסט אַריין אין באַליע, אַז אַ יאָזש זאָל טאַנצן?

עטלעכע שפּאַן פון דער קערניצע האָט געוווינט שוע־העסל. פונ־וואַנעט ער האָט זיך גענומען צו אונדז ווייס איך נישט. אַ הויכער ייד איז ער געווען, אַ ליטוואַק, מיט אַ גרויער דריי־פּערטל באָרד. זי איז נישט דערוואַקסן צו ווערן אַ גאַנצע באָרד. זומער איז ער אַרומגע־גאַנגען מיט אַ לאַנגן טלית־קטן איבערן ווייסן העמד. ער איז אַלעמאָל נאָכגעלאָפן אַ ציג און ביי מיר איז אויסגעקומען, אַז ער האָט זי קיינ־מאָל נישט געקענט כאַפּן.

אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען עליע פּעסיעס שטיבל. מיט עליע פּעסיעס האָט אונדזער שטוב געהאַט אַ נאָענטע שייכות. נישט וואָס מיר האָבן זיך אָנגערעכנט עפּעס קרובים, נאָר וואָס יאַנקל עליע פּעסיעס איז געווען דעם עלטערן ברודערס, שלומס, אַ חבר און אַריינגעקומען איז ער אין שטוב, צי שלום איז יאָ געווען, צי ער איז נישט געווען. ערשט, אַז איך בין שוין געווען אַ יינגל פון אַ יאָר צען, האָב איך געוווּסט, אַז יאַנקל עליע פּעסיעס איז יאַנקל פּיכמאַן. אין די גאָר־קינדערשע יאָרן האָט דער נאָמען קיין שום מיין נישט געהאַט פאַר מיר.

עליע פּעסיעס איז געווען אַ ברייטער ייד, מיט אַקסלען, וואָס זענען אַריבערגעוואַקסן די הויך זיינע. געדענקען געדענק איך אים שוין מיט אַ גרויער באָרד, וואָס אָנגעהויבן האָט זי זיך ביי די אויגן און זיך אַרי־בערגעגאָסן איבערן גאַרטל. דאָס שטיקל פּנים, וואָס האָט זיך געראַטע־וועט פונעם האַריקן וואַלד, איז געווען, ווי אַ לאַנקעלע אויף אַ דערנער־פאַרוואַקסענעם פעלד. ער איז געווען אַ ברינדזאַר, אָבער נישט ווי דער רוב ברינדזאַרעס, וואָס פאָרן אַרויס באַלד נאָך פּסח אויפן פעלד, אין סטינע אַריין, ווו די שאָף „פּאַטען" זיך און דאָרטן מאַכן זיי דעם שאָ־פענעם קעז. עליע פּעסיעס האָט די „סטינע" געהאַט ביי זיך אין קאַמער, באַלד ווי מען האָט געעפנט די טיר אַריינצוגיין אין שטיבל זיינעם. די שאָפענע מילך האָט ער צונויפגעקויפט פון די דערפער און דעם קעז, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער פאַרקויפט אין שטאָט.

אין קאַמער איז געווען אויפגעשטעלט אַ ריזיקער קעסל, אונטערן קעסל איז געווען אַן אייוועלע, אויסגעמויערט פון שטיינער, דאָס איי־וועלע האָט מען געהייצט און בעת די מילך האָט זיך געקאָכט אין קעסל, האָט דער ברינדזאַר אויבן געמישט מיט אַ הילצערנעם פאַ־

לאַנעק, וואָס איז געווען גרויס ווי ביים בעקער די לאָפּעטע. כדי צו מישן דעם קעסל, האָט מען זיך געדאַרפט שטעלן אויף אַ לייטערל, וואָס איז אַרונטערגעהאָנגען גלייך פון דער סטעליע און איז געווען איינגע־גראָבן אין דער ערד. די שאָפּענע מילך האָט מען געקאָכט אַלצאיינס פאַר די פאַרשידנסטע קעזן, נאָר דערנאָך האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די מלאכה פון אָפּטיילן איין מין קעז פונעם אַנדערן. מודה בין איך זיך, אַז די מלאכה פון מאַכן קעז האָב איך קיינמאָל נישט דערלערנט, נאָר געזען האָב איך, ווי ביי עליע פּעסיעס אין קאַמער שטייען טישן, עמער־לעך און זייערלעך. אין איין עמערל גיסט מען אַריין די געזאַטענע מילך, אין אַנדערן זייעט מען זי דורך, אין דריטן קלאַפּט מען זי מיט מעשע העמערלעך. דערנאָך קומט דערפון אַרויס די ברינדזע, וואָס איז צונויפגעקלאַפּט אין שטיקער און דריבלט זיך. אין אַן אַנדער עמער קלאַפּט מען אויס קאַש — אַ שאָפּענער, האַלב־געזאַלצענער קעז, וואָס איז פעטלעך און קרישלט זיך נישט. ווייטער ערדע — אַ קעז, וואָס שמעקט מיט פריש־געקאָסעטן גראָז און צעגייט זיך אין מויל, ווי פּו־טער.

אויף אַ באַזונדערן טיש זענען געלעגן די קאַטשקעוואַלן. דאָס זענען האַרטע קעזן, אויסגעפורעמט רונדיק, מיט לעבער אינמיטן. דער קאַטש־קעוואַל איז געווען דער יחסן צווישן די שאָפּענע קעזן. ער האָט געוויגן עטלעכע פונט און וואָס לענגער ער איז געלעגן, אַלץ באַטעמטער איז ער געוואָרן. אויף שיקע קאַטליער, וואָס איז געווען אַ ייד אַ נגיד, האָט מען געזאָגט, אַז ער קויפט צוויי און דריי קאַטשקעוואַלן מיטאַמאָל. סתם אַ באַלעבאַטישער ייד האָט זיך עס נישט געקענט פאַרגינען. און היינט, ווער וועט אויפעסן אַ גאַנצן קאַטשקעוואַל?

עליע פּעסיעס האָט אַ חוץ יאַנקלען געהאַט נאָך צוויי זין. אַ ייד איז עליע פּעסיעס געווען אַ שטילער, קיין קול האָט ער קיינמאָל נישט אויפגעהויבן. אין בית־מדרש אונדזערן איז ער געזעסן ווייט, כמעט ביי דער רובע. נאָר צו די זין האָט ער געהאַלטן גוטע מלמדים, דער עיקר יאַנקלען, וואָס איז געווען אַ גרויסער וועלער און געלערנט האָט ער אינאיינעם מיט מיין ברודער שלומען. אַז יאַנקל איז שוין געווען אַ גרויסער בחור, ביי אַכצן יאָר, בין איך נאָך אַלץ געווען קוים פינף יאָר.

נאָר געדענקען געדענק איך, ווי אַמאָל בין איך אַריינגעקומען אין עליע פעסיעס קאַמער, האָב איך אים, יאַנקלען, געזען זיצן ביים גרויסן קעסל, מישן די מילך און צו דער אייגענער צייט אַריינקוקן אין אַ ספר. ביי מיר איז עס דעמאָלט געווען אַ ספר, וואָרעם פונוואַנעט האָב איך גע־זאָלט וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ בוך אויך? יאָרן שפּעטער בין איך געוויר געוואָרן, אַז געווען איז עס היינריך היינעס אַ בוך לידער, טאַקע אין דייטש, וואָס פיכמאַן האָט זיי אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. כאָטש ס'איז געווען בייטאָג, איז די קאַמער געווען טונקל — קיין פענצטער האָט זי נישט געהאַט — דאָס פייער אין אייוועלע אונטן האָט גע־ברענט און באַלויכטן דאָס פּנים פון דעם יונגן אויסגעדאַרטן בחור. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז מיר אַנטקעגן־געגאַנגען מיט אַ שמייכל אין די געדיכטע, קופּער־רויטע וואָנצעס: כאַ־כאַ־כאַ, פּרויקע, וואָס טיסטידו?

פיכמאַן האָט אַפילו אויף די עלטערע יאָרן אויך געלאַכט מיט אַ צעוואָרפענעם, טיף־ברוסטיקן געלעכטער. אַן אויסגעדאַרט בחורל איז ער געווען. דער האַלדז איז געווען אַ לאַנגער, מיט אַ קנאַפּ, וואָס איז ביים רעדן אַרומגעגאַנגען, ווי פיכמאַן וואָלט די ווערטער געשלונגען. אין שטוב אַריין צו אונדז איז פיכמאַן געקומען, אָבער צו זיי אין שטוב זענען מיר געקומען נאָר אַז עפּעס האָט מען געדאַרפט. דערפאַר האָט ער געפרעגט, וואָס איך טו דאָ. שלום האָט מיך טאַקע געשיקט. אַ בוך האָט ער געדאַרפט ביי אים. געווען איז ער אויפגעלייגט, האָט ער מיך אָוועקגעזעצט ביי זיך אויף די קני און געפרעגט ווילסט אפשר מישן דעם קעסל? שעם זיך נישט, פּרויקע...

אוודאי האָב איך געוואָלט מישן דעם קעסל און וואָס איז שייך זיך שעמען, איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן פאַר אים זיך צו שעמען. האָט ער מיר געגעבן דעם פּאַלאַניק און געהייסן מישן. נאָר גיי מיש, אַז דער פּאַלאַניק איז אַזוי גרויס און איך בין אַזוי קליין. פיכמאַן האָט ווידער צעדונערט דאָס געלעכטער זיינס: כאַ־כאַ־כאַ, דאַרפסט נאָך אַ ביסל אונטערוואַקסן, פּרויקע...

דערנאָך האָט ער מיך אויפגעהויבן הויך־הויך צום קעסל און מיר געהייסן אַריינקוקן אינעווייניק. ווייס איך נישט: צי פונעם וואָרף אין

דער הויך, צי פונעם געמיש אין קעסל, נאָר דער קאָפּ האָט זיך מיר אַ ביסל פאַרדרייט און איך האָב אַ געשריי געטאָן: יאַנקל, לאָז מעך אַרינטער. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר מיין געשריי און מיך אַרונטער־געלאָזט. לערנסט דאָך שוין גמרא, פרויקע — האָט ער אַ זאָג געטאָן און מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן. — און אַז איך לערן גמרא, טאָר זיך מיר נישט פאַרדרייען דער קאָפּ? האָסט געוואָרפן צו הויך...

דו לערנסט גמרא? איז מיר איינגעפאַלן אים צו פרעגן. פאַרוואָס, ווייס איך נישט. מסתמא איז מיר געלעגן אין קאָפּ שלומס לערנען. טאָג־און־נאַכט איז שלום געזעסן איבער דער גמרא. פאַרשטייט זיך, אַז נישט גמרא אַליין האָט שלום געלערנט. ער האָט שוין געהאַלטן גאָר ווייט אין לערנען און געהערט האָב איך, ווי דער מאַלעוועער זיידע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער קען שוין, אַז דער טאַטע זאָל נאָר וועלן, קריגן סמיכות אויף רבנות. נאָר צו פינף יאָר זענען ביי מיר אַלע הויכע לימוד־דים געווען גמרא. און אַז איך האָב געפרעגט יאַנקל פעסיעס, צי ער לערנט גמרא, האָב איך אים דערמיט געוואָלט אַ טובה־טאָן: זע, ביסט אויך אַ מענטש...

יאַנקל האָט זיך ווידער צעלאַכט מיטן צעוואָרפענעם געלעכטער זיינעם און מיר האָט זיך בעת מעשה געדאַכט, אַז ער וואַרפט ברענענ־דיקע שטיקלעך האָלץ און כאַפּט זיי מיט די הוילע הענט. געשעמט האָב איך זיך צו זאָגן, אַז איך האָב ערשט אָנגעהויבן גמרא און אַז דער קאָפּ הויבט מיר אָן צו שווינדלען פון שנים אוחזין בטלית... כדי אויס־צולייטערן אַ ביסל דעם קאָפּ דאַרף איך זינגען הויך אויפן קול און דער רבי זאָל מיר אונטערהאַלטן מיטן הייזעריקן קול זיינעם. דערווייל האָט יאַנקל געלאַכט און אַז ער האָט אויפגעהערט צו לאַכן, האָט ער מיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף זיינע קני ביים אויוון און האָט מיך טרויעריק אָנגעקוקט. ווייסט, פרויקע, האָט ער געזאָגט, איך רעד צו אַ קינד ווי צו אַ גרויסן מענטשן. אַזוי זענען פּאָעטן: זיי רעדן צו קינדער, ווי צו גרויסע מענטשן... וואָס פּאָעטן זענען האָב איך נישט אָנגעהויבן צו ויסן, נאָר געוואָלט האָב איך אים ווייזן, אַז איך ווייס עפּעס יאָ, האָב איך אַ זונג־געטאָן: תינוקות של בית רבן... ער האָט זיך צעלאַכט נאָך ברוסטיקער ווי פריער: כאַ־כאַ־כאַ, פרויקע, ווערסט דאָך טאַקע אַ

מענטש. נאַ, נעם דאָס ספר און גיב עס שלומען. ער וואַרט דאָך אויף דעם...

מיט יאַנקלס גמרא איז געווען אַזוי: אין חדר האָט ער טאַקע גע־לערנט, אָבער נישט קיין גמרא. העברעיש האָט ער זיך אַליין געלערנט און דקדוק האָט ער איינגעחזרט ביים קעסל, ווו ער האָט געהאָלפן דעם טאַטן קאָכן ברינדזע. נאָר אַז ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור, האָט אים מיין ברודער שלום אָנגעהויבן צו לערנען גמרא, אָבער נישט גמרא, נאָר משניות. אַז ער איז שוין געווען אַ שרייבער, האָט ער מיט זיך אַליין געקנעלט עטלעכע מסכתות. דער טאַטע, געדענק איך, האָט אים אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: וואָס קען ער? אפילו רעכט אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא קען ער דאָך נישט. נאָר ביי מיר האָט ער געקענט. ער איז געווען אַנדערש פון אַלע שלומס חברים. דער הויך־דינער וווקס זיינער. דאָס באַסאָווע קול זיינס. די שטילע, שוואַרצע, אויגן, וואָס האָבן זיך אַ סך מאָל פאַרקוקט אויפן נעכטיקן טאָג. און די לידעלעך, וואָס ער האָט שטילערהייט געלייענט פאַר דער מאַמען אין יידיש — די העברעישע לידער האָט ער געלייענט פאַר שלומען און דעם טאַטן — היינט נאָך, אַז „פאָעטן רעדן צו קינדער, ווי צו גרויסע מענטשן" — אים האָב איך נאָכגעקוקט, נאָכגעהערט די רייד זיינע און אַ סך מאָל האָט מיר זיך אויסגעמאָלט, אַז ער טראָגט אַ פאַרווונדיקט לעמעלע אויף די פלייצעס, ווי משה רבינו אין דער מדבר.

נאָך איינער איז געווען, וואָס איז געקומען אין שטוב אַריין צו אונדז, צו לייענען לידלעך: מענדל געוועטער. ער איז געווען הויך, ווי אַ זעכציק־עמערדיקער אָנטל ווייַן און, ווי אַ פאַס ווייַן, איז ער טאַקע אינמיטן געווען בייכיק און קיילעכיק. געווען איז ער יאָנטל שוסטערס זון, וואָס איז געווען אַ ייד אַ פּראָסטאַק, אָבער מענדל האָט אַלצדינג אַליין אויסגעלערנט און, דער עיקר, ער האָט ליב געהאַט צו שרייבן קליינע, שפּילעוודיקע לידעלעך. דער איבערגעוואַקסענער מענדל איז אַריינגעקומען אין שטוב, אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע שטיק־לעך פּאַפּיר, וואָס פאַרשריבן זענען זיי געווען מיט דריבנע אותיות, און מיט אַ זינגעוודיק קול האָט ער געלייענט די לידעלעך, וואָס ער האָט ערשט אָנגעשריבן. די העברעישע לידער האָט ער אין די שפּעטערע

יאָרן געדרוקט אין די קינדער־זשורנאַלן, די יידישע זענען סתם פּאַר־פאַלן געוואָרן. שוין איבער זעכציק יאָר אין דעם און ביז היינט האָט זיך נאָך נישט געפונען קיין גואל פאַר די זינגעוודיקע לידעלעך, וואָס מענדל געוועגטער האָט זיי ממש אויסגעטאַנצט, בעת ער האָט זיי גע־לייענט ביי לאָזער שוחט אין שטוב. דער ייד, וואָס איז געווען איבער־געוואָקסן גופיק, איז ביים לייענען די לידעלעך זיינע ממש געוואָרן אויסגעאיידלט און מיר האָט זיך אַ סך מאָל געדאַכט, אַז אָט הייבט ער זיך אויף און פליט אַוועק.

געווען איז פיכמאַן אַ רויִקער, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָכט און האָט נישט איבערגעלעבט דאָס שווערע געראַנגל פון איבערגאַנג פון פרומקייט צו אפיקורסות. פון די יינגסטע יאָרן מיינע געדענק איך, ווי דער עלטערער ברודער, שלום, איז געווען אַזוי פרום, אַז דער מאַ־לעווער זיידע האָט זיך אַזש געזאָרגט: וואָס וועט פון שלומען ווערן? אַ פרומער ייד דאַרף מען זיין, אָבער פאַסטן תעניתים — ווו איז געהערט געוואָרן היינטיקע צייטן? יעקב פיכמאַן איז נישט געווען פרום. מסתמא נעמט זיך עס דערפון, וואָס זיין פרומקייט האָט ער פרי אויסגעלעבט אין דער פּאָעזיע, וואָס געברויזט האָט זי אין אים נאָך איידער ער האָט אַפילו אָנגעשריבן די ערשטע שורות.

אַז שלום איז נתפקר געוואָרן — און מיט אים אַזעלכע בחורימלעך, ווי דוד קרימסקי, אלעזר היק, שייקעלע גאָלדשטיין — איז דאָס געראַנגל ביי אים געווען אַ מוראדיקס. איך געדענק, ווי אַרומגעגאַנגען איז ער, מיט די חברים, גאַנצע זומערדיקע נעכט איבער די סטעפּ־פאַרהילטע, תבואה־שמעקעדיקע גאַסן, און רעדן. פון וואָס האָבן זיי גערעדט? אַוודאי האָבן זיי מיר, דעם צניפל, נישט דערציילט. נאָר געזען האָב איך, ווי שלום איז בלייך, די אויגן זענען אים נישט אויסגעשלאָפן און מיטן טאַטן איז ער נישט שוה־בשוה. איין מאָל איז ער געקומען מיט קירצערע פאות, ווי ער האָט אַלעמאָל געטראָגן, און דער טאַטע האָט אים גוט אָנגעקוקט און זיך אָנגערופן: שוין, שלום, האָסט שוין אָנגע־הויבן ווייזן דער וועלט וואָס דו ביסט געוואָרן?

דער אמת, אַז דעם טאַטן האָט עס נישט שטאַרק געאַרט, וואָרעם ער האָט נישט געהאַלטן, אַז היינטיקע צייטן דאַרף אַ בחור טראָגן

משוגענע פּאות. נאָר געווען זענען יידן אין בעלץ, וואָס האָבן רק געזוכט חטאים אויף אַנדערע, דער עיקר אויף די כלי־קודש. אַז לאָזער שוחטס זון שניידט זיך שוין אויך אָפּ די פּאות, איז שוין עק וועלט, שטייט שוין טאָקע בעלץ אויף דער שוועל פון דעם גיהנום. שלום האָט אָבער נישט געטראַכט פון דער וועלט, נאָר פון זיך אַליין, פונעם אייגענעם געראַנגל, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. זענען פּיכמאַנס חברים אַרומגעגאַנגען און געזוכט אין די זומערדיקע, הימל־צעשפּילטע נעכט, דעם באַשייד אויף דעם אומרו אין זיך, און ער, פּיכמאַן, איז אַרומגעגאַנגען און גע־זוכט אַזוינס וואָס ער האָט נישט געוווּסט וואָס דאָס איז.

די מאַמע פּיכמאַנס האָט געהייסן פּעסיע, גערופן האָט מען זי פּעסיע עליע פּעסיעס. וויאַזוי קומט עס, אַז זי אַליין זאָל הייסן פּעסיע און זיין זאָל זי גאָר פּעסיע עליע פּעסיעס ? איז דער תירוץ, אַז עליע פּעסיעס איז נישט געווען נאָך איר, פּיכמאַנס מאַמען, נאָר נאָך אַ באָבען. האָט טאָקע עליע געהייסן נאָך דער באָבעס נאָמען, פּעסיע ווידער האָט גע־הייסן נאָכן מאַן. מילא, דער עיקר איז וואָס זי איז געווען אַ סך העכער פונעם מאַן, יאַנקל איז געווען געראָטן אין איר, נישט אין טאַטן. געהאַט האָט זי רויטע בעקעלעך, ווי זי וואָלט זיך תמיד געשעמט. און זי איז טאָקע געווען אַ שעמעוודיקע, כאָטש מיט וואָס זיך צו שעמען האָט זי נישט געהאַט. ברוך השם, קיין פּרנסה האָט נישט געפעלט און ווילע קינדער האָט זי געהאַט, וואָס־זשע דאַרף זיך אַ יידישע טאָכטער שעמען ? נאָר אַז אַ יידישע טאָכטער האָט אַ טבע זיך צו רויטלען, איז זי חנעוו־דיק אַפילו אויף די עלטערע יאָרן.

יאַנקל, אַז ער איז געווען אַ בחורל פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן, האָט געהאַט אַ טבע פאַרפאַלן צו ווערן. ער האָט גענומען אַ פּאָרל וועש, אַ זעקעלע מיט ברויט און קעז און איז אַוועקגעגאַנגען. געוויינטלעך איז ער געגאַנגען מיט די באַן־רעלסן. געקומען אין אַ שטעטל, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ שולעכל און געפרעגט, צי דאַרף מען דאָ אַ מלמד. אַ מלמד, האַ ? ווען דאַרף אַ יידיש שטעטל נישט קיין מלמד ? אַ פּאָר יינגלעך וועלן זיך שוין געפינען פאַר אים. איז ער אָפּגעווען עטלעכע וואָכן אינעם פרעמדן שטעטל, האָט זיך אין די פרייע שעהן אַרומגע־שלעפּט איבער די סטעפּעס. באַטראַכט די ציגעלניע. אַרומגעטאַפּט די

וואַסערמיל. געוואָלט דערגיין, צי דער הימל דאָ האָט אַ ברעג, צי ער איז ווי אין בעלץ — ער ענדיקט זיך נישט אין ערגעץ... אַז ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט אים פעסיע עליע פעסיעס — די מאַמע זיינע — נישט געפרעגט ווו ער איז געווען, וואָס הייסט אַ בחור ווערט פאַר־פאַלן אויף וואָכן־לאַנג? זי האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט און געפרעגט: יאַנקעלע, ביסט דאָ? ווילסט אפשר עפּעס עסן? און יאַנקל האָט גע־וואָלט עסן, ווארעם אין די גאַר רייפע יאָרן זיינע האָט ער נאָך הנאה געהאַט פון עסן.

אַ מעשה איז געווען, אַז שלום מיט נאָך צוויי חברים, באַלד ווי זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוגליטשן אין פרומקייט, האָבן זיך אָפּגערעדט צו אַנטלויפן פון בעלץ. יאַנקל פיכמאַן האָט אויך געדאַרפט לויפן מיט זיי, נאָר ער האָט זיך באַרעכנט, אַז צו וואָס דאַרף ער לויפן? זיי ווילן פאָרן קיין בערלין און זיך דאָרטן לערנען אין ראַבינער־סעמינאַר. ער דאַרף קיין ראַבינער נישט זיין. ער האָט אַן אַנדער וויזיע פאַר זיך: פּאָעזיע. שלומס אַנטלויפן איז געווען פול מיט דראַמאַטיזם. געווען ביי אונדז אַ קאַזיאָנער ראַבינער, שאַפּירא. אַ קליין יידעלע איז ער געווען, מיט נאָך אַ קלענער בערדל. גראָד האָט דער טאַטע אַלע צוויי יאָר גע־וואָרפן אַ „גאַלקע" פאַר אים, אַז ער זאָל ווייטער בלייבן ראַבינער. אָבער איינס צום אַנדערן האָט נישט קיין שייכות. „פאַנגען" אַזעלכע טייערע נשמות, ווי שלומס און לאָזער היקס, איז אַ מצווה. האָט ער זיי געגעבן עטלעכע רובל און שטילערהייט זיי אַרויסגעפּראַוועט פון בעלץ. וואָס אין בעלץ האָט זיך אָפּגעטאָן, וואָס די מאַמע האָט אָפּגעוויינט און אָפּגעקלאָגט, איז נישט דאָ צו דערציילן. איך דערמאָן די מעשה נאָר בדרך־אגב, כדי אַרויסצוברענגען, אַז יעקב פיכמאַן, וואָס האָט געדאַרפט זיין איינער פון די אַנטלויפערס, איז נישט אַנטלאָפן. דערנאָך, אַז דער טאַטע האָט שלומען צוריקגעבראַכט, האָט פיכמאַן געלאַכט מיטן צע־וואָרפענעם געלעכטער זיינעם: כאַ־כאַ־כאַ, שלום, אַ וועלט ביסטו אויס־געווען...

יהודה שטיינבערג איז געווען אַ סך עלטער פון פיכמאַנען, געדענק איך, ווי זיי האָבן זיך איינמאָל געטראָפן אין אונדזער שטוב. יהודה שטיינבערג האָט געהאַט אַ ברודער, ישראל, וואָס דאָס ווייב זיינס איז

געווען אַן אַקושערקע און האָט געווינט אין בעלץ. אַז יהודה איז אַמאָל געקומען קיין בעלץ — די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געלעבט אין אָדעס — איז עס געווען צו זען דעם ברודער זיינעם. און אַזויווי ישראל איז געווען אַ שטענדיקער אַריינגייער צו אונדז, איז שוין יהודה אויך אַריינגעקומען. דער צונויפטרעף צווישן פיכמאַנען און דעם על־טערן שרייבער איז געווען אַן דעם מינדסטן דראַמאַטיזם. יהודה האָט פיכמאַנען באַטראַכט מיט די פרומע אויגן זיינע און געזאָגט: אָ, דאָס זעט איר, וואָס שרייבט שירים? און פיכמאַן האָט אַ לאַד־געטאָן אויף זיין שטייגער: דאָס בין עך, וואָס וויל שרייבן שירים. דערנאָך האָבן זיך ביידע אָפּגעקערט איינער פונעם אַנדערן, ווי זיי וואָלטן גאָר קיין שייכות נישט געהאָט צווישן זיך.

עטלעכע יאָר שפּעטער אָבער, אַז יעקב פיכמאַן האָט שוין געהאָט אַ שטיקל נאָמען, זענען זיי געוואָרן נאָענט צווישן זיך און איינע פון די בעסטע קריטישע עסייען איבער שטיינבערגן האָט אָנגעשריבן פיכ־מאַן. קיין שרייבערישע שייכות האָבן זיי צווישן זיך נישט געהאַט. יהודה שטיינבערג איז געווען אַריינגעוואַקסן אין יידישקייט און פיכמאַן איז געווען אַרויסגעוואַקסן פון יידישקייט. נאָך ווייטער זענען זיי געווען איינער פון אַנדערן אינעם אופן שרייבן. יהודה שטיינבערג איז געווען אַ טיפער ליריקער אין דער פּראָזע, בעת יעקב פיכמאַן איז געווען ברייט־בילדלעך אין דער פּאָעזיע, אָבער צונויפגעגאַרטלט אין דעם ליריזם. יהודה שטיינבערג האָט אויסגעקוקט ווי אַ מלמדל, און יעקב פיכמאַן, אַפילו אין די יונגע יאָרן זיינע, האָט אויסגעקוקט ווי אַ פּויער, וואָס האָט זיך אויסגעוועלטיקט. יהודה שטיינבערגס ווייב האָט געהייסן מאַ־ראַדל, וואָס ביי די אויפגעקומענע משכילים האָט דער נאָמען אירער אַרויסגערופן געלעכטער. און וואָס איז שייך פיכמאַנס ערשטן ווייב, האָט אויך דער נאָמען אירער נישט שטאַרק נושא־חן געווען ביי די אָדעסער און וואַרשעווער יונגעלייטלעך. סויבל האָט זי געהייסן און אַפילו ביי אונדז אין בעלץ, וואָס אויף ווייבערישע נעמען איז מען נישט געווען קיין גרויסע מבינים, איז אויך דער נאָמען אירער נישט געווען פון די געהויבענע. דאָס צווייטע ווייב פיכמאַנס, בת־שבע, איז שוין געווען אַ צירונג פאַר אַ שרייבערישער שטוב. ווייזט־אויס, אַז

אויסקלייבן זיך אַ ווייב מיט אַ שיינעם נאָמען, דאַרף אויך אַ שרייבער האָבן טאַלאַנט, אָדער לכל־הפחות נישט זיין קיין שלימזל.

ווי דורכן חלום געדענק איך פיכמאַנס אַ ליד אין יידיש, וואָס איז געווען געדרוקט אין „הויזפריינד". דאָס ליד איז געווען געווידמעט צו סויבל דאַווידזאָן — דאָס דריבנע מיידל, וואָס מיט איר האָט ער שפּע־טער חתונה געהאַט. דעם נאָמען פיכמאַן האָט ער אויסגעלייגט מיט צוויי נונען — אַ קרומע נון און אַ לאַנגע נון — און עפּעס האָט זיך דאָרטן געזונגען פון רויזן און בלומען. פונוואַנעט די רויזן און בלומען האָבן זיך צו אים גענומען, האָב איך פאַרשטאַנען: סויבל, וואָס איז געווען משה הערש אַפּטייקערס טאָכטער — אַ שכן אונדזערער אויף דער פּעטערבאַרגער גאַס — האָט געלייענט שמרס ראָמאַנען און האָט גערעדט פון דער הייליקער ליבע און אַז זי איז געווען גאָר שטאַרק ראָמאַנטיש, האָט זי גערעדט פון די בלומען, וואָס בליען עוויג...

משה הערש אַפּטייקער, סויבלס טאַטע, איז נישט געווען קיין אַפּ־טייקער. פאַרקויפט האָט ער אין קרעמל ביי זיך טשוועקעס, בוימל, קע־ראָסין און כיניך, צימערינג און עפּעס שמירעכצן. דערפאַר האָט מען אים גערופן אַפּטייקער. די שטוב זיינע איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער פּעטערבאַרגער גאַס. נאָר דער הויף האָט זיך אַריינגעשניטן „הינטן אין מאַרק" און דאָרטן האָט ער געהאַט אַ שטיבל. אַ קליין שטיבל, אָבער צו אַ שידוך איז עס צוניצגעקומען: ער האָט צוגעזאָגט דעם חתן די שטוב, נאָר ס'האָט זיך אַלעמאָל אויסגעלאָזט, אַז דאָס שטיבל איז גע־בליבן ביי אים...

פיכמאַן, נאָך דער חתונה, האָט לאַנג נישט געדאַרפט וווינען אינעם שטיבל, וואָרעם באַלד האָט מען אים אַרויסגערופן קיין וואַרשע, צו שרייבן אין „הצופה". נאָר די עטלעכע חדשים, וואָס ער האָט געוווינט אינעם שטיבל, געדענק איך אים זיצן אויפן קליינעם טאַרנאַצל און שרייבן — פאַרשטייט זיך אין די שפּילעוודיקע זומערדיקע טעג ביי אונדז אין בעלץ. עפּעס איז ער געווען נישט אויף דער וועלט. בעלץ איז אים געוואָרן צו ענג. אַז ער איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער מיטגענומען מיט זיך די בעסאַראַבישע סטעפּעס און, דער עיקר, דעם דאָרשט נאָך לערנען, דעם טיפן דראַנג צו עפענען דאָס מויל און רעדן צו דער וועלט.

דער ברודער משה

אַז איך האָב אָנגעהויבן צו וויסן וואָס אַרום מיר טוט זיך, האָב איך אינעם מילדן, באַלד־נאָך־פּסחדיקן טאָג, געזען לעמעלעך. טויזנטער לעמעלעך, וואָס געטריבן האָבן זיי צוויי פּאַסטעכער, עטלעכע הינט און באַראַנעס. די באַראַנעס האָבן אין דער אמתן נישט געטריבן די לעמע־לעך, נאָר געגאַנגען זענען זיי פון פראָנט, מיט גרויסע, פאַרזשאַווערטע גלעקער אויף די העלדזער און קאַלטענעוואַטע וואָליקע פעל. נאָך די באַראַנעס זענען במילא נאָכגעגאַנגען די שאָף, און די לעמעלעך — מיט קינדערשע, טאַנצעוודיקע פיס און קוטשעראַווע פעלעכלעך — נאָך זיי. ווען איך נישט קאַווירן, אַז דאַמאָלסט האָב איך שוין געזען די אַלע זאַכן. אַ קינד פון צוויי יאָר זעט נישט קיין פרטים, נאָר דעם גאַנצן אַרומנעם. אָבער די לעמעלעך געדענק איך און זייער „מע" הער איך נאָך איצט, ווי געהערט האָב איך אים יענעם זוניק־וואַרעמען טאָג.

און אין שטוב האָט זיך מיר איינגעשניטן אין זכרון אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר פינף, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַן אַריבערגעבויגענער, בײדע הענט אָנגעשפּאַרט אויף די פיס, באַלד ביי די קני. דער ברודער משה איז עס געווען. דריי יאָר עלטער פון מיר איז ער געווען. ביז יענעם טאָג, ווען איך האָב אַריינגענומען אין זיך דעם גאַנג פון די לעמעלעך, האָב איך משהן נישט געזען. געזען האָב איך אים — ווי אַנדערש? אָבער ערשט דעם נאָך־פּסח האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז ער גייט נישט ווי איך, ווי דער טאַטע, די מאַמע און בכלל ווי מענטשן גייען. ווייטער האָב איך געזען, אַז אויף דער פּלייצע הינטן איז עפּעס דאָ ביי אים, ווי אַ קליין זעקל פּאַפּשוי־מעל, און פון פאָרנט איז אים אָנגע־וואַקסן אַ טאָרבעלע. דאָס ערשטע מאָל, געדענק איך, האָב איך אים גערופן משה. מסתמא האָב איך אים פריער אויך גערופן ביים נאָמען זיינעם, נאָר אין זכרון איז מיר געבליבן יענער טאָג, וואָס איך האָב דערזען די טויזנטער לעמעלעך גיין אויף דער גאַס און דעם ברודער האָב איך דערזען, ווי ער איז אויסגעבויגן, ווי אַ האַלבע שאָף. דער נאָמען

משה, וואָס איך האָב דאַמאָלסט אַרויסגעזאָגט, האָט זיך עפּעס צונויפגעמישט מיט די לעמעלעך אין דרויסן. די שייכות האָב איך נישט געוווסט, נאָר געדאַכט האָט זיך מיר, אַז משה איז אַ לעמעלע, וואָס האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון דער טשערעדע און אַ הונט איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און האָט אים צעביסן. דערפאַר איז משה אַזוי אַנגעבויגן. ער מיינט, אַז אַנגעבויגענערהייט וועט אים דער הונט נישט בייסן.

מודה בין איך אָבער, אַז צופיל זיך פאַרלאָזן אויף דערמאָנונגען פון די גאָר־גאָר פריע יאָרן קען מען נישט. זייער אָפט מיינט דער מענטש, אַז ער געדענקט, אָבער אין דער אמתן איז ביי אים נאָר דאָ דער טונקעלער איינדרוק וואָס דערנאָך פילט ער אים אויס מיט דער אייגענער פאַנטאַזיע און אויפגעכאַפּטע שטיקלעך און ברעקלעך וואָס ער האָט געהערט פון טאַטע־מאַמע, אָדער פון דערוואַקסענע אַרום זיך. נאָר קלאָר איז מיר, אַז דער איינדרוק פון די טויזנטער לעמעלעך אויף דער פעיטערבאַרגער גאַס און פון דעם ברודער משהס איבערגעבויגענער פּלייצע, ווי ער איז געגאַנגען מיטביידע הענט אַנגעלענט אויף די פיס ביי די סאַמע קני — אַט די איינדרוקן זענען נישט קיין געהערטע, נאָר מיינע אייגענע, געזעענע און איבערגעלעבטע. דאָס מעקען פון די לעמעלעך, זייער שפּרינגען, דאָס פרישקייט פון זייערע קיילעכדיקע אויגן און די קוטשעראַווע פעלעכלעך זייערע, זענען געווען צעשוימטע פריידיקייט. די לעמעלעך האָבן דאָך אַוודאי נישט געוווסט, אַז טרייבן טרייבט מען זיי צו דער שחיטה און איך, צו צוויי יאָר, האָב עס אויך נישט געוווסט. און אין שטוב, אַז משה איז מיר אַנטקעגנגעקומען, דער איבערגעבויגענער, און אויפגעהויבן אויף מיר די טרויעריק־בלויע אויגן זיינע, האָב איך דערפילט ווי די האָר אונטערן קליינעם היטעלע אויף מיין קאָפּ האָבן מיר אַ שטאָך־געטאָן.

משה, האָב איך אַ געשריי־געטאָן צו אים, לעמעלעך... אָבער משה האָט גערעדט מיט קלאַנגען נאָר, וואָס צו זיי האָט ער צוגעטשעפּעט אָפּגעהאַקטע שטיקלעך וואָרט. האָט ער עפּעס געזאָגט, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען און אין מיר האָט זיך דערוועקט אַ חשק צו לאַכן. אָבער דער געזונטער אינסטינקט האָט מיך אויסגעהיט פון לאַכן. בין איך אַנטלאָפן צו דער מאַמען, זיך איינגעבורעט אין איר פאַרטעך און געוויינט.

די מאַמע האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס איך וויין. האָט זי געמיינט, אַז אַ הונט פון דער טשערעדע האָט מיר אַ ביס־געטאָן. זי האָט מיט דערשרעק געשריגן: ווו האָט ער דיך געביסן, קינד מיינס? וויז דער מאַמען. האָב איך איר געוויזן אויף אַ פוס און זי האָט דריי מאָל אויסגעשפיגן: זאָל זיין צום גוטן.

אין שטוב ביי אונדז איז געווען שלום, דער בכור, משה און איך. נאָך אַ שוועסטערל געדענק איך, מרים האָט זי געהייסן. דער אמת איז, אַז געדענקען געדענק איך נאָר אַ פאַרגעלט פנימל מיט אַ פאַרשפיצט קעפל. אַ נאַכט געדענק איך, אַלע זענען געווען אויף.

דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געזעסן ביי מרימס בעט, שלום איז געשלאָפן אויף אַ בענקל, אַלעמאָל געגעבן אַן עפן די אויגן, זיך דערשראָקן און זיי צוריק פאַרמאַכט. משה, וואָס איז אַלעמאָל געזעסן ביים שלאָפן, האָט מיך געהאַלטן אין איין וועקן. פאַרוואָס, האָב איך נישט געוווּסט. נאָר אינדערפרי איז די מאַמע אַרומגעגאַנגען אַ פאַרוויינטע, דער טאַטע האָט אַריינגעשפאַרט די ברוינע באָרד צווישן ביידע הענט און שלום האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויפן בעט, ווו מרים איז אַלעמאָל געלעגן. אָבער דאָס בעט איז געווען צוגעדעקט. נאָר פון אויבן, ביי דער וואַנט, האָט זיך אַרויסגעזען אַ קליין בערגעלע.

שפּעטער איז געקומען אַ ייִד, מיט אַן אויסגעצויגן פּנים און אַ ווייסער יאַרמלקע אויפן קאָפּ. ער האָט אָפּגעדעקט דאָס קליינע בערגעלע. געזען האָב איך, אַז איינגעוויקלט איז דאָס בערגעלע אין אַ ווייסן ליילעך. דער ייִד האָט דאָס ליילעך מיטן בערגעלע גענומען, אַרונטערגעלייגט אונטער דער פאָלע פון דער שוואַרצער קאַפּאָטע און איז שטום אַוועקגעגאַנגען. עפּעס האָב איך געאַנט, אַז מיטגענומען האָט ער מרימען און דערפילט האָב איך, ווי די שטוב איז געבליבן ליידיק.

וואָס האָב איך דאַמאָלסט געוווּסט פון טויט? געהערט האָב איך דאָס וואָרט. געוווּסט האָב איך, אַז טויט און געוויין זענען איינס. נאָר אויסגעקומען איז ביי מיר, אַז טויט ליגט אונטער דער פאָלע ביים ייִד מיטן אויסגעצויגענעם פּנים. טויט טראָגט מען אַוועק און קיין מרים איז מער נישטאָ. ערשט, אַז דער ייִד האָט אַוועקגעטראָגן מרימען, האָט די מאַמע אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין. די מאַמע, האָט זי געקלאָגט,

איז איר דאָס צווייטע מאָל געשטאָרבן. נאָר שפּעטער, אַז איך בין אַביסל עלטער געוואָרן, האָב איך שוין געוווּסט וואָס דאָס באַטייט. מרים, האָט מען מיר געזאָגט, איז געווען אַ נאָמען נאָך מיין באָבען — דער מאַמעס מאַמע — איז די באָבע אַליין געשטאָרבן איין מאָל און איצט איז דער נאָמען נאָך איר אויך געשטאָרבן.

וויאַזוי גייט אַרום אַ באָבע אָן אַ נאָמען נאָך איר? האָב איך גע־וואָלט פרעגן, נאָר באַצייטנס האָב איך זיך באַרעכנט, אַז די באָבע גייט נישט אַרום, סיידן אַמאָל אין חלום. אַפילו מיר האָט זי זיך אַ סך מאָל געחלומט. אַזוי ווי איך האָב זי קיינמאָל נישט געזען, אי זי אין חלום ביי מיר אויסגעקומען אין כלערליי געשטאַלטן, אַמאָל אַפילו ווי די מרים, וואָס איז געלעגן אין בעט דריי פערטל פונעם יאָר, וואָס זי האָט גע־לעבט אויף דער וועלט. אַמאָל האָט זיך די באָבע מרים אויסגעמישט ביי מיר אין חלום מיטן שוועסטערל איטע, וואָס איז געגאַנגען פון דער וועלט צען יאָר אידער איך בין אויף איר געקומען. נאָר מרימען האָט די מאַמע געוויינט אַ צוויי וואָכן, אָבער דערנאָך זי קיינמאָל נישט דער־מאָנט. איטען אָבער האָט זי דערמאָנט בעת אַ שמחה, בעת אַ טרויער, אינדערוואָכן און יום־טוב. איטע, האָט די מאַמע געזאָגט, איז געווען שיין, ווי די וועלט. זי איז געווען אַ חכמה. צום יאָר האָט זי שוין גע־רעדט ווי אַ דערוואַקסענע. גאָט־און־לייט האָבן פון איר אַנגעטייעט. מרים איז ווי אָפּגעווישט געוואָרן פון דער מאַמעס זכרון; געלעבט האָט איטע, איר שיינקייט, איר קלוגשאַפט. אַז די מאַמע האָט אָנגעטאָן איר נייע ראָטאָנדע און איז אַ ווינטערדיקן שבת אינדערפרי געגאַנגען אין בית־מדרש אַריין, האָט זי ביי מיר אַ פּנים געהאַט ווי אַ קייסערינע. אַ שטאַלטנע, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, איז זי געגאַנגען אויפן פאַר־פרוירענעם שניי און האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף קיינעם. נאָר אַז זי איז אַהיימגעקומען, האָט זי אויסגעטאָן די ראָטאָנדע מיט אַ שטיל געוויין: אין דער ראָטאָנדע וואָלט זי דאָך געקענט פירן איטען צו דער חופה. איטע פוילט אין דר׳ערד און זי, די מאַמע, פוצט זיך אויס אין אַ ראָטאָנדע. נאָר איין שבת האָט זי די ראָטאָנדע געטראָגן.

משה איז געווען דער נעענטסטער צו מיר, וואָרעם שלום איז שוין געווען אַ בחור פון פופצן יאָר און האָט שוין געפאַסט תעניתים אַלע מאָנ־

טיק און דאַנקבאַרשטיק. אָבער מיט משהן האָב איך נישט געקענט רעדן און זיך שפּילן מיט אים אַוודאי נישט. אַז איך האָב געוואָלט לויפן, איז ער מיר נאָכגעגאַנגען, ווי דער בער, וואָס אַ ציגיינער האָט געבראַכט קיין בעלץ און מיט אים געוויזן קונצן אויפן מאַידאַן. זייער פּרי האָב איך אָנגעהויבן צו דערציילן נישט־געשטויגענע מעשׂהס. משהן האָב איך זיי דערציילט, נאָר יאָרן האָב איך נישט געוווּסט, צי ער פֿאַרשטייט די אויס־טראַכטענישן מיינע. ער האָט, ווייזט אויס, פֿאַרשטאַנען, נאָר זאָגן אַז ער פֿאַרשטייט האָט ער נישט געקענט. אַמאָל האָט ער זיך צעלאַכט, אָבער דאָס געלעכטער זיינס איז געווען אַזאַ צעבראָכן־טרוקנס ווי ער וואָלט געהאַקט שפּענער פֿון פֿאַרדאַרטע קלעצער. ליבערשט איז מיר שוין גע־ווען, אַז ער האָט נישט געלאַכט.

אַוודאי איז משה מיר געווען אַ ברודער. אָבער אין דער גאָר פֿריער עלטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז מיר געווען מער ווי אַ ברו־דער. אויסגעקומען איז, אַז איך בין געווען דער טרויעריקער גורל זיי־נער, כאָטש אַליין בין איך גאָרנישט שולדיק געווען. און אפֿשר בין איך יאָ שולדיק געווען? אַז איך וואָלט נישט געבוירן געוואָרן, וואָלט ער נישט געווען וואָס ער איז. און ווידער, אַז איך וואָלט געבוירן געוואָרן אַ מיידל, וואָלט ער אויך געווען אַן אַנדער משה. דער גורל האָט אויך געוואָלט, אַז מיר, משה און איך, זאָלן זיך אָנקערן אַ סך מער, ווי די אַנדערע קינדער. אַלע אין שטוב זענען געווען פּונעם שזפֿתני־מין, מיט טונקעלער הויט און ברוין־שוואַרצע אויגן. נאָר משה און איך זענען גע־ווען ליכטיק־האָריקע, כמעט בלאָנדע, מיט בלויע אויגן. מיר האָבן זיך קינדוויז אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע און געפֿילט אַ נאָענטקייט, מער ווי סתם ברודערשאַפֿט. אויף משהס פּנים האָב איך געזען, אַז צו מיר איז ער מער צוגעטוליעט און אויף מיר פֿאַרלאָזט ער זיך מער, ווי אויף די אַנדערע. יאָרן שפּעטער, אַז משה איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַן אויפֿ־געהויבענעם קאָפּ און האָט שוין גערעדט אַזוי, אַז מיר אין שטוב האָבן אים פֿאַרשטאַנען, האָט ער געוווּסט, אַז צווישן מיר און אים איז דאָ אַ נאָענטע שייכות. ער האָט אַפֿילו פֿאַרשטאַנען, אַז די שייכות איז אַ טראַגישע.

אַז איך בין געקומען אויף דער וועלט, איז משה שוין אַלט געווען

דריי יאָר. ער איז געווען אַ געזונט, פריילעך יינגעלע, איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב און זומער אין דרויסן און האָט גערעדט, אפילו גע־זונגען. אַזויווי געבוירן געוואָרן בין איך אָנהייב כסלו, איז שוין געווען גוט קאַלט אין דרויסן. אין שטוב האָט מען שוין אַפילו אַריינגעשטעלט די טאָפּל־פענצטער. דעם ברית האָט מען געמאַכט אין שטוב און פאַר־בעטן אַ גרויסן עולם. אין שטוב ביי אונדז זענען אַלעמאָל געווען אורחים. ביי לאָזער שוחט זענען די אורחים נישט געווען אויף אַ וועטשערע, אָדער אַן אָנבייסן, נאָר אויף אַ וואָך און אַמאָל אַ חודש. גראָד אין דער צייט פון דעם ברית מיינעם איז געווען איינער אַן אורח, וואָס האָט געהייסן פּרויקע — אַזויווי מען האָט מיר אַ נאָמען געגעבן. האָט מען אים אַוועק־געשטעלט היטן משהן, אַז ער זאָל זיך נישט פּלאָנטערן אונטער די פיס. משה איז געשטאַנען אויף אַ טיש און פּרויקע לעבן אים. דער עולם האָט זיך משמח געווען, געטרונקען קאַלטן ווייַן, וואָס מען האָט געהאַלטן אין איין אַרויפברענגען פונעם קעלער, געזונגען חסידישע ניגונים און גע־כאַפּט אַ ריקודל. אַ פריילעכער ברית — ווי ביי לאָזער שוחט.

דעם אורח פּרויקע האָט זיך מסתמא פאַרגלוסט אַביסל אַ מיש־טאָן זיך מיטן עולם, האָט ער משהן איבערגעלאָזט שטיין אויפן טיש און אַליין האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אינעם טאַנץ. אַ ייד אַ חסיד איז ער געווען, האָט זיך ביי אים צעפלאַקערט דאָס התלהבות און משהן האָט ער אינ־גאַנצן פאַרגעסן. משה איז געשטאַנען, ווער ווייסט ווי לאַנג, ביז ער איז אַרונטערגעפאַלן פונעם טיש אונטער די פיס פונעם עולם. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט, קיינער האָט נישט געהערט דאָס געוויין זיינס, בעת די טענצערס האָבן געטראָטן אויף זיין יונגן גופל.

אַז מען האָט שוין דערהערט זיין געשריי, האָט אים דער טאַטע אַרויסגעשלעפּט פון די צווישן דעם עולמס פיס און באַלד האָט מען געזען, אַז ער איז אַ צעטראָטענער. רעדן האָט ער אויפגעהערט באַלד, נאָר אַ פּאָר וואָכן איז ער נאָך געגאַנגען גלייך. דערנאָך האָט ער זיך אַלץ מער און מער איינגעבויגן, פון פאָרנט און פון הינטן זענען אויסגעוואַקסן הויקערס און מיט זיי איז אויך געוואַקסן דער טרויער אין אונדזער שטוב. אַ צוגעדעקטער איז ער געווען, דער טרויער. לאָזער שוחטס שטוב איז געווען אַ פריילעכע, אַן אָפענע פאַר שכנים, אַ חב״דיש־חסידישע, וואָס

אַפילו באַיאַנער, סקווערער און סאַדיגערער חסידים האָבן זיך געהאַלטן אין איר היימיש. אָבער טיף האָט געדליבעט דער טרויער. אַז איך האָב שוין גערעדט, האָב איך געפרעגט אַמאָל משהן: וואָס גייסטו מיט ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויף די פיס? ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט די בלוי־אומעטיקע אויגן זיינע און עפּעס אַרויסגעלאָזט קלאַנגען, נאָר איך האָב זיי נישט פאַרשטאַנען. וואָס איך האָב אים געפרעגט, האָט ער יאָ פאַר־שטאַנען, נאָר ענטפערן האָט ער נישט געקענט. אָבער אַפילו, אַז ער האָט זיך נאָך נישט געקענט אויסגלייכן, איז משה געווען אַ פרייליכער און האָט ליב געהאַט אָפּצוטאָן שפּיצלעך. אַז ער האָט געזען, ווי עמיצער וויל זיך אַוועקזעצן אויף אַ בענקל, האָט ער זיך צוגעשאַרט און שטיל אַוועקגערוקט דאָס בענקל, אַז יענער זאָל אַנידערפאַלן אויף דעם דיל. ער האָט אָבער אַכטונג געגעבן, אַז דער וואָס פאַלט זאָל זיך נישט צע־קלאַפּן. ווי ער האָט עס געטאָן ווייס איך נישט, נאָר קיינמאָל האָט נישט געטראָפן, אַז עמיצער זאָל, חלילה, פון משהס שפּיצלעך געניזוקט ווערן.

אין חדר איז משה נישט געגאַנגען. ווי האָט מען דען געוואָסט אין בעלץ, מיט איבער זיבעציק יאָר צוריק, פון לערנען שטומע לייענען, אָדער אַפילו רעכענען? נאָר פאַרמאָגט האָט ער קינסטלערישע נייגונגען. ווי האָט ער זיי געקענט אויסדריקן? אוודאי נישט אין שרייבן, נישט אין זינגען. אין די ערשטע יאָרן, האָט ער ערב פּסח געגרייט דעם טיש, אים אויסגעשטעלט מיט אַזויפיל שיינקייט, אַז ער האָט ממש געזונגען. אַז ס'איז געקומען צום סדר, אַלע האָבן געמאַכט קידוש, געזאָגט, געזונ־גען הלל און חד־גדיא, איז משה געזעסן ביי דער זייט און האָט שטיל געוויינט. ער האָט, חלילה, נישט אויפגעהויבן דאָס קול, וואָרעם ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט פאַרשטערן דעם סדר. האָט ער זיך געווישט באַהאַלטענערהייט די אויגן אזן, אַז עס איז געקומען צו „שפוך חמתך", איז ער געלאָפן עפענען די טיר. ער האָט געוואוסט אַלע מנהגים און חושד בין איך, אַז צו דער טיר איז ער געלאָפן, בכדי ער זאָל דערווייל קענען הויך אַ וויין־טאָן, און מיר ביים טיש זאָלן נישט זען. און מיר ביים טיש האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מיר זעען נישט, וואָרעם געוואוסט האָבן מיר, אַז משה וועט האָבן גרויס עגמת־נפש, אַז ער זאָל וויסן אַז מיר זעען אים וויינען. האָבן מיר געזונגען, זיך אַפילו נאַריש געמאַכט און נאָך יעדער כוס געזאָגט:

„משה, גיס־אָן דעם צווייטן כוס... משה, גיס־אָן דעם דריטן כוס"...

מיר דאַכט זיך, אַז משה האָט גוט געוווּסט, אַז צווישן אונדז און אים שפּילט זיך אָפּ אַ שפּיל. נאָר ער האָט זי מיטגעשפּילט. וואָרעם ער האָט אויך געוווּסט, אַז אָן דער שפּיל וועט דער סדר ווערן אַ תּשעה־באָב. דאָס אייגענע איז געווען סוכּות. די סוכּה האָט משה געבויט. ער האָט צונויפגעשלעפּט ברעטער פון אומעטום און אויסגעפּלאָנעוועט די סוכּה מיט אַלע פּרטים: דאָ אַ פענצטער, דאָרט די טיר. די ווענט האָט ער אויסגעהאָנגען מיט קילימעס און מיט כּלערליי צווייגעלעך, וואָס געמאַכט האָט ער פון זיי שיינע פיגורן. געגרייט דעם טיש האָט משה. די פלעשער וויין האָט אויסגעשטעלט משה. די גלעזער און די לייכטער האָט צעשטעלט משה. נאָר אַז עס איז געקומען צום קידוש און די געזאַנגען, איז ער געבליבן אַ פאַרשעמטער, אין זיך פאַרשוויגענער מיט געוויין. אַזוי איז געווען צו יעדער יום־טוב, כאָטש מיר האָבן געפּרוּווט צו האַלטן די שטוב אַ פריילעכע, אַ דערהויבענע און חסידיש־התלהבות־דיקע. ביסלעכווייז איז די שטוב בייגעקומען דעם טרויער משהס און משה אַליין האָט אויך געפונען אַן אָנהאַלט פאַר זיך.

דער טאַטע איז אין סוכּה נישט געשלאָפן, נאָר אַ מלמד האָב איך געהאַט — שמעון באַרער (באַרער האָט ער געהייסן דערפאַר וואָס ער איז געקומען פון דער פּאָדאָליער שטאָט באַר), איז ער געשלאָפן אין סוכּה. משהן איז געפעלן די מעשה און דער לץ אין אים האָט אים מסתּמא אַ שטופּ־געטאָן אָפּצוטאָן איינס פון זיינע שפּיצלעך. די סוכּותדיקע נאַכט איז געווען אַ קילע, אַ לויטער־ליכטיקע. די מאַמע האָט אויסגעבעט דעם מלמד אין סוכּה אויף צוויי צונויפגערוקטע בענק אַ געלעגער און דער מלמד האָט אַ קרעכץ־געטאָן: נו, מען דאַרף גיין שלאָפן.

אַז אַלע אין שטוב זענען שוין געגאַנגען שלאָפן, האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט, אַז משה איז נישטאָ. סיידן האָט משה געהאַט אַ טבע אין די ליכטיקע נעכט אַרומצוגיין אין דרויסן, קוקן אין אַלע ווינקעלעך און צוריקקומען, ווי ער וואָלט מיט עפּעס געווען אָנגעפילט. שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר דערהערט, ווי עמיצער קלאַפּט אין דער הינטער־שטער טיר. דער טאַטע איז אַרונטערגעלאָפן אַ דערשראָקענער: ווער קען עס זיין? דער באַרער מלמד, אין די הוילע גאַטיעס, אַ בלייכער, אַ

ציטערדיקער. וואָסי, ר׳ שמעון? וואָס האָט מיט אייך געטראָפן? ער האָט נישט געקענט רעדן, אַזוי צערודערט איז ער געווען. אַז מען האָט שוין ביי אים אַרויסגעקריגן עטלעכע ווערטער, האָט ער דערציילט, אַז נישט־גוטע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין סוכה. וואָס הייסט נישט־גוטע, האָט אים דער טאַטע געפרעגט, איר גלייבט אין נישט־גוטע? און וואָס האָבן זיי געטאָן?

הערט אַ מעשה, האָט ער נאָך גערעדט מיט ציטער, זיי האָבן די שטיוול זיינע אויפגעהאָנגען אויף דער טיר. די הויזן האָבן זיי צוגעטשעפּעט צום סכך. די קאַפּאָטע האָבן זיי אָנגעטאָן אויף צוויי שטעקנס און זיי אַריינגעשטעקט אין דער ערד און דאָס היטל האָבן זיי אַריינגערוקט אין פענצטער און, אַז ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער געמיינט אַז אַ קאָפּ שטעקט דאָרטן.

„גייט שוין גייט, ר׳ שמעון באָרער״, האָט דער טאַטע געזאָגט מיט געלעכטער, „נישט־גוטע טוען נישט אַזעלכע זאַכן. בפרט, אַז איר האָט געלייענט קריאת־שמע״...

נאָר קריאת־שמע האָט ער געלייענט? ער האָט געזאָגט נאָכאַמאָל הלל אויך. נאָר איר זעט דאָך! וואָרעם ווער וועט עס טאָן, אַז נישט די לצים, וואָס לויערן אויף כשרע יידישע נשמות? דער טאַטע האָט גוט געוווּסט, ווער עס האָט געטאָן דאָס שפּיצל. מיר האָבן געוווּסט, אַז משה האָט עס געטאָן. נאָר קיינער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. משה אַליין איז געווען אַביסל דערשראָקן — ער האָט נישט געמיינט, אַז עס זענען דאָ נישט־גוטע און, אַז דער מלמד וועט זיך אַזוי דערשרעקן. ער האָט זיך שטיל איינגעגורעט אונטער דער קאָלדרע און דער פּאָדערשטער הויקער האָט אַרויסגעשטעקט אַ סך מער, ווי אַלעמאָל. קאַליקעס זענען געווינטלעך ברוטאַל, זיי פּייניקן קעץ און הינט. משה איז געווען גוט צו קעץ און הינט האָט ער ליב געהאַט; אַבי זיי האָבן נאָר נישט געהאַוקעט אויף אים און נישט אויסגעשטעלט די ציין, אַז אַט צעבייסן זיי אים.

צי משה האָט געוווּסט, אַז אויף מיין ברית האָט מיט אים געטראָפן דאָס אומגליק, בין איך קיינמאָל נישט דערגאַנגען. אַז איך בין געווען קליין, האָב איך אַליין געוווּסט דערפון זייער טונקל. איז דאָך נישט

שייך געווען צו פרעגן משהן. אַז איך בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך שוין שכל געהאַט, אַז עס איז אַ סך געזינטער אַזעלכע זאַכן נישט אָנצורירן. די אַנדערע אין שטוב האָבן אוודאי נישט גערעדט דערפון, וואָרעם זיי האָבן נישט געוואָלט ווידער אויפשניידן די פאַרצויגענע ווונדן. האָבן אַלע געוווּסט און אַלע האָבן געשוויגן. נאָר די מאַמע האָט משהן גע־קעכלט מער ווי מיך און דעם יינגערן שמואלן. פון שלומען איז דאָך אָפּגערעדט — ער איז דאָך שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור און ווער קעכלט אַ בחור, וואָס אָט־אָט דאַרף ער אַ חתן ווערן ?

אין שטוב ביי אונדז האָט מען אַ סך געטאַנצט. אַ שמחת בית ה־שואבה, אַ שמחת־תורה, אַפילו אַ פּשוטער פּורים — יידן האָבן געזונ־גען וואָלעכלעך און געטאַנצט. צו זיבן יאָר, געדענק איך, האָב איך זיך שוין אַריינגעדרייט אין ראָד און געטאַנצט מיט עלטערע יידן. משה האָט זיך אַלעמאָל געהאַלטן פונדערווייטנס, אָדער ער איז אינגאַנצן אַוועקגעגאַנגען פון שטוב, בעת אין שטוב האָט מען געזונגען און גע־טאַנצט. וווּהין איז ער געגאַנגען ? קיין חברים האָט ער נישט געהאַט, וואָרעם אַפילו אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסצורעדן ווערטער, האָבן נאָר מיר אין שטוב אים פאַרשטאַנען. זייטיקע מענטשן, בפרט קינדער, האָבן נאָר געהערט אָפּגעריסענע, צעשויבערטע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך צונויפגעבונדן אין ווערטער. אַמאָל האָב איך אים געקענט טרעפן אויף דער אָבאָרע, ווו ער האָט זיך געשפּילט מיט אַ קאַץ. אַמאָל איז ער סתם אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, אַבי עס איז נאָר נישט געווען קאַלט. איינמאָל איז ער געבליבן אין דער היים און איינער פון די היימישע יידן האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט : קום, משה, טאַנצן. געזען האָט מען, ווי אַן אימה איז אים באַפאַלן. ער האָט אַרויס־געלאָזט אַזאַ געשריי, אַז די גאַנצע שטוב איז פון שרעק געבליבן שטיל. דער ייד איז נעבעך בלייך געוואָרן ; וואָס האָב איך אים דען געטאָן ? נאָר אָנגענומען ביי דער האַנט... האָט ער זיך פאַרענטפערט.

ערשט, אַז איך בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז אין משהן לעבט אַן אינסטינקטיווע שרעק פאַר טאַנצן. נישט סתם פאַר טאַנצן, נאָר פאַר יידן, וואָס טאַנצן אין שטוב ביי אונדז. אין אים איז געלעגן די דערמאָנונג פון יענעם טאָג, ווען יידן האָבן געטאַנצט אויף זיינע יונגע, קינדערשע ביינער און זיי צעבראָכן...

אַז משה האָט זיך אויסגעגלייכט — מער נישט געגאַנגען מיט די הענט אָנגעשפאַרט אויף די קני — איז אים אָנגעקומען אַ שטענדיקע אומרו. ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך. אין בעלץ איז שוין דענצמאָל געווען אַן אילוזיאָן, וואָס שטיוולמאַכער האָט אים געעפנט לעבן דער גרויסער מענערישער קראָם זיינער, און משה האָט אָנגעהויבן צו גיין יעדער טאָג, צו קוקן אויף די שטומע בילדער, די ווילדע, וואָס מען וואַרפט זיך טעלער, מען ממיתט זיך איינע די אַנדערע, אָדער מען קריכט אויף די גלייכע ווענט. משה איז אַ סך מאָל אָפּגעזעסן אין אילוזיאָן ביז שפּעט אין דער נאַכט, עטלעכע מאָל געזען די אייגענע בילדער, און אַהיים איז ער געקומען אַן אָנגעשוויגענער. גערעדט האָט זיך, אַז ערשט אין אילוזיאָן האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט שווייגעניש. פרעגן אים, וואָס ער האָט געזען — איז קיינעם נישט איינגעפאַלן. וואָרעם ער וואָלט נישט געקענט דערציילן און דאָס נישט קענען דערציילן וואָלט נאָך מער פאַרשאַרפט זיין טרויער.

איינעם אַ זומערדיקן טאָג איז משה אַהיימגעקומען פאַרנאַכט־צו און עפּעס איז ער געווען אַן אַנדערער. ער האָט מיט די אומרויִקע אויגן גע־האַלטן אין איין זוכן. אין שטוב האָט ער געזוכט, אין קאַמער, אויף דער אַבאַרע. וואָס האָט ער געזוכט? די מאַמע האָט אים נאָכגעקוקט מיט צערדיקע אויגן און מורא געהאַט צו פרעגן וואָס ער זוכט. דער טאַטע איז געווען אין בית מדרש ביי מנחה־מעריב. וואָס שייך מיר, בין איך נאָר־וואָס געהאַט געקומען פון חדר און געזונגען האָב איך אין זיך די שווערע סוגיא, וואָס אַנדערש ווי מיט אַ ניגון האָט מען זי נישט געקענט דערגרונטעווען. שטיל האָט מיר די מאַמע געזאָגט: אפשר ווייסטו, פרוי־קע, וואָס משה זוכט? נאָר איידער איך האָב זיך צוגערוקט צו אים, איז ער שוין געווען אין שטוב מיט אַ שטיק האָלץ. נישט אַ פּשוט שטיק האָלץ, נאָר עפּעס אַ מין קלעצל, וואָס איז געווען גלאַט. ווי אָפּגעטעסעט, און האָט געהאַט ברוינע איינשניטן פון סוקעס. די מאַמע האָט זיך דער־שראָקן:

„פרויקע, אַ שטיק האָלץ... וואָס וויל ער טאָן דערמיט?"

האָב איך זיך אויך דערשראָקן: דאָס שטיק האָלץ האָט געהאַט אַ מיאוסן אויסקוק: ווי אָט־אָט דערלאַנגט עס דיר איבערן קאָפּ. נאָר גע־

שטאַרקט האָב איך זיך: „משה, וואָס וועסטו טאָן מיטן שטיק האָלץ?"
ער האָט געהערט און נישט געהערט. נאָר דערקענט האָב איך, אַז ער האָט דאָס קלעצל נישט אויסגעזוכט, כדי צו דערלאַנגען דערמיט עמיצן איבערן קאָפּ. דאָס פּנים האָט אים ממש געלויכטן און די אויגן האָבן געקוקט אויף מיר און האָבן מיך נישט געזען.

מעסערס זענען אין שטוב געווען געגנוג. משה האָט פריער אויסגעפּרוּווט איינס פון די שאַרפע מעסערס און די מאַמע איז נאָכמער אַריינגעפאַלן אין שרעק. זי האָט מיר אַריינגערוימט, אַז איך זאָל גיין אין בית מדרש אַריין און רופן דעם טאַטן. נאָר מיר איז אויסגעקומען, אַז עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר משהן. אַזויפיל גוטסקייט אין זיין פּנים. אַפילו מיטן שאַרפסטן מעסער וועט ער אויך, חלילה, קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן. דערנאָך האָט ער דאָס מעסער אַוועקגעלייגט און אויסגעזוכט אַ שאַרף קניפּעקל. ער האָט עס צוגעשאַרפט און די גאַנצע צייט זענען מיר ביידע, די מאַמע און איך, געשטאַנען ביי דער זייט און, ווי פאַרכישופט, נאָכגעקוקט אַלצדינג וואָס ער טוט. אַז דאָס קניפּעקל איז שוין געווען גוט שאַרף, האָט ער אָנגעהויבן אַרומצופּוצן דאָס קלעצל. געלויבט דער אייבערשטער, אַבי דאָס שאַרפע מעסער איז אויסגעגאַנגען נאָר צום קלעצל. די הענט האָבן אים געפיבערט ביים שניצן דאָס קלעצל. און מיר האָבן אויך געפיבערט. ביז עס איז געוואָרן גוט טונקל, האָט משה שוין אויסגעשניצט ביים סוף פונעם קלעצל עפּעס, וואָס איז געפורעמט ווי דער קאָפּ פון אַ מענטש. מיר איז געוואָרן אַביסל שווער צו קוקן אויף דעם, וואָרעם ערשט האָב איך געלערנט אַזויפיל וועגן „לא תעשה לך כל פסל" און דאָ קומט אַן אייגענער ברודער מיינער און שניצט אויס אַ פסל...

משה האָט דערנאָך, אויף זיין שטייגער, דערציילט, אַז אין אילוזיאָן האָט ער געזען, ווי איינער האָט אויסגעשניצט פיגורן פון האָלץ און דערפאַר שניצט ער אויך. פאַרשטייט זיך, אַז משה האָט נישט געקענט אַרויסזאָגן, וואָס אין אים האָט זיך צעלויכטן. ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו שניצן און ביסלעכווייז איז ער אַריין אין אַן אַנדער וועלט: שניצעריי און... פריידיקייט.

פסח, תשכ"ז

געוועז אַמאָל און מער נישטאָ

(אַריינפיר צום בוך זכרונות וועגן בעסאַראַביע)

דאָס בעסאַראַבער יידנטום איז געווען פילגעשטאַלטיק, ווי פילגע־שטאַלטיק עס איז בכלל אַ קיבוץ מענטשן. דאָ איז געווען דער פּראָסטער ייד, דער באַלמעלאָכע, דער לאַצאַרעניק, דער ברינדזאַר, דער בריק־סוחר, דער שטעקל־דרייערישער קאָמיסיאָנער ביי דער באַן, דער קאַ־טיוזשניק, דער קאַדראַן, דער פּאָסעסאַר, דער טאַבאַק־פּלאַנצער, שוין אָפּגערעדט פון יידן למדנים און חסידים. יעדער פּרנסה האָט אַרויפגע־לייגט איר באַזונדערן חותם אויפן מענטשן, האָט אים אויסגעטיילט פון די אַנדערע, אים געשטאַלטיקט. ס'איז אָבער געווען אַ בעסאַראַבישער נוסח, וואָס האָט אָפּגעטיילט אַלע יידן, אַפילו פון די יידן באַלד אַריבערן דניעסטער — די פּאָדאָליער.

דער נוסח בעסאַראַביע האָט זיך אויסגעפורעמט אויף די סטעפּעס, וואָס האָבן זיך געצויגן אי מאָנאָטאָנע, אי פילפאַרביק; די שוואַרץ־ערד, וואָס איז אַזוי פעט, אַז אייך דאַכט זיך, אַז זי איז דורכגעווייקט מיט בוימל; דער הימל, וואָס אַפילו אינעם לויטערסטן טאָג האָט ער גע־טראָגן אין זיך דעם אָנזאָג פון שפעדיקן רעגן; די שאָף און די לעמע־לעך; דאָס תבואהדיקע רחבות; דאָס רייכקייט פון כלערליי פּירות; די שפע פון וויינטרויבן און וויין. היינט איז נאָך בעסאַראַביע געווען פילפאַרביק אין דער באַפעלקערונג. דער מאָלדאַוואַן איז טאַקע געווען דער רוב פון דער באַפעלקערונג, אָבער זייער טיף איינגעקריצט האָבן זיך די שפורן פונעם טערק, וואָס האָט דורות־לאַנג געוועלטיקט איבער בעסאַראַביע. טאָטערן זענען געווען היימיש אין בעסאַראַביע, ציגיינער האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער אירע סטעפּעס. אין די שטעט זענען געווען גריכן, אַרמענער און פאַרוואַלגערט האָבן זיך אויך דייטשן, שוין אָפּגערעדט פון אוקראַינער.

די פעלקער־פאַרביקייט האָט אויך צוגעגעבן שטריכלעך צום געשטאַלט פונעם בעסאַראַבער יידנטום. אָפּגעשלאָסן און צו דער אייגענער צייט ברייט־וועלטלעך איז דאָס בעסאַראַבער יידנטום געווען. אָנגעטרונקען מיט דער רייכער נאַטור, דרומדיק צעכראַסטעט און יידיש געצוימט, אָנגעזאַפּט מיט די פאַרשידנפאַרביקע קולטורן, שטייגערס לעבן און אַפילו לשונות, האָט דאָס בעסאַראַבער יידנטום אויסגעפורעמט אַ נוסח, וואָס אַנדערע יידישע שבטים האָבן אים נישט געקענט און נאָך ווייניקער אים פאַרשטאַנען. אין אונדזער פאָלקלאָר איז כמעט יעדער יידישע געגנט באַמאָלן אויף אַ לאַקאָנישן אופן, ווי „צלם־קאָפּ" פאַר ליטוואַקעס, קירהס פאַר גאַליציאַנער. בעסאַראַבער יידן זענען אינעם פאָלקלאָר „מאַמעליגעניקעס", ווײַן־טרינקערס, עסערס פון שאָפּענע קאַדעס און גענדזענער פּאַסטראָמע. דאָס איז אָבער נאָר דער חומרדיקער נוסח פון בעסאַראַביע. אַ רוחניותדיקער נוסח איז דאָ, אַ נשמהדיקער, וואָס איז טאַקע געווען באַווירקט פונעם חומרדיקן, נאָר געווען איז ער געוועבט פונעם סאַמע ריינסטן יידישן זייד.

דער נוסח בעסאַראַביע איז גייסטיקע ברייטקייט, נשמהדיקע ווייכקייט, מענטש־פּשוטקייט. מיטן אָפענעם פּנים צו דער זון, צו די ווינטערדיקע שטורעמס און די זומערדיקע „בערעס" איז דער בעסאַראַבער ייד געגאַנגען. דאָס אָפענע פּנים איז געווען דאָס אָפענע האַרץ זיינס, דאָס דין־פילנדיקע, דאָס פול־געזאַנגיקע. דער נוסח בעסאַראַביע איז געווען אַריינצוגיסן דעם חומר אינעם רוחניות און אַריינצוּוועבן דאָס רוחניותדיקע אינעם חומר. דער בעסאַראַבער ייד האָט געזונגען אַ וואַלעך, אָבער דאָס וואַלעכל איז געווען דורכגעפלאָכטן מיטן יידישן טרויער — דער ייד האָט דאָס וואַלעכל פאַריידישט, אַריינגעזאָסן אין דעם טענער, וואָס גייען צוריק אפשר צו די ניגונים פון די לוויים אין בית־המקדש. אין חזנות פון גאָר דער יידישער וועלט האָט זיך אַריינגעגאָסן דאָס וואַלעכל, אָבער נישט פונעם מאָלדאַוואַן איז עס געקומען, נאָר פון די בעסאַראַבער יידן. צום חזנות איז שוין דערגאַנגען אַ געיידישט וואַלעכל. יידן אין בעסאַראַביע האָבן געטאַנצט דעם „זשאָק" — אַ וואַלעכישער טאַנץ אַזאַ. ער איז אָבער געווען אַ יידישער טאַנץ, פול מיט יידישער פרומקייט, מיטן חן פון באַשיידנקייט און דעם התלהבות פון התפשטות.

אין בעסאַראַביע זענען געווען אביונים, אָבער דער ייד, וואָס האָט געפירט אַ באַשיידן באַלעבאַטישקייט, איז געווען אַ בעל־צדקה און די אביונים זענען נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון הונגער. די מצווה פון „שטעלן אַ יידן אויף די פיס" איז געווען אַ ידישע, אָבער דער עיקר האָט דער בעסאַראַבער ייד זי מקיים־געווען דערפאַר, וואָס דאָס האַרץ זיינס האָט מיטגעפילט מיטן געפאַלענעם. מענטשלעכע גוטסקייט האָט מער געווירקט, ווי סתם מצווה. אינעם ידישן כאַראַקטער איז געווען ברייטהאַרציקייט, דעם אָרעמאַן האָט ער געגעבן מיט דער פולער האַנט, נישט אים צוגעוואָרפן אַ נדבה. אַ מכניס אורח איז דער בעסאַראַבער ייד געווען און ווידער נישט דורכאויס דערפאַר, וואָס הכנסת אורחים איז אַ ידישע מצווה, נאָר דער עיקר דערפאַר וואָס ער האָט ליב געהאַט מענטשן, אַ פרעמדער מענטש ביים שבתדיקן טיש איז פאַר אים געווען אַ מענטש־יום־טוב, ער האָט זיך מיט אים געפרייט און אויסגעקומען איז, ווי דער אורח טוט גאָר אים אַ טובה, וואָס ער קומט צום שבתדיקן טיש זיינעם.

די כלערליי פרנסות און מלאכות האָבן געשטאַלטיקט די יידן. איין שטריך האָט אָבער אַלעמען פאַרבונדן: די ערד. דער ייד, צי ער האָט געהאַט אַ דירעקטע שייכות מיט דער ערד, מיטן גערעטעניש, צי ער האָט מיט איר קיין שייכות נישט געהאַט, איז פסיכיש געווען צונויפ־געלעבט מיטן סטעפּ, מיטן פעלד, מיט דער תבואה, מיטן וויין, מיט די לעמעלעך און שאָף. דער שטאָטישער ייד איז אין אַ זומער, אַז דער רעגן האָט זיך פאַרהאַלטן, אַרומגעגאַנגען מיטן קאָפּ פאַרריסן צום הימל. ער האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ וואָלקנדל, געשמעקט מיט דער נאָז די לופט, צי זי איז אָנגעזאַפּט מיט דער פייכטקייט, וואָס זאָגט־פאָרויס דעם רעגן. דער ייד האָט דערשמעקט דעם רעגן, וואָרעם די חיונה דעם יידנס איז געווען די ערד, די תבואה, דאָס גערעטעניש. בעסאַראַביע האָט קיין אינדוסטריע נישט געהאַט און דאָס ביסל, וואָס איז יאָ געווען, איז געווען פאַרבונדן מיט דער ערד און דעם גערעטעניש. די גרויסע מילן, ווי ר' שמואל ליפּסאָנס מיל אין מיין שטאָט, האָבן באַשעפטיקט הונ־דערטער אַרבעטער. אָבער ווידעראַמאָל, אַז קיין גערעטעניש איז נישט געווען, האָבן די מילן געפּוסטעוועט. געווען זענען בוימל־פאַבריקן,

נאָר דעם בוימל האָט מען געמאַכט פון „סימיניע״, — אַזעלכע דריבנע קערלעך, וואָס זענען געווען בלאָ און אָנגעגאָסן מיט אייל, — אָדער „שאָנעשניק״, — זונרויזן־קערלעך. אין אַ מאָגער יאָר האָט די בוימל־אינדוסטריע געדאַרט און געקוואַרט, קיין קערלעך צו קוועטשן דעם בוימל איז נישט געווען.

אַז די זון אין די קאָדרעס האָט צופיל געבראָטן, אָדער רעגן האָט צופיל געגאָסן, איז געווען אַ מאָגער גערעטעניש אויף „פּאָמען״ — וויינטרויבן — און דאָס נישט־געראָטענע יאָר האָט זיך שטאַרק אָפּגע־רופן אויף יידישע פּרנסות. און וואָס איז מיט די פּירות, ווי עפּל, באַרן, פלוימען? דער עיקר טאַקע פלוימען, וואָס גאַנצע געגנטן אין בעסאַ־ראַביע האָבן פון זיי געצויגן זייער חיונה. און ניס, וואָס בעסאַראַביע האָט זיי געשיקט אַפילו קיין דייטשלאַנד.

היינט די שאָף און די לעמעלעך — וואָס איז אין דער אמתן געווען קאַראַקול און וואָל. באַלד נאָך פּסח האָבן זיך אָנגעהויבן צו ציען סטאַ־דעס לעמעלעך, טויזנטער אויף טויזנטער — קליינינקע, געקרייזלטע, מיט זינגעוודיקע פּיס, מיט אַ קינדיש־פריילעכן מעקען. די „פליישלעך״ פון די לעמעלעך האָבן גאָר קיין ווערט נישט געהאַט, דער עיקר זענען געווען די פעלעכלעך. מיליאָנען פעלעכלעך זענען דורכגעגאַנגען דורך יידישע הענט. געטריקנט האָט מען זיי אויף דער זון, דערנאָך האָט מען זיי, אין גאַרבאַרניעס, געשאָבן און גערייניקט, זיי אָפּגעקליבן, סאָר־טירט און צעשיקט איבער די יאַרידן. נאָך פּסח האָט מען אויך געשוירן די שאָף און די וואָל האָט מען געפּאַקט אין „וואָנטעכער״ — ריזיקע זעק, וואָס אָנגעטאָפּטשעט האָט מען זיי און פאַרנייט. די וואָל איז אויך געגאַנגען אויף די יאַרידן, וואָס געוויינטלעך זענען זיי געווען אין יאָר־מעליניץ און באַלטע — ביידע אין פּאָדאָליע. אַז די ערד איז געווען גנעדיק צום מענטשן — ממש אויפן תנ״כישן שטייגער — איז דער מענטש געווען זאַט, האָט ער געהאַט אַ האַרץ פול מיט ליוב צו גאָט און צו לייט, האָט אַפילו דער טרויער אַרויסגעזונגען פון אים.

צווישן דעם ייד און דעם פּויער איז געווען איינגעשטעלט אַ מין שותפות צו דער ערד. דער פּויער האָט טאַקע צעטראָגן די שפע פון דער ערד איבער אַלע ווינקעלעך פון רוסלאַנד און אַפילו דערגרייכט

אַריבער די גרענעצן. דער ייִד האָט באַדינט דעם פּויער אין זיינע באַ־דערפעענישן, ווי „קאָוועץ" אַ פערד, פאַרריכטן אַ ראָד, מאַכן אַ כאָמעט, שויץ אָפּגערעדט פון אים באַקליידן און באַשוכן. אַן איינגעשטעלטע שותפות און ביידע האָבן געדאַרפט, אַז עס זאָל רעגענען צו דער צייט, די זון זאָל שיינען צו דער צייט און אפילו, אַז דער ווינט זאָל צו דער צייט בלאָזן. יאָ, דער ווינט איז אויך געווען אַ טייל פון דער מזל־ברכה אין בעסאַראַביע. טאָמנע (האַרבסט), אַז דעם ווייץ, דעם גערשטן, דעם קאָרן און דעם האָבער האָט מען אויסגעדרעשט, האָט מען די קערנער געדאַרפט אויסווייען, — אויסווינטיקן די קערנער פון דער שאָלעכץ. פונעם ווילד־גראָז, פונעם שטרוי. אַז אַ לייכטער ווינט האָט געבלאָזן, האָט מען די תבואה געוואָרפן מיט לאָפּעטעס אין דער הייך, די שווערע קערנער זענען געפאַלן באַלד ביים ווייער און די לייכטע שטרויעלעך האָט דער ווינט פאַרטראָגן ווייטער. האָבן ייִדן געשמעקט דעם רעגן, געשמעקט דעם ווינט, געזוכט די זון און אַמאָל אפילו אַריינגעקוקט דער לבנה אין איר ליכטיק־בלייכן פנים אַריין צו דערגיין ווי סע האַלט מיטן מאָרגנדיקן טאָג.

און, אַז סע האָט זיך געמאַכט אַ נאָך־פּסח און דער רעגן האָט זיך פאַרהאַלטן, איז ווידער געווען אַ שותפות צווישן דעם ייִד און דעם פּויער. די פּויערים זענען אַרויסגעגאַנגען מיט די צלמים, מיטן גלח פאָרויס, אויף די פעלדער זענען זיי געגאַנגען און באַשפּרענקלט די טרוקענע ערד מיטן „הייליקן וואַסער", תפילה־געטאָן און געקניט. איי־נעם אייגענעם טאָג זענען ייִדן געגאַנגען אין די שילן זאָגן תהילים און מתפלל־זיין אויף רעגן. אין דרויסן האָבן די קלויסטער־גלאָקן גע־קלונגען, גלחים האָבן געפּרעפעלט, גוים האָבן זיך געצלמט און, להבדיל, ייִדן האָבן געזאָגט תהילים, אַ סך האָבן אפילו געפּראַוועט תענית. אַ ספק איז, צי ערגעץ אַנדערש, אַ חוץ בעסאַראַביע, האָבן זיך גוים מיט ייִדן צונויפגעתפילהט, אַזוי ווי ביי אונדז, אין אַ טאָג, וואָס מען האָט געבעטן אויף רעגן.

איידער איך וועל פּרוּוון אָנצייכענען די ייִדן־געשטאַלטן אין די שטעט, וויל איך געבן דעם כאַראַקטער פונעם בעסאַראַבישן שטעטל, אָדער נאָך בעסער, דעם סטעפּ.

ב.

דאָס שטעטל האָט קודם־כל אויסגעפּאָרעמט דער יידישער גאַנג אין לעבן, וואָס איז מחוץ געאָגראַפישע גרענעצן. די הלכה און די אגדתא; דער שבת און דער יום־טוב; דער גלויבן אין ביאת־המשיח און די וויזיעס פון שיבת ציון — די דאָזיקע גייסטיק־יידישע מידות האָבן געפּורעמט דאָס שטעטל אַפילו פיזיש, שוין אָפּגערעדט פון גייסטיק. צו דער אייגענער צייט, אָבער, האָט די דרויסנדיקע סביבה, ווי די נאַטור, דער כאַראַקטער פון אַ געגנט, יידישע פּרנסות, אויך געלייגט דעם באַזונדערן חותם אויפן שטעטל. די מאָגערע ערד אין דער ליטע האָט אַ סך גורם געווען, אַז דאָס ליטווישע שטעטל זאָל מבטל זיין דעם חומר און אַ סך מער עוסק זיין אין תורה, ווי אַ שטעטל אין אוקראַינע, אָדער בעסאַראַביע. די שטרענגע ליטווישע נאַטור האָט אויך גורם געווען די ליטווישע לומדות. די מילדע רחבות פון די אוקראַינער פעלדער האָט גאָר אַ סך געווירקט, אַז דער אָנהויב פונעם חסידות זאָל זיין אין מעזשביש און, אַז ר׳ נחמן בראַצלאַווער זאָל ווערן דער גרויסער רבייאישער פּאָעט פונעם חסידות.

דאָס יידישע שטעטל אין אוקראַינע האָט געהאַט אַן אייגן פּנים, וואָס איז געווען אַנדערש אַפילו פון דער נאָענטער בעסאַראַביע. דער דניעסטער האָט אָפּגעטיילט בעסאַראַביע פון פּאָדאָליע, אָבער אין געמיט און לעבנסשטייגער, אין דער פּסיכיק אַפילו, זענען די צוויי טיפּן שטעטל געווען ווייט איינס פון אַנדערן, ווי גאָר אַ גרויסער מרחק וואָלט געלעגן צווישן זיי.

אַ באַזונדער מין שטעטל איז געווען אין בעסאַראַביע, וואָס גערופן האָט מען עס סטעפּ. אַ ייד, וואָס האָט געלעבט אין סטעפּ, איז געווען אַ סטעפּניק. יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דערפער, זענען נישט קיין ישובניקעס, נאָר רענדאַרעס. מסתמא איז עס דערפאַר, וואָס אין די פריערדיקע דורות האָבן די דאָרפס־יידן געהאַלטן אין אַרענדע פּריצישע גיטער. דער סטעפּ האָט הינטער זיך אַ שטיק יידישע געשיכטע, — דער צאַרישער פּרווו צו באַזעצן יידן אין קאָלאָניעס, וואָס האָט געהאַט זיין אָנהויב נאָך אין 1826. געבליבן זענען נאָך רעשטלעך פון יידישער ערד־אַרבעט אין בעסאַראַביע, לכל הפּחות די סטעפּעס. אַפילו,

אַז יידן האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, זענען נאָך אין מיינע יאָרן געווען יידן, וואָס אין הויף ביי זיי האָט זיך געוואַלגערט אַן אַקעראייזן, לאָפּעטעס אויסצוטרעירן ברויט, אייזערנע גאָפּלען אָנצו־נעמען שטרוי און, דער עיקר, פאַרטיקע גלעזערנע דעכער פאַר טאַבאַק־פלאַנטאַציע.

צו־וואָס די גלעזערנע דעכער? די טאַבאַק־בלעטער זענען זייער סענסיטיווע, אַפילו נערוועזע, געוויקסן. טאָמער אַביסל מער פייכטקייט, ווערן זיי פאַרפוילט. טאָמער, ווידער, אַ קאַפּעלע מער זון, הויבן זיי אָן צו ברענען. דעקט מען די טאַבאַקבלעטער צו מיט גלעזערנע דעכער, באַלד ווי זיי צעוואַקסן זיך אַביסל. וואַרעמט זיי די זון, אָבער קיין ברען קומט צו זיי נישט צו. שפּעט אין זומער, אַז די טאַבאַקבלעטער ווערן גאָלדיק און ציען אויף זיך אַרויף אַ פעטלעכע הויט, רייסט מען זיי אַראָפּ. אָבער די הענט, וואָס רייסן, טוען די אַרבעט אַזוי איידל, ווי אַמאָל אַ מאַמע, וואָס רייסט אַראָפּ ביים קינד אַ פאַרטריקנט שטיקל הויט. דערנאָך ציליעט מען די בלעטער אַרויף אויף שטריקלעך, — אַ בינטל בלעטער אויף איין שטריקל, — און מען הענגט זיי אויף אין קאַמער אויף די ווענט, אַז זיי זאָלן זיך טריקענען. די בינדלעך טאַבאַק־בלעטער הייסן פּאַפּישלעך. אַז אַ ייד רייכערט אייגן־פאַרדרייטע צי־גאַרלעך, זאָגט ער, אַז ער האָט זיין אייגן פּאַפּישל טיטין. יידן אין סטעפּ האָבן אויך געהאַלטן שטיקלעך פעלד. זיי האָבן ליב געהאַט דאָס פעלד. קיין גרויסע שפּע איז פון אַ שטיקל פעלד נישט געווען, נאָר דער ייד האָט עס אַליין פאַראַקערט, אַליין פאַרזייט, אַליין אויסגעפּראַ־שעוועט, וואָס מיינט אַרויסגעריסן די ווילדגראָזן, און צום שניידן האָט ער שוין געמוזט אָנקומען צו ווייב־און־קינדער. וויפל דער אייבערש־טער האָט געגעבן, איז געווען צום עסן און אַפילו אויסצושפּינען פונעם ליין אַ שטיקל לייוונט. אַז עס איז נאָך געווען אַ גוט גערעטעניש, איז נאָך געווען צו פאַרקויפן אַביסל ווייץ, עטלעכע זעקלעך פּאַפּשויעס און אַפילו גערשטן און האָבער.

אַוודאי, דער סטעפּניק איז געווען אַ פאַרגרעבטער ייד, אָבער וואָס הייסט פאַרגרעבט? ער איז קיין מלומד נישט געווען, אָבער פון עברי איז אָפּגערעדט, — אַביסל חומש האָט ער אויך געקענט און, דער עיקר,

ער האָט געלעבט מיט יידישקייט, מיטן הויך פון דער תורה, וואָס איז דערגאַנגען צו אים פון די יידישע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן אויפן סטעפּ. יאָ, סע זענען געווען יידישע ווינטן, וואָס האָבן דערטראָגן אין די פּאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך דעם באַזונדערן אַראָמאַט פון אַ יידישן ניגון, אַ געדאַנק אַ יידישן און אַפּילו אַ יידישן קרעכץ. דער סטעפּניק האָט דערמיט גענערט זיין יידישקייט. אַמאָל האָט אים אָפּגעגליקט און אַן „איידעלער ייד" איז פאַרפאָרן צו אים. דער באַגריף „איידעלער ייד" האָט אַרומגענומען אי תורה, אי גוטע מידות. דער סטעפּניק האָט דעם „שיינעם אורח" מכבד געווען נישט נאָר מיט אַלעמגוטן, נאָר אויך מיט אַ סך כבוד, ממש מיט הכנעה פאַר אים. די הכנעה איז אָבער געווען אַ ווערדיקע, דרך־ארץ פאַר תורה און מידות טובות און נישט קיין גע־פאַלנקייט.

אויף די בעלי־חי האָט דער סטעפּניק רחמנות געהאַט און נישט סתם רחמנות, — ער האָט ליב די בהמות, די פערד און אין פרי־יאָר די לאָשעקלעך. אַז ער איז געפאָרן אין פורל אויפן רחבותדיקן סטעפּ און די אַליינקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט, האָט ער זיך שטילערהייט צערעדט צום פערדל. צי ר' מענדעלי האָט אים אַמאָל געקענט, ווייס איך נישט, אָבער אַז ער האָט אויפגעכאַפּט דעם שטריך פון רעדן צום פערדל, איז ביי מיר נישט דער מינדסטער ספק. אַז דער סטעפּניק איז זומער פאַרנאַכט געזעסן אויף דער פריזבע, אָדער אויפן גאַניקל, און לעבן אים איז געלעגן אויסגעצויגן די ציג, האָט ער צו איר אויך גע־רעדט. טאָקע אַ נאַרישע ציג, אַז זי שאָקלט מיטן בערדל, מיינט דער מענטש אַז זי פאַרשטייט אים און איז מיט אים מסכים... מיט די שטומע באַשעפענישן איז ער געווען אין זיין אַליינקייט. מיט זיי האָט ער גע־האָרעוועט. זיי האָבן אים אַ סך מאָל געקוקט אין די אויגן אַריין, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעלייענט פון זיי וואָס ער וויל זאָגן, אָדער נאָכמער: וואָס ער טראַכט — מיט אַ שטרויעלע צווישן די ציין.

דער ייד האָט איבערגענומען די מנהגים פון די מאָלדאַוואַנעס, אָבער ער האָט זיי אויף אַ וווּנדערלעכן אופן פּאַראייגנט, פאַריידישט און אַפילו פאַרפרומט. אָפּגערעדט פון די וואָלעכלעך, די פּאַרניאָלע און די דאָינע, וואָס דער ייד האָט זיי געזונגען מיט אייגן־יידישן געמיט,

נאָר אַפילו די סענץ. דער מאַלדאַוואַן האָט געטאַנצט דעם „זשאָק“, — איז ער געווען פאַרשייטלעך. די שקצים האָבן די שיקסעס אַרומגעכאַפּט אָן דעם מינדסטן איבערטראַכט, אַז עפּעס איז עס נישט גלאַטיק. דער ייד האָט דעם „זשאָק“ ממש פאַרחסידעוועט. די „בולגאַרקע“ איז געווען אַ צעלאָזענער טאַנץ. ביים ייד איז ער געוואָרן אַ טאַנץ פון התלהבות־דיקער גלוסטעניש צום באַשעפער. אין זייער צעשפּרייטקייט האָבן יידן ראַשית איבערגענומען די ספּעציפישע מאכלים, וואָס זענען געווען אָנ־גענומען ביי די פעלקער. בפרט יידן אין בעסאַראַביע, וואָס האָבן גע־לעבט מיטן מאַלדאַוואַן אויסגעבונדן, מער ווי יידן אין די אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד.

איבער גאַנץ בעסאַראַביע איז די מאַמעליגע געווען אַ מין לעבנס־שטייגער, נישט סתם אַ מאכל. קיין ברויט האָט אין בעסאַראַביע נישט געפעלט און מאַמעליגע האָט מען געגעסן נישט דערפאַר וואָס סע איז אַ ביליקער מאכל, נאָר דערפאַר, וואָס דער בעסאַראַבישער מענטש האָט דאָס מאכל ליב געהאַט. אין סטעפּ איז געווען אַ מנהג, אַז אַ מאַ־מעליגע האָט מען „געפּראַוועט“, ווי למשל אַ יום־טוב. דורכן זומער האָט דער ייד אָנגעזאַמלט דעם שאָפענעם קעז, אָדער ברינדזע, אין אַ פעסעלע, וואָס סאַמע אויבן איז געווען אָנגעלייגט די גרינלעכע שאָ־פענע פוטער. דאָס פעסעלע האָט דער ייד געהאַלטן אין קעלער, אַז די קעז־און־פוטער זאָלן נישט קאַליע ווערן. אַז די פרעסט האָבן גענומען און די קעז־און־פוטער זענען געווען דורכגעפרוירן, האָט מען אין שטוב געפּראַוועט די ערשטע מאַמעליגע. דער סטעפּניק אַליין איז אַרונטער אין קעלער, האָט געעפנט דאָס פעסעלע און, אַז פאַר די אויגן האָט אַ בלענד געטאָן דער ווייס־שניייקער פראָסט אויף דער גרינלעכער פוטער האָט אים אַ שלאָג־געטאָן אין די נאָזלעכער דער ריח פון קעלט און פרישקייט. דער קעז איז געווען דורכגעפעדעמט מיט אייז־פעדעמלעך און, אַז מען האָט אים געגעסן, האָט ער געקנאַקט צווישן די ציין. דער ייד האָט נאָך צוגעפּראַוועט די מאַמעליגע מיט אַ קאַלט גלעזל ווייַן, וואָס געקילט האָט זיך עס לרוב טאַקע אינעם אייגענעם קעלער, וואָס די קעז־און־פוטער.

אַ חוץ מאַמעליגע זענען אין באַסאַראַביע נאָך געווען אַנדערע באַ־

זונדערע מאכלים, וואָס קומען צו אונדז דורך טערקיי פון אַזוי ווייט, ווי גריכנלאַנד. געסט האָט מען אויפגענומען מיט אַ גוטן שטיקל באַקלעוואַ. דאָס איז אַ מין געבעקס, וואָס די בלעטלעך, געדענק איך, האָט די מאַמע אויסגעקאַטשעט אַזוי דין, אַז מען האָט געקענט דורכדעם דורכקוקן, ווי דורך פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. אָנגעפילט איז באַקלעוואַ געווען מיט צעקלאַפּטע ניס מיט דינע פּעניצלעך פּרוכט און ראָזשינקעס. עטלעכע שיכטן האָט מען געוויקלט איינע איבער דער אַנדערער. געבאַקן האָט מען די באַקלעוואַ אין אַביסל האָניק און, פאַרשטייט זיך, אין פּוטער. אין אַ גריכישן רעסטאָראַן אין ניו־יאָרק האָב איך געזען, אַז זיי האָבן דאָס מאכל. דאָס לעבן האָב איך איינגעשטעלט און געקויפט אַ שטיקל. אָבער ווייסעך וואָס, ווי קומט עס צו דער באַקלעוואַ, וואָס די יידישע ווייבער אין בעסאַראַביע האָבן געבאַקן? היינט די אָריענטאַלישע כרעמזלעך, וואָס געמאַכט האָט מען זיי פון מצה־מעל. שוין אָפּגערעדט פון די מאכלים פון פליייש, ווי פּראַקעס. פּראַקעס איז אויך אַ גריכיש מאכל, אָבער מיט אַ יידישן טעם.

מיר וועלן איצטער אַ קוק־טאָן, ווי אין סטעפּ האָט מען געפּראַוועט אַ חתונה.

אַז אַ סטעפּניק האָט אויסגעגעבן אַ טאָכטער, האָט ער געפּראַוועט אַ חתונה, וואָס כמעט אַלע איינוווינער זענען צו איר געווען פאַרבעטן. ווו האָט מען אין אַזאַ קליין שטעטל גענומען אַ גרויסן זאַל, וואָס זאָל אַריינגעמען אַלע מחותנים און די פאַרבעטענע געסט? מע האָט אויפגעשטעלט אַ „טשאַפּראַן״ אינמיטן גאַס, — אַ ריזיקע לייוונטענע פּאַלאַטקע אַזאַ, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ צירק. נאָר פריער האָט מען די ערד גוט אויסגעגלייכט, אָנגעשאָטן מיט געלן זאַמד און פון אויבן גוט „איינגעטאָפּטשעט״, — איינגעטרעטן, הייסט עס, אַז זי זאָל זיין האַרט און די פּאָרלעך זאָלן קענען טאַנצן. איך זאָג אַז דער סטעפּניק האָט אויסגעגעבן אַ טאָכטער, וואָרעם אַז ער האָט אויסגעגעבן אַ זון, האָט דאָך נישט ער געדאַרפט מאַכן די חתונה, נאָר דער כלהס טאַטע־מאַמע. אַז דער חתן איז געווען פון אַנדער מקום, — און געוויינטלעך איז ער געווען פון אַ שטעטל, אָדער אַפילו פון אַ גרויסער שטאָט — איז מען אַקעגנגעפאָרן די מחותנים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר

ווערסט הינטערן סטעפּ און געוואַרט, אַז כלהס צד זאָל אַרויסקומען מקבל־פּנים זיין דעם חתן. ווי חתנס צד, מיט אַלע מחותנים איז צוגע־קומען צו אַ באַשטימטן אָרט, האָט מען אויפגעזעצט אַ יונגן בחור רייטנ־דיק אויף אַ פּערד, אַז ער זאָל אַריינפּאָרן אין סטעפּ אָנזאָגן די בשורה: דער חתן איז דאָ, די מחותנים זענען דאָ.

דאָ איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע ביי כלהס צד: פּורלעך זענען שוין טאַקע געווען גרייט, אָבער די מחותנתע כאַפּט זיך, אַז זי האָט פאַרגעסן קעלישעקלעך צו מאַכן אַ לחיים; דער כלהס טאַטע דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף מיטנעמען אַ באַזונדערן שטאָף וויין, מכבד־צו־זיין די „שיינע" מחותנים. היינט הויבט זיך אָן אַן אַמפּערניש וועמען מיטצונעמען און וועמען נישט מיטצונעמען. קינדער ווילן מיטפּאָרן, דער כלהס חברטעס ווילן זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ פּורל: אָ, זיי וועלן אָנקוקן דעם חתן, איידער די כלה וועט אים נאָך זען... ביסלעכווייז שטילט זיך די סומאָ־טאָכע איין און מען פּאָרט שוין מיט מזל. די פּערד טרייבט מען איצט שנעלער ווי אַלעמאָל. דער עולם זיצט אָנגעפּראָפּט אויף די פּורלעך און וויל זיך האַלטן כוואַטסקע. דאָס יונגוואַרג שושקעט זיך און מיטאַמאָל — אַ געלעכטער. שאַ, וואָס פּאַר אַ געלעכטער אויף אייך? עטלעכע מחותנים מאַכן דעם אָנשטעל פון סטאַטעטשנעקייט, נאָר זיי כאַפּן אויך אַריין אַ שמייכל.

אינמיטן פעלד שטייען די פּורן, וואָס האָבן געבראַכט חתנס צד. די מחותנים „גאָנערן" זיך, וואָרעם זיי דאַרפן דאָך געבן צו פילן כלהס צד אַז זיי זענען נישט אבי־ווער. דער חתן אַליין איז אַביסל צוטראָגן. די מאַמע האַלט אים אין אַ זייט, פאַרשטעלט פון אַ פּורל, וואָרעם פאַר אַ חתן פּאַסט נישט, אַז ער זאָל זיך באַלד וואָרפן אין די אויגן. דער קאַראַוואַן פון כלהס צד האָט זיך שוין דערשלעפּט. ספּריטנע שפּרינגט אַראָפּ פון די פּורלעך דאָס יונגוואַרג, נאָר די עלטערע מחותנים קריכן אַראָפּ פּאַוואָליע, מיט אַ שטילן קרעכץ, — זיי זענען אויך נישט קיין שפּעטנע יידן און די כלה איז, ברוך השם, אַ מיידל אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן. ביידע צדדים קוקן זיך אָן, אַפּגעהיט גייט מען צו איינע צו די אַנדערע, ביז די מחותנתטעס פּאַלן זיך אויף די העלדזער: מזל טוב! דאָס מזל זאָל זיי לייכטן, ווי די זון לייכט היינט

בייטאָג! מיטאַמאָל פאַרגעסט מען זיך צו היטן, צו „גאַנערן" זיך, פון הינטערן פורל קומט אַרויס דער חתן און יונגוואַרג רינגלט אים אַרום, אים צו באַטראַכטן. כלהס צד האָט מיטגעבראַכט לעקעך און וויין, מען טרינקט לחיים, מען פאַרבייסט. פאַר די גלאָוונע מחותנים האָט דער כלהס מאַמע געבראַכט באַקלאַווע.

דעם חתן נעמט דער כלהס טאַטע איבער אין זיין פורל, אָדער ברישקע. דאָס איז אַן אָנווייז, אַז ער נעמט אים שוין אַריין אין זיין משפחה. אַז די פּראָצעסיע קומט אַריין אין סטעפּ, ווערט ערשט אַ גע־רודער: די פערד קענען נישט פאָרן. וואָס איז געשען? חברה האָט איבערגעצויגן אַ גראָבן שטריק איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס און, כאָטש צערייס זיך גייען נישט די פערד. אַז מחותנים גיבן אַ האַלבן רובל, אָדער אַ רובל, גיסט מען אויס עטלעכע עמערס וואַסער איבער דער ברייט פון דער גאַס, די שטריק נעמט מען צו און די חתן־פּראָצעסיע ציט זיך ווייטער, ביז זי שטעלט זיך אָפּ ביי דער שטוב, וווּ דער חתן דאַרף איינשטיין. דער כלהס חברטעס לויפן דערוייל צו דער כלה, איר דערציילן, אַז זיי האָבן געזען דעם חתן און, אַז ער איז אַ פאַרשוין.

ג.

די יידישע פרנסות אין בעסאַראַביע זענען געווען כלערלייקע, אָבער אַלע האָבן זיך געדרייט אַרום דער ערד, ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן. ווייטער וועל איך פּרווון דערציילן פון עטלעכע אַזעלכע פרנסות, דער עיקר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געשטאַלטיקט דעם יידן אונדזערן. קודם וועלן מיר נעמען דעם „לאַצאַרעניק" — אַ ייד, וואָס איז געווען אויפן שיידוועג פון מסחר און שווערער האַרעוואַניע. דער „לאַצאַרעניק" איז געווען אַ ייד, וואָס פאַר גרויס־מסחר האָט אים נישט געסטייעט די פאַנטאַזיע און אפשר האָט ער גאָר מער נישט געוואָלט: ער האָט ליב געהאַט דאָס דאָרף, דער אַרומוואַנדער איבער די דערפער האָט זיך אים אַריינגעגעסן אין די ביינער און בטבע איז אים געווען צום האַרצן דער אייביקער עלנט צווישן די פויערים.

„פאָרן לאַצאַרע" האָט געמיינט זיך אַרומשלעפּן איבער די דערפער,

גיבן די צאַראַנעס, — די פויערים, הייסט עס, — פּאַרויס געלט אויפן גערעטעניש און נאָך סוכות, אַז מע איז שוין געווען נאָכן שניט, די תבואה האָבן די צאַראַנעס אויסגעטרעטירט, — אויסגעדרעשעט, הייסט עס, — ווידער קומען אין דאָרף אַריין, כדי אָפּצונעמען די זעקלעך תבואה. דער אמת איז, אַז יידן האָבן לרוב געזאָגט ברויט, נישט תבואה, אָפּגעקויפט האָבן יידן די „פּוני ווערדי״, — דאָס גרינע ברויט, הייסט עס. דער צאַראַן, לאָמיר זאָגן, האָט געהאַט צען פּאָלשעס ערד, — געמאָסטן האָט מען די ערד אויף פּאָלשעס, נישט אויף דעסיאַטינעס, — ער האָט פּאַרזייט אַזויפיל פּאָלשעס ווייץ, אַזויפיל — גערשטן און אַזויפיל — פּאַפּשויעס, האָט דער ייד אויסגערעכנט וויפל דאָס גערעטעניש דאָרף ברענגען און אַלץ אָפּגעקויפט. באַצאָלט האָט ער נאָר אַ טייל, דאָס איבעריקע האָט ער דערצאָלט ביים אָפּנעמען דאָס ברויט, — נאָך סוכות, אָדער באַלד נאָך פּסח. געוויינטלעך האָט ער געהאַט אַן אייגן פערד־און־וועגעלע, אַרויסגעפאָרן איז ער פאַרטאָג, מיטגענומען טלית־און־תפילין, אַ ספרל, ברויט מיט קעז און זיסע פּלעצלעך, וואָס דאָס ווייב האָט פאַר אים אויסגעבאַקן. אַמאָל האָט ער זיך פאַרגונען צו עסן האַרטע אייער ביים גוי. אין דאָרף האָט ער שוין געהאַט אייגענע צאַראַנעס, וואָס ביי זיי האָט ער גענעכטיקט. געשלאָפן איז ער אויף האַרטע ברעטער, אונטערגעלייגט צוקאָפּנס אַ בורקע, — אַמאָל, אַז דער צאַראַן איז געווען גנעדיק, האָט ער אים געגעבן אַ קישן צוקאָפּנס. שלאָפן ביים צאַראַן האָט געהייסן „קוועטשן די לעיצעס״.

אין אַ דאָרף האָט אַזאַ ייד געקענט האָבן עטלעכע צאַראַנעס, וואָס מיט זיי האָט ער געפירט מסחר. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן אין איין דאָרף, האָט ער ווידער איינגעשפּאַנט דאָס פערדל און געפאָרן אין אַנדערן דאָרף. אַזוי איז ער געפאָרן פון דאָרף צו דאָרף ביז פרייטיק, ווען ער האָט זיך דערשלעפּט צוריק אַהיים אויף שבת. אינעם פויערישן שטיבל איז ער אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און אָפּגעדאַוונט, אָבער צום דאַווענען האָט ער אויסגעזוכט אַ ווינקל, וווּ עס איז נישט געהאַנגען קיין איקאָנע. ער האָט בכלל געהאַלטן די אויגן אַרונטער, נישט צו זען דאָס יויזל. אַמאָל איז די לאַצאַרע געווען פאַרבונדן מיט סכנה, וואָרעם דער ייד האָט דאָך געפירט מיט זיך געלט און אַ שיכורן פויער האָט

געקענט אָנכאַפּן דער יצר־הרע דאָס געלט צוצונעמען. האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז מען האָט געפונען אַ ייד אַ הרוג, אַמאָל איז אַ ייד צוריקגעקומען פון דאָרף אַ צעהרגעטער, — על־פי נס האָט ער געראַטעוועט דאָס נפש זיינס. בדרך־כלל אָבער האָבן לאַצאַרעניקעס געלעבט בשלום מיט די פויערים, זיי האָבן געטרויט איינער דעם אַנדערן און אַקוראַט, ווי דער ייד האָט געצויגן זיין חיונה פונעם פויער, אַזוי האָט דער פויער געדאַרפט דעם ייד, וואָרעם פון איין גערעטעניש צום אַנדערן איז אים אויסגעגאַנגען דאָס געלט און ער האָט זיך גענייטיקט אין די עטלעכע רובל, וואָס דער ייד האָט אים געגעבן אויף פוני ווערדי.

נאָר נישט אַלע יאָר האָט דער ייד אָפגענומען דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט דעם צאַראַן געגעבן פאָרויס. אַז דאָס גערעטעניש איז נישט געראָטן, האָט דער פויער קודם געדאַרפט איבערלאָזן ברויט און פאַפשויעס פאַר זיך און דערנאָך, אַז עס איז געבליבן ווייניק, האָט זיך דער חוב אַריבערגעטראָגן אויפן אַנדערן יאָר. דער ייד האָט נאָך צוגעגעבן עטלעכע רובל, וואָס איז ביים צאַראַן געווען זייער אָנגעלייגט, אָבער דער ייד איז שוין געווען געענגט, ער האָט זיך געדאַרפט פאַרלייען, כדי איבערצוקומען דאָס יאָר מיט דער משפחה.

וואָס האָט דער לאַצאַרעניק געטאָן אינעם פויערישן שטיבל אין די אויפדערנאַכטן? צווישן די לאַצאַרעניקעס זענען געווען יידן, וואָס האָבן „געקענט די דריבנע אותיותלעך". זיי זענען נישט געווען קיין למדנים, נאָר אין עין־יעקב, אָדער משניות האָבן זיי געקענט אַריינקוקן. זענען זיי געזעסן ביים קאַניצל און אַריינגעקוקט אין אַ ספרל. יידן, וואָס האָבן דאָס אויך נישט געקענט, האָבן געהאַט מיט זיך אַ תהילימל און שטילערהייט געזאָגט תהילים, אַז אין דרויסן איז געווען וואָרעם, איז דער ייד געזעסן אין דרויסן אויף דער פריזבע און האָט זיך אַפילו צוגעהערט צו די פויערישע שמועסן, צו די „וואָרבע דעקליאַקעס". אַז די פויערים האָבן געזונגען וואָלעכלעך, האָט דער ייד זיי אַריינגענומען אין זיך און דערנאָך זיי איבערגעזונגען אין שטעטל, אָדער דער שטאָט. אַן עלנטער איז דער לאַצאַרעניק געווען אין דאָרף, אַ פאַרוואָרפענער, אָבער דער צונויפבונד מיט דער ערד איז ביי אים געווען אַ נאָענטער, אַ נשמהדיקער.

אַ מין לאַצאַרע איז אויך געווען צונויפקויפן ווײַן אין דער קאָדרע. די קאָדרע איז געווען די געגנט אין בעסאַראַביע, ווו די ווײַנטרויבן זענען געוואַקסן. די ווײַנגערטנער זענען טאַקע לרוב געווען אין די הענט פון די רײַכע פּריצים, אָבער אין די דערפער פון דער קאָדרע זענען אויך געווען פּויערים, וואָס האָבן געהאַט קליינע שטחים, וואָס אויף זיי זענען געוואַקסן ווײַנשטאָקן. די רײַכערע יידישע סוחרים האָבן געהאַנדלט מיט די פּריצים, די אָרעמערע — מיט די „קאָדראַנעס". די פּויערים אין דער קאָדרע, אָדער די קאָדראַנעס, זענען געווען גרויסע שלעגערס, גוטע זינגערס, „ביטערע חברה". מיט זיי האָט דער ייד געדאַרפט האַנדלען מיט חכמה און סתם אַ ייד איז נישט געפאָרן אין דער קאָדרע. אין אַ דאָרף פון דער קאָדרע איז דער ייד נישט געשלאָפן, — אויף דער נאַכט איז ער אַרײַנגעפאָרן קיין טעלענעשט, אָדער אין אַן אַנדער שטעטל, וואָס איז געלעגן נישט ווייט. דעם קאָדראַן האָט דער ייד ווייניק געטרויט.

מיטן ווײַן איז נישט געווען אַזוי פּשוט, ווי מיטן ברויט, וואָרעם דעם ווײַן האָט דער ייד געדאַרפט היטן, אַז דער גוי זאָל אים נישט נסך מאַכן. האָט דער ייד געוואַכט איבערן ווײַן פונעם אָנהויב, אַז מען האָט אָנגעהויבן צו „טרעטן" די ווײַנטרויבן, ביז ער האָט געבראַכט די פעסער, אָדער די „אָנטלען", אין שטאָט. ביז ווייט אינעם הײַנטיקן יאָרהונדערט האָט מען נאָך די ווײַנטרויבן אין בעסאַראַביע „געטרעטן", נישט אויסגעדריקט מיט מאַשינען, בפרט די פּויערים. די רײַכע פּריצים האָבן שוין ביסלעכווײַז אײַנגעפירט מאַשינען, אָבער דער פּויער האָט זיך נישט געקענט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס. הײַנט, דאָס „טרעטן" דעם ווײַן איז געווען אַ טראַדיציע אין דאָרף און האָט פאַרמאָגט אַ מין תנ"כישן שטייגער, אַ פײַערלעכקייט, אַ צערעמאָניאַל.

די טרויבן, נאָכדעם ווי מען האָט זיי אָפּגעריסן פון די שטאָקן, האָט מען צונויפגעלייגט אין גרויסע קופּעס. די גאַנצע פּויערישע משפחה — דער מאַן, דאָס ווײַב, די קינדער און אַפילו גוטע שכנים, — האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ שפּראָץ אויף טאָג, זיך גוט אָפּגעוואַשן די פיס און די צערעמאָניע פון טאַנצן מיט די באָרוועסע פיס אויף די טרויבן האָט זיך

אָנגעהויבן. די מענער האָבן פאַרקאַשערט די הויזן ביז איבער די קני. די ווייבער האָבן פאַרשטעקט די קליידלעך הויך איבער די קני און געטאַנצט האָט מען איינער הינטערן אַנדערן. עטלעכע מאָל האָט מען געמאַכט די טאַנצעדיקע הקפה, ביז אין די טרויבן איז נישט געבליבן קיין ביסל זאָפט. דער זאָפט פון די טרויבן איז אַראָפּגערונען אין אַן אויסגעקאַלעכטן גרוב און די שאָלעכץ איז געבליבן פון אויבן. פונעם גרוב האָט מען דעם זאָפט געשעפּט מיט עמערס און אָנגעפילט די „אַנטלען".

אינעם דאָזיקן צושטאַנד איז דער זאָפט נאָך נישט געווען קיין וויין, נאָר מוסט. ערשט אין די פעסער, וואָכן שפּעטער, האָט דער מוסט אויסגעשפּילט, די הייון האָט זיך אָפּגעזעצט און אויבן איז געבליבן דער לויטערער, אויסגעקלעירטער וויין. האָט מען דעם וויין אָפּגעצאַפּט און די הייון אַרויסגעוואָרפן. וואָס מער דער וויין האָט זיך געעלטערט אין פאַס, אַלץ באַטעמטער איז ער געווען. דער ייד האָט געהיט, אַז דער גוי זאָל נישט טרינקען דעם וויין נאָכן אויסטרעטן און דערנאָך זאָל ער זיך נישט צורירן צו די פעסער. מיט געזאַנג האָט זיך דער טאָג אָנגעהויבן אין די קאָדרעס און מיט געזאַנג איז ער אויסגעגאַנגען. די וויין־טרעטערס האָבן געזונגען די האַרציקסטע וואָלעכלעך און יידן, וואָס זענען געפאָרן אין די קאָדרעס, זענען אויך געווען זינגערס.

נישט אַזוי פּשוט איז געווען צו ברענגען די פעסער וויין אין שטאָט אַריין. אין די פריע טאָמנע־טעג האָבן זיך פון דער קאָדרע געצויגן פורן מיט פעסער וויין. אַ טייל פורן האָבן געשלעפּט אָקסן און אַ טייל פערד. די פעסער אין די פורן זענען געווען אַרומגעלייגט מיט זעק און שטעקלעך פון אויסגעקלאַפּטע פּאַפּשויעס, כדי די פעסלעך זאָלן זיך נישט שאָקלען. אַלע פעסער זענען געווען פאַרחתמעט, נאָר איין פאַס — דאָס לעצטע, — האָט אויבן געהאַט אַ קליין לעכל. אויפן לעצטן פורל איז געפאָרן דער ייד, וואָס האָט געהיט, אַז די פויערים זאָלן זיך אויפן וועג נישט צוכאַפּן צום וויין. פונעם לעצטן פאַס, וואָס האָט געהאַט דאָס לעכל, האָבן די גוים געמעגט טרינקען, וואָרעם דאָס פאַס, האָט דער ייד מפקיר געווען. דער ייד האָט דאָך געדאַרפט איינזינען האָבן, אַז אַ גוי דאַרף טרינקען, בפרט נאָך אַז ער פירט אַזאַ אוצר. די

פויערים האָבן דעם ווייַן געטרונגען דורך „ציווקעס״ — שטרויעלעך. דער ווייַן־קאַראַוואַן האָט זיך אַמאָל געצויגן צוויי און דריי טעג און דורך דער צייַט האָבן די גויים אויסגעטרונקען אַ פאַס ווייַן. אין די טעג איז דער קאַראַוואַן געפאָרן און די נעכט איז מען געשלאָפן אין פעלד. נאָר דער ייִד איז נישט געשלאָפן, — ער האָט געוואַכט, אַז אַ גוי זאָל זיך נישט צוכאַפּן צו אַ פעסל ווייַן, וואָס איז נאָך נישט געווען נסך. אַזוי האָט דער ייִד אָפּגעוואַגלט די צוויי, אַמאָל דריי טעג, ביז ער האָט געבראַכט די פעסלעך ווייַן אין שטאָט אַרייַן. ער האָט אָבער געהאַט זייַן לוין: ער האָט זיך אויפן וועג אויסגעלערנט אַ נייעם וואָלעך, אים גע־בראַכט אין שול אַרייַן, געזונגען ביי אַ קערמעשל און דערפרייט ייִדי־שע הערצער. געווען אַזעלכע פּאַעטישע ייִדן אין בעסאַראַביע, וואָס אויסלערנען אַ ניי וואָלעכל איז ביי זיי געווען אַ הויכע מדרגה, אַ גרוי־סער סיפּוק רוחני.

אַרונטערלאָזן די פעסער ווייַן אין קעלער אַרייַן איז געווען פאַר־בונדן מיט אַ גאַנצער פּראָצעדור. אַז מען זאָל דאָס פאַס אַפּלאָזן סתם אַזוי אויף די טרעפּ, וועט זיך עס געבן אַ גליטש אַרונטער און זיך צע־שיטן. זענען געווען ייִדן, וואָס האָבן געקענט די מלאכה, — געזונטע, ברייטפּלייציקע ייִדן, מיט מוסקולדיקע הענט און אויסגערעכנטקייט. ביים אַראָפּלאָזן אַ פאַס ווייַן האָבן זיך מטפּל געווען דריי מענטשן. צוויי זענען געשטאַנען אין דרויסן און איינער איז געווען אינעווייניק, אויף די טרעפּ פונעם קעלער. קודם האָט מען דאָס פאַס אַרומגעבונדן מיט גראָבע שטריק ביי ביידע עקן. די שטריק האָט זיך געצויגן ווייט, האָט מען זיי אַרומגעפעסטיקט אַרום צוויי דריקלעך אין דרויסן, אַרומ־געדרייט אין רינגען. אין קעלער האָט מען, אויף די טרעפּ, אַוועקגע־לייגט צוויי גלאַט־אָפּגעהובלטע קלעצער, שטאַרק אָנגעזייפט, אַז זיי זאָלן זייַן גליטשיק. די קלעצער זענען געווען אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן נאָך דער ברייט פונעם פאַס.

צוקייקלען דאָס פאַס צו דער קעלער־טיר איז קיין גרויסע תורה נישט געווען, נאָר דאָס ווייטערדיקע, דאָס אַראָפּגליטשן, איז שוין גע־ווען אַ שווערע מלאכה. אויף די טרעפּ איז געשטאַנען דער ייִד מיט די ברייטסטע פּלייצעס. אויף זייַנע אַקסלען האָט זיך דאָס פאַס געהאַלטן,

ער האָט עס באַלאַנסירט, — נאָכגעלאָזט און איינגעהאַלטן. די פון דרויסן האָבן געהאַלטן די גראָבע שטריק אויף די דריקלעך. אַז זיי האָבן די שטריק נאָכגעלאָזט, האָט זיך דאָס פאַס אַרונטערגעגליטשט נידעריקער אויף די טרעפּ. דער ייד אינעווייניק האָט אונטערגעשפּאַרט דאָס פאַס מיט דער פּלייצע און, אַז די אין דרויסן האָבן דערפילט, ווי דאָס פאַס גליטשט זיך צו גיך, האָבן זיי אַרונטערגעשריגן צו אים: „אַ פּלייצע"... ער האָט אונטערגעשטעלט די פּלייצע פאַרהאַלטן דעם אַרונטערגליטש. אַזוי ביסלעכווייז האָט זיך דאָס פאַס געגליטשט אַרונטער די טרעפּ ביז עס איז אַרונטערגעקומען צום גרונט אין קעלער. אָבער געדויערט האָט עס אַמאָל אַ שעה און אַמאָל צוויי, וואָרעם מיט אַ פאַס ווייַן שפּילט מען זיך נישט — אַז עס ווערט, חלילה צעטראַסקעט איז דער שאָדן גרויס און סתם איז אַן עבירה דאָס טייערע געטראַנק.

אַרום דעם ווייַן זענען נאָך געווען מעסטערס. דאָס איז שוין געווען גאָר אַן איידעלע מלאכה, וואָרעם אויסצומעסטן ווייַן אין אַ פאַס, האָט מען געדאַרפט אָנווענדן העכערע מאַטעמאַטיק. דער מעסטער האָט געהאַט אַ הילצערנע ווירע, וואָס אויף איר זענען געווען כלערליי צאָלן. ער האָט די ווירע אַרייַנגעשטעלט אין פאַס דורכן אויבערשטן שפּונט און געזען ביז וואָס פאַר אַ צאָל דער ווייַן דערגייט אין דער טיף. דערנאָך האָט ער אויסגעמאָסטן דאָס פאַס פון דרויסן, — די לענג און די ברייט און אויסגערעכנט וויפל עמערס עס איז דאָ אינעווייניק. דער מעסטער האָט אויך געדאַרפט זיין אַן אָרנטלעכער מענטש, אַז מען זאָל אים מעגן געטרויען. די מעסטערס זענען געווען שיינע יידן, זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר שטיקלעך ספּעציאַליסטן, בפרט יחסנים, אין בעסאַראַביע זענען דאָ פאַמיליע־נעמען מעסטער, מעסטערמאַן, וויינמעסטער. דאַכט זיך, אַז אין אַנדערע געגנטן זענען אַזעלכע נעמען נישט געווען, — יידן האָבן דאָרטן נישט געמאָסטן קיין ווייַן. מיין אייגענער ברודער שלום ע"ה, האָט געהייסן נאָך אַ פעטער, שלום מעסטער.

נישט דווקא נאָר שענקערס האָבן אַראָפּגעלאָזט פעסער ווייַן אין זייערע קעלערן. באַלעבאַטישע יידן האָבן אויך געקילט ווייַן אין זייערע קעלערן און צו אַ היימיש סעודהלע האָט דער באַלעבאָס אָנגעצאַפּט אַ שטאָף ווייַן, — ווייסן, וואָס איז גאָר אָפט געווען בוימלדיק געל, און

רויטן, וואָס האָט געפינקלט מיט לויטערקייט. יידן האָבן, חלילה, נישט געשיכורט, דאָס גלאָז ווײַן איז געווען אַ טייל פונעם לעבנס־שטייגער, אַ מין טראַדיציע, וואָס האָט פולער געמאַכט יידישקייט, האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט שמחהדיקייט, מיט חסידישער התלהבות.

דער ווײַן האָט געשפילט אין די אָנטלען, האָט זיך אין זיי געלויטערט. ברויט און ווײַן, זאָגט איר, איז חומר? אוודאי, אָבער דער ייד האָט מיטן חומר פאַרבונדן רוחניות, אַ גייסטיקע איבערלעבונג איז בײַ אים געווען די שפע אין בעסאַראַביע, אַ התרוממות, וואָס האָט אים אַ סך מאָל דערהויבן צו גאַר־הויכע מענטש־און ייד־הייכן.

ד.

אין די גרעסערע שטעט זענען געווען סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט בײַם וואָקזאַל. דער וואָקזאַל־סוחר איז שוין געווען פון אַ העכערער מדרגה, ווי דער סוחר בײַ דער בריק. ער איז געווײַנטלעך געווען אַן אויסגעפוצטער ייד, האָט געטראָגן אַ „שליאַפע”, איז געגאַנגען מיט אַ שטעקעלע, געקליידט איז ער געווען האַלב „דאַטש”, — אין אַ סערדעט, אָדער אַ מין פראַקל, — און געפירט האָט ער זיך מעשה גביר. דער וואָקזאַל איז געווען די ברויט־בירזשע, וואָרעם די באַנען האָבן אַרויסגעפירט פון בעסאַראַביע צענדליקער טויזנטער וואַגאָנעס תבואה.

דעם מסחר האָט מען געפירט אויף אַ שאַקל מיטן קאָפּ. איין ייד האָט פאַרקויפט דעם אַנדערן אַ וואַגאָן ווייץ, אַמאָל מער, אָפּגעמאַכט די פרייז און די צײַט, ווען דער ווייץ, אָדער דער גערשטן דאַרף צוגעשטעלט ווערן. צום דאָזיקן מסחר האָט מען געדאַרפט האָבן אַ קאָמיסיאָנער אין אָדעס, אָדער אַפילו אין האַמבורג. דער קאָמיסיאָנער האָט כמעט אַלע טאָג טעלעגראַפירט די פרייזן אויף תבואה און אַמאָל אויך געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז די פרייז וועט שטײַגן, אָדער פאַלן. ריווח האָט מען זיך געשטעלט גאַר ווייניק: אַ קאָפּיקע, אַ האַלבע קאָפּיקע אויפן פוד.ביידע, דער פאַרקויפער און דער קויפער, זענען געווען ספעקוליאַנטן: אַז דער קויפער האָט, למשל, געמאַכט אַ חשבון, אַז אין אַ חודש אַרום וועט די פרייז אויף ווייץ פאַלן, האָט ער פאַרקויפט אַפילו נידעריקער, ווי ווייץ איז געשטאַנען אויף דער בירזשע אין אָדעס. דער קויפער, ווידער, האָט אויסגערעכנט, אַז אין אַ חודש אַרום וועט זיך

ווייץ „הויבן", האָט ער געקויפט פאַר וויפל עס האָט זיך געלאָזט און וואַרט, אַז דאָס מזל זאָל אים צושפּילן: ווייץ זאָל זיך הויבן.

דער מסחר איז געווען אַ קוראַנטער: דער פאַרקויפער און דער קויפער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, וואָס געמיינט האָט עס, אַז ביידע האָבן מסכים געווען. דערנאָך, אַז ס'איז געקומען דער טערמין, איז דער פאַרקויפער אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטער צונויפצוקויפן דעם וואַגאָן ברויט און דער קויפער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווו צו נעמען דאָס געלט צו באַצאָלן. ווי די פּרייזן איז נישט געשטאַנען, — צי אַרויף, צי אַראָפּ, — ביידע צדדים האָבן געהאַלטן וואַרט. דער שאָקל מיטן קאָפּ איז געווען שטאַרקער, ווי אַ קאָנטראַקט.

יונגעלייט זענען געווען ערשט אַרונטער פון קעסט, וואָס האָבן ביים וואָקזאַל פאַרלוירן דעם נדן זייערן. אַנדערע זענען אָבער געווען, וואָס האָבן געהאַט אַ חוש צו דערשמעקן ווי די בירזשע וועט האַלטן, און זיי זענען געווען די גרויסע פאַרדינערס. צום וואָקזאַל איז דער סוחר געפאָרן אָדער אין אַן אייגענער בריטשקע, אָדער אויף אַ דראָזשקע. ביים וואָקזאַל האָבן זיך די סוחרים אַרומגעדרייט מיט וואַכע, נערוועזע אויגן. זיי האָבן געדרייט מיט די שטעקעלעך און געשמעקט די ברויטיקע לופט. די טעלעגראַמעס פון די קאָמיסיאָנערן איז זיי אָנגעקומען טאַקע אויפן וואָקזאַל און דער, וואָס האָט באַקומען די טעלעגראַמע, האָט זיך דערנאָך אַרומגעדרייט אָנגעלאָדן מיט אַ גרויסן סוד, זיך געהיט פאַרן אַנדערן סוחר, אַז ער זאָל זיך נישט דערוויסן וואָס אָדעס לאָזט אים וויסן. דאָס טעלעגראַמע־פּאַפּירל אין קעשענע איז ביי אים געווען דאָס געווער, וואָס מיט דעם האָט ער געדאַרפט אַרויסגיין אין דער גרויסער האַנדלס־מלחמה. אַז ער האָט געדאַרפט יענעם טאָג צושטעלן די תבואה, וואָס פאַרקויפט האָט ער זי מיט טעג, אָדער וואָכן פריער, האָט אים די טעלעגראַמע געזאָגט, צי ער דאַרף זיך איילן צונויפצוקויפן, אָדער געזינטער וועט זיין, אַז ער זאָל אַביסל צוואַרטן. אַז ער האָט געהאַט „אַ גוטע טעלעגראַמע" — סע איז, לאָמיר זאָגן, אַרונטער אַ קאָפּיקע, אָדער צוויי קאָפּיקעס, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט צונויפקויפן, נאָר מיטן אָנשטעל, אַז אים גייט נישט אין לעבן אַריין, כדי דער פאַרקויפער זאָל זיך נישט איינשפּאַרן. איז אַרויף די פּרייז

און ער האָט געהאַט ביי איינעם אָפּצונעמען אַ פּאָר „וואַגאָנדלעך״, איז ער צו יענעם צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל באַלד סילוקן.

און אויפן וואָקזאַל האָט מען טאָג און נאַכט אָנגעלאָדן וואַגאָנעס מיט תבואה — די ברכה פון דער בעסאַראַבער ערד — וואָס זענען געגאַנגען אין דער ווייטער וועלט אַריין, דער סוחר ביים וואָקזאַל האָט אַ סך מאָל די תבואה נישט געזען פאַר די אויגן, — נאָר דאָס וואָרט, דער שאָקל מיטן קאָפּ זענען גענוג. אין אַזאַ שטאָט ווי בעלץ זענען דורכגעגאָנגען דרייסיק טויזנט וואַגאָנעס ברויט אַ יאָר און דער גאַנצער מסחר האָט זיך געהאַלטן אויפן וואָרט.

די קלענערע סוחרים האָבן געהאַנדלט אויפן זעקל ברויט. זיי האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט מיט אַ „שטעכער״, — אַ קיילעכיק שטיקל שטאָל, מיט אַ שפּיץ, וואָס איז העכער געווען אויסגעהוילט. דעם „שטעכער״ האָט ער אַריינגעשטאָכן אין זאַק און דורכן לאָך האָט זיך אַרויסגעשיט אַ הויפן ווייץ, אָדער גערשטן, אָדער האָבער. ער האָט עס גוט באַטראַכט און אָפּגעשאַצט צי דאָס זעקל ברויט איז פונעם בעסערן סאָרט, אָדער דעם ערגערן. דער „בעסערער סאָרט״ איז געווען פולע קערנער, דער ערגערער לײדיקלעכע, אַביסל גרינלעכע, נישט אויסגערייפטע. דער קלענערער סוחר איז געווען לרוב דער צושטעלער פון די וואַגאָנעס ברויט צו די וואָקזאַל סוחרים. ער איז געווען דער דירעקטער פאַרמיטלער צווישן דער תבואה און דער ברייטער וועלט.

ברינדזאַרעס זענען געווען אַפילו אין די גרעסערע שטעט. אַ חוץ די יידן, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן אין די סטעפּעס און דאָרטן אָפּגעלעבט דעם גאַנצן זומער מיט די שאָף און לעמעלעך, זענען נאָך געווען יידן, וואָס האָבן אין דער היים געמאַכט די כלערליי קעזן; דער עיקר פון שאָפענער מילך. דער ברינדזאַר אין שטאָט האָט געוווינט אין אַ הינטערגעסל, דאָס שטיבל זיינס איז געווען אַ קליינס, נאָר געהאַט האָט עס אַ גרויסע קאַמער, וואָס איז אַ סך מאָל געווען גרעסער ווי די גאַנצע שטוב. אין דער קאַמער איז געווען די היימישע קעז־פאַבריק, — אַ פרימיטיווע, נאָר מיט שווערער האַרעוואַניע האָט ער פון איר געצויגן די חיונה זיינע. אין דער קאַמער איז געשטאַנען אַ ריזיקער קופּערנער קעסל, וואָס האָט פאַרנומען אפשר אַ העלפט פונעם גאַנצן שטח. הויך

איז דער קעסל געווען ביז דער סטעליע, — אין קאַמער איז די סטעליע געווען העכער ווי אין שטיבל, — און אַ באַזונדערער קוימען איז פאַר אים געווען אויפגעשטעלט. אונטן איז געווען אויסגעגראָבן אַ גרוב, וואָס איז געווען אַ מין אויוון. אין גרוב האָט שטענדיק געברענט אַ פייער, וואָס האָט דעם קעסל געהייצט. די שאַפּענע מילך האָט דער ייד אַריינגעגאָסן פון אויבן און, אַז זי האָט אָנגעהויבן צו קאָכן, האָט מען זי געמישט מיט אַ ריזיקן פּאָלאָניק, — אַ הילצערנעם לעפל. מישן די מילך האָט דער ייד געדאַרפט שעהענלאַנג, ביז זי איז געווען צונויפגעשלאָגן. וואָס מער די מילך האָט זיך געקאָכט, אַלץ האַרטער איז זי געוואָרן, ביסלעכווייז האָט זיך דער קעז אַרויסגעשלאָגן. דערנאָך האָט דער ייד דאָס פייער אויסגעלאָשן און געלאָזט דעם קעז אָפּקילן.

קיין ברינדזאַר בין איך קיינמאָל נישט געווען, נאָר קינדווייז האָב איך זיך צוגעקוקט צו די ברינדזאַרעס און פאַרבליבן איז מיר אין זכרון דאָס געשטאַלט פון עליע פּעסיעס, וואָס האָט געווינט אויפן הינטערגעסל לעבן אונדז. אַ ייד איז ער געווען, וואָס איר האָט אויף אים נישט זאָגן, צי ער איז אַ הויכער, צי אַ נידעריקער, — ער איז געווען אַזוי ברייט, אַז די ברייט האָט פאַרשטעלט די הייך. די געדיכטע ברוינלעכע באָרד זיינע איז אים אַריבער איבערן גאַרטל. ער האָט אויסגעקוקט מגושמדיק, נאָר ברוינע, מילדע אויגן האָט ער פאַרמאָגט, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט מיט איידלקייט און יידיש־חסידישער פרומקייט. שמחת תורה האָט ער ליב געהאַט צו טאַנצן און פּאַטעטיש איז געווען צו זען, ווי אַזן אָפּגעהאַקטער דעמב האָט די פיס באַוועגט מיט אַ קלאָצענעם ריטעם און די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע זענען אים געפלויגן מיט דער וויכטיקייט פון אַ ווינטמיל. ער איז געווען אַן עם־הארץ, נאָר דאָס ספר תורה האָט ער געקושט מיט אַזאַ איידלקייט, ווי אַ פרומער חתן קושט דאָס ערשטע מאָל די כלה זיינע. זיין ליבשאַפט צו דער תורה האָט אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן.

געווען זענען כלערליי קעזן, — ערדע, קאַש, קאַטשקעוואַל, — נאָר די קרוין פון אַלע איז געווען די ברינדזע, וואָרעם די מאַמעליגע האָט מען געגעסן מיט ברינדזע. מאַמעליגע איז געווען דאָס נאַציאָנאַלע מאכל אין בעסאַראַביע, און נישט, חלילה, דערפאַר וואָס ברויט האָט

געפעלט אין בעסאַראַביע. אַ האַלב רוסלאַנד האָט בעסאַראַביע געהאָדע־וועט מיט איר ברויט. מאַמעליגע האָט געגעסן דער גוי. מאַמעליגע האָט געגעסן דער פּריץ. מאַמעליגע האָט געגעסן דער ייד. מיט ליבשאַפט האָט אַ ייד אַ בל־גוף גערעדט פון „אַ מאַמעליטשקעלע מיט קעיז־און־פּיטער". אָבער די מאַמעליגע האָט מען געגעסן אויך מיט אַ ראָסלפלייש, מיט אַ געבראָטענעם הערינג און סתם מיט גאָרנישט. די מילכיקע מאַ־מעליגע האָט מען געגעסן מיט שאַפּענער פּוטער און צעדריבלטער ברינדזע און פאַרביסן האָט מען מיט מאַמעליגע אַריינגעבראָקט אין הייסער מילך. די מאַמעליגע איז געווען אַ מין ריטואַל; בפרט נאָך, אַז אַ באַלעבאַטישער ייד האָט זיך געקענט פאַרגינען צו טרינקען די מאַ־מעליגע מיט אַ שטאָף וויין, קיל ערשט פון קעלער.

ה.

דעם בעסאַראַבישן יידיש האָט מען נישט אויסגעפאָרשט און ווער ווייסט, אַז אַפילו ווען ס'זאָל זיך געפינען אַ בעלן און א מומחה, צי עס איז שוין נישט צו־שפּעט. חרוב ונחרב איז דאָס בעסאַראַבישע יידנטום. אין דער איצטיקער בעסאַראַביע, אַז עס לעבן נאָך דאָרטן יידן, זענען זיי ס'רוב צוגעפאָרענע. און ווידער, די יידן פון אונדזער מאַמעליגאַרי־שער מדינה, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע ארבע פּינות העולם, האָבן זייער יידיש שוין פאַרוואָסערט, אַז קוים אַ זכר איז פון אים געבליבן.

דעם זומער, וואָס איז געווען דער לעצטער אין חיים גרינבערגס לעבן, בין איך אין איינעם אַ טאָג געפאָרן מיט אים קיין מאָנטיסעלאָ — אַ שטעטל אין די קעטסקיל־בערג. מיר זענען אַרויסגעפאָרן אין אַ פרישן אינדערפרי, אַ זוניק־צעשיינטן, און אַז דער אויטאָמאָביל האָט אָנגעה־הויבן אַרויפצוקלעטערן אויף די בערג, צווישן געדיכט־ביימערדיקע אַלייען, האָט זיך ביי אונדז צעזונגען דער היימישער יידיש אונדזערער. מיר האָבן זיך דערמאָנט ווערטער, גאַנצע פּרשהס פונעם לשון אונדזערן און איבערגעלעבט, ווי מיר גראָבן זיך אין אַן אוצר, וואָס ליגט טיף באַהאַלטן אין אונדז. מיר האָבן זיך ממש פאַרשפּילט מיט דער יידיש־זון, וואָס האָט אונדז אַריינגעשיינט אין די יאָרן.

אָפּגעמאַכט האָבן מיר, אַז מיר זאָלן זיך אַמאָל אַוועקזעצן און צו־נויפשטעלן אַ ווערטערבוך פון אונדזער יידיש. דער „אַמאָל" איז שוין אַוועק אינעם אייביקן אַמאָל. חיים גרינבערג האָט נישט געוווסט, אַז דער סוף לויערט אויף אים. נאָר ביי מיר איז געבליבן די קינדיש־צעשפּילטע שיין אין זיינע גרויסע, קיילעכיקע אויגן, בעת ער האָט זיך אַלעמאָל דערמאָנט אַן אַנדער וואָרט. אין די וואָרט־דערמאָנעכצן זענען מיר דורכגעגאַנגען אַ יידיש פאָלקסלעבן, וואָס דער ריטעם פון זיין לשון, דער שפּראַך־אוצר זיינער איז געווען דער סאַמע אינטימסטער אויסדרוק פון זיין נשמה.

ווערטער זענען נישט קיין בראָדיאַגעס. זיי שלעפּן זיך נישט אַרום סתם אַזוי, פּוסטעפּאַסעווען נישט. ווערטער האָרעווען זיך גוט אָן ביז זיי דעראָביען זיך צו אַ מעמד. און ווידער, ווערטער כאַפּן זיך נישט אַריין אין לשון, ווי אורחים, זאָגן־אָפּ זייערס און טראָגן זיך אָפּ. ווי קערנער פאַרזייען זיי זיך אינעם לשון, גרינען און וואַקסן, שיינען און שאָטענען. און נאָך ווידער, ווערטער דריקן־אויס די נשמה פונעם פאָלק, דעם צער און די פרייד זיינע. די שעפערישע פאַנטאַזיע זיינע. אַמאָל טרעפט זיך, אַז אַ וואָרט גיט אַ פלי־אַרויס פונעם פאָלקס מויל און באַלד איז פול מיט דעם די לופט.

אויפן יידישן לעבנסשטייגער אין בעסאַראַביע, בפרט דעם יידישן לשון, האָט ראשית געווירקט דער סטעפּ מיט זיין רחבות, וואָס איז געווען אי פול מיט אומענדלעכער ווייט, אי מיט מילדער זוניקייט און מיט אַ מין אומעט. האַריזאָנט, וואָס דאָס אויג האָט אויף אים נישט קיין אָפּשטעל, נעמט אַ סך מאָל דעם מענטשן דורך מיט אַן אומעט, וואָס דער מענטש ווייסט נישט פונוואַנעט ער כאַפּט זיך אין אים אַריין. און זוניקייט איז אויך עלול אָנצופילן דעם מענטש מיט אומעט. פרעגט מיך נישט פאַרוואָס. אַפילו, אַז איך זאָל האָבן מיינע השערהס, וועל איך זיך אויך נישט דערוועגן זיי אַרויסצוזאָגן, וואָרעם איך האַלט זיך נישט פאַר קיין שפּראַך־פּסיכאָלאָג. ווייסן ווייס איך נאָר, אַז אין בעסאַראַבישן יידיש זענען דאָ אי אַ סך ווערטער פון ברייטער פריידיקייט, אי פון טיפן אומעט.

שנית, אויפן בעסאַראַבישן יידיש האָט געווירקט די פיל־פעלקער־

שאַפּט, וואָס האָט באַפּעלקערט דאָס לאַנד. מיר האָבן געהאַט קאָנטיקע שפּורן פון טערקיי. אַפילו שטיבער זענען נאָך געווען, וואָס זענען גע־ווען געבויט אין טערקישן נוסח: אַ פּאָר טרעפּלעך אַרונטער, דערנאָך דאָס גרויסע חדר, מיט דער זעקס־קאַנטיקער סטעליע, וואָס האָט אויס־געקוקט ווי אַ יאַרמלקע. אין מיין אייגענער שטאָט איז נאָך געווען אַ טערקישע טורמע, ביי ישראל האָז אין „מאָווער". אַ טיפער קעלער איז עס געווען, שטיינערנע ווענט, וואָס אין זיי זענען געווען אויסגעהאַקט קליינע קעמערלעך, מיט שטיינערנע טישלעך. געצויגן האָט זיך פון דער טורמע אַ הייל, וואָס קיינער איז צו איר סוף נישט דערגאַנגען. די קינדערשע פאַנטאַזיע אונדזערער האָט געשפּילט און מיר האָבן זיך דערציילט, אין די פּאַרנאַכטן, בעת דער רבי איז געגאַנגען דאַווענען, אַז די הייל פירט גלייך קיין ארץ־ישראל.

טאַטערן זענען ביי אונדז געווען, דייטשן און עפּעס אַ פאָלק, וואָס מיר האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן פונוואַנעט עס האָט זיך געיאָוועט. שוין אָפּגערעדט פון אוקראַינער און מאָלדעוואַנעס און ציגיינערס. זיי אַלע האָבן געהאַט אַ השפּעה אויף אונדזער יידיש. דער שוואַרץ־ערדי־קער סטעפּ האָט געקלונגען אינעם שאַרפן קאָמעץ, ווי דער ליטווישער און פּוילישער ייד האָט געזאָגט אַ פּאַסעך. די סטעפּישע ווינטן, וואָס האָבן זיך זומער דערטראָגן צו אונדז אַזש פון דער אַראַבישער מדבר, האָבן די רייש אונדזערע און די שין פּאַרקייליעכיקט מיט אַ מין שפּיצי־קייט: רר־עיש, שי־ען. ווערטער מיט אוי זענען ביי אונדז געוואָרן או — אוסשטרעקן, אוסברעכן, אַ הוז. אַנדערע אוי־ווערטער זענען גע־וואָרן אָווע — אַ מאָווער, עיך באָווע אַ שטיב, סע איז מיר טראָווועריק. מיר האָבן די דאָזיקע קלאַנגען דורכגעווינטיקט, אויסגעברענט אין „בערעס", אויסגעווייקט אין מראַקעס.

נאָר אויף וויפל איך ווייס, איז דער בעסאַראַבישער יידיש אַ סך מער באַווירקט פון לשון־קודש, ווי די אַנדערע יידישן, סיי אינעם זאָץ־געבוי און סיי אינעם וואָרט־אוצר. מכוח דעם זאַץ־געבוי וועל איך רעדן ווייטער. דאָ וויל איך אָנווייזן אויף ווערטער, וואָס זענען געווען ביים פאָלק. למשל, אַז אין דרויסן האָט געליאַפּעט אַ רעגן, אָדער עס האָט געשטורעמט אַ שניי, האָט דער ייד געזאָגט „סע איז אַ דרך־רע"

אויף אַ שלעכטן מענטש האָט מען געזאָגט „מעזעם" און דאָס וואָרט נעמט זיך פון מזוהם. שמחת תורה, אַז דער שמש האָט אויפגערופן צו די הקפות, האָט ער אויסגעזונגען: „אַלעוואַטרוני איז מען מכבד מיט דער דריטער הקפה". און דאָס וואָרט „אַלעוואַטרוני" נעמט זיך פון אלוף התורני. דאָס וואָרט מסוכן איז אַ חוץ סע האָט געהאַט די פּשוטע טייטש, האָט עס נאָך געהאַט אַנדערע טייטשן: מסוכן גרויס און מסוכן קליין. מסוכן מיאוס און מסוכן שיין.

דער פּשוטער ייד האָט געזאָגט: וואָס פאַר אַ רעוויסע איז עס? פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז די גמראַדיקע רבותא. אָדער סע איז אַ כאַשכעס, איז פון חשכות און אַפילו „אָנוערן דאָס פּנים", אויף איינעם, וואָס קוקט־אויס שלעכט. קלינגט מיר חומשדיק. אַז אַ ייד איז פאַר־אָרעמט געוואָרן, האָט מען געזאָגט, אַז „ער איז אַראָפּ פון די נכסים".

אויסשעפּן אַלע לשון־קודשדיקייטן אין אונדזער יידיש איז ראשית אַן אַרבעט פאַר אַ טיכטיקן פאַרשער און שנית, איז ביי מיר דער עיקר אָנצוווייזן נאָר מיט אַ רמז, אויף דער עובדה, וואָס גראָד אין בעסאַ־ראַביע, וואָס איז געווען פאַרשריגן פאַר אַ פאַרגרעבטן לאַנד, איז דאָס יידישע לשון געווען שטאַרק באַווירקט פון לשון־קודש. אוודאי, ס'איז נאָך געווען אַ למדנישער יידיש, אָבער ער איז שוין געווען, דאַכט זיך, גלייך ווי ביי למדנים אומעטום. געווען איז אויך אַ חסידישער יידיש. וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם אַראָמאַט פון שפּראַכלעכן נסתר. איז ווידער, דער מין יידיש איז געווען שכיח ביי חסידים אומעטום.

וואָס איז שייך דעם זאַץ־געבוי, האָט אונדזער יידיש אויך זיינע באַזונדערקייטן. איז כדאי אויף זיי זיך אומצוקוקן. נעמען מיר טאַקע אָט־דעם ערשט אָנגעשריבענעם זאַץ. אין אַ ליטווישן, אָדער פּוילישן יידיש, וואָלט מען געזאָגט „אויף וועלכן עס איז כדאי זיך אומצוקוקן". אין אונדזער יידיש איז דער „וועלכע" כמעט נישטאָ. מען זאָגט נישט וועלכע מענטשן, נאָר וואָסערע מענטשן. ווייטער, דער ווען ווערט ביי אונדז אָנגעווענדט נאָר אויף צייט, ווי למשל: ווען ביסטו געווען אין דער היים? דאָס איז געמיינט, די צייט, די שעה אַפילו דער ייד אונ־דזערער וועט אָבער נישט זאָגן: ווען איך בין געגאַנגען אין גאַס, נאָר אַז איך בין געגאַנגען אין גאַס. „אַז די שעה וועט שלאָגן", „נישט ווען

די שעה ווען שלאגן". אין דער ליטעראטור אונדזערער האט זיך דער וועז צעלייגט גאר ברייט. נאך מיין יידיש־טעם איז דער „וועז" גרייזיק. דער „אז" איז א סך יידישער דערפאר וואס ער נעמט זיך פונעם חומשדיקן „כי".

נעמט, למשל, אזא זאץ: „אין א גאנצער סטינע קענען זיך דורכן זומער מאכן צוויי־דריי רויטע לעמעלעך". אין אן אנדער יידיש וואלט דער ייד געזאגט: „דורכן זומער קענען אין א סטינע געבוירן ווערן נאר צוויי־דריי רויטע לעמעלעך". דאס ווארט „מאכן" האט דעם זין פון טראף. אוודאי איז אויך מעגלעך צו זאגן „קענען זיך טרעפן", אבער דאס ווארט „מאכן" האט א באזונדערן טעם, סע איז מער טרעפעניש, ווי דער בפירושער זאג „טרעפן".

אן אנדער ביישפיל: „א לעמעלע ווידער, אז מען לאזט עס צונע־מען צופיל פלייש, ווערט־אן דאס פעלכל". האב איך שוין פריער גע־בראכט דעם אויסדרוק פון „אנווערן דאס פנים". אינעם איצטיקן זאג, איז דער זין דער אייגענער, נאר אביסל אן אנדערער: „אנווערן דאס פעלכל" מיינט, אז די קאראקולענע קוואליטעט פונעם פעלעכל פאר־לירט איר ווערט. אן א שיעור שפראך־בייגן זענען דא, וואס איר קוקט זיך נישט אום אויף זיי, ווארעם די ווערטער זענען נישט קיין אנדערע, ווי אומעטום. דער קליינער בייג איז אבער דער עיקר. למשל, אומעטום זאגן יידן „מחזקות", אבער דער קליינער בייג, ווי „מאכן מחזקות" גיט שוין אן אנדער קאלאריט דעם זאץ. „א פראסטער ייד מאכט נישט קיין מחזקות מיט א וואכעדיקער מנחה". מיר דאכט זיך, אז „מאכן מחזקות" איז פארביקער, ווי „האבן מחזקות".

דאס ווארט „אויספארען" איז דא אין אלע יידישן, אבער דערפאר, וואס בעסאראבער יידן האבן געגעסן מאמעליגע, האט דאס ווארט באַ־קומען נאך א באגריף. די מאמעליגע האט מען אוועקגעשטעלט אויפן פייער, כדי דאס וואסער זאל פון איר אויסדאמפן. איז געשאפן געווארן דער אויסדרוק „אויספארען דאס וואסער". דאס וואסער אליין איז גע־ווארן דער אביעקט, נישט די מאמעליגע. פרעמד איז דעם יידיש אונ־דזערן דאס ווארט „געוויסער", ווי א געוויסער מענטש, אין א געוויסן טאג. פשוט, מיר ווייסן נישט דערפון. מיר זאגן: איינער א מענטש,

אין איינעם אַ טאָג. אוודאי, אַ שפּראַך מעג זיך באַרייכערן, אָבער דאָס וואָרט געוויסער קלינגט מיר צופיל דייטשמעריש. דערביי וויל איך שוין מאַכן אַ שטיקל אָפּנויג און אָנווייזן, אַז דער „באַר" און דער „זאָם" זענען אויך טרייף אין יידיש. נישט אונדזערע זיידעס און נישט אונדזערע באָבעס זענען געווען, באַהיט זאָל מען ווערן „פילבאַר", אָדער אַ ספר איז נישט געווען פאַר זיי „לעזבאַר". ווי גיט מען זיך אַן עצה? ביזן היינטיקן טאָג האָב איך זיך אַן עצה־געגעבן און דער אייבערשטער וועט מיר ווייטער אויך העלפן. און „איינזאָם" בין איך אויך נישט געווען, נאָר אַליין, אַז שוין גאָר שלעכט, איז עלנט.

גאָר באַזונדער איז דאָס קאַפּיטל ווערטער־אוצר אין בעסאַראַבישן יידיש. מילא, דאָס וואָרט איפּדערוואָך האָט מען אין דער ליטעראַטור אונדזערער משלח־געווען. פאַרוואָס? קומענדיקע וואָך האָב איך קיינמאָל נישט געהערט, ביז איך האָב נישט אָנגעהויבן צו לייענען דעם פאַרזשורנאַליסטעוועטן יידיש. אָבער אַזאַ וואָרט, ווי טאָק, טעקל, פאַרוואָס האָט עס אָנגעוווירן דעם חן אַפילו ביי אונדזערע בעסערע שרייבערס? מיידעלעך האָבן ביי אונדז געהאַט טעקלעך. אַ קינד איז געווען „שיין ווי אַ טעקל". און אַפילו אויף מאַריאַנעטן האָבן מיר אויך געזאָגט: „די טעקלעך". געווען איז אַ חילוק צווישן אַ קונצנמאַכער און אַ ברעכער. דער קונצנמאַכער האָט געצויגן סטענגעס פון מויל, געשלונגען פייער און געוויזן אַנדערע קונצן. דער ברעכער האָט געפּראַוועט אַקראָבאַטישע שטיק, איז געגאַנגען אויף אַ שטריק, זיך געבראָכן אויף אַ הוידלקע גאָר הויך אין דער הייך.

יידיש ראַנגלט זיך מיטן באַגריף ספּאָרט, נישט אינעם זין פון ספּאָרטיווע שפּילן, נאָר פון ברייטער נאַטור. מיר אין בעסאַראַביע האָבן געזאָגט: „גאַלאַנטאַן" — „איך בין אַ גאַלאַנטאַן, אַז סע זאָל מעיך קאָסטן צען קערבלעך, אַבי מיינס זאָל זיך אויספירן". אָדער: „ער איז אַ גאַלאַנטאַן", וואָס מיינט, אַז ער לאָזט זיך קאָסטן געלט. פריער האָב איך געבראַכט דאָס וואָרט „מעזעם", וואָס קומט פון לשון־קודש מזוהם. האָבן מיר אויך סקיפּ, — אַ פאַרעך, אַ סקיפּ, — וואָס קומט שוין פון ראָמאַנישן שורש. פון דער אַנדערער זייט: אויף אַ זיידענעם יונגנמאַן האָבן מיר געזאָגט „אַ מזג טוב".

אוודאי איז „זיכער“, אָדער „זעכער“, ווי מען זאָגט אין בעסאַראַביע, אַ כשר יידיש וואָרט, אָבער דאָס וואָרט אוודאי, ווי אונדזער יידיש גיט זיך אַמאָל אַ בייג־אָפּ, איז אַ ווייכערער ניואַנס פונעם דאָזיקן באַגריף. פון דער אַנדערער זייט איז „פעסט“ אַ שטאַרקערער ניואַנס. אַזוי זאָגט אַ ייד: „סע איז פעסט אַזוי“. דאָס אייגענע איז מיט „כאַפּן דעם שניט“, נאָר בילדלעכער איז „כאַפּן דעם סטרי“. ביידע ווערטער מיינען דאָס אייגענע, אָבער פּאָרט איז דאָ אַ חילוק. כאַפּן דעם שניט איז אַ מער הומרדיקער באַגריף און איז אָנגעווענדט לרוב אויף אַ מלאכה, אָדער גאָר אין אַ מסחר. כאַפּן דעם סטרי — אויף דערגיין אַ גאַנג אין לערנען.

הנאה־האָבן פון עפּעס, ווי למשל פון אַ גוטן מאכל, איז כלל־יידיש. אָבער סע איז דאָ אַ מין הנאה, וואָס שטייט נאָך אַ האָרעלע אויף דער גרענעץ פון פרייד און אויף דעם האָט אונדזער יידיש דאָס וואָרט „אָנטעיען“. פון אַ קינדס חכמות טעיעט מען אָן, בעת אַפילו פון דער בעסטער באַקלעווע האָט מען נאָר הנאה. דאָס אייגענע איז דאַכט זיך מיר, מיטן וואָרט „אָקאַזיע“. דער מין איז טאַקע דער אייגענער, ווי „אַנשי־קעניש“, אָבער עס איז ווי בלענדיק רויט און רויטלעך — אַ פּאָר טענער פאַרב נידעריקער. אָפּגעווינען דאָס גאַנצע געלט זאָגט טאַקע אַרויס דעם פולן מיין פון פאַרשפּילן אָדער געווינען, אָבער אָפּדאַצן איז קרעפטיקער. אין חדר, אַז אַ ייִנגל האָט צום אַנדערן ייִנגל פאַרשפּילט אַלע קנעפּלעך, האָט אים יענער אָפּגעדאַצט. אַ ווערטל איז נאָך דאָ: „דאָץ אַ סוחר און פּ... אַ מוכר“.

אַז מיר האַלטן שוין ביי שפּיל, איז כדאי אַרויסצונעמען פונעם שטויב דאָס וואָרט „בערדע“. אַז ייד האָט פאַרשפּילט אַ שאָך, אָדער אַ דאַמקע, האָט ער נעבעך געהאַט אַ „בערדע“. אַמאָל האָט געקענט טרעפן, אַז ער זאָל אַרומגיין מיט דריי בערדעס. די „בערדע“ ווערט אַ מין זאַך פאַר זיך, וואָס דער פאַרלירער טראָגט זיך מיט איר אַרום.

אַ וואָרט, וואָס איז נישט אין קיין אַנדער יידיש, — און נישט סתם דאָס וואָרט, נאָר דער באַגריף, — איז „סטיס“. אַמאָל קען עס מיינען קלימאַקס און אַמאָל — תמצית. דערגיין צום סטיס מיינט אי צום תמצית, אי צום סאַמע סוף. אַז אויף אַ חתונה האָט מען זיך אָנגעדר־

ליעט, גיט מען אַ זאָג אָפּגעזשימעט אַ חתונה. פּאַרקערט, ווידער, אַז איר ווילט זאָגן, אַז אײַך אַרט עס נישט, איז דאָ אַן אויסדרוק אַט׳על מעיד צערימען.

בין איך שוין פּאַרטיק מיט אונדזער ייִדיש? עס הייבט זיך נישט אָן. אַ שטוב אויפֿן קאַלץ, מיט אַ טאַרנאָץ איז בײַ אַ ייִדן געווען אַ גרויס עשירות. „קאַלץ" איז ווינקלגאַס, אָדער ראָג, און „טאַרנאָץ" איז אַ גאַניק, נאָר מיט שטאַכעטן. נאָר, אַז דער ייִד האָט נעבעך געוווינט אין אַ „באַשקע", איז ער שוין קיין גרויסער נגיד נישט געווען. און „באַש־קע" איז נישט קיין קעלער־שטוב, נאָר אַ פיר־פינף טרעפּלעך אַרונטער.

שפּעטזומער, אַז סע איז געוואָרן אַ בערע, איז געווען אַ סכנה אַרויסצוגיין אין דרויסן, וואָרעם די „בערע" האָט מענטשן געוואָרפֿן פון די פיס, האָט אויף זיי געשיט הייסן שטויב. ממש געשפּריצט מיט פונ־קען. זעט איר, אַ זומערדיקער פּאַרנאַכט, אַז עס האָט געמראַקעט אַ רעגנדל, האָט פֿאַרשמעקט די גאַס מיט סטעפּ, מיט פרישקייט, מיט תבואה.

און וואָס עפּעס תבואה? פּאַרוואָס נישט ברויט? און טאָמנע, אַז מען האָט געטרעירט דאָס ברויט, איז דער סטעפּ געווען פול מיט גע־זאַנג. „טאָמנע" איז האַרבסט און טרעירן" איז ווייען: וואַרפֿן מיט אַ לאָפּעטע אין דער הויך דעם ווייץ, אָדער דעם גערשטן, אַז דאָס פרישע ווינטל זאָל די מיצלעך און דעם שטויב פאַרטראָגן אויף איין זייט און די קערנער אויף דער אַנדערער זייט. אַ חוץ דעם האָט מען דאָס ברויט אויך אויסגעמלויצעט און די פּאַפּשויעס האָט מען אויסגעקלאָפּט.

היינט האָבן מיר געהאַט אַ פּשוטן וואָגן, אַ ברישקע, אַ פאַיטאָן, אַ רייטוועגעלע און אַ קאַטיגע. די ערשטע דריי ווערטער דאַרפֿן נישט קיין פּירוש, אָבער אַ רייטוועגעלע איז שוין, ווי דער פּסוק בעט זיך: דרשנו. דאָס איז געווען אַ פּריציש וועגעלע, ווייך אונטערגעבעט, געשפּאַנט אין איין פערדל. דער פּאָרער איז געזעסן אויף דעם רייטנדיק און געוויינטלעך זענען געפֿאָרן אויף דעם פּאָסעסאָרן פון זייערע מאָ־שיעס, אָדער אַדייעס, — די פעלדער־שטחים, וואָס זיי האָבן אָפּגעדונגען בײַ פּריצים. אַן אָרעמאַנסקע, האָרעפּאַשנע וואָגן איז געווען די קאַטיגע. דאָס איז געווען אַ וואָגן אויף צו פירן זעק ברויט. די קאַטיגע איז

געווען אָן וועגטלעך, מיט הויכע רעדער און שווערע ברעטער צעלייגט שיטער. קאַטיגעניקעס זענען געווען אַ באַזונדערער צעך און האָבן אַפּילו געהאַט זייער ווינקל, ווו זיי זענען געשטאַנען און געוואַרט, אז דער סוחר זאָל זיי קומען דינגען.

די קאָוואַליעס און די סטעלמאַכס זענען בדרך כלל געווען שכנים, וואָרעם זייערע מלאכות האָבן געהאַט אַ שכנהשאַפט צווישן זיך. דער קאָוואַל האָט געשווייסט אַ שינע און דער סטעלמאַך האָט געשניצט שפּיציעס. אַנצוטאָן די אייזערנע שינע אויפן ראָד האָט מען זי געדאַרפט שווייסן, — אָנברענגען אין פייער, טונקען אין וואַסער און מיט אָפּ־צווענגעס און אַ האַמער זיך אַרויפּציען אויפן ראָד. די שפּיציעס זענען געווען די הילצערנע פלעקער אינעם ראָד, אַרום דער אַקס, וואָס דאָס ראָד האָבן צונויפגעהאַלטן.

נאָר מיטן האַרעפּאַשנעם יידיש אונדזערן האָבן מיר זיך נאָך אַלץ נישט ספּראַוועט, ווי בכלל מיטן רייכקייט, פאַרביקייט און סטעפּיש־ווינטיקן לשון, וואָס די בעסאַראַבער יידן האָבן אויסגעזוניקט און אויס־געהאָרעוועט אין משך פון דורות.

דעם פעטער אהרן בערס לעצטע הקפות

דעם פעטער אהרן־בער האָט מען גערופן „אהרן בער גאָט", און נישט, חלילה, מיט חוזק, נאָר מיט כבוד. נישט מער ווי פיר יאָר בין איך אַלט געווען אַז ער איז נפטר געוואָרן, אָבער געדענקען געדענק איך אים מיטן גאַנצן הולך זיינעם. וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער געדענק איך אים. די לעצטע הקפות זיינע לויכטן מיר אויף, אַז עס קומט נאָענט צו שמחת תורה.

געווען איז דער פעטער אהרן־בער נידעריקער פון מיטלוווקס, מיט ברייטע אַקסלען, קרעפטיק און שווערלעך. ער האָט אויסגעקוקט, ווי אַ דעמב, וואָס מען האָט אים איבערגעזעגט אויף אַ העלפט. נאָר דאָס פנים, מיט דער ברייטער באָרד, האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ מין פּראָסטע איידלקייט. חלילה וחס, אין זיין פנים איז קיין הייליקייט נישט געווען, — ער האָט פיינט געהאַט דעם אָנשטעל פון קדושה. דעם פּראָסטן יידן האָט ער ליב געהאַט, דעם געזונט־ערדישן.

אַ חבדניק איז ער געווען און אין די יינגע יאָרן איז ער אָפּגעזעסן ביים צמח־צדק, — ר' מענדעלע ליובאַוויטשער, — עטלעכע יאָר. אַז מען האָט אים געפרעגט, וואָס ער האָט געטאָן ביים צמח צדק, האָט ער מיט תמימות געענטפערט: עיך האָב געפּאָלגט אַ גאַנג...

דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט ער „געפּאָלגט אַ גאַנג", — דעם גאַנג, וואָס די אמונה האָט אים געהייסן גיין, וואָס דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט. איז דער מנהג זיינער געווען, אַז ווינטער האָט ער אָפּגעריכט חצות איינס־און־צוויי, — ער האָט געהאַט בילכערס צו טאָן. אַרעמעלייט זענען געווען, וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַהייצן די שטוב, איז דער פעטער אהרן־בער אין שניי, אין פּראָסט, אין זאַווערוכע, אַרויסגעגאַנגען צו דער בריק און אָפּגעוואַרט די פורערים, וואָס האָבן פון די דערפער

געבראכט „סטו״, — אזא מין ראר, וואס איז געוואקסן ביי די טייכן, — צעהאקט האלץ, אדער בינטלעך שטרוי. ער האט אפגעקויפט א וואגן „סטו״, איז געגאנגען מיטן גוי און אים געוויזן ווו, אויף וואסער פריזבע, אפצולייגן די בינטלעך. אזוי איז ער ארומגעגאנגען ביז קאיאר און, אז ער איז דערנאך געקומען אין בית־מדרש אריין, האט ער מיט חדוה געזאגט: געלויבט דער אייבערשטער, אפגערעכט חצות...

ווו האט דער פעטער גענומען געלט אויף צו באזארגן די ארעמעלייט מיט באהייצונג? בייטאג איז ער ארומגעגאנגען צווישן די פארמעגלעכערע באלעבאטים און ביי זיי געזאמלט געלט. קיינער האט אים נישט אפגעזאגט. קיינער האט ביי אים נישט געפרעגט קיין חשבון. געווּסט האט מען, אז ביי אהרן־בער גאט איז יעדער גראשן צדקה הייליק. אליין איז ער געווען א ביטערער ארעמאן, נאר מסתפק געווען האט ער זיך מיט א מאמעליגע, אדער א זופ.

געווען איז ער א מוהל, אלע שענסטע באלעבאטים האבן געוואלט, אז ער זאל מל זיין זייערע זין, אבער קיין געלט האט ער נישט גענומען, — וואס הייסט געלט פאר א מצווה? האט ער זיך מפרנס־געווען דערפון, וואס דאס ווייב זיינס, די מומע ברײנע, האט געהאט א „קוב״. דער „קוב״ איז געווען א ריזיקער קעסל, אן איינגעמויערטער, אונטן איז געווען אן אייוועלע. דעם „קוב״ האט די מומע ברײנע געהייצט, דאס וואסער האט תמיד געזאטן און יידן, וואס האבן נישט געהאט קיין סאמאווארן, זענען געקומען צו איר קויפן א טשאײניק אקריפ פאר טיי. דער פדיון איז געווען אויף א קאפיקע, צוויי קאפיקעס, און פון די קאפיקעס האט די שטוב געצויגן די חיונה.

קיין קינדער האט די מומע ברײנע נישט געהאט, נאר דער פעטער אהרן־בער האט זי נישט גע׳גט. די עבירה מבייש צו זיין און מצער צו זיין א יידישע טאכטער, האט ער געזאגט, איז גרעסער, ווי די מצווה צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט. ווי ער איז געווען נידעריק און ברייט, אזוי איז די מומע ברײנע געווען הויך און דאר. ער האט זיך ליב געהאט צו חכמהנען, — גוטמוטיק, מיט א ליכטיקן שמייכל. עס איז דא א הינטערשלאק, האט ער געזאגט, און אן אייבערשלאק. מיין ברײנע איז א דורכשלאק, — זי איז דורך און דורך שלאק... אבער ער האט איר

אָפּגעגעבן כבוד און מיט געלעכטער איר געזאָגט: ברײַנע, דו װעסט בײַ מיר נישט זײַן קײן פּוסטעקעלע אין גן־עדן. כ'על דעך אָװעקזעצן לעבן מיר. נאָר זאָלסט זיך אַ ביסל אײַנבײַגן, אַז מען זאָל מעך אויך אויך אַרויסזען...

אַ שאַרפן קאָפּ האָט דער פעטער אהרן־בער געהאַט און אַ דאַרשט נאָך װיסן. דער עלטערער ברודער מײַנער, שלום ע"ה, האָט שוין אין שטוב אַרײַנגעבראַכט הײַנטװעלטיקע ספרימלעך. דער פעטער אהרן־בער, אַז ער איז אַרײַנגעקומען אין שטוב און געזען אַזאַ ספרל, האָט ער עס גענומען אין די הענט, אַרײַנגעקוקט און אַ צײַט לאַנג געמישט די בלעטלעך, דערלײענט ביזן סוף און דערנאָך אַװעקגעלײגט: טפּו־טפּו... דערװײַל האָט ער אָבער דאָס ספרל איבערגעלײענט. און געזען האָט מען, אַז ער האָט בפירוש געװאָלט װיסן דעם תוכן.

אין זײַן װיכטיק װערק „שרי חמאה" דערצײלט הרב יהודה לײב מימון, װי אַמאָל האָט מען אים געפירט צום פעטער אהרן־בער מכח אַ שידוך. ער איז נאָך געװען אַ יונג ײנגל און געקומען איז ער מיטן פאָטער זײַנעם, ר' אלימלך סופר, פון מאַרקולעשט. אין בעלץ איז זײער היים געװען בײַ אונדז אין שטוב, דעם פעטער אהרן־בערס שטוב איז געװען די דריטע פון אונדזערע, האָט מען אים, דעם יונגן לײבן, פאַרנאַרט אַהין, אַז דער „מחותן" זאָל אים פאַרהערן און אפשר װעט װערן אַ שידוך. אויף שדכנות־געלט איז דער פעטער אהרן־בער יאָ געװען אַ בעלן. נאָר קײן שידוך איז נישט געװאָרן. הרב מײמון געדענקט שוין נישט פאַרװאָס.

איצט קום איך צום פעטער בער'ס לעצטע הקפות. אין דעם דאַרף שוין זײַן אַ קימא־לן פון 65 יאָר. נאָך דעם שמחת תורה יענעם געדענק איך קלאָר, װי געשעעניש אַ סך נענטערע און אפשר מער פערזענלעכע.

געװוּסט האָבן מיר, אַז דער פעטער אהרן־בער איז עפּעס „נישט מיט אַלעמען". ער איז שוין געװען אַן עלטערער ייד, נאָר דער גאַנג זײַנער איז נאָך אַלץ געװען אַ פעסטער און די אויגן האָבן נאָך אַלץ געהאַט דעם קלוגן, װאַכיקן קוק. ימים־נוראים איז ער בײַם דאַװענען נישט געװען קײן װײנער, דאָס פרומקײט זײַנס האָט ער נישט אַרויס־

געטראָגן אויף אַ געשרייערישער טאָץ און דעם טרויער זיינעם האָט ער אַמאָל אַריינגעבורטשעט אין דער געדיכטער באָרד.

שמחת תורה איז אָבער געווען זיין טאָג: ער האָט ביי הקפות געטאַנצט מיט דער תורה נאָכדעם ווי אַלע אַנדערע זענען מיט די רייניקייטן שוין צוגעקומען צוריק צום אָרון־קודש. ער האָט די תורה געטוליעט צו זיך, זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט און צוגעדריקט צום האַרצן און געזען האָט מען, אַז ער קען זיך מיט איר נישט שיידן. אינמיטן טאַנץ איז ער גאָר געבליבן שטיין, פאַרמאַכט די אויגן און ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אַזוי האָט ער געקענט שטיין עטלעכע מינוט, זיך אויפכאַפּן און ווידער אָנהייבן צו טאַנצן. אַלע ניגונים, וואָס ער האָט געקענט, האָט ער דערביי אויסגעזונגען און, אַז ער האָט שוין דאָס ספר אַוועקגעגעבן דעם שמש, איז ער געבליבן שטיין און נאָכגעקוקט מיט פאַרבענקטע אויגן, ווי אַן אַנדערער נעמט עס איבער.

צו די הקפות יענעם שמחת־תורה איז ער געקומען אַן אויסגעבלייכטער. יידן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ: „רב אהרן־בער איז נעבעך נישט מיט אַלעמען"... נאָר אַז דער שמש האָט אים אויפגערופן צו דער הקפה, — „אלוף התורני, ר' אהרן־דוב", — האָט זיך אים די מראה אין פנים געביטן. די אויגן זענען אים געוואָרן ווי צוויי ליכט, וואָס זייער שיין האָט באַלויכטן דאָס גאַנצע פנים. דאָס ספר האָט ער געטראָגן ווי אַלעמאָל, נאָר מיט מער ברען. ער האָט אָפּגעטאַנצט דעם גאַנצן גאַנג אַרום דעם בעלעמל און, אַז ער איז צוגעקומען צום אָרון־קודש, האָט ער ערשט זיך אַוועקגעשטעלט און געטאַנצט אַליין. צוגעטוליעט דאָס רייניקייט און געזונגען:

„טאַטע־פאָטער, לאָז מיך נאָך טאַנצן מיט דיין תורה"...

אַז ער האָט זיך שוין פון דער תורה אָפּגעריסן, האָט ער זיך אַ מי דער, אַן אויסגעשעפּטער אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און דער קוק זיינער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ פאַרנעפּלטער, ווי ער וואָלט שוין אויף דער וועלט נישט געווען. עטלעכע מקורבים האָבן אים אָפּגעפירט אַהיים און ביינאַכט איז ער נפטר געוואָרן, — שטיל, אָן אַ קרעכץ, פשוט איינגע־שלאָפן.

אפרים אויערבאַך

די לוויה איז געווען שמחת־תורה, אין אַלע שולן האָט מען אָפּגעדאַוונט פרי, אָפּגעגאַנגען מיט די הקפות און געגאַנגען באַגלייטן „הרב אהרן־בער גאָט" צו זיין אייביקער רו. יידן האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז ער האָט אויסגעבעטן ביים רבונו של עולם נאָך צו טאַנצן מיט דער תורה, איידער דער פטירה.

אָקטאָבער, 1961

אַ האַלבער יאָרהונדערט מיט אַ שמיצל

ביים מענטשן, בפרט ביי אַ מענטשן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער בידנער מלאכה שרייבעריי, זענען דאָ יובילייען, וואָס זענען דורכאויס אַ מין רשות היחיד. קיינער פראַוועט זיי נישט, אָט־די יובילייען, זיי האָבן בכלל נישט קיין כלליקן באַטייט, אָבער פאַרן מענטשן אַליין זע־נען זיי פול מיט צוריקטראַכטענישן, מיט דערמאָנונגען, מיט עפּעס אַזוינס, וואָס דער קהל האָט דערצו נישט קיין צוקום. זיי זענען באַ־האַלטן אין טיפע חדרימלעך פונעם יחיד.

ביי זיך אַליין, אין זיינע אייגענע איבערלעבונגען, פראַוועט דער־אָ שרייבער דעם יובילײ פון אַ האַלבן יאָרהונדערט מיט אַ שמיצל. און באַלד וועט דער שרייבער אויפהייבן דעם פאָרהאַנג אי אויפן האַלבן יאָרהונדערט און אי אויפן „שמיצל״.

דער האַלבער יאָרהונדערט ווערט זינט ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, און דער שמיצל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט איז זינט ער האָט געלעבט אין וואַרשע. איז היינטיקס מאָל ברויזן אין אים די זכרונות פונעם „שמיצל״, פונעם איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, — פון וואַרשע, בעת דאָרט האָט נאָך געלעבט פּרץ, הילל צייטלין, יעקב דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר, שוין אָפּגערעדט פון דער גאַנצער פּלעיאַדע יינגערע שרייבער. דער עיקר אָבער, די וואַרשע, וואָס איז נאָך געווען דאָס ליכט פון דער יידישער וועלט. און פאַר מיר, — די וואַרשע, וואָס אין איר האָב איך אַזוי יוגנטלעך געהונגערט און דעם הונגער געוואָרעמט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, מיט פרייד אַפילו.

ווי קומט אַ בחורל פון בעסאַראַביע קיין וואַרשע? און בכלל, וואָס האָט ער געטראַכט וועט ער טאָן אין וואַרשע? איז אַזוי: קיין וואַרשע האָבן זיך אַלע געצויגן, — אַלע מיין איך, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך

דעם חלום פון יידיש־שרייבעריי. דעם פּראָווינצער בחורל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָן וואַרשע קען מען נישט ווערן קיין יידישער שרייבער. וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס שרייבן לידער, אַז מע זעט נישט כאָטש איין מאָל פּרצן? און ווער ווער ווער זיך אומקוקן אויף אַ ליד זיינעם, אַז דו האָסט אין זיך נישט אַריינגענומען די לופט פון דער יידיש־שרייבערישער וואַרשע?

אמת, איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אָפּגעדרוקט אַ פּאָר לידער, — איינס פון זיי אין ווילנע, וואָס יעקב פיכמאַן ע"ה האָט זיך פאַר מיר משתדל געווען ביים רעדאַקטאָר ליפּמאַן לעווין. אין העברעיש האָב איך שוין געהאַט אָפּגעדרוקט אַ פּאָר מעשהלעך אין אַ זשורנאַל פאַר קינדער, וואָס מ. בן־אליעזר האָט רעדאַקטירט, און טאַקע אין וואַרשע. ווידער האָב איך שוין געהאַט געדרוקט עטלעכע דערציילונגען אין דער צייטונג פון אונדזער אייגענער שטאָט. אָבער ביז עס איז נישט געווען דער חותם פון וואַרשע, איז מען נאָך אַלץ נישט געווען קיין שרייבער. די יינגלעך און מיידלעך פון מיין שטאָט האָבן מיך טאַקע שוין געהאַלטן פאַר אַ „פאַלנע" שרייבער, אָבער אין זיך אַליין האָב איך געפילט, אַז עס איז גאָרנישט, אַפילו דעם אָנהייב האָב איך נאָך נישט דערגרייכט, — וואַרשע איז דער שרייבערישער אַפּאָגעי.

קלאַפּט דער אָרעמער טאַטע צונויף עטלעכע רובל און זאָגט דעם בחורל: ווילסט וואַרשע? נאַ, פאָר קיין וואַרשע. דער אמת איז, אַז דער טאַטע, — אליעזר שוחט ע"ה, — וואָלט זיך נישט אַזוי צוגעאיילט צו לייען הונדערט רובל, כדי דער זון זאָל קענען פאָרן קיין וואַרשע, נאָר יעקב פיכמאַן איז דאָך שוין דעמאָלט געווען אַן אָנגעזעענער העברעישער און יידישער שרייבער און ער, פיכמאַן, האָט מיר געגעבן סמיכה. דער בעלצער שוחט האָט געזאָגט: אַז יאַנקל עליע פעסיעס האָט געקענט ווערן אַ שרייבער ביי יידן, איז דאָך זיין זון אוודאי...

נאָר וואָס וועל איך טאָן אין וואַרשע? ווער האָט דערפון דעמאָלט געטראַכט? וואָס הייסט איך וועל טאָן? כ'וועל ווערן אַ שרייבער... אין יענע יאָרן, דאַכט זיך מיר, איז דער דראַנג ביי די יוגנטלעכע, וואָס האָבן דערשפּירט אין זיך דאָס קליינע שרייבערישע פייערל, געווען אַזאַ

שטאַרקער, אַז קיין שום מאַטעריעלע אויסרעכענונגען זענען דערביי נישט געווען.

וויל איך דאָ נישט דערציילן פון די יחידישע ראַנגלענישן, פון די טעג די הונגעריקע, פון דעם גרויסן עלנט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט, אַז עס האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער וואַרעמער היים, נאָך די שוחטישע מאַלצייטן, נאָך דער סביבה, וואָס אין איר ביסטו געווען אַריינגעוואַקסן. דערציילן וויל איך פון דער וואַרשע איבער פופציק יאָר צוריק, פונעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אויף אַ בחורל, וואָס איז געקומען פון אַ ווייטער שטאָט אויפן דרום.

נישט שייך צו זאָגן, אַז וואַרשע איז ביי מיר דעמאָלט געווען סתם אַ שטאָט. זי איז געווען אַ יידישע מלוכה. פאַרשטייט זיך, אַז געווען זענען אין וואַרשע די אויסגעפּוצטע גאַסן, וואָס אויף זיי האָבן געוווינט רייכע פּאָליאַקן, אָבער אַהין בין איך כמעט נישט דערגאַנגען. די יידישע גאַסן זענען נישט געווען, חלילה, קיין געטאָ. זיי זענען געווען אויסגע־פילט מיט יידיש און יידישקייט. זיי האָבן געאָטעמט מיט יידישער לופט. זיי האָבן, דאַכט זיך, געהאַט אַן אייגענעם יידישן קלימאַט. וואָס סע האָט זיך געטאָן ווייטער, איז געווען ווי איבער די גרענעצן פון אַ פרעמד לאַנד. ווען האָט געאַרט וואָס איז „פרעמדן לאַנד" טוט זיך?

אוודאי ווייס איך, אַז איך דערצייל דאָ נישט קיין נייעס. אָבער אַפילו אין איבערדערציילן וואָס אַנדערע פאַר מיר האָבן דערציילט, פיל איך אויך אַן אייגענעם טעם, — סע איז דער טעם, וואָס איך אַליין האָב אים פאַרזוכט. דער טעם, וואָס מיט אַ פרעמדער צונג און פרעמדן גומען קענסטו אים נישט שפּירן. דער טעם פון וואַרשע איז געווען, ווי שטרע־קעס גאַנצע רעדן יידיש. שטרעקעס גאַנצע זענען באַוואַקסן מיט יידישע זאַנגען. אוודאי קען עס קלינגען, ווי סתם ווערטער, אָבער דאָס איז דאָך געווען מיט איבער פופציק יאָר צוריק, ווען דער בחור פון אַ בעסאַראַ־בישער שטאָט איז געקומען קיין וואַרשע בפירוש איבערצולעבן יידישע ווערטער, צו פילן זייער טעם.

געווען בין איך פריער אין אָדעס, — און געוווסט האָב איך שוין

פון די חכמי אָדעס, ווי ר׳ מענדעלע, ביאַליק, יצחק יואל לינעצקי, לע־ווינסקי. אָדעס אַליין אָבער איז נישט געווען קיין ייִדישע שטאָט, נישט אַזאַ ייִדישע שטאָט ווי וואַרשע. געדאַכט האָט זיך, אַז אָדעס האָט אַ בינטל ייִדישע און העברעישע שרייבער, וואָס האָבן זיך געשאַפן אַן אייגן אינדזל, וואָס מיט דער שטאָט האָט עס נישט קיין שייכות. וואַרשע איז געווען צונויפגעבונדן און צונויפגעוואַקסן מיט די שרייבער און זיי זענען אַריינגעוואַקסן אין וואַרשע, אין דעם ייִדישן קלימאַט אירן.

געדענק איך אַ זונטיק, פרץ האָט פּאַרגעלייענט אין אַ ריזיקן זאַל, — דאַכט זיך דער פילהאַרמאָניע, — וואָס האָט אַריינגענומען איבער דריי טויזנט מענטשן. דער זאַל איז געווען פול, טויזנטער זענען געקו־מען הערן פרצן לייענען זיין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״. די דראַמאַ־טישע פּאָעמע, אפילו אַז איר לייענט זי מיט זיך אַליין, איז אויך היפּש שווערלעך. הייַנט, אַז איר הערט זי און האָט נישט קיין צייט זיך אָפּצו־שטעלן אויף אַ שורה אויף אַ געדאַנק ? דער עולם איז אָבער געקומען, — יונגע ייִדן, נאָך אָנגעטאָן אין דער פּויליש־ייִדישער הלבשה, אין די קליינע היטעלעך, אין די לאַנגע, שמאָלע קאַפּאָטקעלעך. נישט פאַר־שטיין איז געווען דער עיקר, נאָר פרץ. נישט די פּאָעמע איז געווען דער עיקר, נאָר דאָס ייִדישע וואָרט.

ביי איז פאַר מיר געווען דער פּוילישער ייִדיש. צו אונדז, קיין בע־סאַראַביע, זענען קיין פּוילישע ייִדן נישט דערגאַנגען. אפשר זענען גע־קומען סוחרים פון פּוילן, נאָר אַזוי ווי די שטוב אונדזערע האָט מיט מסחר גאָרנישט געהאַט צו טאָן, האָב איך נאָר געוווּסט, אַז ייִדן אין פּוילן רעדן ברייט, אָבער געהערט האָב איך נישט. איז ביי מיר דער איינדרוק געווען אַז ייִדן אין פּוילן רעדן נישט, נאָר זינגען. און ווי פרעמד מיר איז נישט געווען דאָס אויסגעצויגענע ייִדישע לשון זייערס, האָב איך עס געשפּירט : דער פּוילישער ייִדיש, איז ביי מיר אויסגעקומען, איז פון אַן אייגענער מלוכה. ביי אונדז אין בעסאַראַביע האָט מען גערעדט מיטן שאַרפן קמץ, מיט דעם פּתח, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אין דער לענג. דער דיאַלעקט איז אָבער געווען מיינער און האָט אויף מיר קיין איינדרוק נישט געמאַכט, ווי עפּעס אַ באַזונדערער, אַן אָפּגעטיילטער. דער פּוילישער ייִדיש האָט מיר געקלונגען, ווי ער איז

אויסגעוואָקסן פון אַן אייגענער יידישער וועלט, ער האָט עפּעס געבליט מיט אַן אייגענעם יידישן קאָליר.

קוק איך צוריק אויף וואַרשע פון איבער פופציק יאָר צוריק און לעב ווידער איבער די טעג אין דער געדיכטער יידישקייט, ווו יעדער שטיין איז געווען באַוואָקסן מיט יידישן גראָז. אוודאי האָט איר געהערט אויך פּויליש אויף די יידישע גאַסן, אָבער געדאַכט האָט זיך מיר, אַז דאָס פּוילישע לשון רעדט מען אין וואַרשע, — אין די יידישע גאַסן פון וואַרשע, — נאָר כדי צו ווייזן, ווי דאָס אייגענע יידישע לשון איז דער פולער יידישער אויסדרוק.

אוודאי בין איך געקומען קיין וואַרשע אָנגעפּילט מיט יידישקייט, אָבער אין וואַרשע האָב איך דאָס יידישקייט ערשט דערשפּירט, דער פולער טעם איז אין מיר געוואָרן ווי אַ מין אויסגערייפטער.

מאי, 1966

טעאַטער־שפּיל מיט פּרץ הירשביין

דער נאָמען יהואש איז מיר אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה געווען נישט מער ווי אַ קלאַנג, וואָס קומט פון אַ ווייט פרעמדער וועלט. מיט האָבן געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַ שרייבער אין אַמעריקע, וואָס הייסט מיט אַן אויסטערלישן נאָמען „יהואש", אָבער די לידער זיינע זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען. דורכגעזיפּט דורכן ליי־דער־זאַמד פון איבער יבשות און אָקעאַנען, האָבן זיך עטלעכע בליש־טשענדיקע זאַמד קערנדלעך, וואָס איינס פון זיי איז געווען „ווי אַזוי לידער ווערן געמאַכט", און מיר, ייִנגלעך אין די קלענערע שטעטלעך, פון דעמאָלטיקן רוסלאַנד האָבן מיט יוגנטלעכער דערוועגטקייט גע־פרעגט: איידער דו דערציילסט אונדז וועגן אופן פון מאַכן לידער, גיב אונדז פריער די לידער...

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך פון יענע יוגנטלעכע, וואָס האָבן אַליין געקרענקט אויף דער לידערדיקער מחלה. מיר האָבן זיך געקוויקט מיט רייזנס פשוטע געזאַנגען, אָבער דעם יוגנטלעכן האָט אין זיי גע־פעלט דער דינער שלייער פון זוניקער פאַרהוילנקייט, וואָס איז דער יוגנט אַזוי נאָנט צום האַרצן. אין ערשטן יאָרצענדליק פון הייַנטיקן יאָרהונדערט האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַ מין טרויעריקן נאָכקלאַנג דוד איינהאָרנס „דער לעצטער בעל־תפלה". מיר האָבן זיך אַרומגע־טראָגן מיט די „וועלטשמערץ"־געזאַנגען פון אַ נאַדסאָן און פרוג, כאָטש פרוג איז געווען אונדז יידיש נענטער, ווי דער פאַעטיש־געשטאַלטיקטער נאַדסאָן.

אין אונדזער געגנט זענען געווען צוויי שרייבער, ליטוואַקעס, וואָס האָבן זיך איינגעהיימישט, כאָטש די פירונגען זייערע זענען אונדז גע־ווען פרעמד. איינער איז געווען פּרץ הירשביין, וואָס האָט אין ערשטן

צענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט אויפגעשטעלט אין אָדעס דאָס טעאַטער זיינס, און אויב אָדעס, האָט עס שוין אַ נאָענטע שייכות אויך מיט בעסאַראַביע, בפרט מיט בעלץ, ווו איך בין געבוירן און געלעבט ביז דער 19־יאָריקער עלטער מיינער. טעאַטער איז געווען ביי אונדז אַזוי ווי צוקער צו טיי — ווער טרינקט טיי אָן צוקער? נאָר אַ „טשודאַק". האָבן ביי אונדז גאַסטראָלירט די גרעסטע שוישפּילערישע פּערזענלעכקייטן פון דער רוסישער בינע. פון יידישע טרופּעס איז אָפּגערעדט. אין די יונגע יאָרן מיינע האָב איך געזען סאַבסאַיס טרופּע, אברהם פישזאָנס, גוזיקאָווס און וועמען נישט? פון די רוסישע אַקטיאָרן האָבן זיך מיר איינגעשניטן אין זכרון אָרליענעוו, דאַווידאָוו און איינער, אַן אַקטיאָר וואָס דעם נאָמען זיינעם קען איך זיך בשום אופן איצט נישט דערמאָנען. איז געווען, אַז הירשביין האָט אויפגעשטעלט אין אָדעס די טרופּע, האָבן מיר — די יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן אונטערגעזינדיקט מיט אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען — זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז נישט אַנדערש, מיר מוזן אַראָפּברענגען הירשביינס טרופּע צו אונדז, קיין בעלץ.

מילא, פון די אַלע דורכשרייבענישן איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, וואָרעם ברענגען אַ גאַנצע טרופּע איז נישט געווען פאַר אונדזערע יונגע כוחות. מיר האָבן אַפילו אָנגעשפּאַרט צום גביר פון שטאָט און צום דאָקטער וועסטערמאַן, וואָס איז דערווייל געוואָרן צו דער ערשטער דומע, נאָר די „שוואַרצע מאה" האָט אים פאַרמסרט און דער צאַרישער רעזשים, וואָס האָט אָט־אָט געדאַרפט אַן אָטעם־טאָן דעם לעצטן אָטעם, האָט נאָך געהאַט כוח גענוג נישט צו דערלאָזן, אַז פון קרושעוואַנס גובערניע זאָלן פאָרן אין דער דומע אַ ייד און דערצו נאָך אַ קאַ־דעט (קאָנסטיטוציאָנעלער דעמאָקראַט). איז דעפּוטאַט אין דער דומע געווען דער דורכגעפאַלענער „שוואַרץ־מאהניק" מאַלאַי, און דאָקטער וועסטערמאַן איז געבליבן אין דער היים, אָבער מיט אַ קרוין פון העלדישקייט אויפן שיין־געשניצטן פאַטריצישן קאָפּ.

יאָ, מיר האָבן אָנגעשפּאַרט צו די פּני, נאָר קיין געלט פאַר אַ גאַנצער טרופּע האָבן מיר אַלץ נישט צונויפגעשלאָגן. דערווייל, איידער מיר האָבן נאָך באַוויזן אַרונטערצושלינגען דעם דורכפאַל אונדזערן,

איז זיך הירשביינס טרופע צעפאַלן און געבליבן איז ביי אונדז צו ברעג־נען הירשביינען אַליין. אַז עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז הירשביין קומט, האָבן מיר צוגעגרייט אַ פּאַראַד פאַר אים, וואָס די שטאָט אונ־דזערע האָט נאָך אַזוינס נישט געזען: אַ שערענגע פּריצישע פאַיעטאָ־נען האָט זיך געצויגן צו דער באַן, וואָס איז ביי אונדז געווען ווייט הינטער דער שטאָט. עס איז טאַקע געווען אַ שאַסיי־שליאַך צו דער באַן סטאַציע, אָבער אַזוי ווי עס איז געווען זומער, האָט פוןביידע זייטן ברוקירטן שליאַך דער סטעפּ געבליט מיט כלערליי תבואות, דער עיקר מיט רויטן ווייץ, מיט ווייסער רעטשקע און בלויער סימיניע. מיר האָבן אַריינגעפירט אין שטאָט אַריין דעם גאַסט אונדזערן און די שלעכט־ברוי־קירטע גאַסן האָבן זיך ממש צעבליט מיטן געזאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור.

איינגעקוואַרטירט האָבן מיר אים ביי גדליה ליפּסאַן, וואָס איז גע־ווען דער איידעם פון דעם גרעסטן גביר אין בעלץ. געזאָגט האָבן מיר איינער דעם אַנדערן: מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען מיט הירש־ביינען. זעט, ווי דין ער איז, ווי די האָר וואַקסן אים רק אַרויף, ווי די אויגן בליצן ביי אים. היינט דער אויסגעצויגענער האַלדז און דער גרוי־סער קנאַפּ וואָס גייט אַרום איבערן האַלדז. וואָס זאָגט איר צום קראַ־וואַט זיינעם? דאַכט זיך, נישט מער ווי אַ בענדל אַזאַ, אַ שוואַרצס, נאָר אויסגעבונדן איז עס אין דער ברייט, און אַז ער רעדט — צעצויגן און מעלאָדיש — גייט דער קנאַפּ אויפן האַלדז און דאָס בענדל, וואָס דאַרף זיין אַ שניפּס, גייט אויך אַרויף און אַראָפּ.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעשפּאַרט אין די „הויכע פענצטער" פון דער שטאָט אונדזערער. און, פאַרשטייט זיך, אַז מיר, דאָס יונגוואַרג, האָבן זיך געפילט גאָר געהויבן. געווען ביי אונדז, צו גאַסט אַ זומער פריער, אַן אַנדערער שרייבער, משה טייטש. איז ער געווען אַ דורכאויס פּראָלעטאַרישער מענטש. אַריינגעזעצט האָבן מיר אים אויף אַ בוידעם אַדן פון דער הייך דאָרטן האָט ער געקוקט אויף אונדז, ווי אויף קליינוואַרג. הירשביין, ווידער, כאָטש ער איז איינגעשטאַנען ביים גביר פון דער שטאָט, האָט זיך נישט געהאַלטן גרויס לגבי אונדז און געווען איז עס אַזוי, אַז מיט

זיך האָט ער אונדז דערהויבן. היינט נאָך, אַז ער האָט מיט אונדז אָנגעהויבן צו רעזשיסירן זיין פּאַלקישע קאָמעדיע „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״, זענען מיר גאָר געוואָרן חשוב ביי זיך.

דאָס טעאַטער ביי אונדז איז געשטאַנען אין אַ גאָרטן. געווען יאָרן, ווען געשפּילט האָט מען זומער אויף אָן אָפענער בינע און אַריינגיין אין גאָרטן האָט געקאָסט אַ שיבוש. נאָר הירשביין איז באַשטאַנען, אַז שפּילן זאָל מען אין פאַרמאַכטן טעאַטער, וואָרעם אַז עס איז אָפן, פאַרלירט דאָס טעאַטער דעם וואָרעמען צונויפבונד צווישן דער בינע און דעם עולם.

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אויך געווען איינער פון די אַקטיאָרן און אויף מיין גורל איז אַלע מאָל אויסגעפאַלן צו שפּילן אָדער אַ באַלעגאָלע, אָדער אַ דאָרפס־ייד, אַן אַרענדאַר. כאָטש געווען בין איך נאָך אַ יונג יינגל, בין איך אַלע מאָל אַרויסגעקומען אויף דער בינע אַ פאַרוואַקסענער, די באָרד איז מיר געקראָכן אין מויל אַריין און די וואָנצעס האָבן זיך רק געריסן אַרויף צום שפּיץ נאָז. אויך אין הירשביינס פּיעסע בין איך געווען אַ דאָרפס־ייד און אויף דער בינע האָב איך געדאַרפט אַרויפקומען אַן אָנגעפעלצטער, זיך רייבן איין האַנט אין דער אַנדערער: אוי־אוי־אוי סע איז קאַלט, מע קען דערפרוירן ווערן...

איז מיר געווען אַ שטיקל פאַרדראָס, וואָס אַן אַנדער בחור האָט געשפּילט דעם יונגן פאַרליבטן, וואָס איבער אים קאָכט דאָס גאַנצע קאָכעניש און ער דרייט זיך אַרום אַזוי לייכט אויף דער בינע, ווי ער וואָלט אונטערגעטאַנצט, און דערצו איז נאָך דאָס מיידל פאַרקאָכט אין אים. מילא, שפּיל איך דעם דאָרפס־ייד, אַבי איך שפּיל, נאָר וויסן האָב איך געוואָלט וויסן: פונוואַנעט האָט הירשביין געוווּסט, אַז מיר דאַרף ער צוטיילן אַזאַ ראָל, פון אַ מגושמדיקן יידן? חושד האָב איך געטאָן חושד זיין, אַז עמיצער פון די „ליוביטעליעס״ האָט אים אונטערגעזאָגט וואָסער ראָל ער זאָל מיר צוטיילן. נאָר צופיל איבערטראַכטן איז קיין צייט נישט געווען: אַט־אַט שפּילט מען און איידער וואָס־ווען דאַרף שוין הירשביין אָוועקפאָרן.

האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז ווי איך בין אַרויפגעקומען אויף דער בינע, אַן אָנגעפעלצטער און ממש אַ דערפרוירענער, האָט אויסגעבראָכן

אַ שטורמישער אַפּלאָדז און געזען האָב איך דורך די אַריבערגעוואַקסענע ברעמען, ווי דער עולם איז ממש באַגייסטערט פאַר מיר. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב באַלד אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ גראָב קול, נאָר אַז עס איז געקומען צו אַביסל קאַכעניש, איז דאָס קול מיינס אַריבער אין אַ קוויטשיקן פאַלצעטאָ. איז עס מיר נישט געפעלן: וואָס קוויטשע איך עפּעס? איך בין דאָך אַ דאָרפס־ייִד, און אַ דאָרפס־ייִד, בין איך געווען זיכער, קוויטשעט נישט, נאָר דאָס קול איז אים תמיד גראָב...

האָבן מיר „אָפּגעהוליעט״ מיט הירשביינען עטלעכע זומערדיקע וואָכן און דערנאָך ערשט זענען מיר געפאָרן מיט אים אין אַ פּאָר אַנדערע שטעט. דער דאָרפס־ייִד בין איך נאָך אַלץ געווען, און ווי מיר דאַכט זיך, האָב איך מיין שוישפּילערישע קאַריערע פאַרענדיקט מיטן פאַרגרעבטן דאָרפס־ייִד.

א י נ ה אַ ל ט

ה.

100 יאָר יידישע ליטעראַטור 7
100 יאָר יידישע פּרעסע אין אַמעריקע 14
יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע 18
50 יאָר יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע 32
די יונגע 40
יאָרצייט נאָך דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור 73
ביי די האַלעוועשקעס פון אַ דור 81

ו.

אַ מענדעלע בוך 84
שלום עליכם און זיין גאַנג צו דער וועלט 94
דער מייסטער פון דער יידישער דערציילונג 98
צווישן צוויי וועלטן 104
זלמן שזרס שטעטל 115
בוך צו שזרס 80־טן געבוירנטאָג 121

יצחק בן צביס „נצחי ישראל"	125
דער נישט אויסגעשעפּטער ברונעם	131
יוסף אַקרוטני: אַ שטיין צוקאַפּנס	135
ביקלס סטיל: קאָמפּליצירטע געדאַנקלעכקייט	140
שלמה ביקלס „שרייבער פון מיין דור"	147
אליעזר בלומס דערציילונגען	155
יעקב גלאַטשטיינס נייע בוך עסייען	163
חיים גראַדעס „די עגונה"	169
אַ דראַמאַטישער דערציילער	175
חיים גרינבערגס צענטער יאָרצייט	182
האָפּערס ווייסע פּאַרפּאַלנקייט	186
ברוך האַגערס נייער חסידישער דערצייל־נוסח	190
פייוול זיגעלבוים „די אוהאמאס"	194
דאָס שטעטל איז דער העלד	198
מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד	204
די סודות פון אונדזער אלף־בית	213
אַ בוך פון ד"ר ש. מאַרגאָשעס	220
דב סדן — אָפּהיטער און שעפער	224
שמואל ניגער — 60 יאָר ליטעראַטור קריטיק	228
אָרעמקייט און רייכקייט אונדזערע	233
„דער אייביקער ייד"	238
משה גראָס־צימערמאַנס „אַ ייד צווישן יידן"	243
משה גראָס־צימערמאַן דער פינף און זיבעציקער	249
אַ ניי בוך ליטעראַטור־עסייען	253
וואַרשעווער הינטערגעסלעך	259
„דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן" פון מלך ראַוויטש	265
מנוחה ראַמס נאָוועלע וועגן סיביר	272
רייכע אָרימקייט	277
דער שרייבער פון מצוות און מעשים טובים	280
צווישן דעם רהיין און דעם באָספּאָר	283

ז.

יאַנקל עליע פּעסעס 291
דער ברודער משה 303
געווען אַמאָל און מער נישטאָ 315
דעם פּעטער אהרן בערס לעצטע הקפות 346
אַ האַלבער יאָרהונדערט מיט אַ שמיצל 351
טעאַטער־שפּיל מיט פּרץ הירשביין 356